STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01457

EVGENYE

George F. Born

Permanent preservation of this book was made possible by Ralph Schacter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עוגעניע

אדער

דיא געהיימניסע פון דעם פראנצויזישען הויף

דיזע ערציילונג איז געווארין פערפאסט פון איינם דייטשין פערפאסער (נ״ס ליוואוו) אים יאהרע 1870, אונ אין דיזער קורצער צייט איז זיא שוין איבער געזעצט געווארין אין אלע אייראפייעשע שפראכין, יעצט האבין מיר איר איבערזעצט אין יודיש דייטש (זארגאן) אויס רוסיש: מיר האבין איר צוואר פערקירצט, אבער אויך נוט געווירצט, דאס אונזערע אידישע לעזערינען וועלין ניט שפירען אין איר דאס מינדעסטע לאנגווייליע וואס דיזער פאל איז אים ארגינאל; דיא געשיכטע איז זייער אינטערעסאנט, אונ דיא לעזער וועלין העכסט פערגניגען האבין אונ זיך נוט אמאזירען איר לעזענדיג.

נעתק ע״י א. מ. דיק

דריטע טהייל

LIBRARY OF THE

פיערטע אויסגאבע

ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת תר״נ לפ״ק

ЕВГЕНІЯ,

или Тайны Французскаго двора.

Романъ Ф. Борна.

Переводъ А. М. Дика. Съ русскаго.

Съ Виленскаго изданія 1884 г.
Томъ II.
1889.

Дозволено цензурою. — 24 Марта 1889 г. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
C. R. S.

1.

דיא ערסטע פרויא וואס וואר אן גיטראפין ביא דעם פאלייא ראאל.

אין דעם מאנהייט יאנואר פון דעם יאר 1853 וואר אן גימעלדעט אין דער לאנדאנער צייטונג וואס הייסט מאניטער דיא פערמעהלונג (פעראייניגונג) נאפאליאנס מיט דער עווגעניע מיט דיזעם נוסח, אונ באלד נאך דיזער מעלדונג, איז פאר גיקומען איין נייער פאליטיצנער אקט דאס פראנקרייך איז אום גיוואנדעלט גיווארין פון איינער רעפובליק אויף איין קייזערטהום (גאסודארסטווא), אונ דאס דיא פעראייניגונג (שידוך) פון דעם קייזער נאפאליאן מיט דער עווגעניע מאנטיכע, דיזער אויסוואהל (אויס קלייבונג) וואס איז גישעהען פון דעם נאפאליאן פאר דיא אויגין פון גאנץ פראנקרייך אונ גאנץ אייראפא איז פון גרויסער וויכטיקייט אין דער פאליטיק, עס איז דער פון צו זעהען אזו וויא פון נאך אנדערע וויכטיגע אקטין וויא גרויס עס איז דער פערשטאנד פון דיזעם נאפאליאן וואס ער איז דער רעטירער (שפאסיטעל) פון גאנץ פראנקרייך, דען מיט זיינעם אויף הייבין אויף דעם טראהן איינע יונגע פערזוין וואס איז גראדע ניט פון איינעם קייזערליבין אדער קיניגליכען הויז נור פון איינער אלטין אונ פארנעהמען פאמיליע, האט ער גיצייגט דער וועלט איין שיינעם ביא שפיל (פרימער) דאס ער איז פרייא אין אלע זיינע האנדלונגען (דייסטוועס), ער האט זיך ניט גילאזט בלענדין דורך דעם ליידיגען גלאנץ פון איינער מאנארכעשין טאכטער, דען עס איז אים גינוג זיין אייגענער גלאנץ, ער נעמט נור אזו איינע וואס איז אין שטאנד צו בעזיצען דיא ליבע פון דער גרויסע פראנצויזישע נאציאן, אונ דאס איז דיא גרעפין טעבא. וואס וואקסט ארויס פון איינער אלטין שפאנישע פאמיליע, וועגין אירע גרויסע שוינהייט, אירע הויכע ערציהונג, איז זיא ווערט אן גירופין צו ווערין איינע עכטע פראנצויזין, איר גרויסער פאר שטאנד אונ איר איידעלער כאראקטער איז העכסט ווירדיג צו צירין דעם פראנצויזישען טראהן, זיא איז איינע וואהרע קאפיע פון דער זאפיע נאפאליאן דעם ערסטינס וייב וואס וואר גאנץ פאר געטערט פון גאנץ פראנקרייך, אונ דיא פראנצויזישע נאציאן איז ווידער גיהאלפין:

באלד נאך דיזער מעלדונג איז גיפייערט גיווארין דיא האכצייט מיט אזו אפראכט וואס פראנקרייך האט עס נאך ביז אהער ניט גיזעהען, מעהר אלס דרייא טויזינד זייגען דורך איין גינאדען מאניפעסט בעפרייט גיווארין פון יענע פערציג טויזינד וואס זיינען אריין גיזעצט גיווארין אין דעם מאנהייט וואס עס איז אין אים גישעהען דער בלוטיגע שטאטשטרייך (פאליטיצנע שטוקע), ער האט דיא

איבעריגע

איבעריגע ניט ענטלאסין ווייל ער האט גיפירכטעט דאס זייא זאלין ניט אויף רייצין דאס פאלק געגין אים :

עס וואר אין פאריז פריידין איבער פריידין, בעלע איבער בעלע, גאנץ פאריז וואר פילע נעכט העכסט בעלוכטין, אלע טורעמס אילומענירט מיט בורלאנטענע אילומענאציאן, אונ די פאריזער איינוואונער וואס האבין נאך געבלוטעט פון יענער שרעקליכע נאכט, אונ וואס זייערע פארנעהמסטע בירגער האבין נאך נישמאכטעט אין קאזעמאטין, ווארין וויא קינדער גיפלעגעט פון דיזע קינדערשע שפיל זאכין אונ ווארין אלזו פרייער דינגע (העכסט לוסטיג), אונ ניט נור דער פעביל (צארנער נאראד), ניין זעלבסט זייערע גילערטע, די אוטאצען (פערפאסער) זייא האבין שטומפף (טעמפע) גימאכט זייערע פעדערין שרייבענדיג קארמינען (קארמעלעס), אטייל פון זייא האבין זיך באמיהעט אויף צו ווייזין אין זייערע שריפטען דאס די עווגעניע וואקסט ארויס גאר פון דעם צעזער רוימישען קייזער, אזו פלאטערהאפט איז די פראנצויזישע נאציאן :

אונטער די געסטע וואס ווארין גילאדין צוא דער קייזערליכע האכצייט ווארין אויך אונזערע צוויא אלטע גוטע פריינדע, אלימפיא אונ דער מארקיז מאנטאלאן, זייא ווארין גילאדין צו דער טרויאונג (חופה), אונ אויך צום טיש, דאך ווארין זייא נור ביא דער טרויאונג אליין, אבער ניט ביא דעם מאלצייט, אונ יעדער פון זייא ביידין אוים איינער בעזונדערע אורזאך, אלימפיא ווייל ער האט בעמערקט דאס די עווגעניע וואס האט זיך ביא דער טרויאונג קוים גקענט פאסין (בלייבין ביא דעם פערשטאנד) אוים גרויסער פריידע, אונ וואר דאן שיין אונ בליהענד עפעס וויא איין וועזען (בעשעפיניש) פון בעסערע וועלטין אלס אונזערע איז, האט זיך ענטפערבט (בלייך גיווארין) אלס זיא האט אים דער זעהען, דען אלטע ליבע ראסטעט ניכט, אונ איר גיזיכט האט אים גוט שוין ערקלערט וואס עס ערגייט איצונד אין איהרעם הערצין, זיא האט זיין בליק ניט איינע מינוטע גיקענט אוים האלטין, אונ האט אירע אויגין אפ גיוועגדעט פון אים וויא פון איינער פערזוין וואס זיא וויל זיך שוין אן איר פאר געסין, אלזו האט זיך אים שוין ניט גיוואלט צוא זיין איין לעסטיגער גאסט דארט ביא דעם טיש אונ איז אוועק אהיים, אונ וואס דעם מארקיז מאנטאלאן האט אנבעטראפין (נוגע גיוועזן) וואר דאס ער האט גיהאט איינע בייזע בעגעגינעס לעבין דעם פאלייא ראאל (קעניגליכען פאלייא), פארענדיג צוריק פון דער קירכע וואס דארט וואר די קייזערליכע טרויאונג, איינע בעגעגינעס וואס האט אים גיגעבין צו פיל צו שאפין (ארבייט) דאס ער איז לויז גיווארין דער פון ביז גאנץ שפעט אין דער נאכט, דאס עס איז אים שוין פאר גאנגען די לוסט צו זיין אויף דעם באל, אונ איז אלזו דאן גיקומען אהיים העכסט פערשטימט (פר קימערט), אונ וואס פר איינע בייזע בעגעגעניס דאס וואר וועלן מיר אים באלד זעלבסט הערין ערציילענדיג זיינעם פריינד אלימפיא וואס האט אים גיפרעגט ווארום איז ער אזו פערשטימט (פאר קימערט), אונ ווארום איז ער ניט גיפארין צו דעם באל :

עס

״עס איז מיר שוין צו שווער צו פרעסין ווייטער אויף מיינעם הערצין״ האט זיך דער מארקיז אפּ גירופין צוא דעם אלימפּיא וואס האט אים גימאכט דיא פאריגע פראגין, אונ עס איז איין גרויסע אובירעכט וואס איך האב עס גימאכט איינע גיהיימנים פאר דיר ביז אהער, נון איז איצונד שוין דיא העכסטע צייט צו ענטדעקין פאר דיר איינעם וויכטיגען, אונ פילייכט דעם וויכטיגסטען אקט פון מיינעם לעבין וואס פלעגט מיר מאנבע טריבע שטונדע פעראורזאכין אין מיינע בעסטע פריידין טאגע, האב נור גידולד אוים צו הערין מיך, אונ טרייסטע מיך ווען דוא קענסט:

״געוויס וועל איך ביידעס גערין טאן, איך וועל עס גערין הערין, אונ אויך דיך טרייסטין ווען איך עס נור קאן״ האט אים דער אלימפּיא אפּ גיענטפערט, אונ האט פאר רייכערט איינע ציגארע, אונ איז גיבליבין זיצין גאנין אהר (אויפמערקזאם), אונ דער מארקיז האט אן גיהייבין אזו ״אלס איך וואר נאך אלט זיבענצעהן יאר האט גיוואונט אנטקעגין מיינעם פאטער אין איין קליין הייזכען איין גיוויסער אסטאווינער אפיציר וואס האט גיהייסין״ מאנסיערדע אריזאן, אונ וואס האט גילעבט נור פון איינער קליינער פעסיאן, זיינע פרויא וואר שוין לאנג גישטארבין, אונ האט גיהאט נור איין טאכטעריל פון איאר צוועלף וואס האט גיהייסין אדעל, זיא וואר זייער היפש אנציהענד (אן גיצויגין מענטשין צו זיך), אונ עס וואר איינע פריידע צו זעהען וויא זיא ענטוויקעלט זיך (ווערט מער מענטש) פון טאג צו טאג, אונ איך האב דאס אומגליק גיהאט צו פאר ליבען זיך אין איר פון דעם ערסטין אנבליק אן, אונ אזו אויך (האט עס מיר אם וויינגסטען גישיינט) האט זיא מיך אויך געליבט, אונ איך וואר איר אונ איר פאטער אזו גוט דאס איך פלעג זייא ביידין שטיצען מיט וואס נור מעגליך איז, אמאל מיט דעם געלדע וואס איך האב אפּ גישפּארט פון מיינעם טאשין געלט, אמאל מיט קליינע גישיינקע אונ דאס גלייכין, איר פאטער וואס וואר העכסט ארעם האט גערין צו גיזעהען אונ געליטין אונזערע נייגונג (ליבע) וואס מיר האבין איינער צו דעם אנדערין, אונ האט אין הערצין גיוואונצין דאס מיט דער צייט זאל זיך אונזערע קינדערשע פריינדשאפט ענדרין מיט איינער הייראטה, מיין פאטער האט מיך אין דעם אויך ניט גישטערט אונ האט עס זיך גאנץ גלייך גילטיג אן גיקוקט, (דיא מוטער מיינע וואר שוין לאנג טויט), דער ווילע איז זיך איבער גילאפין איין יאר נאך דעם אנדערין, מיר האבין אונז אונטער גיוואקסין, מיר זיינען רייף גיווארין (צייטיג אום זיך צו פערמעלען (אום צו הייראטין), אונ אזו האט זיך געצייטיגט אונזערע ליבע אויך פר איינאנדר, איך האב אן איר ניט גקענט איין טאג לעבין, אונ אזו (האט עס גישיינט) דאס זיא האט ניט גיקענט אן מיר אטאג אוים קומען, אונ דער טויט פון איר פאטער האט בעפעדערט (גישווינטער גימאכט) אונזער פאר איינינן זיך, דען אלס ער איז גיווארין שטערבליך קראנק אונ מיין פאטער איז אים גיקומן בעזוכין, האט ער מיינעם פאטער גיבעטין דאס ער זאל זיך ערבארעמען איבער זיין איינציגעם קינד וואס זיא בלייבט איינע עלענדע יתומה, אונ זאל מיך ניט

שטערין

שטערין אין מיינער ליבע צו איר, אונ זאל איר אויף נעהמען שוין צו זיך אין שטוב אלם איינע צו קינפטיגע (שפעטיגערע) שוויגער טאכטער (שנור). מיין פאטער וואס וואר העכסט גערירט פון דיזער ביטע פון איינעם שטארבענדן פאטר פאר זיין איינציגעם עלענדעם קינד. וואס האט זיך גימאכט העכסט בעליבט ביא אים אויך האט עס אים פאר שפראכין, אונ דער אלטער האט נאך עס ערלעבט צו זעהען מיט זיינע אויגין, דען דיא הייראטה איז גישעהען צו אונזערער ביידין פריידין, אין עטליכע טעג ארום נאך זיין פאר שפרעכין, אונ נאך אין דיא פליטער וואך (גילדערנע וואך) האט מיינע גיליבטע אדעליע אן גיצויגין טרויער קליידער, דען איר פאטער איז גישטארבין :

מיר האבין דעם גוטין אלטין בעצאלט זיין שולד, מיר האבין אים גיהעריג בעווינט, בעטרויערט. אונ באלד דארויף אונז צוריק גיקערט צו דעם לוסטיגין לעבין, מיר האבין ביידע גישוואומען אין גליקזעליקייטין, דער הימעל וואר איבער אונז בעהאנגען מיט גייגען (מיט פידלען), דיא גאנצע וועלט וואר אונז איין טאנץ זאל, אונ אלע אנדערע מענטשין (האט זיך אונז גידאכט) זיינען גישאפין נור אום צו זעהען אונ צו פרייען אונזערעם זיסעם אונ ליבליכעם לעבין אונ אפלודירען (פאצין בראווע). אונ מיר האבין אלזו מיט אונזערער זעליגקייט גימאכט זעליג אויך מיינעם פאטער, דען עס האט אים גיפרייט צוא זעהען אונז גליקליך :

דיזעס גליק אבער וואר ניט פון לאנגען דויער, עס האט איבער גילעבט קוים דריא יאר, אין דעם פירטען יאר איז גיקומען איין גרויסער מאן, איין שיינער גייסט (דאס הייסט איין העכסט גיבילדעטער), דיזער גרויסער מאן האט גיטאן איינע טהאט וואס נאך דער קלענסטער מענטש פון אונזערע צייטין האט עס ניט גיטאן, האט איין גירוסין (איין גיווארפין) מיין קארטענהויז*) וואס האט מיר גישיינט פעסט וויא איין מויער פון קוואדערען צו זיין, אונ דיזער מאן וואר קיין אנדערער אלס מיינער איין איינענער ברודער וואס וואר אינגער מיט צוויא יאר פאר מיר, אונ האט גיהייסין וויקטאר, שיין וויא איין יאזעף אונ העכסט גיבילדעט, ער איז גיקומען פון דעם איניווערזיטעט אין דעם דריטין יאר פון מיינער האכצייט, ער האט גיזעהען מיינע פרויא, אונ זיא איז אים העכסט געפעלען, אונ האט איר פאר פירט, אונ איך אונ מיין פאטער האבין גיהאט דאס אונגליק צו גיפינען זיא ביידין אין אונזער עהע בעט (ברייטע בעט), דיא פאלגען דער פון וואריץ (דאס הייסט דיא ענדע) דאס מיין פאטער האט דער פון דיא שלאק בעקומען, אונ האט עס אלזו ניט איבער לעבט, מיין ברודער איז גיווארין פערריקט, אונ האט אויך ניט לאנג גילעבט נאך דיזער גישיכטע, אונ דיא אדעל דיא מיר אזו טייערע אדעל, האב איך פערוויזען (ארוים גיטריבין) פון

דאס

*) קארטען הויז ווערט אן גירופין דיא קורצע מענשליכע פריידין וואס זיינען גע פאמטעיאנא וויא אשטעבעלע וואס קינדער מאכין פון קארטין :

דאס הויז, עס וואר אומזאנסט איר וויינען, איר בעטין זיך ביא מיר, איר פאר ענטפערין זיך, דאס ער האט איר בערעדעט, בעצויבערט, איך האב איר פערוויזען מיין הויז, אונ זיא איז געווארין אלזו איינע פובליצנע פריידין פרויא, איך האב עס גיטאן צוואר גאנץ גירעכטליך דאך אבער ניט הומאנים (לייטעס) דען לויט בראווער מאן האב איך ניט גידארפט אזו וייט עלענד מאכין איר, זיא האט גידארפט גישטיצט ווערין פון מיר, זיא וואר דאך נור איינע שוואכע פרויען צימער וואס לאזט זיך זייער לייכט בערידין פון איינעם ווייבין שמייכלערם מונד, אונ דאס פלאגט מיר מיין גיוויסען זייער אפט נאך ביז איצונד:

איך בין באלד נאך דיזער גישיכטע שיר אויסין זינען גיווארין, איך בין אריין אין קריגעס דינסט, איך האב גיזוכט דעם טויט אין דיא בלוטיגסטע שטרייטין, מיין שיקזאל אבר וויל דס איך זאל נאך לעבן, אוים הוילער גיוויסענס ביסע (גריזענע סאוועסט) האב איך מיך אן גינומען דיין קירץ (קריוודע), דאס הייסט אויף צו זוכין דיינע דאלארעס וואס זיא איז גראדע דער הפך פון דער אדעל, אונ בין דעסהאלב (צו ליב דעם) גיקומען מיט דיר אהער קיין פאריז, אונ עס איז מיר קיין מאל ארויף אויף דעם גידאנקען צו בעגעגענען דא דיא גיוועזענע מארקיזין דע מאנטאלא (דאס הייסט דיא אדעל), אונ האב אלזו גאט גיבעטין דארום דאס איך זאל שוין מעהר פון איר ניט הערין אונ ניט זעהען, גאט אבער האט אנדערס גערייכטעט, ער האט גיוואלט דאס איך זאל איר זעהען אין אירע גרויסע נויטין, אין איר גרעסטין עלענד, איך האב איר איין מאל דער זעהען צווישין דעם ארעמען פרויען פאק וואס זיצין דארט ניט וייט פון דעם פאלייא ראיאל, זיא האט מיך דער קענט אונ האט זיך אלס זיא האט שוין אוים גישטרעקט דיא האנט צו בעטין וואס ביא מיר באלד פאר שטעקט אונטער דיא איבעריגע ארעמע פרויען, עס האט מיין הערץ דער ביא ניט ווייניג גיליטען, אונ האב אויף מארגין אוים גיזוכט דארט דיא אלע ארומיגע נאסין, איך האב איר אבער שוין ניט גיפונען, אונ עס האט מיר זייער לייד גיטאן, נור אבער אין עטליכע וואכין ארום אלס איך האב שפאצירט ארום דעם פאלייא ראיאל איז צו גיגאנגען צו מיר איינע ארעמע פרויא וואס האט זיך גינאנט מיט דעם נאמען „מאריאן היידעמאן“, אונ האט זיך מיר אן גיגעבין דאס זיא איז איינע פריינדין פון דער אדעל „ליבער הער“ האט זיא צו מיר גיזאגט „זייט אזו גוט קומט מיט מיר, איך בין איינע ארום גיטריבענע טאכטער פון איינעם גוטין פאטער, וואס איז דער פאריזער הייקער (תליון), קומט מיט מיר צו איינער אונגליקליכע וואס איז זייט אמאל גישטאנען אין איינער גרויסין פאר בינדונג מיט איר, איך מיין עס צוא איינער מארקיזין, זיא איז וואהנזיניג (משוגע) גיווארין זינט זיא האט אייך פאר עטליכע וואכין דער זעהען, זיא האט דיזע בעגעגינעם ניט גיקענט אוים האלטין, אונ איז פון גרוים קלעמונג גיווארין גאנץ פערריקט, אלזו מיין ליבער הער, איר האט נאך צייט צו טאן וואס גוטעס פאר אזו איינע וואס איז גיווארין דורך אייערע ליבע העכסט אונגליקליך“:

„א גרויסער גאט“! האב איך ביי מיר גיטראכט „מיט גלייכע רעכטע ריכטעסט דוא דיינע שולדנער, מיין ברודער און זיא זיינען ביידע איריזיניג גיוואָרין, ווייל זייא וואָרין ביידע גלייכע זינדער“:

איך בין מיט דיזער אָרעמער פרויא גיגאנגען אגאנצע שטרעקע אום צוא קומען אין דעם אָרט וואו זיא גיפינט זיך, גייענדיג האָט זיא מיר נאך וואס מעהרערעס דער ציילט פון דער אדעל, מיין הערץ האָט זיך מיט בלוט איבער גיגאָסין אלס איך האָב דער הערט אירע טרויעריגע לאגע, איך האב איר דער וויסט ליגענדיג אין איינעם אלטין שעבייא אויף שטרויא שמוציג און קויטיג, אירע אויגין וואָרין שטאר, עס וואר שוין מעהר קיין שפור (סלאד) פון אירער פאריגין שוינהייט אין איר, זיא האט מיך ניט דער קענט דען זיא וואר גאנץ פון זינען, דיא אָרעמע מאריאן הידעמאן האט איר צו גישריען „זעהעט ווער עס איז דא, ווער עס שטייט לעבין אייך, אייער גיליבטער מארקיז וואס איר שפרעכט און טריימט אימער פון אים, ער איז גיקומען אייך בעזוכין, עס וואר אָבער נור פאר לארענע מיהע, עס וואר גישריען וויא איין אדלער אין דער וויסטעניא דען עס האט דעם מינדעסטין איינדרוק ניט גימאכט אויף איר:

זיא איז גילעגין און האט דאלירט (גיברעדזעט), איך זעלבסט האב איר פריינדליך צו גישפראכין, האב איר דיא האנד גיריכט, זיא האט מיך שטאר (ביסטרע) אן גיקוקט אָבער ניט דער קענט, און האט ווייטער גיפלוידערט פין וועג, עס האט מיך מיין הערץ גיפלאגט עס וואר שוין אבער צו שפעט, אום אלעס גוט צו מאכין וואס איך האב מיך גענין איר פערגאנגען, און האב מיך דארט בעשלאסין צו לייסטען (טאן) איר דיא לעצטע הילפע, און דאס איז אריין צו בריינגען איר אין איינעם אירען הויז:

איך האב גילאזט בריינגען איינע קארעטע, דער קוטשער און דיא אָרעמע מאריאן האבין איר אריין גיהייבין אין פאיאזד, און איך און דיא מאריאן האבין אונז אויך אריין גיזעצט און האב גיהייסין דעם קוטשער פארין אויף דער שטראזע פון ארלעאנס, און אלס מיר זיינען גיקומען לעבין דעם אירען הויז (משוגעים הויף) וואס דארט איז, האב איך גיהייסין דיא קארעטע זיך אפ שטעלין לעבין טויער, און איך אליין בין ארוים, פון איר האב אן גיצויגין פאר דעם גלאקין שנור, מען האט מיר באלד גיעפינט דיא פארטעצקע, איך בין אריין האב מיך דארט נאך גיפרעגט וואו עס וואוינט דארט דער דאקטאר לואזאן, מען האט מיר גיוויזען, איך בין אריין אין זיין קוואַרטיר האב אים גיפונען צו הויז, און האב אן אים אן גימערקט ביי מיינעם ערסטין קליינעם גישפרעך, דאס ער איז אמענטש אן אגיוויסין וואס איז פערטיג צו טאן פאר געלט אלעס אין דער וועלט, און האב אלזו גראדע דיזע פערדארבינהייט זיינע אן גינומען פאר אמעלה צוא מיינעם פארהאבין (ענין), דען איך וואר אין דער מיינונג דאס פאר אגוטע בעלוינונג וועט ער איר פערגיוויס זייער גוט צו זעהען, און דאס האט ער מיר אויך זייער הויך און טייער פאר שפראכין, און האב אלזו דיא אדעל איבער גילאזין ביי

אים

אים, אונ דיא ארעמע מאריאן חיידעמאן האט זיך אפ גישטעלט ביא איר אום צו בעדינען איר, דען זיא איז איר זייער גוט, איך האב איר דארום גיבעטין, אונ זיא האט עס גערין אן גינומען, פאר גיוויס מעהר אוים פריינדשאפט אלס אום דיא לוינונג וואס איך גיב איר דער פאר, אונ היינט פארענדיג פון דער טרויאונג האב איך גיהאט דאס אונגליק צו דער זעהען דיא מאריאן חיידעמאן וואס האט מיך דער זעהען נאך פריער אלס איך איר, אונ האט זיך אפ גישטעלט אום צו שפרעכין מיט מיר, אונ האט מיר מיט גיטיילט העכסט טרויעריגע נאכריכטען איבער דעם צו שטאנד פון דער אדעל.

„נוא מיין בעסטער פריינד„! האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „ווען דיר קריינקט אזו וייט אום דיינער געוועזענע אדעל וואס זיא ואר דיר אונטריי, אונ האט זיך אליין אונגליקליך גימאכט, נוא וויא וייט פלאגט שוין מיר מיין גיוויסין אלס איך דער מאן מיר אן מיינע דאלארעס וואס זיא איז ריין וויא איין איינגעל, אונ וואס איך האב מיך זייער שווער פערזינדיגט קעגין איר, אונ בעטראכטע אלזו וויא גאט וייס יעדערן מיט וואס צו שטראפן, דיך האט ער גילאזט באגעגענען דיא אדעל וואס דוא האסט גיוואונצען צו פערגעסין זיך אן איר אויף אימער אונ אייביג, אונ מיך לאזט ער זובען שוין יארין לאנג מיינע מיר נאך טייערע דאלארעס, אלזו פערריקט איז יענער וואס לייקינט אן דיא געטליכע שטראף געריכט, עס וואלטעט אונ ריכטעט איין גאט אין הימעל, אונ וויהע דעם וואס אים ניט פירכטעט:

קוים האט ער עס אוים גישפראכין, איז אריין גילאפין אין שטוב דער קנאבע (איינגעל) דזאן אונ האט אן גיזאגט דעם מארקיז דאס אויף דעם הויף שטייט איין געוויסער העער וואס נעענט זיך דאקטאר לוזאן, אונ האט זיך גיבעטין דאס איך זאל אייך זאגין דאס ער האט וואס נייטיגעס מיט אייך צו שפרעכין, „זאג אים„ האט זיך דער מארקיז אפ גירופין צו אים „דאס ער זאל אריין קומען צו מיר„:

דער דאקטער איז אריין אונ אלימפיא האט אפ גיטראטין פון צימער אום צוא לאזין זייא אליין, שפעטער וועלין מיר ויסען וואס דיזע ביידע העריען האבין צווישין זיך גישפראכין, איצונד אבער בעאילין מיר אונז צוא דעם קייזערליכין הויף:

2.

„דער דאן אלצאנא„

איזאבעלא קיניגין פון שפאניע ואר העכסט צופרידין וואס דיא עווגעניע וואס ואר אמאל איר הויף דאמע איז גיווארין קייזערין פון פראנקרייך ערסטינס וויל זיא איז איהרע אינטימע (טרייע) פריינדין, אונ צווייטינס קען עס איר מיט דער צייט פון גרוים נוצין זיין, פראנקרייך אונ שפאניען זייגען דאך צווייא בענאכבערטע לענדער, אונ ברויכין אלזו זייער אפט הילפע פון איינאנדער, אונ

דאהער אום צו צייגין וויא ווייט זיא (דיא איזאבעלא) איז צופרידין דאס עווגעניע איז גיווארן קייזערין פון פראנקרייך, האט זיא גישיקט איינעם אויסער ארענטליכן (אמבאסאדור?) (אמאבעגעם) גיזאנדעטין איהרען דעם דאן אלצאנגען אום צו גראטעלירין איר אין איהרען נאמען, אין עטליכע טעג ארום נאך זיינעם קומען קיין פאריז האט ער בעקומען איין אודיענץ*) בייא דעם נאפאליאן, דיזער נאפאליאן וואס האט זיך גיצייגט אין דער גאנצער צייט פון זיינער האכצייט מיט דער עווגעניע גאנץ פריילך אונ לוסטיג פאר דעם פובליקום (נאראד), וואר העכסט פאר קימערט אלס ער וואר אליין מיט זיינעם סעקרעטער מאקארד אין זיין גאבינעט, דען עס פלעגט אים דאן פארשוועבין פאר זיינע אויגין דיא בלוטיגע גישטאלטין פון יענע וואס זיינען דורך אים אומגיקומען אין יענער שרעקליכע נאכט, אונ פון דיא וואס שמאכטען אין דיא קאזעמאטען, זעלבסט זייענד אליין מיט דער עווגעניע וואס האט אים פון טאג צו טאג מעהר בעצויבערט מיט איהרער שוינהייט, האט ער אויך קיינע רוהע גיהאט פון דיזע שרעקליכע ערשיינונגען, אונ פלעגט זיך נור צווינגען צו צייגין איר איין פריילכעם גיזיכט, אונ אזו אויך וואר דיא עווגעניע ניט ווייניגער פאר אים נעפלאגט פון איר גיוויסען, אונ האט נור גישיינט פריילך צו זיין :

אלזו איז דער פון צו לערנען דאס קיין רייכטהום אונ קיין אוים ווייניגער גלאנץ קען דעם מענטשין געבין איין וואהרעס גליק ווען ער איז נור מיט זיינעם נעווירין צערפאלען (אונאייניג), אונ דיא ווייטערדיגע קאפיטלעך ווען מיר ענטערעטזעלען (ערקלערין) דיזען רעטזעל (רעטענעם), מיר וועלין דארט אויף הייבין דעם שלייער פון זייער הערצין אונ וועלין זעהען וואס עס טוט זיך דארט אין דיא גיהיימסטע ווינקעליך, אונ מיר וועלן אונז מיט שוידערן צוריק זיך ציהען :

דער אודיענץ פון דעם אלצאנגע וואר ניט וויא אלע אנדערע אודיענצין אין דעם בייא זיין פון דיא מיניסטארין ווייל ער וואר מער פאר פריוואט אן גינומען אלס פאליטעס, אונ דאהער וואר ניט איינער פון דיא מיניסטארין אונ קאמער הערען אלס דער אלצאנגע איז אן גינומען גיווארין פון דעם נאפאליאן, ער האט אים אויף גינומען העכסט פריינדליך, האט אים גיבעטן זיצין, האט אוים גיהערט זיין גראטעלעציאן (מזל טוב) בייא דער עווגעניען וואר ער שוין פריהער, אונ נאכהער האט ער זיך אריין גילאזין מיט אים אין איין גישפרעך איבער דעם אינפאנט (פרינץ) פון בארצעלאנע (וואס דאס איז דער שווארצער שטערין) :

„פאר גיוויס מוזט איר דאך אלס איין גיבארענער שפאניער זיין" האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין צוא אים „דעם אינפאנטען פון בארצעלאנע זייער גוט קענען" ? „איך וויים גאנץ ווייניג פון אים" האט אים דער אלצאנגע גיענטפערט „אונ דאס איז מיר העכסט וואונדערליך דאס איר זאלט ניט וויסען"

האט

---

*) איין אודיענץ ווערט אן גירופין דאס אויס הערין וואס איין קיניג הערט אוים איינעם גיזאנדעטין פון איינער אנדערע לאנד :

האט זיך אפ גירופין דער נאפאליאן „וויא מען זאגט האט דיזער אינפאנט גיפירט אימער איין וואנדערענדעס לעבין נון איז ער איצונד גישטארבין דא אין פאריז „אזו גאר“ ? האט זיך דער אלצאנגע אפ גירופין „אין פאריז גישטארבין , אונ אונזער פאסאלסטווע וויים גאר גיט דר פון“, „וייל איך האב ניט גיוואלט דיזע זאך באקאנט מאכין“ האט זיך נאפאליאן אפגירופין, ביז איר וועט מיר ניט איין עטוואס ערקלערן דיזען דונקעלען ענין , דיזער גישטארבענער האט דא איבער גילאזין אוייב אונ אטאכטער וואס האבין גיוואלט פערהיימליכען זיין טויט , אונ מען וואר גינייטיגט אפ צו נעהמען דעם טויטין פון זייא מיט גוואלד אונ אוועק צו לייגין אין דעם מארג (אזו אזאל וואס מען לייגט אוועק אלע אונגעוויסע טויטע קערפער ביז מען דער גייט ווער זייא זייגען גיוועז) ביז מיין וויטערדיגין בעפעהל , עס איז אויף דעם שטערין פון דיזען אלטין טויטין איין שווארצער פלעק וויא איין שטערין וואס עס איז איבער גיגאנגען פון אים אויך אויף דער טאכטער וואס זיא איז איין העכסט שיינעס מיידכען“. „ווען אזו“ האט זיך אפ גירופין דער אלצאנגע „בעט איך אייך אין דעם נאמען פון דער קיניגין איזאבעלע דאס דיזער טויטער קערפער אויך זיינע פרויא אונ דיא טאכטער זאלין אפ גיפירט ווערין אין דעם האטעל פון דער שפאנישע פאסאלסטווא , אונ איך בין אין דר מיינונג דאס איר וועט צייגין איינע גרויסע גיפעליגקייט דעם מאדרידער הויף ווען איר וועט בעפעהלין באלד אפ צו פירין דיזען טויטין קערפער אינם גיהיים קיין מאדריד אין איינעם צינערנעם זארג (טרונע)“. „דאס אפ פירין דעם טויטין קערפער פון דעם מארג אין דער פאסאלסטווא מוז גישעהען גאנץ אינם גיהיים“ האט אפ גיענטפערט נאפאליאן „זאנסט וועט נירעט ווערין אונטער דעם פובליקום (נאראד) זייער פיל פון דעם מארג אונ פון דעם ראקעט (גיפיינגנים) וואס איך וויל גראדע דאס ער זאל אן דעם גאנץ פאר געסין , אלזו קען דאס גישעהען גאנץ שפעט אין דער נאכט אין שטילען , אונ אזו וויל איך ברייננען גאנץ אינם גיהיים זיינע פרויא אונ זיינע טאכטער אהער אין דווארעץ אויף איניגע שטונדען , דיא קייזערין וויל זייא ביידין זעהען“ , אונ וואס עס איז נוגע צו דעם איבער פירין דעם טויטין קערפער קיין מאדריד דאס גיב איך איבר אויף אייערע אייגענע הענט „ווען אזו“ האט זיך אפ גירופין דער אלצאנגע „דאנקע איך אייך אין דעם נאמען פון מיינער קיניגין“. „איך גלויבע האט זיך אפ גירופין נאפאליאן“ דאס אונגיזאמט וועט האבין אייערע קיניגין איין גילעגינהייט מיט וואס אפ צו דינען מיר , עס שיינט מיר דאס אין קורצין וועט פראנקרייך דארפין פירין איין קריג מיט רוסלאנד וועגין טירקייא , איך האב שוין וועגין דעם גישפראכן מיט דעם איינגעלשין גיזאנדעטין , אלזו אין נויט פאל וועט אונז אייער קיניגין מוזין ערלויבין צו מאכין גרויסע איינקויפע פון מאגאזינען אין אירע פארטאווע שטעט“. „מיינע קיניגין“ האט זיך דער אלצאנגע אפ גירופין „וועט עס טאן מיט פערגעניגין , אלזו ווייטער ווען אייערע קייזערליכע מאיעסטעט איז שוין אזו ווייט גינעדיג צו בעשפרעכין זיך מיט מיר אזו פיל , נעהמע איך מיר שוין דיא פרייהייט צו ריידין מיט אייך איין

פריוואטנעם

פריוואטנעם (יחידעשע) אינטערעס, אונ איך האפע דאס זייא וועלין מיר עס ערלויבין אונ צו גלייך ערפילין מיין באגער„. „א עס איז אייך ערלויבט צו בעטין„ האט אים נאפאליאן גיענטפערט „אונ ווען נור מעגליך איז וועל איך עס אויך טאן, דען חוץ אייערע געזאנדשאפט זייט איר דאך איין נוטער.פריינד פון מיינער קייזערין„:

„איך וויל אייך בעטין„ האט זיך דער אלצאנגע אפ גירופין „ניט אלס גיזאנדטער נור אלס איין גיבארענער שפאניער, דא אין פאריז וואונט שוין צייט איינינע יאר איין יונגער שפאניער פון גרויסין הערקונפט (יחוס) אפרינץ אזו גאר, איך האב צוא אים איין וויכטיגין אויפטראג (פארוצענע), ער הייסט פרינץ קאמעראטא, אונ עס איז מיר זייער שווער אויף צו זוכין אים, אלזו זאל אייערע גינאדען אזו גרויס זיין צו געבין איין באפעל אין אלע פריסוצטווועס דאס מען זאל דער גיין וואו ער גיפינט זיך, זייא וועלן מיר צייגין דאמיט אגרויסע גיפעליגקייט„:

„מען ברויכט דער צו גאר ניט אזו פיל מיהע„ האט זיך דער קייזער אפ גירופין „איך וויים פון אים ער איז מיר אזו גאר צו פיל בעקאנט, דיזער מאן האט בעגאנגען איין פאר ברעכין, איך גידיינק צוואר ניט וועלכין, נור ער איז זייער הארט פערארורטיילט גיווארין (פאר משפט)„. „א דיזער מאן פעראורטיילט„! האט זיך דער אלצאנגע אפ גירופין „אונ דער צו נאך זייער הארט זאגט איר, אונ ער איז דאך גאר אזו יונג, פערגיוויים אוים גרויס היציגקייט, אונ מוז עס פערגיווים איצונד גאנץ בערייען (חרטה האבין)„. „דער פעלער אבער איז„ האט זיך אפ גירופין דער נאפאליאן „דאס יעדער פערברעכער בערייעט צו שפעט, אונ מען ווערט דורך דעם גיהאלפין ערסט נאך דעם איבערגעשטאנענעם דעקרעט, אונ בייא אלעם דעם וועל איך הייסין בייא גילעגענער צייט אבסמאטרעווען זיין פראצעס, דער ווייליע אבער מוז ער זיך גידולדין, דען עס איז מיר העכסט אונאנגינעהמען צו ניסטאזין איין גימאכטין דעקרעט, דען דאס האט איינע זייער שלעכטע ווירקונג אויף דיא ריכטער, אונ מאכט פיל מעהר אונצופרידענע אלס צופרידענע, עס כוז זיך מאכין איינע גוטע גילעגינהייט אום מאנכען פערברעכער צוא בעגנעדיגען:

„ווען עס איז געגין דיא געזעצע אונ געגין אייער גיוויסען גענעדיגער מאנארך„ האט זיך דער אלצאנגע אפ גירופין, פאר דריסט מיך דאס איך האב עס גאר אנגימוטה אייך, אונ ווינצע אייער מאיעסטעטין דאס דיא גירעכטיגקייט זאל אימער אזו לייטין (פירין) אייערע האנדלונגען, אונ העטע איך פון פארהער אן (פון פריער) גיוואוסט דאס דער קאמעראטא איז איין פאר ברעכער וואלט איך קיין ווארט פאר אים אלזו גישפראכין „אונ דיזעס איז ער„ האט אים נאפאליאן גיענטפערט, אונ האט צו גלייך אבשייד גינומען פון אים, דער אלצאנגע האט זיך פערנייגט פאר אים אונ איז ארוים גיגאנגען, אונ אלס ער וואר שוין אויף יענער זייט טיר, האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין צו זיך אליין, דיזער קאמעראטא וועט שוין מעהר ניט אן קוקין דיא טאגעס ליכט, נור אויף זיינער

לאנגע

לאַנגע רייזע נאָך קאַיענע , דען אַנדערס קען מען זיך ניט בעגיין געגין אַזעלכע פיינדע וואָס מען דאַרף זיך פירכטען פאַר זייא :

3.

מאַרג.

אין דעם יאָר 1864 וואָס אין אים איז פאָרגעקאָמען אונזערע ערציילונג דיזע, איז אוים געבויט געוואָרין איין טויטין הויז וואָס וועָרט אַן גערופין מיט דעם נאָמען מאַרג (ווייל אַזוי וואַר גענאַנט דאַס ערסטע טויטין הויז וואָס וואַר געבויט לעבין דער קירכע נאָטערדאַם) אין דעם זייטין פליגעל פון דער טורמע לאַראָקעט , דער אַריין גאַנג אין דיזעם הויז וואַר דורך איינע שמאָלע געסיל :

אין דיזעם הויזע זיינען געשטאַנען (אונ פילייכט שטייען נאָך) לאַנגע שטיינער טישין וואָס אויף זייא זיינען פון איינאַנדער געלייגט פילע טויטע קערפער וואָס וואָרין געפונען אין דעם בולאָנסקען וואַלד , זיינען געלעגין דאָרט נאַקעטע , אונ איבער יעדין בעזונדער וואַר אוים געהאַנגען אין דער הייך זיינע קליידער דאַמיט זיינע אָנגעהעריגעס (קרובים אָדער בעקאַנטע) זאָלין אים קענען זייער לייכט דער קענען , אויך וואָרין דיזע טויטע קערפער אַלע שטונדע בעשפריצט מיט קאַלטע וואַסער דורך איינע זיפּ מאַשינע דאַמיט זייא זאָלין ניט אַן הייבין צו פוילין , אונ זאָלין ניט געבין איין איבעלען גרוך פון זיך , אונ בייא אַלעם דעם איז דאָרט קוים איין צו שטיין פון געשטאַנק :

דיזע הויז ווערט געוואַכט פון איינעם צעסעוואַי וואָס ווערט אומגעביטין אַלע צווייא שטונדין , עס זיינען דאַ אַזעלכע זייערע צוועלף שטאַויצנע וואָס וועקסלען אָפּ איינער דעם אַנדערין , אונ מוזין צו גלייך האָבין אַכט אויף דיא בעזוכער , דען דיזעם הויז ווערט זייער שטאַרק בעזוכט פון פאַר שידענע מענטשן וואָס מאַנכע מאָל ווערט אונטער זייא אויף געגריפין מאַנכער מערדער פון דיזע ערשלאַגענע , אונ אין דיזין טאַג וואָס דער אַלצאַנגע האָט געהאַט אודיענץ בייא דעם נאַפּאָליאָן , וואָרין דאָרט אין דעם מאַרג זייערע פילע טויטע קערפער , אונ דאַהער אויך זייער פילע בעזוכער דאָרט , אַמייל אום צו ערקענען אַקרוב , אַגוטין פריינד , אַמייל אוים הוילער איטעלער ניינע גירדע נור :

אונטער דיזע בעזוכער וואַר דאַן אויך איינע אָרעמע גאַנץ שלעכט געקליידעטע פרויא וואָס וואַר גאַנץ איינגעהילט (פערטולעט) אַלס וויא זיא האָט געוואָלט בלייבין אונבעקאַנט דאָרט פון אַלעם , אונ איז אויך נור פערשליכענער ווייזע (בגניבה) אַריין געהאַפּט זיך אין דעם מאַרג , דאַס דער צעסאַוואַי האָט גאָר ניט געמערקט איר אַריין גיין , דיזע אָרעמע פרויא וואַר קיינע אַנדערע אַלס דיא מאַריאַן דעם הייגקערס טאָכטער , אַלס זיא איז אַהין אַריין , האָט זיא זיך אַרום געקוקט פון אַלע זייטין מיט איינעם קעגער בליק , דאַס עס וואַר שוין איינעם יעדין זייער לייכט צו פאַר שטיין דאַס זיא איז דאָ קיינע פרייע , אונ דאַס זיא וואַר שוין דאָ פיל מעהר אַלס איין מאָל , זיא האָט זיך אומגעזעהען אונ האָט זיך

אפּ

אפ גישטעלט דארט לעבין איינער אייזערנער טיר וואס איז גאר בייא דעם ענדע פון דיזעם הויז, זיא האט זיך דארט אפ גישטעלט נור אויס דעם גרונדע דאס זיא האט גיוואוסט דאס דיזע טיר איז איין איינגאנג אין דעם איינזאמען (פוסטין) קארידאר פון דער טורמע ראקעט . זיא האט עס גיוואוסט ווייל זיא איז שוין מעהר אלס הונדערט מאל דורך גיגאנגען דיזען גיהיימען גאנג מיט איר פאטער וואס ווער פאריזער היינקער (תליון) , אונ וואס דער שליסעל דער פון ווער נור בייא אים , אונ אזו אויך אלע שליסלען פון אלע נומערין וואס גיפינען זיך אין דיזער טורמע ווארין בייא אים אום ער זאל קענען בעזוכין דיא גיפאנגענע אין יעדער צייט ווען אים נייטיג איז , דען אלס היינקער האט ער נאך גימוזט זיין איין גוטער ארצט (דאקטאר) אום צו בעזוכין די גיפאנגענע אין זייער קראנקהייט, אויך האט ער גימוזט זיין איין גוטער פאטעגראפיסט , אום צו קאפירין דיא גיפאנגענע בייא זייער אריין זעצין זייא אונ פאר זייער דעקרעט , אונ אויך איין גוטער בארביר אום אפ צו ראזירען זייא דיא פאטילניצעס מיט אטאג פריהער פאר זייער הינריכטונג דאמיט דיא האר זאל ניט שטערין דיא שניידע (דעם שארף) פון דער האק מאסינע , אונ ער פלעגט אלזו מיט צו נעמען זיינע טאכטער מאריאן אהין אום צו העלפין אים בייא דיזע פאר ריכטונגען , אלזו ווער זיא העכסט איינהיימיש אין אלע דיזע גיינגע , אונ נומערין פון דיזער טורמע , אונ ווער אויך גאנץ בעקאנט מיט יעדעם שליסעל פון יעדין נומער וואו ער היינגט בייא איר פאטער אין שטוב :

דיזע מאריאן האט בעטראכטעט מיט איינעם טיפין בליק יעדין בעזוכער בעזונדער , מעהר פאר אלעמען אבער האט זיא בעטראכטעט , אונ דער צו נאך מיט גרויס בעוואונדערונג צווייא ווייבליכע פערזוינען וואס זיינען גישטאנען אויף דיא קניא פאר איינעם טויטין קערפער , צו נאסין אין איינעם שטילען וויינען אונ אין איינעם איינבריגסטיגען (פייערדיגע) גיבעט , זייא ביידע ווארין גאנץ אנדערס גיקליידעט אלס אנדערע פרויען , איינע ווער גאנץ אלט . אונ דיא אנדערע גאנץ יונג , אונ דיזע ביידע האבין איר גישיינט בעקאנט צו זיין . דאס זיא האט שוין גיגלויבט זייא גיזעהען צו האבין אמאל , דיזע ביידע פרויען ווארין עס דיא פרויא אונ דיא טאכטער פון דיזעם פאר שטארבענעם לעבין וועלכין זייא זיינען גישטאנען , דער ווייבע האט אן גיהייבין שוין צוא דונקלען אין דיזען טרויער זאל , דען עס ווער שוין ניט ווייט פון אווינד , אונ דיא בעזוכער האבין אן גיהייבין שוין פון איינאנדער צו גיין זיך , אונ דאן אלס דער זאל ווער שוין בענאהע לער . האט דיא מאריאן אן גיהייבין ארום צו זעהען יעדין טויטין קערפער בעזונדער , אונ יעדער טויטער קערפער האט גימאכט איין אנדערין איינדרוק אויף איר , זיא האט גיזעהען דארט מאנכע טויטע פרויען צימער וואס ווארין שיין וויא איינע העבע , אונ האבין זיך אליין ערמארדעט , געווים ווער איינע פאר באטענע ליבע אין שפיל , אונ איר הערץ האט ניט ווייניג געליטין דער פון , מעהר אבער אלס אנדערע טויטע קערפער האט איר אינטערעסירט דער

טויטער

טויטער קערפער פון איינעם שיינעם יונגין מאן, זיא האט זיך אפ גישטעלט לעבין איהם, ער איז גילעגין לעבין דעם אינפאנט פון בארצאלאנע וואס דיא ביידע פאריגע פרויען צימער זיינען גישטאנען לעבין איהם אויף דיא קניא, זיין קערפער וואר פאר דעקט מיט איינעם ווייסין ליילעך, זיא האט זיך אפ גישטעלט לעבין איהם אונד האט זיך באלד דארויף געקניט פאר איהם, אונד איז אזו געבליבין אין דיזער שטעלונג (לאגע) ביז עס איז גיווארין רעכט נאכט, אונד דאן איז זיא זיך פאר קראכין אונטער זיין מארמארנעם טיש, דאס דער אריין גייענדער צאסעוואי האט איהר ניט דער זעהען, דיזער יונגער מאן האט זיך זעלבסט ערמארדעט, דער צאסעוואי איז אריין אין דיזעם טויטין הויז מיט איינעם פארנעהמען הערען וואס וואר אן גיטאן אין איינעם לאנגען אויבער מאנטיל, אונד דיזער וואר דער קאמער הער באצאשי וואס ער איז אהער גיקומען מיט איינעם אויפטראג (פארוצענע) פון דער קייזערין „זעהען זייא ליבער הער" האט זיך אפ גירופין דער צאסעוואי צו איהם „עס איז שוין דא איצונד נימאנד דא, אויסער דיזע צווייא פרויען צימער וואס שטייען אויף דיא קניא אונד בעטין". „דיזע נאכט זאל דיזעם טויטין הויז ניט פאר שלאסין ווערין, נור בלויז צו גימאכט ווערין אויף דער קלאמקע, אזו איז דער בעפעהל פון דיא קייזערין" האט זיך דער באצאשי אפ גירופין צו איהם „דאמיט מען זאל קענען אריין אין איהם דיא גאנצע נאכט ניט מאבענדיג דעם מינדעסטין גערייש, דען מען וועט ברויכין דעם טויטין קערפער וואס מען האט אהער גיבראכט פון דער שפאנישע פאסאלסטווא ווידער אוועק טראגין צוריק אהין אונד דאס מוז גאנץ אינם געהיים גישעהען, אונד דיזע ביידע קניענדע פרויען הייס ארויס גיין פון דיזעם טויטין הויז אונד אריין זעצין זיך מיט מיר אין מיין קארעטע אונד פארין קיין טיולערי, דען די קייזערין עווגעניע וויל זיך מיט זייא זעהען אונד שפרעכין":

„אייער בעפעהל זאל גישעהען" האט איהם גיענטפערט דער צאסעוואי פאר נייגענד זיך פאר איהם זייער טיף, אונד איז באלד דארויף צו גיגאנגען צוא ביידע פרויען אונד האט עס זייא גימעלדעט, זייא זיינען באלד אויף גישטאנען אונד זיינען ארויס פון דעם טויטין הויז צו זאמען מיט דעם קאמער הערען, נאך דעם וויא זייא האבין גינומען איינעם העכסט ווארעמען אפ שייד פון דעם טויטין קערפער, האט דיא אלטע איהם דרויסען גימאכט דיא פראגע וואס וויל מען פון זייא האבין, אונד וואו הין וויל מען זייא פירין, אונד ער האט איהר העכסט בערוהיגט „איך האב איין אויפטראגע פון דער קיניגין" האט ער גיענטפערט אום צו ברייגגען אייך צו דער קייזערין וואס וויל אייך זעהען אונד שפרעכין, זייא האבין זיך אריין גיזעצט מיט איהם אין קאריטע אונד זיינען מיט איהם אוועק גיפארין, אונד דער צאסעוואי האט באלד דארויף פאר מאכט דיא טיר פון דעם טויטין הויז פון אינעווייניג אויף דער קלאמקע נור, אונד איז ארויס פון דארט דורך דער אייזערנע הינטער טיר ניט זעהענדיג דיא מאריאן וואס איז גיבליבין פון אינעווייניג אונד האט איהר הינטער זיך פאר שלאסין, אונד אין דעם טויטין הויז איז גיבליבין איינע טויטען שטילע

וואס וואר אונטער בראכין (מפסיק גיווארין) נור דורך דעם פלעטשערין (רוישין) פון דער וואסער מאשינע וואס האט גישפריצט איבער דיא טויטע קערפער :

נון בלייבט אונז איינע פראגע צו וואס איז דיזע מאריאן גיבליבין אין דיזעם טויטין הויז ? מיר וייסין דאך דאס דער מארקיז מאנטאלאן האט דאך איר בעשטעלט צוא זיין ביא דער אדעל, אונ וואר אלזו גאנץ גוט פאר זארגט מיט לעבינס מיטיל, דיזעם לאזט זיך אונז אבער ערקלערין דורך איינגע ווערטער וואס זיא האט גישפראכין מיט זיך זעלבסט אלס זיא איז גיבליבין דארט אליין, "דער מארקיז איז גיפאלין אויף אגוטין פלאן" האט זיא צו זיך אליין גישפראכין "ויא צו בעפרייען דעם פרינץ קאמעראטא, ער איז איין גישפארט אין דעם נומער 70, אונ וויא איך זעה איין איז דיזער טויטער יונגער מאן גאנץ עהנליך (פאהאזע) צו דעם פרינצען, איך מוז מיך אין דיזער נאכט אריין שלייכען (אריין גנבענען) אין מיינעם פאטער הויז אום צו בעקומען פון דארט דעם שליסיל, גאט וועט מיר פאר גיווים צו הילפע זיין, דע' איך וויל דאך איין אונשולדיגין מענטשין באטירין, א פערציייהע מיר דוא אויסלענדער" האט זיא גיזאגט צו נייגענדיג זיך צו דיזען טויטין יונגען מאן "וואס איך וויל שטערין דיינע רוהע, דאס איך וויל דיך בענוצין אלס מיטעל צוא רעטירין מיט דיינעם טויטין קערפער איינעם לעבעדיגין וואס האט נאך גינוג מיטעל אום גליקליך צו זיין" :

קוים האט דיא מאריאן בעענדעט איר זעלבסט גישפרעך, אונ וואר שוין אין בעגריף (בדעה) ארויס צו גיין דורך דער גלאזענע טיר וואס וואר צו גימאכט נור אויף דער קלאמקע אום אויס צו פירין איר פלאן, האט זיא דער הערט איין רוישין פון איינער אן גיפארענע קארעטע לעבין טיר, אונ האט זיך ווידער בעהאלטין אונטער דיא טישין דאס מען זאל איר ניט דער זעהען, אונ אלס זיא האט זיך שוין גוט פאר שטעקט, האט זיך אויף גיעפינט דיא טיר אונ עס זיינען אריין פיר מענטשין אין לאנגע מאנטלען, איינער האט גיהאלטין איינע לאנטערנע. דיזע פיר וואריו קיינע אנדערע אלס וויא דיא בעדינטע פון דעם אלצאגע וואס ער האט זייא גישיקט אפ נעמען דעם אינפאנט פון בארצעלאנע, זייא האבין אים דער קענט אן דעם שווארצין שטערין וואס וואר ביא אויף זיין שטירען, אונ האבין אים ארויס גיטראגין פון דיזעם טויטין הויז אונ האבין אים אריין גילייגט אין דער צו גיפארענע קארעטע אונ זייען מיט אים אוועק גיפארין, אונ דאן האט זיך דיא מאריאן ארויס גיחאפט פון דעם טויטין הויז וואס זיין טיר וואר ווידער צו גימאכט פון דיא פירען ווידער אויף דער קלאמקע נור, אונ האט זיך פאר לארין אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט דארט אין דער שמאלע געסיל אונ קיינער האט עס גימערקט :

4.

"דאלארעס אונ דיא מארקיזין"

אום ריכטיג צו ערקלערין דיר מיינע לעזערין דעם גאנצין פלאן פון דער מאריאן

מאריאן מוזין מיר אונז אומקערין צוריק צו יענעם אווינט וואס דער דאקטאר לואזאן וואס וואר קוראטאר איבער דעם אירענהויז, וואו עס וואר אן געבראכט דיא אדעל האט בעזוכט דעם מארקיז אין זיינעם הויזע אונ האט וואס מיט איהם געשפראכין, ער האט איהם געבראכט פיל בעסערע נאכריכטען איבער דיא אדעל אלס דיא מאריאן וואס ער האט זיך מיט איהר באגעגינט פארענדיג פון דערר קייזערליכע טרויאונג, ער האט איהם דער צייהלט דאס דיא אדעל איז פיל בעסער, אונ דיזע בעסערונג האט זיא פיל מער צו פערדאנקען דער געזעלינשאפט איינער צווייטין קראנקע וואס געפינט זיך אין זיינעם אירענהויז אלס זיינע דאקטעריא, זיא האט צו איהר פיל מעהר צוטרויען אלס צו דער מאריאן וואס ער האט באשטעלט צו זיין מיט איהר, אלס דיא אדעל דער זעהעט איהר ווערט זיא גאר ניא געבארין, אונ שפריכט גראדע וויא איין מענטש מיט אגיזונטין פאר שטאנד, אונ ווערט וואס אטאג מעהר אפ געגייגטער פון דער מאריאן:

צום אונגליק וואר דער וואלענטינא דאן ניט צו הויז, דען זאנסט וואלט ער דער קענט דעם דאקטאר, אונ מען וואלט שוין געוואוסט וואו דיא דאלארעס געפינט זיך, אלימפיא וואס האט ביא דעם געשפרעך פון דעם מארקיז מיט דעם דאקטאר וויא מיר ווייסין שוין פון פריער אפ געטראטין אין זיין קאבינעט, האט נאך הער דעם מארקיז אויס געלאכט וואס ער האט גאר איין דאציגענע מיט דיזעם לואזאנא „זייא ווייסין מיין פריינד" האט ער צו איהם געזאגט „דאס דיזער מאן וויל מיר גאר ניט געפעלין, ערסטינס געפעלט מיר ניט זיין פאלשעס געזיכט, אונ צווייטינס האב איך שוין אויך ניט וואס גוטעס געהערט פון איהם, עס האבין זיך שוין פילע בעקלאגט איבער איהם, אלזו זאג מיר וואס האט ער דיר דא מיט געטיילט פון דער אדעל, געוויס אלס דאס גוטע" געווג ער האט מיר פיל בעסער בענאכריכטיגט פון דער אדעל אלס דיא מאריאן, האט זיך אפ גירופין דער מארקיז „ער האט מיר געזאגט דאס צייטין ווייס שפריכט זיא שוין גאנץ קלארדינע, אונ איך וויל עס איהם גלויבין, ווייל ער שרייבט צו דיזע גוטע ווירקונג (דאס הייסט ער פאר רעכינט) פיל מעהר אויף דיא רעכענונג פון איינער אנדערע פערזון אלס אויף זיינע אייגענע, ער האט מיר געזאגט דאס זיא האט זיך אן געהייבין צו בעסערין צייט עס האט זיך צו איהר צו געזעלט נאך איינע געוויסע קראנקע פרויא וואס קורירט זיך ביא איהם אין דיזען אירענהויז, דיזע ביידע פרויען זאגט ער זימפאטירען (שטימען) מיט איינאנדער, אונ דאס ווירקט זייער גוט אויף זייערע ביידינס געמיטער, אונ יענע איז דער אדעל אזו גוט, דאס זיא זעהעט איהר צו, בעדינט איהר מיט דער גרעסטער צערטליכקייט, דאס דיא מאריאן וואס איך האב בעשטעלט דאס זיא זאל זיין לעבין איהר, איז איהר שוין וויא גאנץ איבעריג, אונ בפרט דאס דיא אדעל ליידעט איהר שוין גאר ניט לעבין זיך, אונ דאהער גלויבע איך דאס נור דיזעס איז דיא אורזאך וואס דיא מאריאן האט אזו שלעכטעס געשפראכין פון איהר (אדעלס) לאגע אונ פון דעם דאקטאר לואזאן, נון וויל איך הערין איצונד דיינע מיינונג דאריבער" :

„און איך" האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „מיין גאנץ אומגיקערט, דאס נור דיא מאריאן האט דיר דיא ווארהייט גישפראכין, און דער לוזאן איז איין בעטריגער, ער האט עס דיר דער ציילט נור (אזו מיין איך ווייניגסטענס) אום ער זאל לויז ווערין פון דיא מאריאן וואס זיא איז גאנץ איבעריג אין זיינער זאווערענע וואס עס גייט דארט צו וויא איך האב גיהערט העכסט באררבארעס (טיראנים)". „ווען אזו"! האט זיך אפ גירופין דער מארקיז „וועל איך מארגין זעלבסט בעזוכין זיין זאווערענע גאנץ אונגערעכטערהייט, דאן וועל איך שוין מיט מיינע אייגענע אויגין זעהען ווער פון אונז ביידין האט רעכט". „און איך וועל מיט דיר מיט פארין אהין" האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „דען דיך אליין וועט אים זיין זייער לייכט צו פאר שווינדלען, און היינט וויל איך בעזוכין דעם אלצאנגע אום צו הערין וואס פאר איינע אנטווארט ער האט באקומען פון דעם נאפאליאן וועגן דעם קאמעראטא, און ווען ער האט ביא אים ניט אויס געווירקט מוז איך מיך שוין באדינען מיט דער פרויא מאריאן וואס זיא וויים אלע גיינגע און דיא צעלען פון דער טורמע לא ראקעט, דאס זיא זאל זיך אריין שליכען (אריין גנבענען) אין דער צעלע פון דיזעם אונגליקליכען פרינצען". „גאנץ רעכט" האט זיך אפ גירופין דער מארקיז „איך בין העכסט צופרידין דאס דוא זאלסט מיט פארין אין דיזעם אירענהויז, איך געשטייע דיר (בין מודה) דאס דוא ביזט פיל מער קענער אויף אזעלכע ענינים אלס איך":

באלד נאך דיזעם גישפרעך האט זיך דער אלימפיא אטפראוועט אין דעם האטעל פון דער שפאנישע פאסאלסטווא וואס דארט איז איין גישטאנען דער אלצאנגע. און דער וואלענטינע מיט אים, און האט גיהאט איינע העכסט וואַרעמע אויפנאהמע פון דיזען גיזאנדעטין. ער איז אים גיקומען אנטקעגין און האט איב אריין גיפירט אין זאל וואס דארט איז גיוועסין איין גיוויסער שפאניסער יענעראל פרים, וואס האט זיך געגריסט מיט אים אויך זייער פריינדליך, דען זייא ווארין אלטע בעקאנטע, האט זיך לעבין אים גיזעצט, און האט זיך אריין גילאזין מיט אים אין ווייטין גישפרעך בייא איינער בוטעלע וויין סערעס איבער זייערע טהאטין (גישעפטין) פון זייערע יונגע יארין, איבער זייערע העלדין טהאטין, איבער זייערע גיפאהרין וואס זייא זיינען דאן אויס גישטאנען, און האבין בעדויערט זייער יוגענד וואס איז אזו גיך איבער גילאפין, און האבין דער בייא איינער דעם אנדערין דער ציילט פון זייער טאן אין פאריז, „איך בין אהער גיקומען" האט פרים גיזאגט „וועגין איינער גיהיימע פאליטישע אינטערעסע און פאר מארגן אוועק". „און איך" האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא לאבענד „נור וועגין דיא אנגילעגינהייטין פון איינער ליבע":

נאך העט האט גינומען דאס גישפרעך איינע אנדערע ווענדונג, עס איז גישפראכין גיווארין איבער דעם טויט פון דעם בארצעלאנער אינפאנט, פון דעם באלדיגען ברייגגען זיין טויטין קערפער אהער אין דער פאסאלסטווע, און אם ענדע האט דער אלצאנגע דעם אלימפיא דער ציילט דיא אנטווארט וואס ער האט

באקומען

באקומען פון דעם נאפאליאן נאסצאט פון דעם קאמעראטעס בעפרייאונג :

דער אלימפיא האט זיך דארט פאר זאמט ביז שפעט אין דער נאכט, אונ נאכהער האט ער גינומען איין ווארעמען אבשייד פון זייא ביידין, פון דעם אלצאנגע אונ פון דעם פרים אונ איז אוועק אהיים, אונ דארט האט ער מיט גיטיילט זיינעם פריינד דעם מארקיז אלעם וואס וואר גישפראכין דארט בייא דעם אלצאנגע אונ וועמען ער האט דער וויסט, אונ וואס דר נאפאליאן האט גיענטפערט אויף דיא ביטע צו בעפרייען דעם פרינץ, אונ דעם מארקיז האט עס העכסט לייד גיטאן, אונ אויף מארגין זיינען זייא ביידע גיפארין אין דעם אירענהויז אום צו בעזוכין דיא אדעל אונ צו בעמערקין וויא זיא ווערט דארט בעהאנדילט :

דער צימער פון דער אדעל וואר ניט וויט פון דעם צימער וואס דיא דאלארעס האט אין אים גיוואוינט, דיזע ביידע פרויען זיינען גיווארין ווירקליך צווישין זיך בעקאנט אין דעם שפאציר גארטין וואס דארט איז, וואס דיא מאריאן פלעגט איר (דיא אדעל) אריין צו פירין אהין טאג טעגליך, די ווייכע שטימע פון דער דאלארעס, איר שיינע גישטאלט אונ איר פריינדליכעס בענעהמען האבין ווירקליך זייער פיל גיווירקט אויף דער אדעלס געמיטה, אונ זיא וואר אן איר אן גיבונדין וויא איינע גיפייניגטע נשמה אן איינעם גוטין איינגיל, אונ דאהער פלעגט זיא מיט דער גרעסטע זעהענזוכט (בענקונג) ערווארטין דיא שטונדע פון איר ווידער זעהען זיך מיט דער דאלארעס, אונ זיא פלעגט זיך גיפינען העכסט גישמייכילט (גיחנפעט) אלס דיא דאלארעס פלעגט צו זאגין דאס זיא איז נאך גינוג שיין אונ בעסערט זיך פון טאג צו טאג, אונ אין דער ווירקליכקייט וואר עס אזוי, דען פון דער צייט אן וואס זיא איז גיווארין מיט איר בעקאנט, האט זיא זיך זייער פיל פארלארין פון איר וואהנזין (משוגעת) אונ איז גיווארין פיל רוהיגער :

אלס דער מארקיז מאנטאלאן אונ דער אלימפיא זיינען אריין אין איר צימער האבין זייא איר דער וויסט שלאפענדיג זייער הארט, דער וואלענטינע וואס וואר מיט זייא איז גיבליבין זיצין אויף דיא קאזלעס פון זייער קארעטע וואס האט זיך אפ גישטעלט בייא דעם טויער, דער מארקיז האט איר בעטראכטעט מיט פריינדליכען אונ צערטליכען בליקען, זיין גיוויסין האט אים העכסט גיפלאגט פאר זיינע הארטע בעהאנדלונגען איר נאך איר זינדע פאל, אונ האט איר אין דיזער וויילע אלעס פערצייהעט, דאך קיין גידאנקען פון אויף צו נעהמען איר ווידער אין זיינעם הערצין, אונ איר ווידער צו ליבין וויא פארהער, דען זיא האט זיך דאך שוין צו וויט פאר קראכין אין דעם זינדען זומפ, אונ זיין הערץ האט אין דיזער מינוט ניט ווייניג גיליטין, אלימפיא האט אן גיקוקט דעם מארקיז מיט גרויס בעדויערין, דען ער האט זייער גוט פאר שטאנען וואס עס ערגייעט איצונד אין זיינעם הערצין, אונ האט אים אלזו ניט גישטערט אין דיזע הייליגע שטילע בעטראכטונגען, אויך דיא מאריאן וואס איז דאן גיוועסין אין איינעם ווינקעל פון דיזעם צימער וואר ניט ווייניגער גירירט אלס דער אלימפיא, אונ איז

גיזעסין וויא אַגיריכטעטע (גמשפטע), דען זיא האט אויך געגין זיך זעלבסט פיל פאר בראכין, אונ האט גיוויינט אין שטילען, דען ווען ניט איהרע פאר באטענע ליבע האט זיא גיקענט זיין פיל גליקליכער אלס איצונד, דיזע פייערליכע שטילע האט גידויערט מעהר אלס צעהן מינוטין, אונ דער נאך אלס דער מארקיז האט זיך פון דער אַדעל אפ גיווענדעט, אונ האט פאר רייכערט איינע ציגארע, האט זיך דער אלימפיא אריין גילאזין אין אַגישפרעך מיט דער מאריאן:

„פאר ציהען זיא מאדאם‟ האט ער זיך צו איר אפ גירופין „דער מארקיז האט מיר גיזאגט ווער איר זייט, אונ וויא איר הייסט, אלזו איז מיר ארויף אויף מיין גידאנקען דאס איר קענט מיר איין ראטה געבין אין איינער זאכע, זאגט מיר איר ווייסט עפעס גוט פון דר טורמע לא ראקעט‟? „א איך וייס פון איר פיל מעהר אלס איין עפעס‟ האט זיא אים גיענטפערט, דען איך וואר אין איר פיל מעהר אלס איין מאל*) אין דיא פאריגע יארין אלס איך וואר נאך ביי מיינעם פאטער, „אלזו אט הערט זעה וייטער‟ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו איר „דארט אין נומער 70 זיצט איין גישפארט איינער פון אונזערע בעסטע פריינדע איין גיוויסער פרינץ קאמעראטא, ער איז איין גאנץ אונשולדיגער מאן, עס מעג אונז קאסטין גאר דיא געלט אונ גאר דיא מיהע אום דיזען מאן צו בעפרייען, ווייסט איר אפט ניט דורך וועלכין גאנג מיר קענען צו אים צו קומען‟? דיא מאריאן האט זיך אוויילע באדיינקט אונ דער נאך האט זיא זיך אפ גירופן, „דאס איז איינע דייער שווערע זאכע, אונ מיין דאס עס וועט אייך זייער שווער אן קומען‟. „דאס ווייסין מיר אן אייך‟ האט איר דער אלימפיא גיענטפערט „מיר ווילין אבער דער ביי קיין געלט, קיינע מיהע, אונ קיינע ליסט (בעטרוג) שפארין‟. „איר ווייסט אבער ניט וויא וייט איך וייס‟ האט זיא אים גיענטפערט „עס איז דארט אלעס פעסט גישלאסין אונ בעוואכט, עס איז קיין גידאנקען פון אנטלייפין, דער נומער 70 וואו אייער פריינט זיצט שטויסט אן גראדע לעבין דעם אריין גאנג פון דעם מארג אין דער טורמע וואס איז גישלאסין מיט איינער אייזערנע טיר‟. „אלזו קען מען דיא טיר איין ברעכין‟ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „אונ וויא איז עס מעגליך‟ האט זיא זיך אפ גירופין, דיא וואכין וועלין דאך דער הערין דעם שטוק אונ דעם הוק‟. „דיא וואכין‟ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „וועט דער טייוויל נעמען, זייא ווייסין דאס איבער מארגין ביי נאכט וועל איך זיין אין דעם טוימין זאל, עס וועט עס מיר זייער לייכט אן קומען, דען דיא שפאנישע באפאלסטווע וועט אהין שיקין אירע מענטשין אפ צו נעמען פון דארט איין גיוויסין טוימין קערפער, אלזו ברויכט מען נור צו באקומען דעם שליסיל פון

דיזער

---

*) דיא לעזערין מוז גידיינקען דעם אנפאנג פון דיזען קאפיטעל וואס אין אים ווערט דער מאנט דאס אלעם דיזעס איז גישעהען מיט אטאג צווייא פריער אלס דיא פאריגע שצענע וואס וואר גישעהען אין דעם טויטין זאל וואס עס וואר שוין דארט דיא מאריאן:

דיזער טיר״ . ״דאס איז איינע קליינינקייט ביא מיר״ האט זיא איהם גיענטפערט ״נור איר ברויכט נאך צו האבין איין שליסיל צו דער צעלע וואו ער זיצט , גוא זאל שוין זיין גיזאגט איך וועל עס אויך באקומען , דיא וואכין אבער וועלען דאך דער הערין דעם רוישין פון דעם אויפשליסין , דער צו נאך ברענט אין יעדער קעלע איינע לאמפע , אונ יעדער טיר איז דא איין קליינער פענסטעריל מיט איינער קלאפע דורך וועלכע דיא סאלדאטין קוקין זיך איין צו איז דא דארט דער ראסטאנט אונ וואס ער טוט דארט״ . ״ווען אזוי״ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין , דארף מען אזוי זיך באגיין דאס דיא וואכין זאלין ניט הערין קיין גערויש פון דעם אפ שליסין , אונ ניט מערקין דאס דער גיפאנגענער איז ניט דא אין דער צעלע , אונ צו פאר זארגין צו גלייך איין ארט פאר דעם פרינץ דארט צו פערשטעקין איהם דאס מען זאל איהם ניט קענען אויף דער הייסע שטונדע גיפינען״ . ״אונ דיזעס קען אנדערש ניט גישעהען״ האט זיא זיך אפ גירופין ״זייא דען (שיידען) דאס מען זאל איינעם פון דיא טויטע קערפער וואס איז פאהאזע אויף דעם פרינצין אריין טראגין פון דעם מארגא אין דער צעלע פון דעם פרינצען , אונ איהם (דעם פרינץ) באהאלטין אויף אקורצע צייט אונטער דיא טישין וואס שטייען זייער גידיכט דארט אין דער מארגע״ . ״איין אוים גיצייכינטער איינפאל״ האט ער זיך אפ גרופין , ״גוט״ האט זיא זיך אפ גירופין ״דאך מוז מען דאך פריער זעהען צו איז דארט אין דעם טויטין זאל דא אזוי איין טויטער קערפער וואס זאל זיין אזוי פאהאזע אויף דעם פרינצען״ . ״ביז איבער מארגין אדער מארגין וועלין מיר שוין אין דעם מארג אזוי איין קערפער גיוויס אן טרעפין , באקומען זייא נור דיא שליסלען״ . ״א דאס איז שוין איינע לייכטיקייט ביא מיר״ האט זיא זיך אפ גירופין ״ביא מיינעם פאטער אין שטוב הייגען אלע שליסלען פון דיזער טורמע , פון דער אייזערנע טיר אונ פון אלע צעלען״ . ״אונ גראדע דיזעס״ האט ער זיך אפ גירופין ״שיינט מיר צו זיין אם שווערסטין״ דען וויא איך ווייס זייט איר דאך שוין ניט מעהר ביא אייער פאטער אין שטוב אונ איר טארט אייך דאך דארט ניט ווייזין , אלנו וועל איך אייך בעהילפליך זיין אין דיזער זאכע״ . ״באהיטע גאט״ האט זיא זיך אפ גירופין ״איר קענט ניט מיין פאטער , ער איז איינער פון דיא טרייעסטע דינער , עס וועט דער ביא ניט העלפין קיינע בעשטעכונג אונ קיין בעטרוג , איר וועט מיט אייער אריין מישין זיך אין דעם מעהר שאדין צו דיזער זאכע אלם פאר ריכטין , אונ קענט נאך איין גרויסעס אומגליק ארויף ציהען אויף אייך , לאזט עס מיר איבער אליין״ . ״ווען אזוי האט ער זיך אפ גירופין קען איך אייך אם וויינינגסטען דינען מיט איינער קליינינקייט״ , אונ דיזעס ריידענדיג האט ער ארויס גינומען פון זיינער טאשע איין פאטרעט אונ האט צו איר גיזאגט ״דאס איז דיא גישטאלט פון דעם פרינץ , נון וועט איר שוין וויסין וואס פאר איין טויטין קערפער אוים צו ווילען דארט אין דעם טויטין זאל״ :

קוים האט דיא מאריאן צייט גיהאט צו בעטראכטין עס , האט זיך אן יהייבין צו הערין פון דעם בענאכבערטין צימער וואו דיא דאלארעס איז גיזעסין

איין רופין עפעס „אונ באלד דארויף איין גישרייא , אונ דער נאך איינע שטארקע שוסקעריייא „גרויסער גאט“ ! האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „וואס איז דארט פאר אלארעם , איך הער דאס איינע שרייט אום הילפע , אום רעטונג“ ! „דאס איז גאר ניסט“ האט זיך מאריאן אפ גירופין „מיר הערין דיזען גישרייא זייער אפט , דאס שרייט איינע וואהנזיניגע (משוגענע) אזו בייא יעדעם מאל וואס מען טוט איר אן דאס משוגעים העמד , עס איז איר העכסט צו בעדויערין , זיא שיינט אזו גאר בייא דעם פאר שטאנד צו זיין , זיא האט אין זיך נור וויא דיא בעדינטע אונ דער דאקטאר זאגין גיוויסע לוינען (שגעונות) אין גיוויסע צייטין , אונ זיא ליידעט דער פאר זייער שטארק“

קוים האט זיא בעענדעט צו שפרעכין , האט מען אן גיהייבן זייער שטארק צוא קלאפין אין טיר פון דיזער צעלע וואו עס וואהרין איצונד דער מארקיז אונ אלימפיא דארט בייא דער אדעל , דיא מאריאן האט עס באלד גיעפינט , אונ עס איז אריין גילאפין אין דיזער צעלע גאר אן איין אטעם דער וואלענטינע אונ גאנץ פערוויררט (צו מישט) „נוא אם ענדע האט דאך מיר פארט געלונגען (געגליקט)“ האט ער גיזאגט גאנץ פאר שאפעט צו דעם אלימפיא „צו גיפינען וואס מיר האבין גיזוכט אזו אלאנגע צייט גאר אן נוצין , זייט וויסין דאס אין דיזעם הויף גיפינט זיך דאלארעס , אונ אויך איר טיראן דער הערצאג ענדעמא“. „ניט פאר געס“ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו אים „דוא ביסט אין איינעם אירענהויז , אלזו מוזט דוא פון זינען זיין (משוגע) , וויא קומט היר דיא דאלארעס , וויא קומט היר דער הערצאג“ ? „איך בין ניט פון זינען מיין הער , איך שפרעכע דיא ווארהייט , זיא איז דא דער בייא אין דער בענאכבערטע צעלע“. „א דאס שרייט דאלארעס , דאלארעס“ האט גיזאגט מיט איינער יאמערנדע שטימע דיא אדעל וואס האט זיך בייא דיזעם לארעם אויף גיהאפט פון שלאף „א מען טוט איר אן דיא משוגעים העמדיל“ :

נון פאר שטייט זיך דאס מעהר וויא דאס האט שוין ניט גיפעלט אום צוא מאכין גלויבינג דעם אלימפיא אונ דעם מארקיז דאס דיא דאלארעס איז גיווים דא דער בייא , אונ זיינען ביידע ארוים פון דער אדעלס צעלע וויא צוויא גרימיגע טיגער , אונ האבין אן גיהייבין צו זעצין אין דער טיר פון דער צעלע וואס עס האט זיך גיהערט פון איר דיא גוואלטיגע שטימע פון דער דאלארעס, „עפינט“ ! האבין זייא ביידע גישריען , זאנסט וועלין מיר דיא טיר איין ברעכין , דיזע דראהונג (שטראסונאק) וואר פון גרויסע ווירקונג , דען מען האט באלד דארויף גיעפינט דיא טיר , אונ דיזע ביידע פריינדע זיינען אריין אהין מיט גרויס כוטה אונ וואוטה (צארין) , אונ זיינען גיווארין גאר אויסער זיך פון צארין דער זעהענדיג וואס עס טוט זיך דארט מיט דער דאלארעס , זייא האבין איר דער וויסט שטייענדיג איין גיקלעמט אין דער משוגעים העמדיל צו גישמיטערהייד צו איינעם אייזערנעם שטול , ניט וייט פון איר איז גישטאנען דער ענדעמא מיט זיינעם לאנגען אונ שמאלען גיזיכט , גלייך וויא איין גיריכטעטער אויף דעם עשאפאט אונ קלאפענד

מיט

מיט דיא ציינער אויס צארין אונ שאנדע , אונ וואר דער צו גאנץ פערוויררט (צו מישט) ניט וויסענדיג וואו ער זאל זיך איצונד אהין טאן , אונ וואס פאר איינע ראלע ער זאל דא איצונד שפילין , אויך דער אלימפיא וואר וויא פון זינען , ער האט ניט גיוואוסט וואס ער זאל פריער טאן , צו זאל ער אן גרייפין דעם ענדעמא וואס ער האט אים אויף דער שטעלע דער קאנט דאס ער איז איר פייניגער , דען ער האט דאך אים שוין איין מאל גיזעהען , אלם ער האט איר אפ גיפירט אויף איינער שיפעלע פון דער אלטע העקסע ראדלאינע , צו ער זאל לויז מאכין דיא דאלארעס , טויזענדע גיפילע האבין זיך דאן דורך קרייצט דורך זיינע זילע , ביז דער געפיל פון מיטלייד האט פערדריינגט דיא איבעריגע , אונ ער האט זיך ארויף גיווארפין מיט אפענע ארעמס אויף דיא אונגליקליכע דאלארעס וואס זיא איז גישטאנען פאר אים וויא איין שטיינערנעס בילד וואס קען זיך ניט רירען אונ ניט שפרעכין :

„א מיינע טייערע היים גיליבטע דאלארעס“ האט ער אויס גישריען „נון האב איך דיך ווידער נאך איינעם לאנגען זוכין , נון ביזט דוא שוין מיין פיר אימער , אונ וועל דיר רייכליך לוינען פאר דיינעם ביז העריגען ליידין צו ליב מיר , איך וויים דוא ביזט ריין וויא איין איינגעל , אונשולדיג וויא איינע טויבע , אונ וויהע דעם דער וואס האט דיך ביז אהער אזו מיסהאנדילט“ אונ די דאלארעס וואס וואר העכסט פערקלעמט , אונ העכסט ערפרייט צו דער זעהען דעם אלימפיא , האט אים אן גיקוקט גאנץ שטאר (ביסטורע) , אונ וואר ניט אין שטאנדע איין ווארט אויס צו שפרעכין , דיא ביידע פריינדע האבין איר באלד בעפרייט פון דער משוגעים העמדיל , פון דער אייזערנע קייט , האבין איר ארויף גילייגט אויף איר בעטיל , אונ האבין גיהייסין איר ווערטערין בריינגען אלער האנד ערפרישונגען :

אויף דיזעם לארעם איז אן גילאפין דער דאקטאר לוזאן וואס איז שוין גייואר גיווארין פון אלעם וואס דא איז גישעהען , אונ וואר העכסט ערשראקין אלם ער האט דער זעהען דא דעם מארקיז אויך „איר האט אייך פאר גיוויס פאר אירט“ האט ער זיך אפ גירופין צו זייא „ניט אין דיזער צעלע זיצט דיא אדעל , נור אין דיא אנדערע , דא זיצט נאר איינע אנדערע , איינע גיוויסע דאלארעס וואס דיזער הער ענדעמא הערצאג פון מעדינא האט איר אהער גיבראכט אום אויס צו קורירען איר , אונ איך בעטע אייך אלזו , דאס איר זאלט איר ניט בעאונרוהיגען , זאנסט וועל איך מיך ביא דער פאליצייא באקלאגין“ :

„ניין ליבער הער דאקטאר“ האבין זיך דיא ביידע פריינדע אפ גירופין „מיר האבין אונז ניט פאר אירט , מיר ברויכין גראדע צו דיא דאלארעס , וואס זיא איז גיזונט וויא איינער פון אונז , אונ דיזער ענדעמא האט איר ארויס גירויבט פון איר פאטער , דען ער איז איין שעלעם , איין באטריגער , איין סאמע זוואניץ אבער קיין הערצאג , ער האט אייך אויך בעטראגין אום אויס צו פירין נור איינע פערוואורפענע (פערדארבענע) האנדלונג (טהאט) אום צו שטילין מיט איר זיינע פיהעשע לוסט , דען ער איז פאר ליבט אין איר איבער דיא אויערין , מיר זוכין

איר שוין פילע יארין , אלזו ווען אייך בעליבט איז קלאגט אונז אן ביים דער פאליציא , מיר גלויבין אבער דאס איר וועט עס געוויס ניט טאן , דען עס וועט דער ביים אייערע עהרע אונ אייער נאמען ניט ווייניג ליידין , דען אלס איין ערליכר דאקטאר האט איר זיא ניט גידארפט אן נעהמען אין אייער אנשטאלט , דען זיא איז דאך גאנץ גיזונד , אלזו פאר געוויס ווייסט איר פון דיזען בובען שטרייך (שטוקע) , אונ איר האט עס גיטאן נור אום דעם ליבען געלט אונ ווייטער ניט״ :

דער דאקטאר וואר פון דיזע רייד העכסט בעטראפין (איזמוסצעט) דאס ער האט שיר דיא פאפלעקצע באקומען , אונ איז אומגילאפין אין צימער ברעכענדיג דיא הענט וויא איין משוגע אונ האט גישריען ״גיין גיין מיינע הערען איך האב קיינע שולד אין דעם , ווען אנדערס וואהר איז וואס איר זאגט דאס דער ענדעמא איז איין באטריגער , בין איך איין בעטראגענער אונ ווייטער ניט , אלזו שווינט מיין נאמען אונ ברייגגט מיך ניט אום מיינעם ברויט״ . ״דער ווייל וועלין מיר אפ נעמען דיא דאלארעס פון אייך״ האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא ״אונ וואס אייך אנבאטרעפט , צו זייט איר איין מיטשולדיגער אין איר גיפאנגענשאפט אונ מאטערין אין אייער זאוועדענע , וועלין מיר עס שפעטער איין זעהען״ אונ האבין איר אלזו באלד מיט גינומען , אונ נאך האט זיך קיין גיפאנגענער אזו פיל גיפרייט אויף זיינע בעפרייאונג וויא איצונד דיזע דאלארעס וואס האט זיך ניט גיקענט פאסין (זיך האלטין) אוים גרוים פריידין , אונ אזו אויך ווידער פאר קערט וואר נאך קיין באטריגער אזו בעשטירצט ביים דער ענטדעקונג פון זיין בעטרוג אלס דער לואזאן ביים זיינעם זעהען , דאס דער ענדעמא איז גיווארין בלייך וויא קאלך אונ האט זיך באלד אפ גיטראגין , אונ האט זיך ערסט איין עטוואס בערוהיגט אלס ער איז פון אווינט אריבער גיפארין קיין זעזאפין וואס דארט איז איין גישטאנען דער הערצאג ענדעמא אונ האט אים שוין ניט דער וויסט דארט , דען ער איז פלעצליך אפ גיפארין פון פאריז ״גוט״ האט ער ביים זיך גיטראכט ״זיין אנטלייפין קען מיר צום נוצין זיין , איך קען דיא גאנצע שולד נור אויף אים אליין שיבען (ארויף לייגין) , דען איך האב דאך איין שרייבין פון אים ביים מיר״ דאך וואר אים באנג (זארג) פאר דיא דאלארעס דאס זיא זאל אים ניט צייגין אינם גיריכט דאס ער וואר איין פערשטאנדען אין דיזען בעטרוג :

.5

דיא טאכטער פון דעם הייזקער (תליון)

איצונד מיינע לעזערין וועלין מיר אונז אומקערין צו דער מאריאן , דיזע מאריאן וואס וואר איינע אויגין צייגערין פון דער פאריגע גישיכטע וואס עס איז צו גיגאנגען מיט דער דאלארעס אונ דעם לואזאן , אין דער צעלע פון דער אדעל , אונ האט אלזו ניט גיוואוסט וואו דיא דאלארעס איז אפ גיפירט גיווארין , האט איר העכסט לייד גיטאן איר פלעצליכעס פערשוואונדין , דען זיא וואר פון גרויסע

נוצין

נוצִין פַאר דֶער אַדֶעל, אוּנ זִיא הָאט אַלְזוֹ גְרוֹיס מִיהֶע גִיהַאט צוּ בֶּערוּהִיגִין אִיר אוֹיף אִירֶע אוּנְצַייהְלֶעגֶע נָאךְ פְרֶעגִין נָאךְ אִיר, אוּנ אַלְס עֶס הָאט אִיר אוֹיף מָארְגִין שׁוֹין גִיגְלִיקְט אַיין צווא שְׁלֶעפֶּערִין אִיר. הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִיפֶּערְטִיגְט (אָטְפְּרַאוֶועט) אִין דֶעם מָארְגְ וואוּ מִיר הָאבִּין אִיר שׁוֹין פְרִיעֶר גִיזֶעהֶען קוֹמֶענְדִיג אַהִין אַשְׁטִיק נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט, דֶען זִיא הָאט גִיוָואלְט דֶער הַאלְטִין אִיר פַאר שְׁפְּרֶעכִין צוּ גִיבְּרוֹיכִין אַלֶע מִיטְלֶען אוּם נוּר צוּ בֶּעפְרַייעֶן דֶעם יוּנְגֶען פְּרִינְץ:

דֶער וַוייל בִּיז אַהֶער הָאט זִיא נִיט גִיהַאט דִיא מִינְדֶעסְטֶע שְׁוֶוערְקַייט אִין אִירֶע בִּיז הֶערִיגֶע אוּנְטֶער נֶעהְמוּנְגֶען, דֶען לוֹיט דֶער פֶערְאָרְדֶענוּנְג פוּן דֶער שְׁפַּאנִישֶׁען פָּאסָאלְסְטְוָוא וַוארִין דִיא טִירִין דָארְט נִיט גִישְׁלָאסִין נוּר צוּ גִימַאכְט אוֹיף דֶער קְלַאמְקֶע, אוֹיךְ הָאט זִיא גִיפוּנֶען אִין דֶעם קֶערְפֶּער פוּן דֶעם יוּנְגֶען מַאן אוּנְטֶער וֶועלְכִין טִישׁ זִיא הָאט זִיךְ בֶּעהַאלְטִין, אוּנ וָואס הָאט זִיךְ אַלֵיין עֶרְמָארְדֶעט אֵיינֶע גְרוֹיסֶע עֶהְנְלִיכְקַייט (פַּאחָאזֶענֶע) צוּ דֶעם יוּנְגֶען פְּרִינְץ, דֶער צוּ נָאךְ וַואר דָארְט דִיא זִיטֶע דָאס דִיא אַלֶע קֶערְפֶּער פוּן דִיא גִירִיכְטֶעטֶע (גִיסוּדֶעטֶע) וַוארִין אוֹיס גִילֵייגְט אוֹיף אַפָּאר טֶעג אִין דִיזֶעם טוֹיטִין הוֹיז, אוּנ דֶער נָאךְ וֶוערִין זַייא בַּאגְרָאבִּין אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגִין מַאהִילְנִיק וואוּ עֶס וֶוערִין בַּאגְרָאבִּין דִיא זֶעלְבְּסְט מֶערְדֶער:

דִיזֶע אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע (אָבְּסְטֶעיַאטֶעלְסְטְוֶועס) וַוארִין הֶעכְּסְט שִׁיקְלִיךְ (טוֹיגֶענְדִיג) צוּ אִיהְרֶעם גִיפֶערְלִיכֶען פְּלַאן וָואס זִיא הָאט בַּייא זִיךְ אוֹיס פְּלַאנִירְט, אִיר עֶרְסְטֶער גַאנְג פוּן דָארְט וַואר נָאךְ דֶער וואוֹנוּנְג פוּן אִיר פָּאטֶער אוּם צווא בַּאקוּמֶען דָארְט בַּיידֶע שְׁלִיסְלֶען, אַיינֶעם פוּן דֶער אַייזֶערְנֶע טִיר פוּן דֶעם מָארְג וָואס עֶפִינְט זִיךְ אִין דֶער טְיוּרְמֶע, אוּנ דֶעם אַנְדֶערִין פוּן דֶעם נוּמֶער זִיבֶּעצִיג, דִיזֶער שְׁטְרַייךְ (שְׁטוּקֶע) הָאט אִיר אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט גִיגָאלְטִין, דֶען זִיא הָאט דֶער וֵויסְט זַיין דִינְסְט נִיט צוּ הוֹיז, דֶען זִיא אִיז אוֹיס גִיגַאנְגֶען אוֹיף לִיבְּשַׁאפְטֶען, אוּנ הָאט אִיבֶּער גִילָאזִין דָאס הוֹיז נוּר אוֹיף דִיא הֶענְט אוֹיף אֵיינֶעם רֵייסֶענְדֶען בְּרִיטַאן, וָואס וַואר בֶּאֱמֶת אַיין פִיל שְׁטְרֵיינְגֶערֶער וֶועכְטֶער אַלְס צֶעהֶען זָאלְדַאטִין, דֶען עֶס וַואר אֵיינֶע רֵייסֶענְדֶע בֶּעסְטְיֶע, אוּנ וַואר אַלְזוֹ דֶער שְׁרֶעקִין פוּן אַלֶע דִיבֶּע (גַנָבִים), דָאס זַייא הָאבִּין שׁוֹין דִיזֶעם הוֹיז אוֹיס גֶעמִידֶען וִויא דָאס גִיפַיינְגֶענִים הוֹיז, זִיא אָבֶּער הָאט בַּאלְד בְּלַאט גִישְׁלָאסִין מִיט אִים, דֶען עֶר וַואר אִיר אַלְטֶער בֶּעקַאנְטֶער, זִיא הָאט אִים בַּייא דֶעם נָאמֶען גִירוּפִין, אוּנ עֶר הָאט אִיר דִיא הֶענְט גֶעלֶעקְט, זִיא אִיז אַרַיין אִין פָארְהוֹיז אוּנ הָאט אוֹיף גִיזוּכְט דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן שְׁטוּבּ אוֹיף דֶעם גִיוואוֹנְלִיכֶען אָרְט וואוּ מֶען פְלֶעגְט אִים אַוֶועק צווא לֵייגִין בַּייא דֶעם אַוֶועק גֵיין אִין גַאס אַלְס זִיא וַואר נָאךְ אַיין שׁוֹיס קִינְד בַּייא אִירֶעם פָּאטֶער, הָאט אוֹיף גִיעֶפִינְט דִיא טִיר אִיז זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, עֶס הָאט דָארְט גִיבְּלִיסְצֶעט אַקְלֵיין לֶעמְפִּיל, אוּנ אִיר פָּאטֶער וָואס פְלֶעגְט זִיךְ נִיט לֵייגִין שְׁלָאפִין אַלֵיין נוּר מִיט אַגוּטֶע גְלָאז וַויין הָאט גֶעשְׁנָארְכֶעט (גֶעהְרָאפֶּעט) וִויא פוּן אֵיינֶעם בְּלַייעֶרְנֶעם שְׁלָאף, זִיא הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבֶּען פוּן דֶעם בּוּנְד שְׁלִיסְלֶען דִיא צְווייא וָואס זִיא הָאט גִיבְּרוֹיכְט, אוּנ אִיז זִיךְ אַרוֹיס פִיל מֶעהְר זִיכֶערֶער אַלְס זִיא

איז אריין , האט צו גישלאסין דיא טיר אונ איז אוועק מיט דיא ביידע שליסלען צו דעם מארג , זייענדיג שוין ניט וייט פון דארט האט זיא אן גיטראפין דעם וואלענטינא וואס אלימפיא האט אים אונטער גישיקט דאס ער זאל איר זיין צו הילפע אין איר אונטער נעהמען „גוט“ ! האט זיא צו אים גיזאגט „דוא וועסט מיר איצונד צו ניץ קומען , דוא ביזט מיר גיקומען וויא גירופין דען איך ברויכע דיינע שטערקע צו דעם פרינצענס בעפרייאונג“ :

זיא איז אריין מיט אים אין דעם מארג וואס וואר צו גימאכט נור אויף דער קלאמקע , אונ בעלויכטין מיט איינעם גאנץ דונקעלען לאמפ , אונ האבין דארט אראפ גינומען דעם קערפער פון דעם יונגען מאן , צו זאמען מיט דיא קליידער זיינע וואס זיינען גיהאנגען איבער אים , האבין אויף גישלאסין דיא אייזערנע טיר וואס עפינט זיך אין דעם קאראדאר , זיינען באלד צו גיקומען צו דעם נומער 70 וואס דארט איז גיזעסין דער קאמעראטא , האבין זייער שנעל גיעפינט דיא טיר גאר אן אשום גערעש , דיזעס אלעס וואר דיא ארבייט פון איינער מינוט אין וועלכע דער צעסאוואי וואר דאן אין דעם אנדערין עק פון דעם האלב רונדען קאראדאר , אונ האבין אריין גיטראגין דעם טויטין קערפער מיט זיינע זאכין אין דער צעלע , קאמעראטא האט דאן גישלאפין , אונ האט זיך אויף גיכאפט מיט טוידעם שרעקען , דען ער האט דאך פון קיין זאך גיוואוסט , זייא האבין אים אבער באלד בערוהיגט , זייא האבין אים דער ציילט דאס דיזער שטרייך (שטוקע) ווערט גישפילט נור צו זיינער בעפרייאונג דורך זיינע צוויא גוטע פריינדע דער מארקיז אונ אלימפיא :

זייא האבין אים גיהייסין וואס צום גיכסטין אויס טאן אונ אן ציהען דיא קליידער פון דעם יונגען זעלבסט מערדער , אונ דעם זעלבסט מערדער האבין זייא אן גיטאן דיא גיפיינגנים קליידער פון דעם פרינצען , אונ האבין אים נאך דער צו אן גיטאן איינע פעטלע אויף דעם האלדז , דען דער זעלבסט מערדער וואר ווירקליך איינער וואס האט זיך זעלבסט ערוואירגין , אונ האבין אים גילייגט אויף דאס בעט , אונ זייא אלע דרייא זיינען דער ווייל אויף אקליינע צייט פאר קראכין אונטערין בעט , דאמיט ווען דער צעסאוואי וועט קומען דא באלד צוריק (דען זייא האבין שוין גיהערט זיינע שריט) אונ וועט זיך איין קוקין אין דער צעלע דורך דיא שייבעל וואס איז אין איר טיר זאל ער זייא ניט דער זעהען , אונ וויא זייא האבין פאראויס בערעכינט אזו איז עס ווירקליך גישעהען , דער סאלדאט האט זיך איין גיקוקט אונ האט גאר ניסט וואס נייעס גימערקט , ער האט גיפרובירט דעם שלאס אונ האט אים גיפונען פעסט , דען ער וואר פאר שלאסין פון אינווייניג , אונ וויא נור זייא האבין דער הערט דאס דער צעסאוואי איז אוועק צוריק אונ זיינע טריט האבן זיך פערלארין ווידער וייט אין דעם אנדערן עק האלב רונד פון דעם קאראדאר , זיינען זייא אלע דרייא ארויס פון דער צעלע , האבין איר ווידער פאר שלאסן , אונ אזו אויך האבן זיי גיטאן מיט דער אייזערנע טיר וואס עפינט זיך פון דעם קאראדאר אין דעם טויטין זאל אונ זיינען ארויס

נאויס

גאנץ גליקליך פון דארט אויף דער שטראזע וואס עס האט אויף זייא דארט גיווארט אלימפיעס קארעטע, אונ זיינען הויך ערפרייעט אן גיקומען צו אונזערע צווייא פריינדע, עס איז ניט צו בעשרייבין דעם דאנק וואס דיא מאריאן האט פון זייא אלעמען בעקומען, אונ דער צו נאך דיא גרויסע פערשפרעכונגען וואס זייא האבין איר פאר שפראכין צו לוינען דער פאר:

עס וואר אויף זייער קווארטיר העכסט גיפייערט אין דיזער נאכט, דיא מאריאן אבער האט גימוזט באלד אוועק גיין פון זייא אום אוועק צו לייגין דיא ביידע שליסלען ווידער אויף זייערע פאריגע שטעלע וואו זיא האט זייא גינומען ביא איהרעם פאטער אין שטוב, דאמיט מען זאל ניט שפירען דאס דער קאמעראטא איז אנטלאפין, ניין מען מוז גלויבין דאס ער האט זיך נור ענטלייבט (זעלבסט ערמארדעט), דען זאנסט וועלין פילעליידין דער פון, איר פאטער, דיא וואכען, אונ נאך מעהר מען וועט אן הייבין דעם קאמעראטא שטארק צו זוכין, אונ מען וועט אים בודאי גיפינען, דען עס וואר דאן קיין פערשטעק זיכער דאן פאר דעם נאפאליאנס שפיר הונדע, וועט מען אים אבער האלטין פאר איינעם זעלבסט ערמארדעטין, וועט מען מיט אים קיינע גרויסע צערעמאניע מאכין אונ מען וועט אים באלד באגראבין אויף דעם מאהילניק פון אלע זעלבסט מערדער, אונ דאהער וואר דער מאריאן ניט גינוג דאס אנטלייפין פון דעם פרינץ, זיא האט נאך גימוזט אריין שמוגלען אין דער צעלע זיינע איין טויטין קערפער וואס זאל זיין פאהאזע אויף אים דאמיט מען זאל מיינען דאס ער האט זיך זעלבסט ערמארדעט, אונ וויא בערעכינט אזו איז ווירקליך גישעהען, דען באלד אויף מארגין וואר גימעלדעט דעם נאפאליאן דאס דער פרינץ האט זיך זעלבסט ערמארדעט, אונ ער האט אים גיהייסין באלד אויף דער שטעלע פערשארין:

אונ דיא מאריאן האט אזו גליקליך דיא שליסלען צוריק גילייגט אויף זייער פריהעריגע שטעלע, וויא גליקליך זיא האט זייא פון דארט גינומען, אונ איז זיך באלד דארויף אוועק צוריק צו דער אדעל דארט אין דעם אירענהויז:

6.

"דער פייער טאג פון נאפאליאן דעם ערסטין"

ווייל דער לודוויג נאפאליאן איז גיווארין קייזער פון פראנקרייך נור אויס דעם גרונד דאס נאפאליאן דער ערסטער וואר זיינער אפעטער, דאהער האט ער זיך בעמיהעט וויא נור מעגליך איז נאך צו טאן אים אלעס וואס נור ער האט גיטאן, אונ אין ווארהייט גינומען האט ער גאר קיין רעכט גיהאט אן צו רופין אים פעטער, אונ ווען אויך זיינע מוטער דיא הארטענזע וואס וואר דעם נאפאליאנס דעם ערסטינס אשטיפטאכטער, וואר דיא פרויא פון דעם לודוויג באנאפארט נאפאליאנס אברודער, ביא אלעם דעם איז אויס גיבריימעט איינע גרויסע דונקילהייט אונ איינע שטארקע אונגעוויסענהייט איבער דיא גיבורט פון דעם

נאפאליאן

נאפאליאן דעם דריטען, דען זיינע מוטער דיא הארטענזע בעהארנע וואר איר צייט לעבין גאר ניט אין איינעם מיט איר מאן, אונ דאך האט ער אן גינומען דעם נאפאליאן דעם ערסטין פאר איינעם ליבליכען פעטער, וויל מיט דיזעם נאמען וואר זייער לייכט צו ערשטייגין דעם פראנצויזישען טראהן, אונ אום דיזען יחוס גיוויסער צו מאכין האט ער זיך שוין גימוזט צייגין פאר דעם פראנצויזישען פובליקום דאס ער איז איין עכטער נאכשלעקיל פון דעם נאפאליאן דעם ערסטן, אונ אום אפ צו פרישען דיא ליבע פון דיא פראנצויזין צו דעם נאפאליאן דעם ערסטין וואס דורך דעם וועט זייערע ליבע איבער גיין פון דעם פעטער אויך אויף דעם אנקעל (פלימעניק) דאס הייסט אויך אויף אים, האט ער איין גיפירט באלד דאס מען זאל אין דעם פופצעהענטין אגוסט פייערין אין גאנין פראנקרייך דעם געבורטס טאג פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין וואס איז גיבארין גיווארין אויף דער אינזעל קארסיקע אין דער שטאט איאצע אין דעם יאר 1769 דעם 15 אגוסט, אונ דיא פראנצויזין וואס זיינען זייער גינייגט צו דעם פריילכין לעבין ווארין העכסט צופרידין מיט דיזעם נייען פייער טאג, אונ נאפאליאן וואס ער האט זייער גוט גיוואוסט וויא לייכטזיניג דיזע לייט זיינען, האט ער עס גיוואוסט וויא מעגליך איז צו גיברויכין עס צו זיינעם נוצין, ער האט בעפוילין דאס אלע יאר אין דיזעם טאג זאלין אלע טעאטער הייזער שפילין בעזפלאטנע, אונ עס זאלין גימאכט ווערין פובליצנע פאלקס שפילין, צום ביא שפיל פייער ווערק, מוזיקע, שנאפס אונ ביר אונטער דעם פאלק אויס טיילין, אין איינינע מאנאטין נאך זיינער קריינונג וואר גיפייערט דיזער ערסטער גיבורטס טאג מיט גרויס פראכט, דער גאנצער נאראד וואר אן גיטאן פייערליך (יום טובדיק), אלע גאסין ווארין אויס גיפלאגט (מיט פאנעס אויס גיהאנגען), דער ברוק וואר אויס גישאטין מיט געלבין זאמד, אין אלע פענסטער זיינען גילעגין גיפוצטע דאמען וואס האבין גילאזט פלאטערין ווייסע, בלאע אונ רויטע זיידענע טיכער, פון ביידע זייטין שטראזין ווארין אויס גישטעלט מיליטער (חיל), אינפאנטעריא (פאחאטע), קאוועלעריא (רייטער), אויך ווארין גימאכט זייער שיינע טריומפף בוינין (בראמען) פערפוצט מיט בלומען אונ מיט פאנען, עס וואר זיך ניט דורך צו שלאגין גיוועזן אין דיא גאסין איבער דיא פילע פאיאזדין פון אלער האנד קאליבער, עס וואר מיט אלע גלאקין גיקלונגען, אונ אין דיא קירכען גרויסע מאדליטוועס גימאכט, גיזונגען אונ גישפילט:

דער רעכטער פעסט (פראזדניק) האט זיך גידארפט אן הייבין ערסט נאך האלבין טאג אויף דעם וואנדאמישען פלאץ, וואס דארט ווארין אויס גישטעלט אלע קאנאנען וואס נאפאליאן דער ערסטער האט אוועק גינומען אין זיינע שלאכטין ביא אלע אנדערע מלוכות, אין מיטין איז דארט גישטאנען א הויכער זייל וואס אויף אים איז גישטאנען דיא שטאטוע (בילד) פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין אינם לעבין גרעסע (אין זיינעם גיוואונליכין סורטוק) אונ אין זיין דרייא עקענדיגען הוט, דיזער פלאץ וואר ארום גיבויט מיט בענק, מיט שטולען וואס

יואריז

וואַרין פאַר דונגען פאַר גוטע פרייזין אונטער גרויסע הערשאַפטין , אויך וואַר דאָרט איינע לאָזע פאַר דעם קייזער אונ זיינער פרויא אויס געשלאָגין מיט דעם גאָלד געשטיקטען סאַמעט , עס וואַרין אַלע ערטער בעזעצט , אויס גענומען נור איינע פרעכטיגע געביידע וואָס וואַר ניט וייט פון דער קייזערליכע לאָזע , אונ פון וועלכער וואַר גראַדע אַם בעסטין צו זעהען איז דער ווייטע געבליבין גאַנץ לעער אונ ליידיג , דער דאַך אונ די פענסטער וואַרין אונבעזעצט , דר באַלקאָן (גאַלערי) וואָס וואַר געצירט מיט טייערע פלאַגען (פאַנעס) , אונ טייערע בלומען וואָס האָבין אויס געברייטעט דעם פיינסטין גרוך : וואַר אויך גאַנץ לעער פון מענטשין , אונ וואַר וויא צו זאָגין נאָך שענער אַלס דיא קייזערליכע לאָזע :

אַלס עס איז אָן געקומען דיא שטונדע פון דער פייערליכקייט (פּאַראַדע) האָבין אויס געזעצט הונדערט קאַנאָנען , אונ עס האָט זיך אָן געהויבין צו ציהען אַגרויסע רייהע (צייל) פון דיא גייסטליכקייט (דוהאָוונע) מיט גרויסין פּאָמפּ (פּוין) , עס האָבין אָן געהויבין צו שפּילין פילע מוזיקע אונ פילע פויקין צו באַראַבאַנען , אונ ערסט דאַן האָט זיך געצייגט אויף דעם באַלקאָן פון דער אויבין בעשריבענע פּראַכט געביידע איין הויכער בעדינטער , דיזער וואַר קיין אַנדערער אַלס אונזער וואַלענטינע וואָס האָט דאָרט פון איינאַנדער געשטעלט איינגע שטולין , אונ באַלד וויא ער האָט בעענדעט דיזע אַרבייט אונ איז זיך אַוועק , האָט זיך בעוויזין אויף דיזעם באַלקאָן איינע יונגע דאַמע , אונ לעבין איהר איין העכסט שיינער קנאַבע וואָס וואַר זייער שיין געקליידעט , דיא דאַמע וואַר אַליין גאַנץ איינפאַך אונ דונקעל געקליידעט , זיא וואַר אַלעמען גאַנץ אונבעקאַנט , נור פון איהרע לאַנגע אונ שוואַרצע האָר וואָס וואַרין פאַר קעמט אַהינטער אונ האָבין פאַר דעקט איהרע שולטערין (אַקסלען) , אונ פון דעם טייערין אַמולעט (קמיע) וואָס זיא האָט געטראָגין געגין איהר לינקע ברוסט וואַר לייכט צוא פאַר שטיין דאַס זיא איז איינע שפּאַנערין :

איהרע שיינהייט אונ איהר אַנמוטיגעס בענעהמען האָבין אָן געצויגין דיא בליקען פון דעם גאַנצין פּובליקום אָן איהר , דאַס פון יעדער מונד האָט ערשאַלט איהר לויב „דאַס הייסט איינע שיינהייט“ האָט יעדער געשפּראָכין , „דאַס הייסט איין בילד , זיא איז איינע אויסלענדערין , אונ פאַר געוויס זייער רייך , דען זאָנסט וואָלט זיא ניט פאַר נומען אַזו איין טייערין אָרט“ , הינטער איהר האָט זיך געצייגט נאָך איינע ווייבליכע פיגורקע , איינע אַלטע דינערין , אָדער קאַמפּאַנאַנטקע , עס וואַרין אַלע אויגין געבליבין געריכטעט אויף דיזע שפּאַנישע שיינהייט זעלבסט אַלס דיא קייזערליכע פּאַרפּאַלק (נאַפּאָליאָן מיט עווגעניע) זיינען אָן געפאָרין מיט גרויס פּראַכט אונ גלאַנץ צו זייער לאָזע , אונ וואַרין אויף געוועקט פון דיזען זיסען טרויס (דיא קוקערס) ערסט דורך דעם גרויסין שאַל אורא ! אורא ! וואָס האָט פון פאָרין אַהער איין געדרונגען ביז אָן דיזען געהייבענעם אָרט , קוים האָבין זיך דיא קייזערליכע פּאַרפּאָלק איין געאָרדענט זיך (איזמעסצעט) אויף זייערע שטעלין , האָט דיא עווגעניע געריכטעט איהרע בליקען אויף דעם פּרעכטיגין באַלקאָן וואו

עס איז גישטאנען דיא שפאנירין , און איז גיוואָרין עפעס וויא צו מישט , דען דיזעס וואר עס צו זעהען פון איר גיזיכט , דאך האט מען ניט גיקענט וויסין אויף קלאר , צו זאל עס זיין אויס גייד (פערדרוס) דאס עס גיפינט זיך דא איינע דאמע וואס שטראלט איהר איבער מיט אירער שיינהייט , אדער וייל עס האט איר גיקריינקט צו זעהען , דאס אזו איינע טייערע שטעלע , דעם שענסטין באלקאן נעמט איין נור איינע איינציגע דאמע , און צייגט זיך דער מיט אלזו פארנעהם וויא זיא , אויך נאפאליאן זעלבסט האט זיין ערסטין בליק גיווארפין אויף דיזע אויסלענדערין , האט זיא בעוואונדערט , דאך אבער ניט איין וואָרט גישפראכין מיט זיינער פרויא וועגין דעם , און איז זיך גיבליבין זיצען רוהיג , ניט אזו אבער דיא עווגעניע וואס עס האט איר זייער שטארק גיוואורעמט (גיגריזעט) דאס דיא אויגין אלער זיינען גירכטעט אויף דיא אויסלענדערין , האט זיא אוואונק גיטאן צו איר צערעמאנאל מייסטער וואס איז גיזעסין הינטער איר דאס ער זאל איר זאגין ווער דיזע אויסלענדערין איז , דיזער וואונק האט אויף איין מאל גיבראכט אין בעוועגונג (אורוח) הונדערטע בעאמטע (ציגאווניקעס) און הונדערט קאמער הערען , וואס האבין זיך אלאז גיטאן אויף צו זוכין דעם מאפא (דעם אבער פאליצייא מייסטער) , און אין איינגע מינוטין וואר שוין צו זעהען אים שטייענדיג פאר דיא קייזערין וואס האט אים מיט איר ווייכין מונד גיפרעגט , „ווער איז דיזע דאמע וואס זיצט איינע אליין אויף דעם שענסטין באלקאן“ ? :

„דיזע דאמע“ האט ער איר גיענטפערט „איז איין אקארסט אויף גיגאנגענער שטערען אויף אונזערין הארראזאנט (קרייא) , און איז מיר דער ווייליע אזו אונבעקאנט וויא אייערע מאיעסטעט“ . „נוא איז מיר אוואונדער“ האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „דאס איר פאריזער אבער פאליצייא מייסטער זאלט אזו איינע פערזון ניט וויסין ווער זיא איז“ , דיזע רייד פון דער קייזערין וואר אים איין פייל אין זיינעם הערצין , „איהרע מאיעסטעט זאלין עס אבער באלד וויסין“ האט ער איר גיענטפערט זיך פערנייגענד פאר איר און איז אוועק וויא אויף דיא ווינדעס פליגלען , דער ווייליע איז דיא עווגעניע גיבליבין זיצין וויא אין פריסעק זעהענדיג דאס נאפאליאן פאר רייסט דעם קאפ אלע ווייליע צו דעם באלקאן וואו דיא אויסלענדערין זיצט , און נאך מעהרער איז איר גיווארן דיזע דאמע אינטערעסאנטער אלס זיא האט אן גיהייבין צו דער קענען אין איר גיזיכט גאנץ בעקאנטע ציגען (מינעס) , און איז גיווארין דורך דעם העכסט אונגעדולדיג און העכסט פערדריסליך אויף דעם פאליצייא מייסטער וואס פאר זאמט זיך מיט זיינער אנטוואָרט , און זיא וואלט פאר גיווים פערנאגען פאר אונגידולד ווען זיא וואלט עס באלד אליין ניט דער גאנגען ווער זיא איז , דורך דעם ערשיינען פון אפאר מאנעס לייטע וואס זיינען באלד ארויף אויף דעם נעמליכען באלקאן און האבין זיך גיזעצט לעבין דיזער אונבעקאנטע דאמע , און וואס זיא (דיא עווגעניע) איז גיוואָרין וויא צו שראקין פאר זייא אלס זיא האט זייא דער זעהען , דיזע צוויא ווארין קיינע אנדערע וויא אלימפיא און דער מארקיז דע מאנטאלאן , זייא האבין דיא דאמע

זייער פריינדליך גיגריסט, אונ דעם שיינעם קנאבע גיקוסט, אונ האבין זיך גיזעצט לעבין איר:

„אלזו וויים איך שוין ווער דיזע דאמע איז“ האט זיא צו זיך אליין גיזאגט, „א איך ערקענע איר דאס איז דיא דאלארעס וויא זיא לייבט אונ לעבט, דאך איז מיר נאך איבעריג צו וויסין ווארום איז דיא דאלארעס גיקומען אהער, האט זיא זיך דען פערהייראטהעט מיט דעם אלימפיא, אונ ווער איז דער קליינער אונ שיינער קנאבע“:

אונ דאך האט זיא (דיא עוועגעניע) ביא דיזעם אליין גישפרעך אירע אויגין ניט אראפ גינומען פון דער דאלארעס אונ ניט פון דעם אלימפיא, אונ האט אלין בעטראכטעט מיט ניידישע בליקין, וויא דער אלימפיא צערטעלט איר, האלובקעט איר, אונ קוקט איר אלין אין דיא אויגין, אונ פאר גינט זיך ניט איינע מינוטע אקוק צו טאן אויף דער קייזערליכע לאזע וואס ער וויים פערגיווים דאס זיא זיינע גיוועזענע גיליבטע זיצט אין איר, אלזו גינוג פעראכטונג אונ איינע גרינג שעצונג פון אים, א וויא אונערפארשליך זיינען עס דיא קרימונגען פון איינער פרויען הערץ, זיא מעג זיין העכסט גליקליך, גרעפין, פירשטין זיין, בעניידעט זיא איינע בעטלערין ווען זיא פון איהרעם מאנע געליבט ווירד, אונ פינדעט זיך בעליידיגט ווען דער נידעריגסטער מאנס פערזוין גייט מיט איינער גלייך גילטיגקייט איר פאר איבער, אונ ווער רעט שוין פון אזו איינעם וואס וואר אמאל איר געליבטער, אונ וואס איז נאך ווירדיג גיליבט צו ווערין, וויא דער פאל וואר דא מיט דער עוועגעניע אונ דער אלימפיא וואס דער נאפאליאן האט אוים גיוויזין געגין אים וויא איינע אפע געגין אמענטשין:

גינוג זיא וואר העכסט ניידיש (מקנאדיג) אויף דיא דאלארעסעש גליק דאס זיא ווערט גיליבט פון דעם אלימפיא וואס ווירדיגט ניט איר (עוועגעניען) מיט איינעם בליק צו בעעהרין, אונ האט אלזו ביא זיך באשלאסין דיזע גרויסע גליקזעליגקייט מיט אלער מעגליכקייט אין דער וועלט צו שטערין, דער ווייל איז זיך דיא פייערליכקייט (פאראדע) איבער גילאפין וואס זיא וואר פאר דער עוועגעניע מער איין ליידען אלס איין פערגעניגין, אונ אלס עס וואר שוין אלעס צו ענדע, איז גיקומען דער אבער פאליציא מייסטער מיט אקלארע סוועדעניע צו דער עוועגעניע איבער דיא אויסלענדערין, דיא עוועגעניע אבער האט אים אבער גיזאגט דם זיינע מיהע וואר שוין אומזאנסט, דען זיא וויים שוין אלין וואס עס איז איר נייטיג גיוועזן צו וויסין פון איר „זיא הייסט דאלארעס קארטינע“ האט זיא צו אים גיזאגט „זיא איז איינע שפאנירין, זיא איז דא מיט איהרען אגיליבטין אלימפיא, נון וויים איך שוין אלעס“. „אונ דיזעם געליבטער האט איר גיקויפט דיזע פראכט גיביידע“ האט זיך דער מאפא אפ גירופין „איך מיין דיזעם הויז וואס זיא זיצט דא אויף זיין באלקאן“. „עס קען מעגליך זיין“ האט זיא זיך אפ גירופין „גינוג אבער איך וויים פריער פאר איך“. „אונ איך קען עס ניט בעגרייפין“ האט ער זיך אב גירופין „עס איז איבער נאטירליך“ דיא עוועגעניע האט אים גידאנקט

פאר

פאר זיין באמיהען זיך , אונ איז אוועק מיט דעם קייזער אין איר דווארעץ , אונ דאס פאלק האט זיך בעלוסטיגט דיא גאנצע נאכט אין דיא גאסין וואס גאר ניט לאנג ווארין זייא פאר גאסין אונ בעזודעלט מיט פראנצויזישע בירגער בלוט :

7.

"דיא גליקליכע טאגע"

בעפאר עס האט זיך נאך ניט גיצייגט דיא טרויער וואלקע אויף זייערען קוים ערסט אויסגילייטערטען הימל (גליק) וואס האט אין קורצין מיט אירעם שווערין לאסט גאנץ אונ גאר צערדריקט דאס פרידליכע הויז פון דער דאלארעס , האט אין אים גיהערשט איין גליקליכעס פרידען וואס וואר אין שטאנד צו פערגיטין איר פאר אלע אירע ביז העריגע ליידין , אונ עס האט אויס גיוויזין דאס זיא וועט שוין איר לעבין וואס וואר ביז אהער שטירמיש ענדין מיט גליק אונ מיט פריידין :

מיט פריידין האט איר דער אלימפיא ארויס גיפירט פון לוזאנעס אירען הויז , אונ האט איר מיט זיינער טרייסטענדער האנט גיווישט אירע טרערין , דער מארקיז מאנטאלאן האט דיזע שצענע צו גיזעהען מיט פריידין , דאס גלייכין וואר ניט צו בעשרייבין דאס גליק פון דעם וואלענטינא דאס דיא דאלארעס האט נור אים צו פערדאנקען אירע בעפרייאונג , אונ וואר אלזו אויך אויסער זיך פון פריידין , אויך דער קליינער זואן האט זיך ניט ווייניגער גיפרייט אלס זייא אלע , דען ער האט אין דיא דאלארעס איינע מוטער גיפונען , דען זיא האט אים דאך וויא מיר ווייסין ערצויגין אונ מיט זיך אומגישלעפט אויף אלע אירע עלענדע וואנדערונגען , ער האט נאך גידיינקט וויא דער ענדעמא האט אים ארויס גירויסין פון אירע הענדע , אונ האט אלזו אבין גיוויינט איצונד פריידין טרערין פון זיינע אויגין אין דיא אירינע :

אין אפאר טעג ארום האט דער אלימפיא גיקויפט פאר איר איינע פרעכטיגע גיביידע אויף דעם פלאץ וואנדאמא , דאס זעלביגע הויז וואס פון זייגעם באלקאן האט דיא דאלארעס צו גיזעהען דיא פייערליכקייט (פאראדע) פון דעם נאפאליענס דעם ערסטין גיבורטס טאג , אום צו וואונען אין אים נאך זייער הויכצייט , דער ווייליע האט ער איר דארט אריין גיזעצט מיט דעם זואן , מיט דעם וואלענטינע , אונ האט איר נאך צו גיגעבין איינע אלטע דינערין , ער אליין איז דער ווייליע גיבליבין אין זיינעם פאריגין קווארטיר . ער פלעגט צו איר קומען פון אווענד אויף טייא , אויף קאווע , אום זיך אונטער צו האלטין מיט איר , זיא האט אים דער ציילט אלעם וואס זיא איז אויס גישטאנען פון דעם ענדעמא . פון דער העקסע , פון דעם דאקטאר לוזאנע , אונ דער אלימפיא האט איר פאר שפראכין דאס ער וועט זיך אפ רעכענען מיט דיזעם פר ברעכער , ניט מיט לייב שטראפין נור דורך גיוויסענס פלאגען (גריזענע סאוועסט) , דען אין זייערע איידעלע געמיטהער האבין זייא גימיינט דאס זייא האבין זיך שוין ניט צו פירכטין פאר דעם ענדעמא , דען

פאר

פאר געוויס וועט ער זיך שוין מעהר ניט וואגין וואס שלעכטעס אונטער צו נעמען געגין זייא, צום אונגליק האבין זייא זיך גאנץ געאירט אין אים, דען דיזער ענדעמא וואר אזו איינער וואס לאזט זיך ניט אזו לייכט אפ שרעקין, דאס ער זאל איין לאזין וואס ער האט נור איין מאל בעשלאסין בייא זיך עס אויס צו פיהרען.

אויך דער פרינץ קאמעראטא וואס איז בעפרייט געווארין דורך דיא מאריאן וואר אויף גינומען פון דעם מארקיז אונ דעם אלימפיא זייער פריינדליך, אונ איז געווארין איין געהיימער מיטגליד (צלען) פון זייערען קליינעם אונ פערטרויטין פאמיליען קרייז, ער האט זיך גאנץ אנדערס אומגעקליידעט אונ אויך איין אנדערין נאמען געגעבין "אקטאוויוס" אונ האט זיך גאנץ ווייניג געוויזין אויף דער ווייסער וועלט אום ניט ערקענט צו ווערין פון דעם נאפאליאנס פיסקאלין, אונ האט אזו פאר לעבט שטילע אונ רוהיגע טאגע אונ וואכין אין דעם קווארטיר פון דיזע פריינדע זיינע, אונ האט זיך אויך ניט פאר געסין אן דיא מאריאן זיינע רעטירערין, דער וואלענטינע האט איר אן געבראכט צו איינער אלטליבע וויטווע פון שיינעם שטאנד וואס פירט איין ארענטליכעס לעבין, אונ עס וואר איר געצאלט פאר דער מאריאנס עסין אונ טרינקען, שוכין אונ קליידין, פאר וואוגונג אונ בילדונג הונדערט פראנק אמאנהייט דורך איין געוויסין באנקיר וואס דער קאמעראטא האט אוועק געלייגט בייא אים איינע געוויסע סומע געלט דארויף וואס זאל טראגין פראצענט הונדערט פראנק, אונ זיא האט אלזו דארט ווידער אויף געבליהעט וויא איינע פערשמאכטעטע ראזע (רויז) דורך איינעם קיהלין טויא וועטער, אונ האט אלזו זיך פערגעסין אן איר פאריגין עלענד וויא אן איינעם געסטעריגען טרוים, אונ בייא אלעם דעם פלעגט זיא אלע טאג נאך בעזוכין דיא אירזיניגע (משוגענע) אדעל וואס איז נאך געזעסין אין דעם אירענהויז פון דעם לואזאנע, אויך איז זיא געבליבין איינע פריינדין פון דער דאלארעס, פלעגט צו איר קומען אפאר מאל אין דער וואכע, אום אפ צו געבין צו זאמען איין דאנק אונ איין לויב דעם גרויסין בעשעפער פאר דיא גרויסע גינאדין וואס ער האט מיט זייא ביידין גיטאן, אונ זוארין דער בייא העכסט פריילייך אונ לוסטיג:

דיזע גוטע טאגע אבער האט דיא דאלארעס ניט פאר לעבט נור אין זויז אונ ברויז, אדער בייא דער טאלעטע (פוץ טיש) וויא איינע לאזעם (לויזע) מיידכען, ניין זיא האט זיך גינומען זייער שטארק צו דער לעקטירע (בילדונג), דען דער אלימפיא האט איר גידונגען דיא בעסטע לעהרער, אונ פערשאפט דיא בעסטע ביכער, אויך איין טייערין פארטעפיאן מיט אגוטין מוזיקוס, אויך האט זיא זיך זייער שטארק באשעפטיגט מיט וואולטהאטין (דאס הייסט מיט מעשים טובים), מיט צדקה געבין, מיט אפטערע בעזוכע מאנכע קראנקע נאכבארין, אונ דיזעם אלעם האט איר גימאכט נאך ליבער אונ שענער אין דיא אויגין פון דעם אלימפיא אונ גיאכטעטער בייא דעם מארקיז, אזו זיינען זיך איבער גילאפין בייא זייא איינינע מאנאטע אין דעם גענוס פון שטילען אונ אונשולדיגין פריידין,

צור אין קליינער טרויער וואלקין האט געטריבט (פאר חמארעט) זייערין רייגעם הימעל (גליק) אויף איינינע טאגע, אונ דאס וואר דער טויט פון דער אדעל, דען עס האט זייער שטארק גיווירקט אויף איר באלארעס שיידין זיך פון איר, זיא האט איר ניט גיקענט אזו גאר איין מאל בעזוכין, איבער דעם לואזאנע, איבער דעם ענדערמא וואס קומט נאך פיליכט אהין, דען דיא אונשולדיגע זיילין שעמען זיך אן צו קוקין זייערע אומגירעכטע פייניגער, דיא אדעל איז גישטארבין, אונ וואר העכסט בעדויערט פון דעם מארקיז, ער האט איר גאנץ אויף ריכטיג בעוויינט, האט איר גילאזט בעגראבין אויף זיינע קאסטין העכסט פייערליך, דיא גיזעלינשאפט זייערע האבין אן גילייגט טרויער אויף איינינע טעג, אונ נאך דער וואר מען ווידער מונטער וויא גיוועזן, אונ דער אלימפיא האט אן גיהייבין שוין צו מאכין גרויסע אנשטאלטין (צוא ברייטונגען) צוא זיינער פערמעהלונג (חתונה האבין) מיט דער דאלארעס, מיט וועלכער ער האט גימיינט שוין צו פאר לעבין זיינע יארין אין איינער הייזליכע רוהע, דען זיין ביז העריגעם שטירמעשעס לעבין איז אים שוין צור לאסט גיפאלין, אונ האט זיך געזעהנט (גיביינקט) נאך דער רוהע וויא איין מידער וואנדערער נאך איינער שווערער רייזע איבער בערג אונ טאלין:

דאך דיזער וואונץ וואר אים ניט פערגונען פון הימעל (פון גאט), דען קוים וואר ער שוין פערטיג מיט אלע פארקערונגען (הכנות) צו זיינער האכצייט, האט נאפאליאן אן גיזאגט קריג געגין רוסלאנד, עס וואַרין בערופין אלע אסטאוונע אפיצירין, פולקאווניקעס, יענעראלין, צוריק אין דינסט, איין קריגעס גייסט (רוח המלחמה) האט בעהערשט גאנץ פראנקרייך, אונ האט אויף גיוועקט אלע העלדין געמיטהער וואס האבין איין גישלאפין שוין לאנג אין איינעם הייזליכין לעבין, אדער אן דער ברוסט דער ליבע, אונ אזו אויך אונזערע צוויא פריינדע דעם מארקיז אונ דעם אלימפיא, אונ אזו אויך דעם קאמעראטא וואס זייערע שווערד האבין שוין לאנג גיראסטעט אין זייערע שיידין, דער מארקיז וואר דער ערסטער וואס וואר ערגריפין פון דעם קריגס געטימעל (טומול), נאך אים דער קאמעראטא, אונ דיזע צוויא האבין מיט זייערע רייד אן גישטעקט אויך דעם אלימפיאן דאס ער זאל מיט זייא גיין אין קריג, עס וואר אבער שוין גאנץ שווער גיוועזן צו בעוועגין אים צו דיזען שריט (טריט), דען ער וואר שוין אנגיקייטעט זייער שטארק אן דיא דאלארעס, וויא אויך עס האט זיך אין אים ערוואכט זיין אלטער העלדין מוטה אונ האט וויא מיט דעם ווינדעס וועהען גיוואלט אים פערטראגין אויף דיא קרימער שלאכטפעלדער, עס וואר אים אבער ניט צו בעוועגין צו דיזעם שריט פאר קיין פאך, אונ וואלט פאר גיוויס פערבליבין צו הויז ווען ער וואלט ניט באלד דארויף אן גיטריבין גיווארין דער צו פון איינער העכערין מאכט, אונ דיזעם וואר דיא קיניגין איזאבעל פון שפאניען, וויא מיר וועלין דא באלד עס ערציילין אין קורצין:

אין איינעם פריא מארגין פון דיזען טאגען וואס פאריז האט גיקאכט פון

דעם מאניפעסט אין וועלכעם עס וואר אן גיזאגט קריג געגין רוסלאנד , אלס אונזערע ביידע פריינדע זיינען גיזעסין בייא דעם טיש אונ האבין ניפריסטיגט , איז אריין צו זייא דער אלצאגע דער שפאנישער גיזאנדטער אדער דיפלאמאט , מיט איינעם העכסט פריילכעם גיזיכט "איך בין גיקומען צו אייך מיינע ליבע הערען" האט ער זיך אפ גירופין צו זייא נאך דעם וויא ער האט זייא פריינדליך גיגריסט "מיט איינעם אויפטראג (פארוצענע) פון אונזערער קיניגין איזאבעלע . "אונ וויא איז עס מעגליך" האבין זייא זיך אפ גירופין צו אים "דאס איזאבעלע זאל זיך ווענדין צו אונז קארלאניסטין מיט איהרעם איין אויפטראג" ? "דאן קארלאס" האט זיך דער אלצאגע אפ גירופין "איז שוין גלייך וויא בעזיגט (איין גינומען) אונ זיא פערצייהעט אלע זיינע מיט שטרייטער , אונ נעמט זייא אויף מיט פריינדליכע ארמע (ארעמס) אין איר ארמייא , אונ אום צו צייגין זייא וויא וייט זיא איז זייא גוט אונ אכטעט זייא . האט זיא דיא גרעסטע העלדין פון דיא קארלאניסטין גיציילט איצונד אונטער דער צאהל פון אירע אייגענע יענעראלין וואס זיא שיקט זייא בייא צו וואונען אדער מיד צו מאכין דיא פראנצוזישע אייגעלשע שלאכט געגין דיא רוסין , עס וועט מיט גיין מיט אייך אויך דער יענעראל פרים , אונ האט אייך צו גלייך צו גישיקט יענעראלסקע שליפעס מיט איינעם דיפלאם (אטעסטאט) , אונ דער צו נאך איין לויב שרייבין איבער אייך צו דעם קייזער נאפאליאן" אונ האט עס באלד עס איבער גיגעבין אין דעם נאמען פון דער קיניגין איזאבעלע :

דיזער אויפטראג פון דעם אלצאגע האט ניט פערפעלט (גיחיבעט) זיינע ווירקונג , דער העלדין מוטה אלימפיאס האט אין אים אויף גיפלאקערט וויא איין צערענדעם פייער , אונ האט זיך גיוואונצין צו זיין שוין אין קרים דעם פיינד געגין איבער , בייא אלעם דעם וואר אים העכסט שווער צו זאגין עס דיא דאלארעס וואס האט זיך דאן באשעפטיגט מיט צו בריטונגען אויף דער האכצייט , אונ וואר גאר ניט גיפאסט (גיריכט) אויף איינער שיידונג , קורץ דער פון עס האט גיקאסטעט דעם אלימפיא גינוג מיהע ביז ער האט זיך אפ גיוואגין צו קומען מיט דיזער טרויעריגע נאכריכט צו דיא דאלארעס :

ער האט עס איר מיט גיטיילט צוואר זייער געלינד (לייכט) מיט טויזנדע פערזיכערונגען , דאס אין פערלויף פון איינעם יאר וועט ער זיין צוריק אום צוא פעראייניגין זיך מיט איר אויף אימער אונ אייביג , בייא אלעם דעם איז זיא גיווארין דורך דעם העכסט בעשטירצט , גאנץ פערצווייפילט , אירע אויגין האבין איר ניט גישטילט , אונ עס האט גינוג גידויערט ביז זיא האט דיא שפראכע גיפונען , דען זיא וואר וויא געלעמט (פאפאלעקצירט) , אונ דאן האט זיא אן גיהייבין איין צו טענען מיט אים , דאס ער זאל צו הויזע בלייבין , ער זאל זיין לעבין שוינען , אונ זאל ניט זייערעןביידעס שיקזאל נאך אמאל צוא פראבע שטעלין "א אלימפיא ! אלימפיא" ! האט זיא זיך אפ גירופין צו אים "פאלגע מיך בלייבע צו הויזע אונ לעבע פרידליך אונ וואג ניט דיין לעבין פאר איין פרעמדעם

לַאנְד , מַיין הֶערְץ זָאגְט מִיר דָאס מִיר וֶועלִין אוּנְז שׁוֹין נִימֶער מֶעהְר זֶעהֶען , אוּנ אַיין טְרַייעֶס הֶערְץ לִיגְט נִיט , בֶּעטְרִיגֶעט נִיט , וַוייהֶע דִיר אוּנ וַוייהֶע מִיר וֶוען מִיר אוּנְז אִיצוּנְד טְרֶענֶען פוּן אַיינַאנְדֶער , אִיךְ זֶעה עֶס פָארְאוֹיס מִיר זַיינֶען אַלְזוֹ גִיוִויס פַאר לָארִין , אוֹיף אִימֶער גִישִׁידִין» :

אַלִימְפִּיָא וַואר צְוַואר גִירִירְט פוּן אִירֶע רֵייד , דָאךְ הָאבִּין זַייא גַאנְץ וֵוינִיג גִיוִוירְקְט אוֹיף זַיינֶעם וָואנֶעם חַאַראקְטֶער , עֶר אוּנ זַיין פְּרַיינְד דֶער מַארְקִיז הָאבִּין אִיר בֶּערוּהִיגְט וִויא וַוייט מֶעגְלִיךְ אִיז , הָאבִּין אִיר פֶערְשְׁפְּרָאכִין אִימֶער צוּ שְׁרַייבִּין , אוּנ בַאלְד נָאךְ דֶעם בֶּעעֶנְדֶעטִין קְרִיג קוּמֶען צוּרִיק מִיט גְרוֹיס עֶהְרֶע אוּנ גְרוֹיסֶע פֶּענְסְיָאנֶען , אוּנ הָאבִּין אָן גִיהַייבִּין צוּ צוּ בְּרֵייטִין זִיךְ צוּ דֶער וַוייטִין רַייזֶע , עֶס הָאט זִיךְ אָן גִישְׁלָאסִין אָן זַייא אוֹיךְ דֶער פְּרִינְץ קָאמֶערַאטָא אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען אָקְטָאוִויֶע , אוֹיךְ הָאט זִיךְ צוּ נִיבְּרֵייטֶעט צוּ דִיזֶער רַייזֶע דֶער קְלֵיינֶער זוּאַן וָואס וַואר שׁוֹין דַאן אַ יָאר פוּפְצֶעהֶען אַיין מוּטְהִיגֶער קְנַאבֶּע , פוּל מִיט זַיינֶעם פָּאטֶערְס פִילִיפּ , פַייעֶרִיגִין גַייסְט , עֶס הָאט זִיךְ אִים גִיוָואלְט אָן זֶעהֶען מִיט דִיזִין קְרִיג , אוּנ דֶער מַארְקִיז הָאט אִין דֶעם אַיין גִיוִוילִיגְט , אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם הָאבִּין זַייא אַלֶע גִינוּמֶען אֵיינֶעם רִירֶענְדֶען אָבְּשֵׁייד פוּן דֶער דַאלָארֶעס וָואס זַייא הָאבִּין אִיר גִילָאזִין בַּייא אַיינֶעם גוּטִין פוּנְדֶעס , בַּייא אֵיינֶער גְרוֹיסֶע פִּיל אַיינְטְרֶעגְלִיכֶע קַאמֶענִיצֶע , זַייא הָאבִּין אִיבֶּער גִילָאזִין בַּייא אִיר אוֹיךְ דֶעם טְרַייעֶן דִינֶער וַואלֶענְטִינֶען :

דִיזֶעס אַלֶעס אִיז גִישֶׁעהֶען אִין דֶעם יָאר 1854 , עֶס אִיז דַאן אַוֶועק גְרוֹיסֶע מַאכְט פוּן פְרַאנְצוֹיזִין אוּנ אַיינְגְלֶענְדֶער קַיין קְרִים , דֶער אֵיינְגְלֶענְדֶער פֶעלְד מַארְשַׁאל וַואר דֶער לָארְד רָאגְלַאן , דֶער פְרַאנְצוֹיזִישֶׁער פֶעלְד מַארְשַׁאל סֶענְט אַרְנָא , אוּנ מִיט אִים זַיינֶען אַוֶועק אַלִימְפִּיָא , דֶער מַארְקִיז , אָקְטָאוִויא אוּנ זוּאַן , דֶער רוּסִישֶׁער פֶעלְד מַארְשַׁאל וַואר דֶער בֶּערִיהְמְטֶער פַּאסְקֶעוִויץ , אָמֶער פַּאשָׁא וַואר דֶער טִירְקִישֶׁער אָן פִיהְרֶער :

8.

«דֶער בַּארְצֶעלַאנֶער אִינְפַאנְט»

בֶּעפָאר מִיר וֶועלִין מִיט גַיין מִיט אוּנְזֶערֶע צְווייא פְרַיינְדֶע קַיין קְרִים אוּם צוּ וִויסִין וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט מִיט זַייא אוֹיף דִיא שְׁלַאכְט פֶעלְדֶער , מוּזִין מִיר נָאךְ וַוארְפִין אַיין בְּלִיק אוֹיף דֶעם טְיוּלֶערִישִׁין הוֹיף (דְוָוארֶעץ) וָואס דָארְט אִיז דֶער וַוייטֶע גְרוֹיסֶע פַאר עֶנְדֶערוּנְגֶען פָאר גִיגַאנְגֶען :

דֶער נַאפָּאלְיָאן וָואס וַואר נִיט וֵוינִיגֶער נַייגִירִיג (צִיקַאוֶוע) אַלְס דִיא עֶוְוגֶענְיֶע צוּ וִויסִין וֶוער דִיא דַאלָארֶעס אִיז , נוּר אוֹיס אַיינֶעם אַנְדֶערִין גְרוּנְט אַלְס זִיא (דִיא עֶוְוגֶענְיֶע) , דֶען זִיא הָאט עֶס גִיוָואלְט וִויסִין נוּר אוֹיס פוּרְעֶם (הוֹילִין) אַייפֶערְזוּכְט (פֶערְדְרוּס) דָאס דֶער אַלִימְפִּיָא אִיר גִיוֶועזֶענֶער גִילִיבְּטֶער לִיבְּט זִיךְ אִיצוּנְד אִין אִיר (אִין דִיא דַאלָארֶעס) , אוּנ דֶער נַאפָּאלְיָאן הָאט גִיוָואלְט וִויסִין וֶוער דִיא דַאלָארֶעס גְרַאדֶע אוֹיס פוּן אַיינֶעם פַאר קֶערְטִין גְרוּנְד , וַוייל עֶר הָאט

זיך

זיך אין דעם ערכסטין אויגין בליק פאר ליבט אין איר (אין דיא דאלארעס), נון דיזער נאפאליאן האט אום צו דער גיין ווער דיזע אויסלענדערין איז זיך בעדינט (בענוצט) מיט דער הילפע פון זיינעם ערכסטין קאמער הערען באציאשי וואס מיר האבין שוין פון אים גירעט אין דיא פאריגע קאפיטלאך, אונ ער האט אים באלד אויס פינדיג גימאכט (דער גאנגען) דאס זיא הייסט דאלארעס איינע שפאנערין איינע גיליבטע פון דעם אלימפיא:

דיזער באציאשע וואס וואר פיל קליגער אלס פרימער איין גישליפענער שפיץ בובע (פלוט), אונ וואס וואר איין גיהיימער קופלער (פאקטאר) ביא דעם נאפאליאן אין זיינע ליבשאפטין נאך פאר זיינעם פאר הייראטין זיך מיט דער עווגעניע, וואר גינוג קלוג צו פאר שטיין דאס נאפאליאנס נאך פראגע נאך דיזער דאמע איז גיוויס פיל מעהר אויס איינער ליבע אינטערעסע אלס אויס איינער פאליטישע, דען דער באציאשי האט גאנץ גוט גיוואוסט דאס ער איז שוין גאנץ זאט מיט דער עווגעניע, אונ האט שוין אלזו אויגין פאר אנדערע דאמען, האט זיך דאהער (דער באציאשי) אן גיבאטין דעם נאפאליאן צו דינען אים אויך אין דיזער ליבשאפט „איך קען שוין דיזע דאמע פון גרונד אויס“ האט ער צו אים גיזאגט „זיא איז איינע פאלקאמענע שיינהייט, פון עכטין שפאנישען בלוט, אונ זיא שאצט זיך העכסט אומגליקליך וואס עס האט זיך אין איר פערליבט דער אלימפיא, אונ זיא וואלט וועלין וואס צום גיכסטין לויז ווערין פון אים“. „אונ דיזער אלימפיא איז אבער איין מאן אויף דעם פלאץ“ האט זיך דער נאפאליאן צו אים אפ גירופין „דער צו האט ער נאך זייער פילע גוטע פריינד וואס וועלין ניט שטיין פון ווייטין ווען איך וועל אים אן גרייפין, אלזו וועל איך ניט קענען אים אזו לייכט בעזייטיגין (אושטראניען) וויא דעם קאמעראטא, ווען עס איז איינע וואגע“. „מיט דיזעם אלימפיא“ האט זיך דער באציאשי אפ גירופין „וועלין מיר אונז אנדערם בעגיין, ווען עס לוינט אייך נור דיא מיהע אום דיזער דאמע“. „דיזע דאמע גיפעלט מיר זייער“ האט זיך דער נאפאליאן אפ גירופין, „זיא איז דיא פערלע פון מאדריד אונ פשיטא שוין פון פאריז, אונ איז אלזו גינוג ווערט וואס צו טאן אום צו בעפרייען איר פון איר לעסטיגען ליבהאבער דעם אלימפיא“. „אונ דיזעם אויס צו פירין“ האט זיך דער באציאשי אפ גירופין „וועט אייך ניט פיל מיהע קאסטין, איר דארפט נור שרייבין צוא דער קיניגין איזאבעלע פון שפאניען דאס זיא זאל אייך ביא דיזעם קריג דינען מיט איינינע גישיקטע יענעראלין, אונ רעכינט אריין אונטער דיזער צאהל אויך דעם אלימפיא, זיא וועט עס אייך ניט פאר זאגין, אונ דאן מארש נאך דער קרים, אונ דער אלימפיא וועט אייך שוין ניט שטיין אין וועג צו דער דאלארעס אויף אפאר יאר אונ פיליי‍כט נאך אויף אימער, דען פילע פילע וועלין זיך שוין ניט אומקערין פון דארט“:

נאפאליאן האט אויס גיהערט דיזען פארשלאג מיט גרוים פערוואונדערונג, האט ביא זיך וויא צו זאגין גיטראכט „איך האב מיך מיט דיזעם באציאשי ניט גינארט, ער פאר דינט אין העכסטין מאס צו זיין מיין ערסטער קאמער הער“.

אונ אלס נאפאליאן האט דיזען פלאן העכסט בעלויבט אונ גידאנקט, האט דער באציאשי שוין גיוואוסט צו בענוצין זיך מיט דיזער קייזערליכין גענאדין שטונדע צו נאך איינעם אנדערין פאר ברעכין "ווען מיר האלטין שוין דער ביי" האט זיך דער באציאשי אפ גירופין צוא דעם נאפאליאן "דאס איר זאלט אויף נעמען שפאנישע יענעראלין אין אייער ארמייא, וויל איך שוין ביי אייער מאיעסטעט בעטין פאר נאך איינעם שפאניער וואס ווינצט דיא עהרע צו האבין צוא דינען אונטער אייערע פאנען, אונ דיזער איינער איז איין גיוויסער ענדעמא הערצאג פון מעדינע וואס איך האב מיך בעקענט מיט אים ביי דעם יענעראל פערסיני, ער ווינצטע דאס איר זאלט בעשטעטיגין זיין אדעל דיפלאם (העראלדע) אלס הערצאג, אונ דער צו נאך איין גיוויסין אפיצירסקין צין, ער איז איין גוטער סאלדאט אונ מיליאן רייך, אונ איז גאנץ גישאפין צו זיין איין מיט גליד אונטער אונזערע נייעם האפשטאט:

"דיזער וואונץ אייערער זאל שוין ערפילט ווערין", האט אים דער נאפאליאן גיענטפערט, דען איך ברויכע אזעלכע לייטע וואס זאלין האבין מיר פילעס צו פאר דאנקען:

אלזו איז שוין דיר מיינע לעזערין גאנץ איינלייטענדע (קלאר), ווארום דער אלימפיא מיט דעם מארקיז זיינען בערופין גיווארין דורך דיא שפאנישע קיניגין צו דעם קרימער קריג, אונ דיזעם וואר וויא גירופין אויך פאר דיא עווגעניע וואס האט ניט פאר גונען דיא דאלארעס דיא ליבע פון דעם אלימפיא, דאך זיא האט זיך נאך ניט בעגענוגענד דער מיט אליין, זיא האט נאך ווייטער אלס איינע שיידונג גיוואלט, דען איינע גיקריינקטע אדער בעליידיגטע ליבע לאזט זיך ניט מיט אזו איין עטוואס בעפרידיגין, אלימפיא האט איר ניט גיווירדיגט מיט איינעם בליק, מיט איינעם קאפשיטלונג שטייענדיג ביי זיינער דאלארעס וואס האט נאך גיטראגין דעם בורלאנטענעם האלדז באנד וואס זי האט אים אמאל (ווי מיר ווייסן) גישיינקט שטייענדיג דארט ביי דער פאראדע פון דעם נאפאליאנס גיבורטס טאג, אונ האט זיך אלזו בעשלאסין צוא רעכענען זיך זייער שטארק אן זייא ביידין, אונ אום דיזעם אוים פירין האט זיא זיך בעדינט מיט איינער נייע ווייבס פערזון וואס איז אקארסט אן גינומען גיווארין פון איר פאר איינער שטאטס דאמע אונ נור צו דיזעם צעל:

דיזע דאמע וואר איינע שפאניערין וואס דיא עווגעניע האט איר אויף גיהייבין פון שטוב צו איינער הויכע שווינדעלענדע הויכהייט, אונ וואר אלזו דורך דעם פאר בונדען צו בלייבין אירע אפריינדין מיט לייב אונ זייל, אונ איר הערץ זאל זיין איין פאר שלאסענער סקלאד פאר אלע אירע גיהיימנים, אונ צוא גלייך איין גוטעם אונ זיכערעם ווערקצייג (ארודע) צו אלע אירע פאר ווארפענע (פאר דארבענע) פלאנען, זיא (דיזע נייע אן גיקומענע) האט זייער פיל גיליטין אין דער וועלט אונ איז גיווארין דורך דעם איינע מענטשין פיינדין, אונ דיא עווגעניע וואר דיא ערסטע וואס האט זיך איר גיצייגט פריינדליך, אונ איבער

הויפט

הויפט מיט אלעם גוטין, קיין וואונדער דאס זיא (עווגעניע) האט גיקענט שוין זייער פיל אויף איר רעכענען אונ פאר לאזין זיך אין אלע אירע גיהיימסטע אינטערעסין, אום דיזע פערזוין בעסער צו קענען מוזין מיר אונז צוריק אומקערין צו יענעם אווענט וואס דיא מאריאן האט זיך אטפראוועט אין דעם מארג, אונ וואס זיא האט דאן גיזעהען וויא מען האט דעם טויטין קערפער פון דעם בארצעלאנער אינפאנט אפ גיפירט אין דער שפאנישע פאסאלסטווא, אונ דיא צווייא פרויען וואס זיינען גישטאנען גיקנייט פאר אים זיינען אפ גיפירט אין דעם דווארעץ וואס דאס זיינען דיא פרויא זיינע אונ דיא טאכטער:

דיזע ביידע דאמען זיינען אפ גיפירט קיין טיולעריא וואו זיא ביידע זיינען אויף גינומען פון דער קייזערין זייער פריינדליך, זיא האט אפ גיפירט זייא אין איר גאבינעט, אום צו בעשפרעכין זיך מיט זייא גאנץ סאקרעטנע, דיא ביידע דאמען, דיא יונגע אונ דיא אלטע, האבין זיך פאר איר גיקניט, זיא האט זייא אבער באלד אויף גיהייבין, האט זייא גיבעטין זיצין אונ האט זייא פערשפראכין צו העלפין מיט וואס נור מעגליך איז, „איך האב גרויס מיטליידין מיט אייך" האט זיא צו זייא גיזאגט „איך וויים דאס דער פערשטארבענע וואר דער אינפאנט פון בארצעלאנע, דאך איז ער מיר אין גאנצין איין גיהיימניס וויא איינעם אנדערין, איך וויל איר זאלט עס מיר ענטדעקין, עס וועט דיזעס זיין צו אייערעם נוצין:

דיא אלטע האט זיך דער ביא בעגאסין מיט טרערין, פאר בראכין דיא הענט „א גרויסע אונ איידעלע קייזערין" האט זיא זיך אפ גירופין צו איר מיט איינער יאמערענדע שטימע „מיר זיינען נור פאר יאגטע, פערלאכטעטע, בעליידיגטע אונ העכסט גיקירצטע, אונ אייער מאיעסטעט איז דיא ערסטע פערזוין וואס זיך קימערט וועגין אונז, אלזו מיין מאן איז גישטארבין, אונ איך האב שוין מיינע טרויעריגע ראלע אויס גישפילט, אייערע גינאדען קענען שוין גאנץ ווייניג מיך העלפין, נור דיא איינציגע גיפעליגקייט קענען זייא מיר נאך צייגין, הייסין זייא מיך אפ פירין צו דעם טויטין קערפער פון מיינעם מאן, איך וויל אים בעגלייטין ביז זיין גראב, אונ פיליכט גליך מיט אים אהין אריין שטייגין אייערע נייעגירדע (לובפיטסטווא) צו וויסין ווער מיר זיינען וועט שטילין (בעפרידיגין) מיינע טאכטער וואס קען זיך ביא אייך אפ שטעלין אויף וויא לאנג איר וועט וועלין". „איך בין העכסט גירירט פון אייערע רייד" האט איר דיא עווגעניע גיענטפערט „אייער וואונץ זאל אייך גישעהען, איר וועט באלד אפ גיפירט ווערין אין דער שפאנישער פאסאלסטווא צו דעם קערפער פון אייער מאן אונ איר וועט אים בעגלייטין ביז אין מאדריד, אונ איך וועל שוין שרייבין אהין דאס מען זאל אייך מיט איינעם קליינעם פעסיאן פאר זארגין, אונ אייערע טאכטער וואס זיא איז נאך יונג אונ האט נאך מיט רעכט איינע לוסט צו לעבין וועל איך דער האלטין ביא מיר ווען זיא וועט נור וועלין" דיא אלטע האט זיך זייער טיף פערנייגט פאר איר, פייערליך גידאנקט, האט גינומען אבשייד פון איר, אונ מען האט איר באלד אפ גיפירט אין דיא שפאנישע פאסאלסטווא, אונ דאס מיידכ[ען]

איז

איז געבליבן אליין מיט דער עווגעניע . אונ דאן האט זיא איר געבעטן דאס זיא זאל זיך זעצען איר ענטקעגין אונ זאל איר דער ציילין וואס דער מער איז מיט זייער פאמיליע , אונ ווארום רופט מען איר פאטער מיט דעם נאמען דער שווארצער שטערין , דער אינפאנט פון בארצעלאנע :

"דיזע צווייא נעמען מיט וועלכע מיין זעליגער פאטער וואר גינאענט" האט זיא זיך אפ גירופין זייענדיג נאך אלין פאר דעקט מיט איינעם שווארצין וואואל גויא דיא זיטע איז בייא דיא שפאנערין "דיזע צווייא נעמען וואררין ניט אומזיסט , זייא זיינען געגרינדעט אויף דיא בעגעבינהייטין פון אונזער פאמיליען גישיכטע , אונ ווען זייא וועלין האבין גידולד אוים צו הערין דיזע גישיכטע וועט זיך שוין דאס גאנצע גיהיימנים , פון אונזער לעבין ענטהילען (אויף דעקין)" . "אונ איך וועל עס מיט פערגיניגין הערין" האט זיך דיא עווגעניע אפ גירופן , עס מעג דויערין ווייא לאנג עס וויל , דען עס אינטערעסירט מיך זייער :

"אלם עס איז אין דעם יאר 1788 גישטארבין אין שפאניען קארעל דער דריטער , איז גיווארין אקיניג נאך אים זיין זון וואס האט זיך גינאענט קארעל דער פירטער , זיינע פרויא וואר דיא מאריא לואיזא פון פארמא וואס האט אים גיבארין איינעם זון אין דעם יאר 1790 וואס לויט רעכט האט גידארפט זיין דער נאסלעדניק פון דעם שפאנישען טראהן , נור אבער דער הימעל (גאט) וואס וואר אונגינעדיג געגין דיא עלטערין , האט גיצייכינט דיזעם קינד מיט איינעם שווארצין פלעק אויף זיינעם שטירען וואס האט אוים גיזעהען ווייא איין עכטער שטערען , דיזער גיצייכינטער קרוין פרינץ וואר עס נאכהער מיין פאטער וואס האט גיהייסין דער אינפאנט פון בארצעלאנע , אונ דיזער צייכין איז איבער גיגאנגען פון אים אויף מיר , דען איך בין אויך ווייא ער גיצייכינט דער מיט" בייא דיזעם ווארט האט דאס מיידכען אראפ גיווארפין דעם וואואל פון זיך אונ האט איר גיצייגט דיזין פלעק , אונ צו גלייך ארוים גיוויזין דיא גרויסע שיינהייט פון איר גיזיכט וואס וואר פול מיט אדיל אונ אנמוטה , דאס זעלבסט דער שווארצער שטערען וואס וואר אויף איר שטירען האט נאך צו גיגעבין פיל חן צו איר פיזאגנאמיע , דאס דיא קייזערין האט זיך ניט גיקענט אפ וואונדערין , דען נאך האט זיא ניט אזו פיל הארמאניע (פראוועלנאסט) אין איינער ווייבליכע פערזין , דאס מיט רעכט האט מען גיקענט זאגין דאס זיא איז איינע מייסטער ווערק נאטעס :

"אלם דער אקוסער האט דער זעהען דיזין פלעקען בייא דעם קינד אויף דעם שטירען" האט זיא ווייטער דער ציילט "אונ האט עס גיצייגט דער מוטער קינינין האט זיא אים אפ גישטויסין פון זיך אונ האט פערשאלטין דעם טאג וואס ער איז אין אים גיבארין גיווארין , אונ זיא האט גילאזט מעלדין דעם פובליקום דאס דאס נייא גיבארענע קינד איז גישטארבין , ער וואר ערצויגין אין איינעם לעצטין צימער דארט אין הויף , אונ דיא מוטער האט זיך גאר ניט גיקימערט וועגין אים , אונ האט אין ווירקליכקייט ניט גיוואוסט צוא ער לעבט צו ער איז גישטארבין , אונ אזו האט זיך דער פאטער אויך ניט גיקימערט וועגין אים , דיא

טויפע (קרעסצענע) איז גישעהען גאנץ גיהיים, און מען האט אים איין נאמען גיגעבין פראנציסקא, און אויף גיוואקסין איז ער גיווארין אין איינעם וייטין קלויסטער, נאך אים האט די מאריא לואיזא גיבארין נאך צוייא פרינצין, דער ערסטער וואר פערדינאנד דער זיבעטער, און דער אינגערער הייסט דאן קארלאס, ביט קוקענדיג דארויף דאס מיין פאטער איז ערצויגין גיווארין אין דער גרעסטער דונקעלהייט (גיהיימנים) אין איינעם וייטין קלויסטער, איז ער דאך אין זיינעם דרייסיגסטין יאר גיוואר גיווארין ווער ער איז, איין פריסטער האט עס אים ענטדעקט, און איז דאהער באלד אנטלאפין פון דעם קלויסטער קיין מאדרידיאום צו דער גיין זיין רעכט, נון איז דארט דאן גישעהען גאנץ אונערהערטע זאכין:

קארעל דער פירטער דער לייבליכער פאטער פון מיינעם פאטער וואר גינוג צו שוואך אום צו שטערן דר קיניגין דס זיא זאל ניט לאזין אויס רופין און בעקאנט מאכין אין גאנץ שפאניען דורך איר גיליבטין גאדאיא, דאס דיזער זון איז איין סאמא זוואניץ (פאלשער) איין הוילער מערדער, און איז גיווארין אלזו בערויבט פון זיינעם נאמען און פון זיינער ווירדע, דיזע קיניגין האט אויך אומגימאכט איר אויס ערוויילטין גיליבטען דעם גאדיא אין איינעם פרינצין דע לא פאץ, אין דער האפענונג צוא בעזייטיגען (אטדאלען) דעם קרוין פרינצין פערדינאנדען דעם זיבעטין, און אזו אויך דעם קיניג זעלבסט אזו וויא זיא האט בעזייטיגט מיינעם פאטער, אום צו ערהייבין אויף דעם טראהן איר גיליבטין, און צו מאכין דער נאך ערבין דעם שפאנישען טראהן זיינע קינדער:

זיא האט פיינט גיהאט איר מאן דעם קרוין פרינץ אזו ווייט דאס זיא האט אריין גירופין קיין שפאניען נאפאליאן דעם ערסטין אום לויז צו ווערין דורך אים פון זייא ביידין, דיזעם אלעם האט אן גימאכט גרויסע אונרוהען אין שפאניען וואס האבין גימאכט איינע בלוטיגע ענדע פון אירע שלעכטע אויף פירונג, דען איר גיליבטער איז איבער גיגעבין גיווארן אין דיא הענט פון דעם אויף גיבראכטין (צארנידיגען) פעבעל (נאראד), און זיא אליין האט זיך גימוזט ערגעבין אונטער דעם שוץ פון דעם מוראט וואס וואר דאן דארט אין שפאניען פראנצויזישער וויצע קיניג, און דורך זיינע פערמיטלונג האט זיא בעפרייט איר גיליבטין פון דעם אויף גיבראכטין פעבעלם (נאראדם) הענט, און אם ענדע האט זיא און איר מאן פערדינאנד דער פירטער און איר גיליבטער גאדא זיך גילאזט מעלדין צוא דעם נאפאליאן דעם ערסטין וואס וואר דאן אין באיאני אונטער דיא בעוואכונג פון איינער פראנצויזישער קאנאוואי, און דארט האט דיא אוננאטירליכע מוטער אן גיקלאגט פאר דעם נאפאליאן דעם קרוין פרינץ פערדינאנדען דעם זיבעטין דאס ער איז איין פערעטער (איין מורד), און האט פאר לאנגט דורך אויס דאס מען זאל אים קעפין, נור דיזער פערדינאנד האט גיהאט גינוג מוטה צוא ריינינגין זיך פון דיזער פאלשע אנקלאגע, און האט בעשטיגין דעם טראהן פון זיינע עלטערין, און זיין פאטער קארעל דער פירטער און זיינע מוטער דיא מאריא לואיזע מיט איר גיליבטין האבין פאר לאזין שפאניען און זיינען אוועק קיין רום,

און

אונ האבן דארטן באלד דארויף בעענדעט זייער עלענדין לעבין , דען זייא זיינע דארט גישטארבין אין ארמוטה אונ אין שאנדע :

מיין פאטער דער אינפאנט פון בארצעלאנע וואס וואר דער ווירקליכער קרוין פרינץ , דען ער וואר דאך דער ערסט גיבארענער , אונ וואס וואר אצייט איין גישפארט אין גפיינגנים דורך דעם בעפעהל פון זיינער אוננאטירליכער מוטער , האט דאן גיהאט דאס גליק צו אנטלייפין , אונ האט זיך אומגעטריבין וויא איין גימיינער לאנד שטרייכער (בראדיאגע) מיט גרויסע לעבינס גיפאהרין , דען ער וואר זייער שטארק פערפאלגט (פרעסלעדעוועט) פון זיינעם ברודער דעם פערדינאנד דעם זיבעטין וואס איז גיווארין קיניג אין שפאניען :

אין גראנאדע האט ער גיהאט דאס גליק צו בעגעגענען זיך מיט דער אונגליקליכע פרינצעסין איינע קיניגליכע טאכטער וואס שטאמט ארויס פון דיא אבענסעראגאווישע פאמיליע וואס וואר אויך אזו פערפאלגט וויא ער (פרעסלעדעוועט) , האבין זיך ביידע פערהייראטעט , אונ זיא איז עס מיינע מוטער , איך בין גיבארין גיווארין נאך דעם טויט פון דעם קארעל דעם זיבעטין , אונ פון יענער צייט אן האב איך מיך מיט זייא אומגישלעפט פון שטאט צוא שטאט , פון דארף צו דארף וויא איינע ציגיינער פאמיליע , אונ האבין אין ערגעץ קיינע רוהע גיפונען , אונ וויל איך אונ מיין פאטער זוארין גיצייכינט פון גיבורט מיט דיא שווארצע פלעקין אויף אונזערע שטירענס , ווארין מיר גינאענט איבעראל מיט דעם נאמען „דער שווארצער שטערן“ , מען האט אונז אוים גיוויכען וויא דיא פעסט , וויא דיא ניט גוטע נאכט גייסטער , וויא מען האט אונז נור דער זעהען , האט מען זיך גיקרייצט אונ גאט גיבעטין דאס עס זאל עס צו גוטין זיין , דען מען האט אונזער באגעגינעם גיהאלטין פאר איין שלימען צייכין , אונ דאהער איז מיין הערץ אזו פול מיט מענטשין האס , מיט ווידער ווילען זעלבסט געגין דעם שענסטין מאנעם פערזוין , ניט אזו אבער וואר מיין פאטער , ער וואר איינער פון דיא בעסטע נאטורין , ער האט גאט גיבעטין זעלבסט פאר דיא וואס האבין געגין אים פאר בראכין , אונ האט גילעבט מיט מיינער מוטער אין דער גרעסטער איינטראכט (שלום) , אונ ווארין איין בייא שפיל פון איינעם פרידליכען אונ הייזליכען לעבין :

מיר הא בין אונז אומגיטריבין פילע יארין אין שפאניען , דיא פארפאלגונג (פרעסלעדעוואנע) איז גיווארין שוואכער פון טאג צו טאג ביז עס איז דיא אונרוהען פון דיא קארלאניסטין האבין אויף גיהערט , אונ דאן האט אונז דיא איזאבעלע פערוויזין (ארוים גיטריבין) פון שפאניען , אונ מיר זיינען ארייין קיין פראנקרייך , מיר זיינען אן גיקומען קיין פאריז גאנץ ארעם אונ עלענד , אונ דא האט מיין פאטער גיענדעט זיין לעבין אין איין עלענדין האטעל , אונ וואר נאך דער צוא בעליידיגט נאך זיינעם טויט דאס מען האט זיין קערפער אפגיפירט אין דעם מארג וואס דארט ווערין גיבראכט נור דיא קערפער פון דיא זעלבסט מערדער , פון פאר ברעכער , אלזו גרויסע קייזערין בין איך צו ענדע מיט מיינע ערצייילונג

אונ

און אלזו זייט איר דיא ערסטע וואס האט זיך ארונטער גיווירדיגט מיך אויף צו נעהמען אין אייער הויז און צו בעשפרעכין זיך מיט מיר, און פיליכט נאך אויס צו זעהענען מיך (פריינדליך מאכין) מיט דער וועלט און מיט דער מענשהייט, און וועל אזו האבין גינוג אורזאך צו בלייבין אייך פאר בונדין מיט לייב און לעבין אויף אימער און אייביג:

דיא עווגעניע וואס וואר העכסט גירירט פון דיזער ערציילונג, האט איר גערייכט דיא האנד זייער פריינדליך, „איך בעדויערע אייך“ האט זיא זיך אפ גירופין „און בין אלזו אין בעגריף (בדעה) אייך גוטעס צו טאן, זאגט מיר וויא הייסט איר“. „איך הייס אינעסא“ האט זיא איר גיענטפערט. „אלזו מיינע טייערע אינעסע“ האט זיך דיא עווגעניע אפ גירופין „פערבלייבעט בייא מיר, איך וועל אייך פאר איינע האף דאמע מאכין, בלייבט גיקליידעט שפאניס, דאמיט עס זאל בלייבין פערהילט בייא אייך אייער שטירען מיט דעם שווארצין שטערין, איר וועט אייך פאר געסין בייא מיר אן אלע אייערע פאריגע ליידין, און קימערט אייך ניט אום אייערע מוטער, דען זיא וועט שוין אויך זיין גוט פאר זארגט וויא איך האב אייך שוין פריער גזאגט“. „דאן פאר בלייבע איך אייך פאר קויפט אויף אימער מיט לייב און זייל“ האט איר דיא אינעסא גיענטפערט פאלענדיג אויף דיא קניא פאר איר און פאר גיסענדיג פריידין טרערין, און האט גינומען אפשייד פון איר אויף אפאר טעג אום צו בעגלייטין דעם טויטין קערפער פון איר פאטער און איר לעבעדיגע מוטער וואס האט מיט גירייזט מיט איר טויטין מאן:

דיא עווגעניע האט גילאזט דעם אינפאנט פון בארצעלאנע ארויס פירין מיט גרויס פאראדע, עס ווארין בייא דער באגלייטונג אלע האף לייטע, און נאך הער אלס דיא אינעסא האט גינומען אבשייד פון אירע טויטע און לעבענדיגע עלטערין, איז זיא אן גיקומען צו דער עווגעניע אין פאלאץ, האט דארט בעקומען באזונדערע צימערין און אגוטע בעדינונג, דיזע וואוילטהאט אבער וואר ניט געגרינדעט אויף איינער ריינער טוגענד (חסד), ניין זיא האט עס גיטאן נור אויס איינעם אנדערין גרונד, וויא מיר האבין פריער גיזאגט, זיא האט גיהאפט האבין איינע קלוגע און שיינע ווייבס פערזאן אין וועלכע זיא זאל זיך קענען איין טרויען מיט אלע אירע אונזויבערע גיהיימנים, און צו האבין צו גלייך אין איר איינע גוטע מיטשפילערין, און דיזעס האט זיא גימיינט צו געפינען אין דיזעם מיידכען וואס וועט איר זיין פערקויפט מיט איר געוויסען און וועט זיך נאך קענען מיט איר בעשפרעכין אין דער שפאנישע שפראכע וואס ניט איינער פון אירע הויף דאמען האבין עס פערשטאנען און וועט זיך אלזו קענען אונטער האלטין מיט איר פון אירע גיהיימסטע זאכין אין דעם בייא זיין פון זייא אלעמען, אין דיא ווייטערדיגע קאפיטלאך וועלין מיר שרייבין צו וועלכע שטרייכע (שטוקעס) וואר דיא עניסא פון איר גיברויכט, דער ווייל אבער בעאיילין מיר אונז נאך קרים צו דיא דארטיגע שלאכט פעלדער וואו הין עס איז אוועק דער אליספיא, דער מארקיז, קאמעראטא, זואן, און אויך וויא מיר ווייסין שוין דער ענדעמא

צוואר

צוואר ניט אום אים אוים צוא פעכטין דארט אגרויסען צין פאר זיך , דען ער וואר פון גרונד אוים איין האזענפוס (איין פלאחער מענטש) , עס האט אים אהין פערלייטעט (פאר פיהרט) נור דיא בלויזע ראבע (נקבה) , דען ער האט איין גיזעהען דאס נור דארט אויף דיא שלאכט פעלדער פון קרים וועט ער האבין איינע גוטע גילעגינהייט צו רעכענען זיך אן דעם אלימפיא , אונ נור צו ליב דעם אליין וואר אים דער באציאשי בעהילפליך גיוועזן אוים צוא ווירקין איין אדעל דיפלאם (הערעלדע) ביא דעם נאפאליאן , אונ צו גלייך דיא ערלויבנים אריין צו טרעטין אין דעם פראנצויזישען ארמייא , דען זייענדיג מיט אים איינינע מאל ביא דעם יענעראל פערסיני , האט ער אים דער ציילט אין איינעם מויש פון וויין זיינע פייערינע ליבע וואס ער האט צו דיא דאלארעס , אונ דעם גרויסין האס וואס ער האט צו דעם אלימפיא וואס ער האט איר ענטריסען פון זיינע ארעמס , אונ וויל זיך אלזא אן אים זיך רעכענען , אונ דער באציאשי וואס האט גיוואלט פון זיא ביידין לויז ווערין , פון דעם אלימפיא אונ דעם ענדעמא , אום דאס נאפאליאן זאל האבין פרייען וועג צו דיא דאלארעס , האט פאר גישלאגין דעם ענדעמא דאס ער זאל אריין טרעטין אין דינסט פון דעם פראנצויזישען ארמייא וואס איז בעשטימט פאר קרימער קריג , אום צו האבין דארט איינע גוטע גילעגינהייט צו ערמארדין דעם אלימפיא , דעם ענדעמא איז עס העכסט געפעלין , אונ האט אן גינומען דעם באציאזעש פלאן , אונ איז אוועק מיט זיינעם גוטין בעדינטין דעם איינגלענדער דזאן , וואס האט אמאל דעם אלימפיא אריין גישטויסין אין דער טעמזע :

9.

איין בליק אויף דיא קרימער שלאכט פעלדער :

דער אונגלייבר קריג וואס וואר דארט גיפירט צווישין דיא רוסין אונ דיא פראנצויזין איינגלענדער אונ טירקייא וואר העכסט בלוטיג , עס וואר גיפאכטין פון ביידע זייטין זייער היציג , אונ ביידע האבין דער ביא גיצייגט גרויסע העלדין טהאטען , אום עס אלעם ריכטיג צו בעשרייבין , איז ניט דא דער פלאץ דער פון , דען מיר בעשעפטיגין אונז דא מעהר מיט אונזערין היסטארישען ראמאן אלם מיט איינער פאליטישע גישיכטע , מיר וועלין דא נור שפרעכין פון אונזערע גיפייערטע העלדין וואס זיינען צו גלייך דיא העלדין פון אונזער גישיכטע*) , אונ דאס זיינען דער אלימפיא , דער מארקיז מאנטאלאן , דער פרינץ קאמעראטא וואס האט זיך אנאמען גיגעבין אקטאווע , אונ דער יונגער זואן וואס האבין זיך אוים גיצייכינט אין דיא אלע דארטיגע שלאכטין , אונ דאס אויך זייער קורץ אבער דאך גאנץ בינדיג (גישמאק) , ווייל מעהר ברויכין מיר ניט צו אונזער ערציילונג :

באלד

*) יעדע פערזון וואס עס ווערט דער ציילט פון איינע גישיכטע ווערט זיא אן גירופין „דער העלד פון דיא גישיכטע" :

באלד נאך דער שלאכט פון אלמע ביי וועלכער דיא פראנצויזין אונ דיא איינגלענדער האבין צוואר געזיגט (מנצח גיוועזן), דאך זייער שטארק גיליטין, האבין זייא דיא פראנצויזין זיך בעפעסטיגט אין איינעם לאגער וואס זייא האבין אויף גשלאגן (געמאכט) אין דעם זידען (דרום) פון שעוואשטאפל. אום צו ערוואַרטן דארט נייע קרעפטע (ארמייען) אונ נייע ארודעס, דען זייא האבין גוט פערשטאנען שוין דאס שעוואשטאפיל איז איין הארטער נוס צום קנאקין, אונ אין דיזעם לאגער איז דאן גישטארבין דער פראנצויזישער פעלד הער סענט ארנא, אונ אן שטאט אים איז גיווארין גלאווגע קאמאנדישצע דער מארשאל קאנראבערט:

דיזער לאגער וואר זייער אבשירגע אונ האט זיך אוועק גיצויגין ביז אהאלבעם מייל פון דער שטאט קאמיש, ער וואר גיבויט וויא איין שטאט מיט גאסין, מיט קווארטאלין, מיט נומערין, אונ אויך מיט איינעם אדרעסנעם שטאל, מיט איין טעאטער, עס וואר אין אים גילעבט לוסטיג וויא אין מאסלעניצע, אונ נאך פיל לוסטיגער, דען אין מאסלעניצע איז איין פאר פערפאסטין פון פלייש נור, אונ דארט אין לאגער וואר איין פאר פאסטין מיט דעם לעבין, דען עס ווארין גימאכט גרויסע פאר ברייטונגען אויך פון דער רוסישע זייטע, דאס דער קאנראבערט וואר העכסט בעזארגט וועגין איינעם בלוטיגין אויספאל פון שעוואשטאפיל אויף דיזע פראנצויזען:

אום צו וויסין גיוויסעס דר פון, האט ער אין איינעם גיוויסין טאג צו זאמען גירופין צו זיך זיינע יענעראלין, פולקאווניקעס, מאיארען, האט גיהאלטין מיט זייא איין קריגס ראטה דאריבער, אונ האט זייא צו גלייך גפרעגט „ווער איז אונטער אייך דער בעהערצטער וואס עס זאל מיר קענען בריינגען איינע קלארע נאכריכט פון דעם רוסישען לאגער וואס איז פאר דעם וואל פון שעוואשטאפיל, צו דיינקן זייא ווירקליך צו מאכין איין אויספאל, אונ אין וועלכער נאכט אונ פון וועלכער זייטע מיינען זייא אן צו פאלין אויף אונזער לאגער“?:

עס זיינען אלע גיבליבין שטיל, אויסער איינער אונטער זייא וואס האט זיך אויס גירופין מיט דיזער אונטער נעהמונג, אונ דיזער איינער וואר דר אלימפיא, „איך נעהמע עס מיר אונטער“ האט ער זיך אפ גירופין צו דעם קאנראבערט „נור מיט דעם ערלויבנים מיט צו נעמען מיינע קאמעראטין“ דער פעלד מארשאל האט עס אים ערלויבט, אונ באלד דארויף איז ער אוועק אין זיינעם גיצעלט. האט עס מיט גיטיילט דעם מארקיז וואס וואר ניט ביי דער סעסיאן, דען ער וואר דאן מיט איינעם פראנצויזישען אטראד אויף איינער רעקאגנאסצירונג (אויס קונדשאפטונג, אויסשפיאנירונג) דעם אקטאוויען (קאמעראטא) אונ אויך דעם קליינעם זואן, אונ האט זייא איין גילאדין צו זיינער בעגלייטונג (מיט גיין), זייא האבין עס אן גינומען מיט עהרין אונ מיט גרויס לוסט, האבין זיך זייער גוט בעוואפינט, האבין זיך ארויף גיזעצט אויף זייערע פערד אונ זיינען אוועק פון אווינד אין דער ווייטע שטעפע, יעדער שריט וואר פערבונדין מיט גרויס גיפאהר, דען דיא רוסישע פאטרולען פלעגין דורך צו ציהען דיזע שטעפע אלע נאכט אין

דער

דער ליינג אונ אין דער ברייט, זייא וואַרין אָבער גינוג גישייט אוים צו וויכין זייא, אונ אָן צו טאָן דיא פערד אויף דיא מיילער רימענע מויל קערב (קעלזעוואַנעם) דאַס זייא זאָלין ניט הירדזען, אונ אויף זייערע קאָפּיטעס נומעלאַסטיצנע פערדשוהע (שיך), דאַמיט מען זאָל ניט הערין זייערע שריט (טריט), אונ האָבין זיך אַזו אין דער דונקעלהייט פון דער נאַכט וואָס איז דאָרט זייער אָפּט שטירמיש אונ שטויביג גליקליך דורך געשליכען (דורך גיגנבת) דיא צווייא ליניען פון פּיקעטין וואָס זיינען גיצויגין אַרום דעם רוסישען לאַגער, אונ זיינען זיך דאָרט פערקראָכין אין איין דונקעלין וועלדיל פון וואו אוים זייא האָבין גיקענט זעהען אַלין וואָס עס טוט זיך אין דעם רוסישען לאַגער, דען עס וואַר דאָרט ליכטיג פון דיא פליטין פייער וואָס האָט גיברענט לעבין יעדין גיצעלט, אונ אַזו אויך פון דיא לאַמפּען וואָס האָבין גיברענט אינווייניג:

אַם בעסטין האָבין זייא פון דאָרט אוים גיקענט זעהען וואָס עס טוט זיך אין איין גיצעלט וואָס וואַר מיט זיינער אָפענע טיר גראָדע געגין זייא, ער וואַר גיבויט פון רעקיטע אונ פערלאַפּעט מיט לייס, ער וואַר לאַנג אונ שמאָל, אונ עס איז גישטאַנען אין אים איין לאַנגער טיש פאַר לייגט מיט זורנאַלין אונ פאַפּירין מיט קאָנווערטין, אונ מעהר אַלס צוואַנציג קאָנצעלערייסטע בעשעפטיגין זיך דאָרט, מיט דעם אָפּ שרייבין איין אָקאַרסט אַריין גישיקטין צירקולאַר „אַ דיזעם איז אונז אַם נייטיגסטין צו וויסין״ האָט זיך דער מאַרקיז אָפּ גירופין צוא זיינע קאַמעראַטין „גיווים מוז אין דיזעם צירקולאַר שטיין פון אַלעם דיזען וואָס אונז בעלאַנגט, אונ קענען דער פון פיל געוויסערס וויסען אַלס פון איינער אַנדערער קוועלע״. „גיווים איז עס אַזו״ האָט זיך אָפּ גירופין דער אַלימפּיאַ, נור וויא באַקומט מען עס? דאָס קען גישעהען נור מיט גוואַלד, אונ צו אַזו אַשריט ברויכט מען צו האָבין איינע גאַנצע פראַנצויזישע אַרמייא:

קוים אָבער האָט ער בעענדעט דעם לעצטין וואָרט, האָבין זיך אָן גידרייט צווייא רוסישע קאַנצעלעריסטין וואָס וואַרין זייער שטאַרק בעזויפין, זייא האָבין גיהאַלטין אין דעם אומקערין פון איינעם קאַבאַצאַק צוריק אין דיזער קאַנצעלאַריע, אונ האָבין זיך פעראירט אין דעם זעלבינין וועלדיל וואו דיא פיר פראַנצויזין וואַרין פערשטעקט, אונ זיינען דאָרט אַנידער גיפאַלין אונ זיינען גיבליבין ליגן, „גוט״ האָט זיך דער אַלימפּיאַ אָפּ גירופין „זייא זיינען גיקומען וויא גירופין״ מיר וועלין זייא אָפּ ציהען זייערע קליידער אונ וועלין אונז אין דעם פאַר קליידין פאַר רוסישע קאַנצעלעריסטין אונ אַריין שלייכען (אַריין קריכין בגנבה) אין דיזער קאַנצעלאַריע אונ וועלין דאָרט אָפּ שטולין (אָפּ גנבענען) איין צירקולאַר אונ נאָך מאַנכע אַנדערע פּאַפּירין, „עס איז אָבער צו פיל גיוואַגט״ האָט זיך אָפּ גירופין דער מאַרקיז, „עס פערשטייט זיך „האָט אים דער אַלימפּיאַ גיענטפערט „מיר זיינען דאָך אָבער ניט גיקומען אַהער אום אונז גימליך צו טאָן וויא אויף איינעם האָף באַל, מיר מוזין וואַגין אונ צו גלייך אוים פירין, מיר קענען אונז מיט ליידיגין ניט קומען צוריק, אַלזו וועט אונטער אייך מיינע הערען״ האָט

גינוג

גינוג מוטה צו גיין מיט מיר אויף דיזען מאסקען באל ? מוטה האב איך דער צו
האט זיך אפ גירופין דער קאמעראטא , גירעט אונ גיטאן , זייא האבין דיא צווייא
בערווישטע קאנצעלעריסטין אפ גיצויגין דיא קליידער זייער לייבט , דען זייא
האבין זיך ניט גיקענט קערין אונ ווענדין , אונ האבין נאך דער צו זייער שטארק
גישנארכט (גיחראפעט) , אונ דיא צווייא וואגע העלדזער האבין זיך אין דעם אן
גיטאן , אונ האבין נאך דער צו מיט גינומען איינע בוטעלקע שנאפס וואס זייא
האבין בייא זייא דער וויסט , פערמוטהליך (גיוויס) וואס זייא האבין פערשפראכין
זייערע קאמעראטין מיט צו בריינגען , אונ זיינען אוועק צו דער קאנצעלאריע ,
עס וואר שוין אין קאנצעלאריע גאנץ דונקעל , עס האט דארט גיבליסצעט נאר
איין ליכט , אטייל פון דיא שרייבער האבין שוין גישלאפין, גישנארכט אזו גאר ,
אטייל זיינען אוועק אויף נעכטליכע בעזוכע צו דיא ליוועראנטקעס , זייא וואר
נור אלזו נור אנגיהארשט (אן גישריען) פון דעם צעסאוואי וואס זייא שאטייען
זיך אום אזו שפעט בייא נאכט , ער וואר אבער באלד איין גישטילט מיט אגוטין
שלוק (זופ) פון דער בוטעלקע , אונ האט זייא אריין גילאזין אין דער קאנצעלאריע
גאר אן אשום פרעפיאצטווע (הינדערנים) , דען ער האט ווירקליך ניט גיהאט
קיין אורזאך מיט. וואס אפ צו האלטן זיי, דען זייערע פלאטצן אונ זייערע היטעלאך
ווארין מיט דיא זעלביגע קאלנירעס אונ לאמקעס , אונ מיט דיא זעלביגע נומערין
גיצייכינט וויא פון דיא איבעריגע קאנצעלעריסטין , אונ אין איניווייניג וואר שוין
ניט איינער וואך וואס זאל זייא אין עפעס שטערין , אונ זייא האבין דארט זיך
אויסערווילט פון דיא פאפירין וואס זייער הערץ האט גילוסט , אפאר פון דיא
נייע צירקולארין , אנייעם פלאן פון דעם באלדיגין אויספאל , אונ אין איינער
האלבע שטונדע זיינען זייא זיך ארויס גיגאנגען אן פלאטצין וויא זייא וואלטין
ארויס גיין נור צום מענשליכין גיברויך , אונ זיינען אוועק צוריק צו זייערע צווייא
קאמעראטין אונ ווארין אויף גינומען פון זייא העכסט ערפרייט , אונ זיינען אוועק
באלד צוריק צו דעם פראנצויזישען לאגער , אונ זיינען אן גיקומען אהין העכסט
גליקליך , דער קאנראבערט האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ דאנקען זייא פאר זייער
חראבראסט , פאר דיא ריכטיגע סוועדעניעס וואס זייא האבין אים גיבראכט , דען
דיא פאפירין וואס זייא האבין איבער גיגעבין האבין אים דיא אויגין גיעפינט ,
ער האט יעדין פון זייא דיא הענדע גידריקט , גיקוסט , אונ האט זייא באהאנגען
מיט ארדערס :

מיט דיזער וואגע שטיק האט גיקלונגען דר גאנצער פראנצויזישער לאגער ,
עס האבין זייא פילע גרויסע אפיצירין בענייידעט , מעהר פאר אלעמען האט עס
גיקריינקט דעם ענדעמא וואס האט גיזוכט דארט אלץ איינע גילעגינהייט וויא צו
ערמארדין דעם אלימפיא מיט דעם מארקיז , אונ וואס האט מיט זיינעם בעדינטין
דזאן גימאכט שוין פילע פלאנען דאריבער , אונ עס האט אים אלץ ניט גיגליקט ,
נור ער האט זיך גיטרייסט דאס דיזע ביידע פיינדע זיינע וועלין גיוויס אומקומען
בייא דער שלאכט וואס וועט דא באלד גישעהען בייא אינקערמאן וואס זייא

וועלין

וועלין גישיקט ווערין דארט אויף דעם ערסטין פייער, ער האט זיך אבער אין דעם אויך גאנץ בעטראגין, דען אלע פיר העלדין אונזערע האבין זיך דארט העכסט אויס גיצייכינט, אונ נאך מער דאס דער קאנראבערט זעלבסט האט גיהאט צו דאנקען זייא פאר זיין לעבין, דען ווען ניט זייא וואלט ער דארט אין דיזער שלאכט ענטוועדער אומגיקומען אדער גיפאנגען גיווארין פון דיא רוסין וואס האבין דארט גישטריטין וויא דיא לייבין, אונ וויא דיא ווארהייט צו זאגין האט נור דער אלימפיא מיט דעם מארקיז גיגעבין דאן אגוטע ווענדונג דער פראנצוזישען ארמייע אין דיזער בלוטיגע שלאכט וואס ער האט איר גיפירט צום זיג (נצחון) זאנסט וואלט פון איר אפום ניט ארויס, דען יען ניט זייא וואלטין דיא רוסין זייא אטאקירט פון אלע זייטין, אין דיזער שלאכט האט זיך אויס גיצייכינט אויך דער אקטאוויע דאס דער קאנראבערט האט אזאפ גינומען פון זיך דעם ארדען פון עהרען לעגיאן אונ האט אים אויף גיהאנגען אויף זיין האלדז, אויך דער קליינער זואן וואר פאזאלעוועט פון אים מיט דעם טיטעל מאיאר וואס אנבאטרעפט (נוגע) דעם אלימפיא אונ דעם מארקיז, ווארין זייא פון דעם קאנראבערט צו גישטעלט גיווארין דורך דעם פאראחאד קיין פאריז פאר דעם נאפאליאן זעלבסט:

10.

„ווערסאליען"

בעפאר מיר וועלין צו טרעטין צוא דער בעשרייבונג פון דעם נעהמען שעוואשטאפיל וואס דער מיט האט זיך גיענדיגט דער בלוטיגער קריג פון קרים, אונ בעפאר מיר וועלין בעשרייבין דיא מערדערישע טהאט פון דעם ענדרעמא אונ זיינעם בעדינטין דזאן, וועלין מיר אוואורף טאן אקורצין בליק אויף פאריז, אום צו וויסין וואס עס איז דארט דער ווייליע גישעהען מיט דער דאלארעס, וואס עס האט זיך וועגין איר (וויא מיר ווייסין פון פריער) פערשפונען אגרויסע אינטריגע אום צו מאכין איר אונטרייא געגין דעם אלימפיא:

צייט דער אלימפיא איז אוועק אין קרים וואר דיא דאלארעס (וויא אויך עס האט איר גאר גיסט גיפעלט) וויא אונטער איינעם טרויער פלאר, דען זיא וואר העכסט בעזארגט וועגין דאס לעבין פון איר היים גיליבטען, וואס זיא האט פון אים קיין בריף באקומען וויא אלע אנדערע פרויען פון זייערע מענער וואס זיינען אוועק צום שטרייט דארט אין קרים, ערסטינס ווייל עס איז זייער ווייט, אונ צווייטינס וואר איין גיהיימער בעפעהל פון דעם נאפאליאן, דאס מען זאל קיינע פריוואט בריף ניט אן נעהמען דארט, דאמיט מען זאל אין פאריז ניט וויסין אויך קלאר וויא עס גייט דארט צו מיט דעם קריג, אויסער וואס דיא צייטונג שרייבט וואס וואר גידרוקט אונטער דיא שטריינגסטע אויפזיכט פון דער צענזוריע, אונ וואס עס האט אלץ גישריבין איין זיג (נצחון) נאך דעם אנדערין זיג איבער דיא רוסין, אונ עס וואר אין פאריז איין ווארט אילומענאציאנען איבער

אילומענאציאנען , אונ ביא אלעם דעם האט מען אומזיסט ערוואַרטעט אין פאריז דעם באלדיגען צוריק קערונג פון דער פראנצויזישער ארמייא מיט זאנג אונ קלאנג לויט דער פריילינכע נאכריכטין פון דיא צייטונגען , עס האבין זיך אלזו דאהער פילע דאמען גיטרויערט אום זייערע מענער , אום זייערע גיליבטע , מער פאר אלע אבער האט זיך געגרעמט דיא דאלארעס וואס איר הערץ האט איר שוין פארהער גיזאגט דאס זיין שיידין זיך פון איר איז אויף אימער אונ האט גיוויינט אין שטילען , אונ האט זיך ניט גילאזט טרייסטין דורך דיא זיסע רייד פון איר טרייען וואלענטינא :

„לאז מיך זיך אויס וויינען“ פלעגט זיא אים אימער צו זאגין „איין פרויען הערץ פינדעט גרויסע ערלייכטערונגען אין אירע טרערין“ אונ ביא אלעם דעם וואר דער וואלענטינא איר איינציגער טראסט אונ איר איינזאמען לעבין , אונ פלעגט זיך מיט אים זייער אפט בעשפרעכין איבער דיא פערגאנגענע צייט , איבר דיא קאסטין אונ בעמיהונגען וואס דער אלימפיא האט אן גיווענדעט צו ליב איר ביז ער האט איר ווידר גפונן , אונ פלעגט זיך דער ביא דיא אויגין וויסען , דען זייא פלעגין ביא איינעם זוי פערטרויליכין גישפרעך ניט שטילען :

איין מאל זיצענדיג אזו מיט אים פערטיפט אין אזו פערטרויליכין גישפרעך , איז אריין צו איר איהרע אלטע דינערין אונ האט איר גימעלדעט דאס איין פארנעהמער הער ברויכט צו איר , זיא אבער האט זיך ניט גיאיילט מיט איר ערלויבנים , אונ איז אויך ניט ארויס צו אים , וויל עס האט איר העכסט בעפרעמדעט (גיחידושט) דאס איין פארנעהמער הער זאל וואס ברויכין צו איר , דען זיא האט ניט דיא מינדעסטע בעקאנטשאפט גיהאט אין פאריז , אונ האט דאהער ארויס גישיקט פריער דעם וואלענטינען צו אים דאס ער זאל אים זעהען אונ איר זאגן ווער ער איז, ער איז ארויס צו אים, האט אים בעטראכטעט פון קאפ ביז דיא פיס, אונ אלס ער האט איין גיזעהען דאס ער איז ווירקליך איין גרויסער מאן , דען ער וואר גיקליידעט אין איינעם רייכען אוניפארעם (מונדער), אונ דער צו מיט איינעם גליהענדען ארדען אויף דער ברוסט , האט ער אים אריין גיבעטין צו איר :

„פערצייהעט מיר מאדאמזעל“ האט זיך דער אונבאקאנטער אפ גירופין צו איר „דאס איך פערשווייגע אייך מיינען נאמען , דען דער ווילע האט עס קיין בעצוג (שייכות) צו מיינעם פארטראג (פארוצענע) וואס איך האב צו אייך פון איינער פיל וויכטיגערע פערזאן אלס איך בין“ . „איך בעטע זיצען מיין הער“ האט זיך דיא דאלארעס אפ גירופין צו אים „אונ טראגין זייא מיר פאר גאנץ אפין אייער אויפטראג וואס איר האט צו מיר, איך וועל עס גערין אויס הערין“ . „עס איז מיר בעוואוסט“ האט ער זיך אפ גירופין צו איר „דאס דער אלימפיא גיהערט אייך זייער פיל אן , אונ דאס ער איז אייך פיל מעהר אלס דיא גאנצע וועלט“ . „א איר זייט מיר איין ווילקאמענער באטע (אן זאגער)“ האט זיא זיך ארויס גיכאפט מיט גרויס האסט „פאר ניוויס האט איר מיר וואס גוטעס צו בענאכריכטען וועגין

אים , א איר מאכט מיך גליקליך״. „צוואר איז עס אזו״ האט ער זיך אפ גירופין „נור ניט מיר איז פערגוניגען עס אייך מיט צו טהיילין , דיזע פריידע האט מיין הער מיין זאנדער (שיקער) דער האלטין פאר זיך זעלבסט״ , „אלזו זאגט מיר אם גייטיגסטין״ האט זיא זיך אפ גירופין „ויא נענט זיך יענער גליקליכער וואו איז ער ?״ , „צו מיינעם בעדויערין״ האט ער זיך אפ גירופין צו איר „איז יענעם ניט ערלויבט צו קומען צו אייך״ , „פערגיוויס האט זיא זיך אפ גירופין״ איז אלימפיא אליין דא אונ האט אייך גישיקט אום מיך פאר צו ברייטין אויף זיינעם עמפפאנגען , דען ער פירכטעט דאס זיין אונגעריכטעט ערשיינען זאל ניט האבין איינע שלעכטע ווירקונג אויף מיינע געזונדהייט „עס איז ניט אזו ווייט וויא איר מיינט״ האט ער איר גיענטפערט , מיין אויף טראג בעשטייט נור דארין צו בעטין אייך דאס איר זאלט מארגין נאך האלבין טאג קומען קיין ווערזאליען (א שטאט וואס לעבען פאריז) אום צו עמפפאנגען פון מיינעם הערענס מונד זעלבסט איינע פריילינע נאכריכט , אונ ווען איר האט ניט קיין אנדערעס מיט וואס זיך צו ערפרייען פערגיוויס מוז עס זיין וועגין דעם וואס איר מיינט , אונ ווען איר ווערט דר צו איין ווילינן , זאל איך האבין די ערלויבענעס צו קומען זעלבסט צו אייך מארגן נאך האלבין טאג אום אפ צו פירען אייך אהין , „א ! האט זיא זיך אפ גירופין אום נור גוטעס צו הערין פון דעם אלימפיא וואלט איך אויך ווייטער גיפארין אלזו ערווארטע איך זייא צו דער בעשטימטע צייט״ , „נון פרייעט מיך דאס איך קעהרע מיך אום צו מיינעם זאנדער (שיקער)״ האט ער איר גיענטפערט פאר בייגענד זיך טיף פאר איר „מיט איינער ערווינסטען אנטווארט״ , אונ האט גינומען פון איר באלד איינעם העכסט העפליכען אבשייד :

קוים איז ער אוועק פון איר האט זיא זיך אן גיהייבין צו בעדיינקען איבער דיא רייד פון דעם אונבעקאנטין איבער זיין פערלאנג , אונ איבער איר איין ווילינונג דער צו , אונ האט זייער שטארק בערייעט איר פערשפרעכין , נור דער וואלענטינא האט איר בערוהיגט , אונ בייא אלעם דעם האט ער איר גיראטהען דאס זיא זאל אים מיט נעהמען , אגאנצע נאכט וואר זיא פול מיט גידאנקען , דאס האט זיא גיקלערט ווער קען זיין יענער וואס לאדעט איר איין צו זיך , אונ דאס האט זיא נאך גידיינקט וואס קען איר יענער מיט טיילין , מעהר פאר אלץ אבר האט איר בעשעפטיגט דער אויסוואהל (אויסקלייבונג) פון איר גארדעראבע אין וועלכעס זיא זאל ערשיינען פאר יענע גרויסע פערזאן צו וועלכער זיא ווערט גירופין , אונ אזו וואר זיא אויף מארגין ביז זייגער פיר גאנץ בעשעפטיגט מיט דער אויס קליידונג אונ מיט דעם פוץ , אונ ארום פירין איז אן גיפארין דער געכטיגער אונבעקאנטער הער אין אטייערע קארעטע , דאלארעס האט זיך אריין גיזעצט לעבין אים , אונ דער וואלענטינא האט זיך אנידער גיזעצט אויף דיא קאזלעס לעבין קוטשער , קומענדיג צום וואגזאל האט דער וואלענטינא אן גימערקט דאס אלע בעאמטע (סלוזאסצע) פון באן שטייען מיט גרויס רעספעקט (דרך ארץ) פאר דיזעם אונבעקאנטין וואס פארט מיט זייא , אונ זיינען ווערטיג (גאטאוו) צו

ערפילין זיין מינדעסטין וואונש , און דארט האט זיך דיזער הער מיט דער דאלארעם אריין גיזעצט אין איינעם קייזערליכין וואגאן , דער וואלענטינא האט זיך אריין גיזעצט אין דעם עקסטין אדער פאדער צימער פון דיזעם וואגאן , עס האט איר אלס דיזס אזו גאר זייער העכסט בעפרעמדט , בייא אלעם דעם האט זיא עס זייער לייכט אראפ גישלונגן , ווייל עס וואר ביי איר אלץ ווערט אום נור וואס גוטעס פון דעם אלימפיא דארט צו הערין :

דיא שטאט ווערזאליען גיפינט זיך פערט האלבין מייל פון פאריז , לודוויג דער פערצעהענטער האט איר גימאכט פאר איין וויכטיגין פונקט , מיט דעם וואס ער האט דארט אוים גיבויט זיין זומער שלאס וואס האט גיקאסט נור גאנצע פערציג מיליאן פראנק ,״און אין דיזעם שלאס פלעגט נאפאליאן אויך צו פאר ברייענגען דיא לוסטיגע זומער צייט , עס איז איינע פרעכטיגע גיביידע איינע אויגין לוסט , דאס יעדער נייער בעזוכר וואר דארט גבלענדעט פון גלאנץ און עלעגאנץ , דארט בייא דעם ווערזאלער וואגזאל , האט זיא ערווארטעט אויך איינע פרעכטיגע קארעטע וואס האט זיא אפ גיפירט צו דיזעם דווארעץ וואו עס האבין זייא שוין ערווארטעט פילע בעאמטען און קלוזאסצע , דער אונבעקאנטער הער האט איר ארויף גיפירט דיא פרעכטיגע ברייטע מארמארנע טרעפ , און פון דארט האט ער איר אן גיהייבין צו פירין דורך פערשיידענע זעלר וואס זיא האט זיך ניט גיקענט אפ קוקין דארט אויף דיא טייערע מעביל , פאטרעטין און קאסטבארע געשירע און בילדער פונוברונז און פון מארמאר :

״איצונד מאדאמזעל״ האט ער זיך אפ גירופין צו איר ״זייגען מיר שוין אין אזו איין ארט וואס איך ברויך שוין ניט צוא מאכין איין גיהיימנים פון מיינעם נאמען , איך הייסע באציאשי דער אבער קאמער הער , און עס פרייעט מיך אייער בעגלייטער (בעלייטער) צו זיין״ . ״איך פאר שטייא אייך ניט מיין הער״ האט זיא זיך אפ גירופין צו אים גאנץ בעפרעמדעט (פערחידושט) , אזו איין מאן זאל זיין מיין בעגלייטער (פיהרער)״ . ״שפאצירין זייא אריין אין נאך אצימער״ האט ער זיך אפ גירופין צו איר ״ווערט שוין בייא אייך אלץ רעכט ווערין״ , אין דיזעם צימער אבער האט זיא צו איהרעם גרויסין שרעקין קיין אנדערין דער וויסט וויא נור דעם קייזער נאפאליאן אליין , און האט אן גיהייבין צו שרייטען (צוא טרעטין) צוריק, ״בלייבין זייא רוהיג שיינע מאמזעל״ האט ער זיך אפ גירופין ״דען זייא זייגען אויף דער רעכטער שטעלע וואס איך ברויך אייך , און איך בין עס דער זעלבער נאך אייך (שיקער) אום צו ערפרייען אייך מיט גוטע נאכריכטען״ .
״א גרויסער קייזער״ ! האט זיא זיך אפ גירופין צו אים ״צו פיל עהרע פאר אזו איין ארעמעס מיידכען וויא איך בין״ און האט אן גיהייבין דער בייא צו טומעלען וויא איינע בערוישטע :

אין דעם איז אן גיפארין צוא דיזעם דווארעץ איינע קארעטע וואס אירע רעדער וואורין בעצויגין מיט גומעפערצענע סיגעם , דאמיט זייא זאלין ניט רוישין אין פארין , און פון איר זייען ארוים גישטיגין צווייא דאמען וואס זייערע גיזיכטער

נארן

מארין נאנץ פערהילט (פערוויקלט) מיט שווארצע וואוואלען , איינע פון זייא ביידין האט ארויס גינומען פון דער טאשע איין שליסיל אונ איז צו גיגאנגען זייער האסטיג צו איינער קליינע פערשלאסענע טיר פון איינעם גיהיימען צימער וואס מען האט גיקענט פון אים דורך גיהיימע גייגע ארײין קומען אין דעם זעלביגין צימער וואו דער נאפאליאן האט זיך איצונד גיפונען מיט דער דאלארעס , וואס האט זיך נאך נית גיקענט אויס צוכען פון איר איבער ראסונג (פערוואונדערונג) , דאס זיא האט קיים גיקענט זיך אויסדריקין אונ זיך ערקלערין פאר אים דאס זיא קען נית בעגרייפין וויא אזו זיא קומט צו אזו איינע עהרע איין גיפירט ווערין צוא אים אין שלאפגעמאך :

„עס זאל עס אייך אבער אין מינדעסטן נית וואונדערן אונ נית בעאונרוהיגין" האט ער צו איר גיזאגט , „עס ליגט דא צו גרונד נור דאס איך וויל האבין דאס פערגניגין צו זיין איין גוטער אן זאגער אונ ווייטער ניסט , איר האט עס בייא מיר פאר דינט דורך אייערע שיינהייט אונ דורך אייערע גיהייבענע זיילע וואס איך האב גיהאט איינע גילעגינהייט מיט אפאר מאנאטע עס צו בעוואונדערין , אונ עס וואר מיר אלזו ליב צו פאר ברייינגען מיט אייך מאנכע שטונדע בייא אזו איינער גינסטיגע גילעגינהייט וויא דיזע איז איצונד צו ערפרייען אייך מיט גוטע נאכריכטין" . „פערצייהען זייא אייערע מאיעסטעט" האט זיא זיך אפ גירופין זייער צו מישט „איך בין נית גינוג מעכטיג דיזעם גליק אויף צו פאסין" . „דיזעס איז נור איינע באלד פאראיבערגייענדע שוועכע (שוואכהייט)" האט ער זיך אפ גרופן צו איר „זיי וועלן נור איין עטוואס גוטעס פון מיר הערין וועגן דעם אלימפיא , דא וועלין זייא באלד איין נייעם מוטה בעקומען , א וויא גליקליך איז עס דער אלימפיא וואס אזו איין שיינעס וועזען (בעשעפענים) וויא איר זייט לעבט אונ אטהעמט נור פיר אים" . „א דיזעם איינציגע נור" האט זיא זיך אפ גירופין „קען מיך ווירקליך אבפרישין אונ באלעבין , אלזו מעכטין אייערע מאיעסטעטין נית צעגערין (שיעות מאכין) דער מיט" . „א דאס איז אביסיל איין גליקס קינד" האט ער זיך צו איר אפ גירופין „אזו וייט גיליבט צו ווערין פון דער שענסטע דער פרויען , א איך מעכטע ווינצין בלויז נור איינע שטונדע זיינער שטעלע אין אייערן הערצין בעזיצין , נון צור זאכע מאדאמזעל , דער הער אלימפיא האט זיך העכסט אויס גיצייכינט בייא דער שלאכט פון אלמע , אונ בין אים אלזו העכסט געוואגען (זייער גוט) , אונ איך האב אייך גילאזט רופין צו מיר אום עס אייך צו מעלדין אונ פרעגין אייך מיט וואס איך זאל אים לוינען דער פאר , אונ דער צו נאך צו ליב מיינער גרויסער אכטונג וואס איך האב צו אייך , עס איז מיר איינע פריידע צו פאר ברייינגען דא מיט אייך מאנכע גליקליכע שטונדע , אונ וועל אלזו אויך פאר שטיין וויא אייך צו לוינען דער פאר :

קורץ אום דער גישפרעך זיינער צו איר איז גיווארין פון מינוט צו מינוט אלץ אויס גילאסענער אונ קיהנער (דערזקא) דאס דיא דאלארעס האט שוין זייער גוט פאר שטאנען וואו היין ער צילט , אונ וואס דער גאנצער אבזיכט וואר פון

זיין

זיין בערופין איר אהער , אונ עס האט איר אן גיוואנדעלט איינע גרויסע שוועכע אונ איינע איבעלקייט , עס האט איר בעגאנען איין נויט שווייס „עס איז מיר העכסט איבעל" האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „איך מוז פרייען לופט האבין" . „אונ דיזעס זאלין זייא עס באלד האבין" האט ער איר גיענטפערט , אונ האט איר באלד דארויף ארויס גיפירט דורך איינע זייטין טיר אויף איינע גאלעריע וואס איז גיווענדעט צו איינעם גרויסין לוסט גארטין , אונ האט דיא טיר הינטער איר צו גימאכט אונ איז פאר בליבין אליין אין שטוב העכסט צו טראגין :

קוים אבער האט זיך דיא דאלארעס איין עטוואס ערהאלט האט זיא אן גיהייבין צו זוכין איין ארט דורך וועלכין צו אנטלייפין , זיא איז דורך גילאפין דיא גאנצע ליינג פון דער גאלעריע ביז זיא איז גיקומען צו אשמאלע אונ גידרייטע שווינדעל טרעפ . זיא איז זייא ארונטער וויא אבליץ , דאך אבער האט איר דיזער גאנג (האד) ניט ארויס גיפירט פון דיזעם שלאס , זיא איז ארויס גיקומען נור אין איינעם דונקעלען קאראדאר וואס האט אין זיך פילע זייטין גיינגע , קורץ דער פון זיא האט זיך דארט דער ווסט וויא אין איינעם לאבעריגט (אירגיביידע) דאס זיא האט ניט גיוואוסט וואו זיך צו ווענדין , דען זיא וואר ניט זיכער מיט קיינעם גאנג דאס ער וועט איר פירין צו דעם ערווינצטען ציל (ארויס צו קומען אויף דער ווייטער וועלט) , דער צו נאך האט זיך איר פאר גישטעלט אלין פון גרויס שרעק דאס מען יאגט איר , אונ זיא וואר דאהער אין אזו אגרויסע פערצווייפלונג דאס זיא האט שוין גיוואלט שרייען אום רעטונג :

נור פלעצליך האט זיא דער הערט דאס רוישין פון זיידענע קליידער , אונ זיא האט זיך אפ גישטעלט אונ האט מיט האסט אויס גישריען „זייא מעגין זיין ווער זייא זיינען האט ערבארעמען מיט מיר אונ פיהרט מיך ארויס פון דאנן" , דיזע אונבעקאנטע פערזון וואר עס איינע פון יענע צוויא פאר שלייערטע דאמען וואס האבין ארויס גישטיגין פון דער קארעטע וואס איז צו גיפארין וויא מיר ווייסין צו איינער קליינע טיר פון דיזעם פאלאץ , „גייעט נאך , נאך מיך" האט איר דיזע דאמע גיענטפערט , דאלארעס האט גאט גידאנקט דאס ער האט איר צו גישיקט איינע בארעמהערציגע פרויא אין אירער נויט , דיא אונבעקאנטע האט איר אן גינומען פאר איר האנט אונ האט איר דורך גיפיהרט דורך קרומע אונ גיהיימע דונקעלע גיינגע , ביז זייא זיינען גיקומען צו איינער פאר מאכטע טיר וואס דיא אונבעקאנטע האט גיהאט דעם שליסיל פון איר , האט עס גיעפינט , איז ארין מיט איר אין איינעם זאל וואס זייא האבין דער ווסט דיא צווייטע דאמע וואס האט ארויס גישטיגין פון יענער קארעטע וואס מיר האבין דא פריער פון איר גישפראכין , פון דארט זיינען זייא דורך גיגאנגען נאך אנדערע גיהיימע גיינגע ביז זייא זיינען גיקומען צו דעם גלאווענעם ארויס גאנג פון דיזעם פאלאץ , זייא האבין דער ווסט דארט דעם וואלענטינען ווארטענדיג ביי דער קארעטע וואס האט זיא גיבראכט אהער :

אין דיזער קארעטע האט זיך ארין גיזעצט דיא דאלארעס דיא אונבעקאנטע

דאמע

דאמע , אונ דער וואלענטינא אויף דיא קאזלעס , את דעם באציאשי וואר שוין גיט צו הערין אונ ניט צוא זעהען , דיא דאלארעס וואר העכסט פריילין אונ העכסט גליקליך בייא זיך דאס זיא האט זיך גירעטעט פון דעם קיניגליכין שלאס , אונ האט גיקוסט דיא האנד פון דער דאמע וואס וואר איר צו הילפע אין דעם, „איר זייט מיר צוואר גאנץ אונבעקאנט“ האט זיא צו איר גיזאגט „דאך פאר שטייא איך דאס איר זייט נור פון דיא בעסטע מענטשין , אונ פיליכט גאר איין גוטער איינגעל“. „איך וויל אייך בעגלייטין ביז אין אייער וואוהנונג“ האט זיך יענע אפ גירופין אויף שפאניעס, וואס דם האט די דאלארעסין זייער בעפריינדעט מיט איר , „א אזו איר זייט אויך איינע שפאניערין“ האט זיא זיך אפ גירופין צו איר זייער פריינדליך , וויא איך מערקע פון אייער אויס שפראכע זייעט איר גיוויס פון אנדעלוזא , אלזו זאגין זייא מיר שוין אייערע ווערטען נאמען „מיך רופט מען אינעסא“ האט זיא זיך אפ גירופין , אונ וייל איר זייט אויך איינע שפאניערין וויל איך מיך זייער אפט זעהען מיט אייך, „עס פרייעט עס מיך זייער מאדאמע“ האט איר דיא דאלארעס גיענטפערט „אייערע בעזוכע וועלן מיר העכסט ווילקאמען זיין“ אונ האט זיך אלזו זייער וואַרעם גישיידעט פון איר בייא איר אראפ שטייגין פון וואגין לעבין איר קווארטיר , אונ האט איר גיבעטין אויף איינעם באלדיגען ווידער זעהען :

דעם וואלענטינען האט זיא ניט דער ציילט דאס מינדעסטע פון אלעם דעם וואס עס האט פאסירט דארט אין שלאס מיט איר , נור זיא האט אים פאר זאגט אין פאל ווען דער אונבעקאנטער הער וועט ווידער אהער קומען , זאל ער אים זאגין דאס זיא איז ניט צו הויז , אונ האט אלזו גימיינט דאס דורך דיזע קליינע פארזיכטיקייט וועט זיא זיין גיזיכערט שוין פון דעם נאפאליאן , ניין גראדע אומגיקערט , דיזע בעגעבינהייט פון דיזין אווינד האט נאך גיצויגין נאך זיך איינע טרויעריגע ענדע :

11.

„דער אונטער אירדעשע גאנג“

וויא אויך גרויס עס וואר דער בלוטיגער זיג (נצחון) פון דיא פערבינדעטע (פראנצויזין איינגלענדער אונ טירקען) איבער דיא רוסין דארט בייא אינקערמאן , האט ער דאך זייא קיין צעהנטיל פון יענע נוצין איין גיבראכט אויף וועלכע זייא האבין ערווארטעט צו באקומען פון אים , אונ דיא שלאכט פון אינקערמאן וואר נור אלזו וויא איינע הקדמה (פארריידע) פון פיל גוואלטיגערע אונ פיל בלוטיגערע שלאכטין וואס ווארין דער נאך ארום דיא וואלין פון שעוואשטאפיל , אונ נאך מעהר בייא דעם מאלאהאווסקען טורעם , מיר וועלין דא פאר בייא גיין אלע איינצעלהייטין (פרטים) פון דיזער שעוואשטאפעלער בעלאגערונג , אונ פון דער שווער נויט וואס דיא פערבינדעטע זיינען דארט אויס גישטאנען , אונ וועלין דער ציילין נור נאך איין עטוואס פון אונזערע ביידען פריינדע , פון דעם מארקיז אונ

אלימפיא, וואס האבין זיך ביא דיזער בעלאגערונג אויס גיצייכינט מיט נאך איינע גרויסע העלדין טהאט, אונ דער ביא וועלין מיר בעשרייבין דעם גיפערליכין אנגריף (נאפאדענע) פון דעם ענדעמא אונ זיין בעדינטער דזאן אויף זייערע ביידינס לעבין, אונ דאן וועלין מיר אונז צוריק אומקערין קיין פאריז:

דאס איינעם פון דען וויכטיגסטין מיטעלין וואס ווערין גיברויכט ביא דער בעלאגערונג פון איינער פעסטונג, זיינען דיא לייף גראבינס טראנשייען (אדער אונטער אירדישע (תאדין) וואס ווערין גיצויגין אונטער דער ערד פון דעם פיינדליכין לאגער ביז אונטער דיא וואלין פון קרעפעסין דאס עס זאלין קענען דורך זייא דיא פיינדליכע סאלדאטין איין דרינגען אהין, אונ דיזעם מיטיל וואר דאן אויך זייער שטארק בענוצט פון דיא פראנצויזין געגין שעוואשטאפאל, נון האט זיך געמאכט דאס אין איינעם נייעם לייף גראבין וואס דיא פראנצויזין האבין גיגראבין אין דעם זיבענצעהנטין אגוסט, האבין זייא אנגישטויסין אויף איינעם אלטין אונטער אירדישען גאנג (האד) וואס האט אויס גיזעהען דאס ער ציהט זיך אוועק ביז דעם מאלאחאוויקען טורעם, אונ וואס איז גימאכט גיווארין פון דיא רוסין זעלבסט נאך ביא דעם בויען דיזען פעסטונג אלס איין וואדא פראוואד (וואסער אבלייטונג אדער קאנאל) אבער ניט צו איינעם אויס פאל אין דעם פיינדליכין לאגער דורך אים, דען ער וואר צו שמאל אונ צו נידעריג דער צו, אונ וואר אלזו גאנץ קויטיג אונ דומפיג, אונ ביא אלעם דעם וואר דיזער פונד (מציאה) פון גרויס וויכטיקייט פאר דיא פראנצויזין, אונ וואר גלייך גימעלדעט דעם פעלד מארשאל פעליסע וואס איז דאן גיווארין אן שטאט דעם קאנראבערט וואס האט זיך אליין ענטזאגט פון דיזער גרויסע שטעלע, ווייל ער האט ניט הארמאנירט (מיט גישטימט) מיט דעם איינגעלשין פעלד מארשאל, דיזער פעליסע וואר איין מאן פון בלוטיגין כאראקטער וואס מענטשין בלוט וואר ביא אים וואלוויל וויא וואסער, וויא עס וואר שוין דאס ארויס צו זעהען פון זיינער וויררטשאפטין דארט אין אלגיר אין דיא שלאכטין געגין דיא אראבער, דאס ער האט גילאזט אומקומען אגאנצין שטאם זייערין (שבט), מענער פרויען אונ קינדער דורך שווערד רויך אונ פייער, אונ איז זיך אויך אזו בלוטיג בעגאנגען ביא דער בעלאגערונג פון שעוואשטאפיל

קוים האט ער דער הערט פון דיזעם פונד (נאחאדקא), האט ער גילאזט אן פרעגין אין דער גאנצין ארמייא דורך זיינע אדיוטאנטין, ווער וויל זיך אונטער נעהמען דורך צו וואטען (בראדזען) דורך דיזין קאנאל אונ אריין שלייכין זיך (אריין גנבנען) אין דער פעסטונג אום צו באטראכטין אים (דעם מאלאחאוויסקען טורעם), אונ צו גלייך ברייגען פון אים איין ריכטיגין אבריס (ריסונאג) אום צו וויסין זיינע שוואכסטע זייטע, עס האט זיך צו דיזער וואגע שטיק אבער קיינער גימעלדעט, נור דער אלימפיא אונ זיין קאמעראט דער מארקין וואס פאר זייא וואר קיין זאך צו שווער, מיט דיזער געאמין אונטער נעהמונג האט פאר קלונגען דער גאנצער לאגער וויא מיט זייערע ערסטע אונטער נעהמונג

דיזע נאכריכט האט פאר שמעקט! דעם ענדעמא וויא איין גוטער בראטין איינעם הונגעריגין וואלף, „גוט! העכסט גוט“! האט ער זיך אפ גירופין צו זיינעם בעדינטין דעם דזאן, „איצונד האבין מיר שוין איינע העכסט גוטע גילעגינהייט דיזע ביידין דעם אלימפיא מיט דעם מארקיז אוים צו שטרייכין (אוים מעקין) פון דעם רייסטער דער לעבענדיגין, דאס עס זאל גאר קיין האן קרייען נאך זייא, מיר ברויכין נור אין אפערטיל שטונד ארום נאך זייער אריין גיין אין דיזעם קאנאל פאר שטאפין דעם אריין גאנג זיינעם, דאס זייא זאלין ניט קענען ארויס קומען צוריק, אונ וועלין אלזו מוזין דארט דער שטיקט ווערין אדער פאר הונגערט ווערין, אונ זייער ניט קומען צוריק וועט מען פאר רעכענען אויף דעם שצאט פון דיא רוסין, מען וועט גיווים גלויבין דאס זייא זיינען דארט ערגריפין גיווארין, אונ דאן איז דיא דאלארעס שוין גיווים מיינע, דען ביא איר וויסין דאס אלימפיא לעבט שוין ניט מעהר, וועט זיא זיך מיר שוין ערגעבין מיט לייב אונ לעבין, אלזו ראס (גישווינט) צו דער טהאט“:

דיזער פלאן איז דעם דזאן זיינם בעדינטין העכסט גיפעלין, האבין מיט זיך גינומען אפאר רידלען, אהאק, האבין עס פון איינאנדער גינומען, דאמיט מען זאל ניט מערקין דאס זייא טראגין עס, אונ האבין עס בעהאלטין אין זייערע מאנטלען אונ זיינען זיך אוועק גאנץ גיהיים אין איינעם קליינעם וועלדיל וואס וואר ביא דעם איין גאנג פון דעם לייף גראבן, וואס אין אים קומט אריין דער וואדא פראוואד, אונ האבין זיך פאר שטעקט אום אפ צו ווארטין ביז דיזע צווייא פריינדע וועלין אריין שטייגין אין דעם גיפערליכין קאנאל, עס האט ניט לאנג גידויערט אונ דיא צווייא פריינדע זיינען אן גיקומען אהין מיט נאך איינעם דריטין, אונ דאס וואר דער זואן קארטינא וואס האט זייא נאך גיטראגין איינע בלענד לאנטערנע, פאר גיווים וואלט מיט זייא גיגאנגען אויך דער קאמעראטא, ער וואר אבער אפ גישיקט גיווארין נאך פון דעם קאנראבערט קיין פאריז צו דעם נאפאליאן מיט דער פרייליכע נאכריכט פון דעם זיג (נצחון) וואס זייא האבין דער האלטין איבער דיא רוסין, ער וואר פון דעם קאנראבערט פאר גישטעלט אונטער דעם נאמען גראף אקטאווע דע אנסי, אונ האט אויך דער ביא בעשריבין זיינע העלדינטהאטין (גבורות) וואס ער האט אין דיזעם שטרייט בעוויזין, אונ האט אים אלזו פאר גישטעלט צו איינעם גרויסין אויאנס (וואזוויסענע), אונזערע צווייא גוטע פריינדע זיינען אריין מיט דעם דזאן אין דעם לייף גראבין, אונ אלס זייא זיינען גיקומען שוין ביא דעם איין גאנג פון דעם וואדא פראוואד, האבין זייא גינומען אבשייד פון דעם זואן, אונ האבין אים בעפוילין צו ערווארטין זייא דא ביא דיזעם איין גאנג, האבין צו גינומען ביא אים דיא בלענד לאנטערנע אונ זיינען אריין אין דעם וואדא פראוואד מיט איינעם פעסטין שריט:

קוים זיינען זייא אריין גיגאנגען דארט אפאר הונדערט שריט, איז אריין דער ענדעמא מיט דזאן אין דעם לייף גראבין אום אוים צו פירין זייער מערדערישין שטרייך (שטוקע), דען זייא האבין גימיינט דאס דער דזאן איז מיט גיגאנגען מיט

זייא, עֶס וַואר זַייא אִין אָנְפַאנְג הֶעכְסְט פֵּיינְלִיךְ, דָאךְ אָבֶּער בַּאלְד אִיז בַּייא זַייא גִיבְּלִיבִּין דָאס זַייא זָאלְן דֶעם זוּאַן עֶרְמָארְדְן, גִידַאכְט אוּנ גִיטָאן, דֶען זַיי הָאבִּין אִים בַּאלְד דֶער לַאנְגְט מִיט דֶעם אָבּוּךְ פוּן דֶער הַאק אִין נַאקִין, אוּנ דִיזֶער יוּנְגֶער מֶענְשִׁיל הָאט מֶער וִויא דִיזֶעם נִיט גִידַארְפְט, דֶען עֶר הָאט זִיךְ בֶּעגָאסִין מִיט בְּלוּט אוּנ אִיז גִיפַאלִין אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ דַאן הָאבִּין זַייא אִים אָפּ גִישְׁלֶעפְּט אָן אַזֵייט אוּנ הָאבִּין אִים פֶערְשַׁארְט אִין זַאמְד. אוּנ הָאבִּין בַּאלְד נַאכְהֶער אוֹיס גִיפִירְט זֵייעֶר פְּלַאן, הָאבִּין דֶעם אֵיין גַאנְג פַאר לַייגְט מִיט הֶעלְצֶער, מִיט שְׁטֵיינֶער אוּנ מִיט עֶרְד, מִיט רַאזֶען (דַארְנֶעס) אוּנ מִיט גְרוּז, אוּנ אַלְס זַייא וַוארִין שׁוֹין גִיוִויס אוֹיס גִיפִירְט צוּ הָאבִּין זֵייעֶר פָארְהַאבֶּען (פְּלַאן) זַיינֶען זַייא זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר גֶעמִיטְהְלִיךְ מִיט אֵיינֶער מָארְד בֶּעפְלֶעקְטֶער זֵיילֶע, אַזוֹ פִירְט אֵיין פַאר בְּרֶעכִין דֶעם אַנְדֶערִין נָאךְ זִיךְ׃

נוּן וֶועלִין מִיר אוּנְז אוּמְקֶערִין צוּ אוּנְזֶערֶע צְוֵייא פְרַיינְדֶע, דֶער גַאנְג דוּרְךְ דִיזֶען וָואדָא פְּרַאוָואד וַואר זֵייעֶר מִיהֶעזַאם (שְׁוֶוער), דֶען עֶס וַואר דָארְט הֶעכְסְט דוּמְפִּיג, קוֹיטִיג, אוֹיךְ הָאט מֶען גִימוּזְט גֵיין גִיבֵּייגְט וַוייל עֶר (דֶר וָואדָא פְּרַאוָואד) וַואר זֵייעֶר נִידֶערִיג, אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁמָאל דָאס עֶס וַואר פַאר זַייא בֵּיידִין קַיין פְּלַאץ צוּ גֵיין בַּייא זַאמֶען, אוּנ הָאבִּין אַלְזוֹ גִימוּזְט אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין גֵיין, דֶער צוּ נָאךְ הָאבִּין זַייא גִימוּזְט אוֹיס לֶעשִׁין דִיא לַאנְטֶערְנֶע, דֶען זַייא הָאבִּין גִיפִירְכְטֶעט דָאס עֶס זָאל זִיךְ נִיט אָן צִינְדִין דָארְט דִיא לוּפְט וָואס וַואר פוּל מִיט אֵיינֶעם וַואסֶער גַאז, זֵייעֶר גַאנְג הָאט דָארְט גִיוֶוערְט מֶעהְר אַלְס אֵיינֶע שְׁטוּנְדֶע, אוּנ אַם עֶנְדֶע זַיינֶען זַייא גִיקוּמֶען צוּ שְׁטֵיינֶערְנֶע טְרֶעפּ, אוּנ אַלְס זַייא הָאבִּין עֶס בֶּעשְׁטִיגִין הָאבִּין זַייא דֶער וִויסְט אֵיינֶע אַלְטֶע אַייזֶערְנֶע טִיר, דֶער אַלִימְפִּיָא הָאט אִיר אָבֶּער בַּאלְד מִיט זֵיינֶער רִיזֶענְקְרַאפְט בַּאלְד אָפּ גִידְרִיקְט, אוּנ הָאבִּין אַלְזוֹ בַּאלְד בֶּעקוּמֶען פְרִישֶׁע לוּפְט, זַייא הָאבִּין זִיךְ עֶרְפְרִישְׁט, אוּנ הָאבִּין גִיזֶעהֶען דוּרְךְ דִיא נָאךְ קְנַאפּ גִיעֶפִינְטֶע טִיר דָאס דֶער גַאנְג קוּמְט אַרוֹיס אִין פֶּעסְטוּנְג גְרַאדֶע לֶעבִּין דֶעם מַאלַאחָאוְוסְקֶען טוּרֶעם, עֶס וַואר דַאן קַיין סָאלְדַאט צוּ זֶעהֶען אוֹיס צְוֵייא אוּרְזַאכִין, עֶרְסְטִינְס וַוייל דֶער פָּאלִיסְע הָאט גִיהֵייסִין אוֹם אָפּ צוּ צִיהֶען דִיא רוּסִין פוּן דֶעם מַאלַאחָאוְוסְקֶען טוּרֶעם דַאמִיט דִיא צְוֵייא קוּנְדְשַׁאפְטֶער שְׁפְּיָאנֶען זָאלִין נִיט גִישְׁטֶערְט וֶוערִין פוּן זַייא בַּייא זֵייעֶר אוֹיס שְׁפְּיָאנִירֶען, הָאט עֶר גִיהֵייסִין אָן גְרֵייפִין שְׁטוּרְמִשְׁטָאפִיל גְרַאדֶע פוּן דֶער אַנְדֶערִין זַייט, אוּנ צְוֵוייטִינְס וַואר מֶען דַאן אִין פֶעסְטוּנְג הֶעכְסְט בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט דֶעם אַיין לֶעשִׁין פִילֶע הוֹיפִין וָואס וַוארִין אָן גִישְׁטֶעקְט אִין בְּרַאנְד דוּרְךְ דִיא פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע רַאקֶעטִין וָואס זַייא הָאבִּין דַאן אַרַיין גִילָאזִין אִין אִיר, אוּנ דַאהֶער הָאבִּין דִיזֶע בֵּיידֶע שְׁפְּיָאנֶען שׁוֹין נִיט גֶעצֶעגֶערְט (קַיין שִׁיעוּת גִימַאכְט) אַרַיין צוּ שְׁטֵייגִין אִין קְרֶעפֶּעסְט, זַייא וַוארִין ווירְקְלִיךְ פוּן קֵיינֶעם גִימֶערְקְט, אוּנ הָאבִּין אוֹיךְ גִינוּג צֵייט גִיהַאט צוּא בֶּעטְרַאכְטִין דֶעם מַאלַאחָאוְוסְקֶען טוּרֶעם פוּן אַלֶע זֵייטִין אוּנ צוּ מַאכִין פוּן אִים אַקוּרְצִין אַבְּרִים (רִיסוּנִיג)׃

צוּם אוּמְגְלִיק אָבֶּער אַלְס זַייא וַוארִין שׁוֹין אִין בֶּעגְרִיף (בְּדֵעָה) אוּם צוּא

קערין

קערין זיך שוין צוריק אין דעם וואדא פראוואר , האט זייא דאן דער זעהען איין אפיציר , ער האט אויף זייא גישאסין אונ האט זייא ניט גיטראפין , ער האט גימאכט לארעם , עס זיינען באלד אן גילאפין סאלדאטין , עס וואר שוין אבער צו שפעט , דען זייא האבין זיך אריין גיחאפט אין דעם קאנאל , אונ וייל עס וואר איינע אונמעגליכקייט נאך צו יאגין זיך נאך זייא דארט , דען ער וואר שמאל דאס קוים איין מענטש האט דארט גיקענט גיין , האט מען אן גיהייבין אריין לאזין אהין אגרויסע מאסע וואסער אונ דיא טיר בעוואכין , דאס וואסער אבער וואר גראדע צו זייער גליק , דען עס איז גילאפין מיט איינעם גרויסין האסט , דאס עס האט אויס גירסין דיא שוואכע פערשטאפונג פון ענדעמא , אונ עס איז אן גילאפין אין דעם לייף גראבין , אונ זייא האבין גיהאט וואסער ביז איבער דיא קניא , אונ זיינען אלזו צוריק וועגס מעהר גישוואומען אלס גיגאנגען , דיזעס וואסער אן לייפין אין דעם לייף גראבין האט גימאכט גרויס לארעם אונטער דיא פראנצויזישע וואכין וואס זיינען דאן ניט וייט גישטאנען פון דעם לייף גראבין , אונ מען האט זיך בעאיילט עס אפ צו לייטין (אפ צו פירין) אן אזייט , אונ בייא דיזער אפעראציאן האבין זייא דער ויסט דעם זואן וואס האט זיך גראדע דורך דעם וואסער אויף גיצוכעט , אונ האט זיך אנידער גישטעלט אויף דיא פיס אונ איז גישטאנען אן גישפארט בייא דעם וואנט פון דעם לייף גראבין וויא איין בעטייבטער , אונ באלד דארויף זיינען אריין אין לייף גראבין אויך אונזערע צוויא פריינדע נאס וויא דיא קעץ אונ בלייך וויא איין טוך אן איין אטהעם , זייא וואהרין אלע דרייא אפ גיפירט צו דעם פאליסע , ער האט זייא אויף גינומען מיט אפענע ארעמס , אונ זייא האבין אים מיט גיטיילט אלעס וואס זייא האבין דארט בעמערקט , אונ וואס עס האט זיך מיט זייא פאסירט , האבין אים איבער גיגעבין דעם ריסונג , ער האט ניט גיוואוסט וויא אפ צו דאנקען זיך בייא זייא אונ מיט וואס זייא צו לוינען דער פאר , ער האט זייא פאר זיכערט פאר צו שטעלין עס פאר דעם קייזער , אונ האט זייא גימאכט האפענונגען אויף גרויסע אוואנסען (שטייגונגען אין ציגען) :

דעם זואן האט מען איבער גיגעבין אין דיא הענט פון דיא גרויסע דאקטורים , אונ איז גיווארין אין עטליכע וואכין ווידער גיזונט וויא גיוועזן :

12.

איינע גרויסע פייערליכקייט אין פאריזער הויף.

אלס דיזעס אלעס איז גישעהען אין דעם פראנצויזישען לאגער איז דער קאמעראטא אן גיקומען קיין פאריז אונטער דעם נאמען אקטאוויע דע אנסי , ער האט אפ גישטיגין דארט אין דעם גרעסטין האטעל , אונ האט זיך גאנץ זיכער אומגישפאצירט אין פאריז , אן דיא מינדעסטע פורכט ערקענט צו ווערין , דען אזו וויא ער האט אומגיענדערט זיין נאמען , אזו אויך האט ער זיך זעלבסט אויך

גאנץ אומגיענדערט, דאס גיזיכט איז גיווארין פיל ברוינער וויא פריער דורך דאס לעבין אין לאגער, אויך וואר ער בעוואקסין מיט ארונדין שווארצן באַרד, דר צו נאך וואיענער אוניפארעם, ער וואר גישיקט קיין פאריז ווי מיר ווייסן עס שוין פון פריער, מיט איינער פארוצענע (אויפטראג) פון דעם קאנראבערט, אונ ער וואס וואר איין אנטלאפענער ראסטאנט, האט זיך גיוואגט דינע פארוצענע אן צוא נעמען, נור אום צו האבין דער בייא איינע גוטע גילעגינהייט צו זעהען זיך מיט דער עווגעניע, אזו ווייט קען איינע ליידינשאפט (תאוה) טרייבין איינעם מענטשין וואס קען זיך זעלבסט ניט בעהערשין, אין עטליכע טעג ארום האט ער גיהאט איין אודיענץ (געהער) בייא דעם נאפאליאן, ער האט אים אן גינומען זייער העפליך אונ פריינדליך, האט זיך בעשפראכין מיט אים אצייט, אונ דער נאך בייא זיינעם אוועק לאזין אים פון זיך האט ער אים איין גילאדין צו דעם פייערטאג (פראזדניק) וואס וועט זיין באלד בייא אים אין הויף:

דער קאמעראטא וואר העכסט צופרידין ניט צו ערקאנט ווערין פון אים, אזיב וואול דער נאפאליאן האט טיף אריין גיקוקט אין זיין גיזיכט גליך וויא ער וואלט זוכין אין אים עפעס בעקאנטע ציגען (מינעם), גיין נאפאליאן האט אים ניט דער קענט, אונ וואר העכסט צופרידין מיט זיינעם בעזוך, מיט זיינע נאכריכטין, אונ מיט זיינעם דינסט, אונ האט אים פאר שפראכין אוואנסען איבער אוואנסען (וואזוישענעם), אונ דער קאמעראטא האט זיך שוין גיפרייט מיט דער גוטער גילעגינהייט (דאס הייסט מיט דער איין לאדונג אויף דעם באל) וואס ער וועט האבין גילעגינהייט צו זעהען זיך מיט דער עווגעניע. אונ איז אוועק פון דארט אום צו זעהען זיך מיט דער דאלארעס, גערעסין איר פון דעם אלימפיא, אונ אזו אויך צו ברייגען גוטע נאכריכט פון איר צו דעם אלימפיען, נון מיינע לעזערין מיר וועלין אסטאווען דעם קאמעראטא, אום צו ווענדין אונז צו דעם פלאץ טיולערי אום צוא בעטראכטין דיא גרויסע פערענדערונג וואס דארט איז דער ווייליע גישעהען:

דער לואי נאפאליאן האט ניט גיוואוסט דאס דיא עווגעניע ווייס פון זיינעם זעהען זיך מיט דער דאלארעס, דיא עווגעניע האט עס גיוואוסט דורך דעם באציאשי וואס וואר גוט גילוינט פון איר פאר זיינעם דינען איר אין אירע ליבענס אינטערעסין, וויא ער וואר גילוינט פון דעם נאפאליאן פאר זיין דינען אים אין זיינע ליבעס אינטערעסין, דען זייא ביידע ווארין ניט בעסער איינער פון דעם אנדערין אין דיזער ליידינשאפט (תאוה):

ער וויא ער האט זיך נור גיזעטיגט מיט דער בעצויבערענדע שיינהייט פון דער עווגעניע, האט ער זיך ווידר איבר גגעבן צו אנדערע ליבשאפטן, צו נייע אונ צו אלטע וויא פאר דער פערמעהלונג (האכצייט) מיט דער עווגעניע, אונ זיא וואס זיא האט דעם נאפאליאן קיין מאל ניט גיליבט, דען עס וואר ווירקליך ניט צו פערליבין זיך אין אים, (ערשטינס וואר ער שוין אלטלאך, צווייטנס וואר ער קריינקלאך אונ האט גיהאט איינע זייער קורצע מאליע), אונ האט זיך מיט אים

פערמעהלט

פערמעהלט נור אום קייזערין צו ווערין, איז באלד נאך דעם וויא זיא האט אויס געפירט וואס זיא האט פערלאנגט דאס הייסט גיווארין קייזערין, גיווארין נאך מער קאקעטקע אלס פר דער הויכצייט, דען זיא האט באקומען פיל בעסערע גילעגינהייט דער צו, אונ מען האט אלזו רעכט צו גלויבין דאס זייא ביידע האבין גיוואוסט איינער פון דעם אנדערינס ליבעס האנדעל, אונ האבין עס זיך ניט אויס גירעט:

אזו האט ער פאר דיא דאלארעס געליבט דיא הערצאגין קאסטילאן, דיא גראפינע נארדאנע, דיא ביידע גראפינעס דע מארסע, ווער רעט שוין פון דיא זאפיע האוואַרד וואס זיא וואר דיא ערסטע טרעפ וויא מיר ווייסין פון זיינעם שטייגין אויף דעם טראהן, אונ וואס דער נאך אלס ער איז גיווארין קייזער האט ער איר האלב גינייטיגט אונ האלב מיט גוטין פערדריינגט פון פאריז, אונ האט איר גילאזט זיך בעזעצין אין פלארענץ, זיא איז אבער דארט פאר בליבין נור ביז דעם קריג פון שעוואשטאפיל, אונ דאן האט זיא זיך צוריק אומגיקערט קיין פאריז, אונ דער קייזער האט איר גמאכט פר איינע גראפינע פון בעארענארד אויף דעם נאמען פון איינעם גוט, וואס ער האט איר אוועק גישיינקט וואס איז צווישין פאריז אונ ווערזאליען, פערגיווים וואלט זיך דיא עוועגעניע ניט בעסער בענאנגען אלס ער, ווען זיא וואלט ניט איין עטוואס אירע ווייבליכע עהרע גישוינט, וויא דאס וואר דייטליך ארויס צו זעהען גיוועזן אויף דעם גרויסין באל וואס וואר דארט דאן, מעהר פאר אלעם אבער האט איר בעשעפטיגט דיא דאלארעס, זיא וואר אויף איר העכסט אייפערזיכטיג צייט דער באציאשי האט איר דער ציילט פון אלעם וואס עס איז גישעהען מיט איר דארט אין ווערזאליען, דער נאפאליאן האט גאר ניט גיוואוסט וואס פאר איין פאלשער פערדרעטער (איזמעניק) עס איז דיזער פערטרויטער דינער זייא, אונ ניט בעסער פאר אים וואָרין אלע זיינע הויף לייטע וואס וואָרין אלע נייע גיבאקענע פון פראסטע לודנע לייטע, עכטע גיבילדעטע לייטע אונ פון וואהרין ערליכין כאראקטער האבין דעם פראנצויזישין הויף אויס געמידין דאן, אונ אזו גאר דיא גאנצע זיבענצעהען יאר פון דעם נאפאליאנס רעגירונג וויא די פעסט, אונ וויא עס וואר פערוואלטעט (פראוולאַעט) אין הויף אזו איז גיווארין רעגירט אין גאנץ פראנקרייך, דאס דיא גאנצע פראנצויזישע נאציאן איז גיווארין העכסט פאר דארבין, גישוועכט, אונ העכסט אונוויסענד גיבליבין, אונ דאך האט זיא זיך גיוואגט צו פירין אקריג אין דעם יאר 1870, איין אונגלייכין קריג מיט דעם קרעפטיגין אונ צוויליזירטין טייטשלאנד, איין קריג וואס עס האט פראנקרייך גיקאסט בלוט אונ גוט, דער צוא נאך דיא עהרע אויך, א מעכטע עס איר צו איינער גוטין ווארנונג זיין:

נון וועלין מיר איצונד אונז צו ווענדין צוא דיזעם אווינד וואס עס האט גיזאלט זיין אין אים איין גרויסער פעסט (פייערליכקייט) אין דעם גרויסין מארשאלסקען זאל, אויף וועלכעם עס וואר גיבעטין אויך דער קאמעראטא וואס הייסט איצונד אקטאוויע דע אם אנסי, ער וואר מעהר וויא גיבעטין אהין, דען

וויא

וויא צו זאגין וואר דיזע פייערליכקייט נור צו ליב אים, וויא מיר וועלין דא באלד ווייטער ערצייליך:

עס וואַרין צו דיזער פייערליכקייט גילאדין אלע גיזאנדטע פון אלע אראפייעשע הויפין. אלע מיניסטארין וואס איינער פון זייא וואר דער פולד (איין יודע) פינאנץ מיניסטער, אויך דער יענעראל פערסיני, דער מארני, וואס וואר איין פלימעניק נאפאליאנס, וואס וואר דער הויפט געגנער פון דעם קאמעראטא (וויא מיר ווייסין עס פון פריהער), אויך דער פרעפעקט מאפא (פאריזער פאליצייא מייסטער), דער באראן גויסמאן, אונ נאך גרויסע הערשאפטין:

עס וואר דארט אין זאל אויף גישלאגין (גישטעלט) צוויא טראהנען פאר דעם קייזער מיט זיינער פרויא, עס איז ניט צו בעשרייבין דיא פראכט אונ דעם גלאנץ פון דיזער פייערליכקייט, עס וואר דארט איינע בעצויבערנדע בעלייכטונג, אונ וויא דער זאל וואר גרויס וואר ער פול מיט גישטערנטע לייטע (וואס וואַרין בעהאנגען מיט ארדערין), אונ מיט גרויסע אונ פארנעהמע דאמען וואס וואַרין העכסט גילאנט גיקליידעט אונ גיצירט מיט בורלאנטין אונ דימענטין, שיין וויא געטינען אונ בליהענד וויא פרישע אונ לעבענדיגע בלומען וואס פינקלען נאך פון דעם בעלוכטענעם מארגין טויא, אונ בייא אלעם דעם וואַרין זייא אלע איבער שטראהלט פון דער עווגעניע וואס האט דאן גיגלענצט אויף איר טראהן וויא איינע העלע זאנע (זון) אין איינעם שענסטין מאי טאג, אלע אויגין וואַרין גירייכטעט נור אויף איר, מעהר פאר אלעמען אבער האט זיא אינטערעסירט דעם קאמעראטא, וואס זיין הויפט קומען אהער וואס וואר פערבונדין מיט גרויס גיפאהר דאס ער זאל דא ניט ערקענט ווערין וואר נור צו ליב איר, בייא דעם ערשיינען פון דער קייזערליכין פאאר, האט אן גיהייבין צו שפילין איינע שאלענדע מוזיק, אונ אלס זייא האבין זיך אנידער גיזעצט אויף זייערע טראהנען, האט דער קייזער גיהאלטין (גיזאגט) איינע פייערליכע רעדע (רייד) פאר דעם גיעהרטין פובליקום איבער דיזין פייערליכין פעסט (פראזניק):

„א איר גיעהרטע הערען (גאספאדא) אונ דאמען, דיזער אווינד איז דער שענסטער אונ גליקליכסטער פון מיינעם גאנצין ביז העריגין לעבין, אונ אזו אויך (וויא מיר שיינט) פון דיא אלע פאטרעיאטין (פריינדע) פון אונזער נאציאן, ווייל מיר פייערין אים נור צו עהרען פון אונזערע וואפין דארט אין קרים, מיט נאטעס גינאדין ערפעכטין מיר איין זיג (נצחון) נאך דעם אנדערין, אונ מיר האבין אלזו שוין רעכט צו האפין דאס מיר וועלין דיזין גערעכטין קריג אין קורצין מיט גרויס עהרע אונ נוצין פאר אונזער נאציאן בעענדין, אלזו מיינע גיעהרטע הערען אונ דאמען נעהמען זייא אין דיזין אווינד אנטייל אן מיינער פריידע וואס גיהערט אייך אזו גוט וויא מיר, אונ זייט צייגין (עדות) דאס אייער מאנארך פאר שטייט זיינע טרייע אונ אויס גיצייכנעטע העלדין צו לוינען, דען איך וויל איצונד דורך דעם יונגען גראפען אקטאוויע דע אנסי, וואס איז ערסט גיקומען צוא מיר פון קרימער קריג מיט פרייליכע באטשאפטין (בשורות טובות) אונ מיט איינער

ליסטע

ליקטע (ווייסטער) פון דיא העלדין נאמען וואס האבין זיך אטליציירט אין דיזעם קריג (ניצייכינט פון אונזערע פעלד מארשאלין), אונ וואס ער (דיזער גראף) ציהעט באלד צוריק אהין, וויל איך איצונד דורך דיזען יונגען גראפען וואס האט זיך אויך דארט העכסט אויס גיצייכינט אררענס אונ קרייצין אויס טיילין אום צו דאקארירען (אויס צירען) דער מיט דיזע אויס גיצייכינטע מענער״ :

קוים האט דער קייזער בעענדעט דיזע קורצע רעדע, איז גיווארין דער זאל פערהילכט פון דעם שרייען אורא ! אורא ! אורא ! ,עס לעבע דער קייזר ! , עס לעבע דיא קייזערין ! , עס לעבע פראנקרייך ! , אונ דר נאך אלס עס איז גווארן ווידער שטיל, האבין צוויא הויפמארשאל צוא גיפירט דעם קאמעראטא צו דעם נאפאליאנס טראהן, וואס פון ביידע זייטין זיינן גישטאנן קאמעהערען מיט רויט זאמענטענע קיסעלאך וואס אויף זייא איז גילעגין פערשיידענע אררערין, וואס ווארין אים איבער גיגעבין מיט איינער גרויסין פייערליכקייט (פאראדע), דען עס וואר דער בייא אויס גירופין דער נאמען פון יעדין העלד אם ווען ער וואר פערגעבין, אונ אם ענדע וואר דער קאמעראטא זעלבסט בעשאנקען פון דעם קייזער מיט איינעם אררען אונ מיט איינעם אוואנס (וואזוושענע), דיזער קאמעראטא האט זיך טיף פערנייגט גידאנקט. דאך אבר גאנץ ווייניג אינטערעסירט דער מיט, דען זיין הערץ וואר בעשעפטיגט נור מיט דער עווגעניע וואס ער האט דאן גיהאט אויגין נור פאר איר אליין, אונ אזו ניט ווייניגער זיא אויך נור פאר אים. דען דיא ליבע האט לוכסען אויגין*), זיא שפעהט אויס דיא גיליבטע פערזאן איהרע אין דיא טיפסטע אבגרונדין, דער קענט איר אונטער אלע אומשטאלטונגען (פערענדערונגען) וואס קען נור גישעהען אונ געבין, אונ אזו אויך וואר דא דער פאל מיט דער עווגעניע, דאס דער קאמעראטא וואס איז גיבליבין איצונד אונערקענט פון אלע זיינע בעקאנטע, זעלבסט פון דעם מארני וואס וואר זיין גרעסטער פיינד וואס האט אים זעלבסט אין אונגליק געשטירצט, איז גיווארין אויף דער שטעלע דער קענט פון איר, אונ אירע אלטע ליבע צו אים האט זיך ווידער ערוואכט אין איהרעם הערצין, דאס זיא האט זיך אן גיהייבין שוין צו בעשפרעכין זיך מיט אים, פריהער מיט אירע שטומע בליקין, אונ נאך הער אלס נאפאליאן האט זיך פערטיפט אין אגישפרעך מיט דעם איינגעלשין גיזאנדעטין איבער דעם איצטיגין קריג, האט זיא זיך שוין בעשפראכין מיט אים מינדליך :

״ליבער פרינץ״ ! האט זיא זיך אפ גירופין צו אים ״איר פערזעצט מיך (ברייננט מיך אריין) מיט איירעם איצטיגין ערשיינען דא אין איינער גידאפעלטין פערוואונדערונג, דען ערסטינס איז מיר אוואונדער וויא אזו איר האט אייך

*) דער לוכס וואס הייסט בייא אונז רים האט דיא שארפסטע אויגין פון אלע טהירען, ער זעהעט זייער וויט, אונ דאהער ווערט אן גירופין דער יעניגע וואס קען איינע זאכע לייכט ערקענען, לוכס, אזער ער האט לוכסען אויגין :

בעפרייט פון זייער גיפיינגנים (דען איך זעהע דאך שוין דאס איר זייט ניט גישטארבין, אונ צווייטינס איז מיר נאך מעהר וואונדער דאס איר וואגט אייך היר הער צו קומען, זאל עס זיין בלויז אום איינעם קאלטין ארדען צו בעקומען? זיין עס מוז וואס פערגיוויס איין אנדער גרונד זיין וואס האט אייך היר הער בעוואויגין צו קומען:

„פערגיוויס איז אזו" האט ער איר גיענטפערט „איך האב מיך גיוואגט נור אום צו האבין איינע גילעגינהייט אייך צו זעהען, אונ פיליייכט נאך מיט אייך צו שפרעכין, אונ דיזעס איז שוין ביי מיר ווערט איין לעבין איין צו שטעלין, אונ גאט זייא דאנק עס איז מיר ביידע גילונגען (גיגליקט), אונ דער צוא נאך אויך מיין לעבין ערהאלטין":

דיזע אויף אפפערונג זיינע (זיך מקריב זיין) פאר איר, אונ דיא פייערינע אונ אויף ריכטיגע ליבע זיינע צו איר, האבין זייער שטארק גיווירקט אויף איר ווייבליכע געמיטה, דאס עס האט איר העכסט גיקריינקט וואס זיא האט אים אזו טיראניש פון זיך פערדריינגט, דאס זיא האט אים גיוואלט מיט וואס פערזעהען (מפצה זיין), אונ האט אים גיפרעגט וואס פאר גוטעס קען זיא פאר אים איצונד טאן „קיין אנדערעס" האט ער גיענטפערט „אלס נור דיא ערלויבעניס צו בעזוכין אייך פאר מיינעם באלדיגין אפ פארין". „דיזעס מיין בעסטער" האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „איז פאר בונדין מיט גרויס גיפאהר פאר אונז ביידין". „דאך אום אייך צו לויזען פאר אייערע ריכטיגע (וואהרע) נייגונג צו מיר ערלויבע איך אייך דאס איר זאלט קומען מארגין אווינד צו דיא טרעפ פון דעם פאווילאן (זאל מארזאן) דארט וועט אייך דער ווארטין דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, אונ זיא וועט אייך שוין אריין פירין צו מיר, איצונד אבער טרעטעט אפ פון מיר, דען מען הייבט שוין אן צו קוקין אויף אונז", קאמעראטא האט זיך טיף פערבייגט פאר איר אונ איז זיך אוועק גאנץ צופרידין, אונ וואר אויסער זיך פון פריידין:

13.

„דער בודואר (אוים רוהונג צימער) פון דער קיזערין"

עוועניע האט דאס רעסט פון דיזער נאכט צו גיבראכט העכסט אונרוהיג אין איר שלאפגעמאך (שלאף צימער), דען זיא וואהר העכסט אויף גערעגט (טריוואזעט) פון איר זעהען זיך מיט דעם קאמעראטא איר אלטין גיליבטין, דען וואס נאך אזו אין דער וועלט קען רויבין דעם שלאף אלס איינע ווידער ערוואכטע ליבע, אונ איז אלזו איין גישלאפין ערסט געגין טאג, אונ אלס זיא האט זיך ארום צוועלף דעם זייגער ערוואכט, האט זיא נאך ליגענדיג אין בעטיל גילאזט אריין רופין צו זיך דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע אום אוים צוא פרעגין איר וואו עס האלט איצונד מיט דער דאלארעס, דען וואס דיא איגעסא האט איר מיט איינר צווייטע דאמע וואס דם וואר נור עוועניע בעגעגינט דארט אויף דיא טרעפ

פון

פון דעם ווארזאלישען פאלאין וואר מעהר אלס איין בלויזער צופאל, ניין עס וואר עס מיט אבזיכט גישעהען פון דער עווגעניע וואס דער באציאשי האט איר שוין פארהער אויס גיזאגט, דאס ער וועט דיא דאלארעס אהין ברייגגען, דיא עווגעניע איז אהין אונטער גיקומען מיט איר סעקרעטערקע גראדע צו דער רעכטער צייט פון איר צוריק לייפין אום צו האבין איינע גוטע גילעגענהייט, דאס דיא אינעסא זאל איר צום ערסטין מאל ערשיינען דארט אלס איינע רעטירערין אין נויט, אונ וועט שוין דורך דעם ווערען בעקאנט מיט איר אונ מיט דער צייט אויך צו ווערין אירע איין פערטרויטע, דאמיט זיא זאל איר קענען פערפירין אין אזו איין ארט וואס זיא זאל דארט בלייבין איינע לעבעדיגע באגראבענע אויף אימער אונ אייביג, דאס אלימפיא זאל איר שוין ניט קענען אויף זוכין צייט זיין לעבין, נון ווער דיא אינעסא איצונד בעפרעגט פון דער עווגעניע, צו האט זיא אויס גיפירט דעם אויף טראג (פארוצענע) וואס זיא האט איר פארוצעט וועגין דיא דאלארעס:

„יא גרויסע קייזערין" האט זיא איר בעאנטווארטעט אויף דיזע פראגע „אייער וואונץ איז ערפילט" איך האב מיינע בעקאנטשאפט אזו ווייט מיט איר גיטריבין, דאס זיא האט זיך אן גישלאסין אן מיר מיט לייב אונ זייל, מיינע בעזוכע ווארין איר ליב אונ טייער אונ זיא האט באקומען אזו. איין צו טרויען צו מיר דאס זיא האט אויס גישאטין איר גאנצעס הערץ פאר מיר, זיא האט מיר אויס דער ציילט איר גאנצעס לעבינס גישיכטע, אירע טרייע ליבע צוא דעם אלימפיא, אונ וויא אזו זיא קומט אין דעם פאלאין פון ווערזאליען, זיא זאגט דאס זיא איז גיווארין אהין נור פאר פירט דורך דעם באציאשי, אונ דאס זיא ווייס ניט וויא גאט צו דאנקען, דאס זיא האט אירע אונשולד זעלבסט דארט אויך בעהאלטין, אלזו איז פון איהרע רייד ארויס צו זעהען דאס זיא איז איין קינד מיט איינעם ריינעם אונ הערליכין הערצין:

„אונ דוא גלויבסט עס"? האט זיך עווגעניע אפ גירופין צו איר „אהעטע זיא אליין קיין אנלאס (פריצענע) גיגעבין דער צו וואלט מען זיך ניט וואגין צוא פערפירין איר אהין, ניין זיא ליגט (זאגט ליגין), זיא איז איינע אויסגילאסענע אונ וויל נאך שיינען פאר איינע הייליגע, אזו איז זיא נאך דאפילט פאר דארבין, נור גינוג וואו האלט עס איצונד מיט איר"? „א עס האלט גוט, זייער גוט" האט זיך דיא אינעסא אפ גירופין „זיא גיפינט זיך אין דעם הויז נומער פיר וואס איז אין דער שטראזע סענדידע". „אונ זיא פאר שטייט נאך ניט צו וואס דוא האסט איר אהין פאר פירט"? האט איר דיא עווגעניע ווייטער גיפרעגט „ניין דאס מינדעסטע ניט ווייל זיא האט דעם גרעסטין צו טרויען צו מיר" האט איר דיא אינעסא גיענטפערט „איך גלויבע דאס זיא ערווארטעט מיך דארט פון מינוט צו מינוט". „נוא וועט זיא עס פאר שטיין אין איינער האלבע שטונדע ארום" האט איר דיא עווגעניע גיענטפערט „אונ וועט זיך שוין ענטזאגין פון דער האפענונג דיך ווידער צו זעהען, דער ווילע דאנקע איך דיר אינעסא דען דוא האסט מיר

גיטאן

גיטאן דער מיט איינע גרויסע גיפעליגקייט, אונ וועל וויסין וויא אפ צוא דינען דיר דער פאר״ :

דער ווײלע איז אריין איינע הויף דאמע אונ האט גימעלדעט דער קייזערין דאס דער אויבער קאמער הער שטייט אין פאר צימער אונ פרעגט צוא קען ער אויף גינומען ווערין איצונד פון איר, דען ער האט וואס נייטיגעס מיט איר צוא שפרעכין, ״גוט וויא גירופין״! האט זיא איר גיענטפערט ״ער קען אריין קומען צו מיר״ קוים איז דיא הויף דאמע ארויס פון איר צימער מיט דיזער אנטווארט ״האט זיך דיא עווגעניע ווידער אומגיווענדעט צו דער אינעסא אונ האט צו איר גיזאגט״. ״דער ווײלע מיינע טייערע אינעסא וועל איך דיר איבער געבין נאך איין אויפטראג, גייהע צו דעם אריין גאנג וואס פירט צו דעם פאווילאן מארזאן אונ ערווארטע מיר דארט אויף דיא טרעפ דעם יונגען גראף דע אנסי, איך האב אים גיבעטין דאס ער זאל צו מיר קומען פאר זיין אפ פארין צוריק קיין קרים, דען איך האב איין גיהיימען אויף טראג איבער צו געבין אים אהין, זאלסט אים אויף נעהמען זייער פריינדליך אונ זאלסט זיך מיט אים דארט אונטער האלטין (פאר בריינגען) ביז איך וועל ענטלאסין דעם באציאשי פון מיר, דען איך וויל ניט דאס זייא זאלין זיך איינאנדער זעהען ביי מיר, אלזו גישווינט דען איך הער שוין זיינע שריט (טריט), גייהע אונ טוהע וואס איך הייס״ :

קוים איז דיא אינעסא ארויס פון איר צימער איז אריין צוא איר דער באציאשי, אונ דאס ערשיינען פון דיזעם מאן וואס האט איר פאר ביי גייענד העכסט פריינדליך געגריסט, האט אין איר אויף גיוועקט איין ווילען צו הערין וואס ער ווערט דארט שפרעכין מיט דער עווגעניע, דען עס האט זיך איר גיוואלט וויסין צו האט איר דיא דאלארעס וואהר גיזאגט דאס זיא איז נור דורך אים פאר פירט גיווארין אין דעם קייזערליכין פאלאץ פון ווערזאליען, אונ האט זיך דאהער אפ גישטעלט אונטער דער טיר פון דעם עווגעניעס צימער וואס זיא האט איר באלד פאר שלאסין נאך דעם באציאשים אריין גיין אהין, אום זיך וויא נור מעגליך איין צו הארכין וואס עס וועט דארט פילייכט גישפראכין ווערין דער פון, לײדער (צום אומגליק) אבער האבין זייא גישפראכין זייער לײזע (פאמעלאך) דאס זיא האט מער ניט גיקענט הערין וויא דעם שלום פון זיין גישפרעך וואס ער האט גישפראכין שוין אביסיל לויטער (העכער) זייענדיג שוין ניט ווייט פון טיר :

״נאך היינט פון אווינד״ האט ער גיזאגט ״וועט דיא דאלארעס שוין זיין איבער גיגעבין אין איינער זיכערע האנד, אונ האף אלזו דאס איר וועט צופרידין זיין פון מיינעם איצטיגען שטרייך (שטוקע) וויא פון דעם פאריגין, דיזעם דומע טייבכען וועט אריין אין דער קלעטקע וואס איך האב פאר איר אויס גישטעלט, אונ וועט דארט פאר בלייבין גאנץ גיזיכערט״, אונ אלס זיא האט דער הערט דאס ער נעמט שוין אבשייד פון איר, איז זיא אוועק אהין וואו דיא עווגעניע האט איר גיהייסין דער ווארטין דעם קאמעראטא, עס האט ניט לאנג גידויערט, אונ זיא האט דער הערט טריט פון איינעם מענטשין אויף דיא טרעפ וואס זיא האט

אים ערוואַרטעט, אונ באַלדדאַרויף האָט זיא אים דעם קאַמעראַטין אויך דער זעהען גייענדיג אונ איז אים ניקומען אַנטקעגין. ער האָט זיך זייער העפליך פערניינט פאַר איר. זייא האָבּין איינעם דעם אַנדערין גינאַאענט זייערע נעמען, אונ דאַן האָט זיא אים אַריין גיפירט צו דער עוועגעניע אין צימער, אונ איז אַליין אַרויס צוריק. דיא עווגעניע האָט אים אויף גינומען זייער פריינדליך אונ ליבּליך, אונ ער האָט זיך באַלד דער קענט פאַר איר אונ צו גלייך גיטאָן אַקוש איר אין האַנד, אונ איז גיבּלענדעט גיוואָרין פון איר שיינהייט, דען זיא האָט נאָך קיין מאָל אַזו שיין אויס גיזעהען וויא דאַן, גאַנץ וויא איינע געטין, וויא איינע הימעלשע גישטאַלט, וויא איינעם נייע גישאַפינעם געבּילד וואָס איז אַקאָרסט אַרויס פון דעם בּילדנערס האַנד, אונ ניט ווייניגער אַלס ער וואַר זיא אויך בּעצויבּערט פון אים. דען אירע פערמעהלונג (חתונה האָבּין) מיט דעם נאַפּאָליאָן האָט נור בּעפרידיגט איר עהרגייץ (איר פאַר לאַנג נאָך עהרע), אָבּער ניט דיא לוסט פון איהרעם הערצין, דען ער וואַר גיעלטערט שוין אונ דער צוא נאָך קריינקליך, אונ ניט פון שיינעם וואוקס, אונ אויסזעהען אַלזו גאַנץ ניט גישאַפין אום צו בּעפרידיגין אַזו איינע דאַמע וויא דיא עווגעניע, וואַר דאַן וואָס זיא וואַר דיא ליבּע זעלבּסט, אונ וואָס איר הערץ וואַר ערגעבּין דער וועלט לוסט, דאַהער קיין וואונדער דאָס זיא וואַר נאָך גאַנץ ערגעבּין איר פאַריגין גיליבּטען וויא פריער, מען האָט זיך טיף אין דיא אויגין גיקוקט, העכסט צערטליך דיא הענדע גידריקט אונ פערפלוידערט אַזו אַפּאָר שטונדין אין אַזיסין גישפּרעך וואָס קיין שרייבּער איז עס ניט אים שטאַנדע צו בּעשרייבּין אין צעהען שטונדין, דען דיא ליבּענדע שפּרעכין ניט נור מיט דעם צונג אַליין, נייז זייא שפּרעכין אויך מיט דיא אויגין אונ מיט דעם גאַנצין מינען שפּיל, זייא האָבּין בּעדויערט דיא פאַר גאַנגענע צייט, האָבּין זיך גימאַכט גוטע האָפענונג פאַר דיא צוקונפט (שפּעטערע צייט), האָבּין זיך פאַר שפּראָכין באַלד ווידער צו זעהען, אונ בּייא אַלעם דעם וואַר זייא דאָס שיידין זיך פון איינאַנדער פיל שווערער אַלס דיא שיידונג פון דער נשמה מיט דעם קערפּער, אונ דער קאַמעראַטא איז אַוועק פון איר אַזו גיהיים וויא ער איז צוא איר גיקומען, עס האָט נימאַנד גיוואוסט פון דיזעם גיפערליכין בּעזוך אויסער דיא עסינא וואָס זיא איז איבּער דיזע גאַנצע צייט וואָס דער קאַמעראַטא וואַר בּייא דער עווגעניע פאַר פאַלין גיוואָרין. דען באַלד וויא זיא האָט דעם קאַמעראַטא אַריין גילאָזין צו דער קייזערין אין צימער, איז זיא אַוועק אין דער שטראָזע דידיע אין נומער פיר וואו הין זיא האָט פאַר פירט דיא דאָלאָרעס אום זיך צו זעהען מיט איר דאָרט, אונ פילייכט נאָך וואָס צו טאָן פאַר איר, דען וויא זיא האָט פאַר שטאַנען פון דעם באַציאַשיס רייד איז דיא דאָלאָרעס ווירקליך איינע אונשולדיגע, אונ עס האָט איר אַלזו אָן גיהייבּן צו פּלאָגין איר גיוויסין דאָס זיא איז איינע מיט שפּילערין אין אַזו איין שטוציגין שטרייך (שטונקע). עס וואַר שוין אָבּער שפּעט, זיא האָט שוין איר ניט דר וויסט דאָרט, דען מען האָט איר שוין אַוועק גיפירט פון דאָרט, אונ ניט איינער פון

דיא

דיא דארטיגע הויז לייטע האט איר גיקענט געבין בעשייד וואו הין :

14.

„דיא שיינהייט פון קאמעש"

אין יענעם געגינד פון קרים וואס וואר דאן בעזעצט מיט דיא פראנצויזישע אונ איינגעלשע ארמייען, וואר דאן איין קליין שטעטיל לעבין דעם האווען פון דעם שווארצין מעער. וואס האט גיהייסין קאמעש בעוואונט פון לויטער רוסין, וואס זיינען גישטאנען אין אגרויסין פערקעהר (האנדיל) מיט פראנצויזישע אונ איינגעלשע קויפלייטע שוין פון לאנגע דאטין, אונ האבין דאהער גישפראכין זייער גוט איינגעלס אונ פראנצויזעש אונ אזו אויך טירקעש, אונ וייל דיזער פערקעהר וואר זייא זייער איינטרעגליך, האבין זייא אן גינומען דיא פראנצויזין אונ דיא איינגלענדער פאר זייער גוטע געסטע, מעהר אלס פאר פריינדע פון זייער פאטער לאנדע, דען וואס טוט ניט דער מענטש אויס אייגען נוץ, אונ נאך מעהר אויס פורכט, דען זייא ווארין דאך דאן אין הערצין (אין מיטין) דער פיינדע, זייא פלעגין זייא פאר שאפין אלס וואס זייא האבין נייטיג גיהאט, אונ אויך מאנכע מאל אלס שפיאנען גידינט, אויך האבין זייא צו ווילענדיג צו ניט ווילענדיג אויף גינומען אין זייערע הייזער מאנכע גיראנעטע אדער שוואכע אפיצירין אדער יענעראלין, אונ האבין זייא צו גיזעהען אונ אבגעהיט וויא אירע אייגענע עלטערין, קינדער אונ מענער, אונטער דיא צאל פון דיא סלאבעסילגע (גישוועכטע) וואס האבין זיך אין דיזער שטעדכען איין גיקווארטירט, ווארין אויך אונזערע צווייא פריינדע, דער מארקיז מיט אלימפיא, זייא זיינען איין גישטאנען בייא איינער שיינע רוסקע וואס האט גיהייסין מאריא נארקאווא. וואס דער ענדעמא איז גיווארין מיט איר בעקאנט פון דען ערסטין טאגען זיינער אן קומען אהין, דען זיא וואר גינוג שיין אום צו פאר פירין אזו איין לויזין מענטשין וויא ער איז, אונ זיא איז גיווארין העכסט רייכליך בעלוינט פון אים, אונ דיזע איין קוואטירונג פון דיזע צווייא פריינדע וואר וויא גירופין פאר זייער אלטין פיינד, מיר מיינען פאר דעם ענדעמא וואס האט גיצילט נאך זייער לעבין, אונ וואס האט ניט אויסין גילאזין קיינע גילעגינהייט אום זייא צו שאדין, אונ האט אלזו זיך גיפרובירט אויס צו פירין זיין בלוטיגין פלאן דורך דיא מאריא נארקאווא וואס וואר ניט בעסער פאר אים, אונ וואר פייהיג (שפאסאבנע) צוא טאן פאר געלט אלעס וואס איז נור פאר באטין, ער האט איר גיגעבין שוין געלט פאראויס, אונ האט איר נאך פאר שפראכין צו לוינען נאך מעהר ווען זיא וועט דיזע ביידען שוואכע העררען וואס לאזירין בייא איר, אונ האבין דעם גרעסטין צו טרויען צוא איר ערמארדין אויף אזו איינער ארט אונ ווייזע (אופן), דאס עס זאל קיין פאר דאכט אויף איר פאלין, אונ זיא איז אין דעם איינגיגאנגען (מרוצה גיווארין), גוט איך וועל עס זייער לייכט אויס פירין „ האט זיא אים גיענטפערט „זייא וועלין

שוין

שוין ניט ארויס פון מיין הויז לעבענדיג, אונ אויף מיר וועט קיין שאטין פון פאר דאכט (חשד) פאלין, דען איך וועל מיך ציגין דער ביא נאך אלס איינע רעטערין, איך האב אהונט ביא מיינער קליינער העררע (שטאדע) וואס איז גרויס אונ גרימיג וויא איין וואלף, איך וועל אים אין איינעם אווינד ארויף לאזין אויף דר וויזע (לאנקע) וואס דיזע ביידע הערען גייען דארט שפאצירין אווינד צייט, זייא ביידע, דיא שוועכלינגע (שוואכע) וועלין אים זיין אויף איין ביסין. אונ איך ביא מיינעם אן רייצין אים אויף זייא פון ווייטין וועל פון נאהענטין שפילין דיא ראלע פון איינער רעטערין, קורץ אונ גוט עס איז דיזע זאכע שוין וויא אויס גימאכט, אונ גאט וועט עס מיר פאר קיינע זינדע צו רעכענען, דען זייא זיינען דאך דיא פיינדע פון מיינעם פאטער לאנדע, דיינקט נור אום איינע גוטע לוינונג פאר מיר״ :

זיא האט צוואר ווארט גיהאלטין, האט דעם הונט ארויס גילאזין אויף דער וויזע (לאנקע) צוא דער צייט אלס דיזע ביידע פריינדע האבן דארט געלוסט וואנדילט (שפאצירט), אונ דער הונד איז זייא אויף איהרעם אוואונק נור איבר גיפאלין פון הינטין, אונ עס איז גיוואורין צווישין זייא איין שטרייט אויף טויט אונ לעבין, דאך אבער איז עס ניט גיקומען אזו וייט וויא זיא האט גירעכינט, דער הונט האט זייא נור דיא קליידער צו ריסין, איין גיביסין אין פילע ערטער, צוא דער ערד גיווארפין, אבער ניט ערמארדעט, אויף זייער שרייען איז אן גיקומען דיא מאריא אונ האט זיך ארין גימישט אלס איינע רעטערין, זיא האט אבער איהרע פאלשע ראלע דארט זייער שלעכט אויס גישפילט, דען וויא זיא האט דער וויסט דעם הונד האלב דער ווארגין שוין אונטער דיא הענד פון דעם אלימפיא, האט זיא אים דעם אלימפיען אן גיהייבין אפ צו רייסין פון דעם הונד, אונ דער צו נאך זייער שטארק צו שימפפען (רוגייען) וואס ער דער ווערגט איר ליבלינגס הונד, אונ דיזעס האט דעם מארקיז אזו וייט אויף גיבראכט דאס ער האט ארויס גינומען פון זיינעם ראק טאשע אקליינעם רעוועלווער (פיסטאלעט) אונ האט איר גידראהעט (גישטראסעט) צוא דער שיסין איר ווען זיא וועט ניט אפ טרעטין :

דאס ענדע דער פון וואר דאס דער הונד איז גיבליבין ליגין אויף דער ערד איין טויטער האלב דער ווארגין אונ האלב דורך גישטאכין פון זייערע שפארין, זיא איז אנטלאפין, באלד דארויף וואר גימאכט איינע שטריינגע אונטער זוכונג, עס וואר אבער ניט ארויס צו ברייגגען (צו דער גיין) דער ווילע דעם גרונד דער פון, אונ דער פאלעסיא דער פראנצויזישער פעלד מארשאל האט גיהייסין דאס מען זאל איר הויז מיט אלעם וואס וואר דארין פאר ברענען, אונ עס איז גיווארין פון אים איין הויפין אש, אלס איינע וואהרנונג (שטראסוניג) פאר דיא איבעריגע איין וואונער פון דיזער שטעדכען, מעהר אלס אפאר וואכין האט גידויערט ביז דיזע ביידע פריינדע זיינען צו זיך גיקומען פון דיזעם שרעק אונ פון דיזע פאר וואונדערונגן, אונ נאך העד האבין זייא זיך אויס גיצייכינט ביא דעם שטורעם

לויפין

לויפין פון שעוואשטאפיל . אונ אזו דער קאמעראטא וואס איז גיקומען צוריק אונ אויך דער זואן , אונ מיט דער ערויבערונג פון דיזער ופעסטונג וואר אויך צו ענדע דיזער בלוטיגער קריג , אונ עס איז גיקומען צו איינעם פרידען , אונ דאן וואר דיא העכסטע גליקליכע צייט , אדער בעסער צו זאגין דיא בליהונגס צייט פון דעם נאפאליאן אונ פון דער עווגעניע וואס ווארין פערזעצט וויא צו זאגין אין דעם זיבענטין הימעל :

15.

"אינעסא"

עס איז אונזערע לעזערין צוואר שוין גאנץ גינוג בעגרייפליך דאס נייע אונגליק וואס עס איז גישעהען דער דאלארעס , ביא אלעם דעם וועלין מיר אין דיזען קאפיטעל נאך איין עטוואס מעהר שפרעכין דער פון , אום צו צייגין וויא איין פאר ברעכער איז פערטאכטעט ביא זיינעם גלייכין , אונ וויא דיא זינד פלאגט דעם גיוויסין פון דעם זינדער ווען ער אויך איין גיקריינטעס הויפט איז :

צייט דיא אינעסא האט אן גיהייבין צו פערמוטהען (משער צו זיין) דאס דיא דאלארעס איז איין גאנץ אונשולדיגעס קינד , אונ דאס נור דער באציאשי האט איר פאר פירט אין דעם פאלאץ פון ווערזאליען , וויא זיא האט עס פאר שטאנען פון זיינע איינגענע רייד וואס ער האט גישפראכין מיט דער עווגעניע , האטנאיר אן גיהייבין זייער שטארק צו פלאגין איר גיוויסען וואס זיא האט איין טייל אין דיזער אינטריגע , אונ האט פון יענער צייט אן גיהייבין צו קוקין אויף אים מיט איינעם העכסט פעראכטעטין בליק , אונ ער ווידער וואס ער האט אן גיהייבין צו מערקין פון יענעם גישפרעך אן זיינעם מיט דער קיניגין , דאס דיא אינעסא פאר שטייט וויא ווייט ער איז פאר דארבין , איז ער איר גיווארין אגרויסער פיינד אונ האט אין שטילין גיזוכט איינע גילעגינהייט אום לויז צו ווערין פון איר (דאס הייסט אום פטור צו ווערין פון איר דא) , ביא אלעם דעם וואר ער גינוג שלוי (חיטרע) צו פערשטעלין זיך אונ צייגין זיך איר העכסט פריינדליך אונ העפליך :

זיא (אינעסא) וואר פון יענער צייט אן צערפאלין (אונפריינדליך) מיט איר גיוויסען , אונ האט בעקומען איין גרויסין האס געגין אלע מענטשין , "דען ווען דיא עווגעניע וואס האט איר גישיינט ביז העד איין איינגעל צו זיין" , האט זיא ביא זיך גיטראכט קען אזו פאר דארבין זיין , אלזו צו וועמען דען קען מען שוין איין צו טרויען האבין :

אום איר גיוויסען צו בערוהיגין , האט זיא ביא זיך בעשלאסין דאס זיא מוז זיך נאך אמאל אפפראווען אין דער שטראזע סאנקט דידע אין נומער פיר , אום צו דער גיין וואס איז גיווארין מיט דער אונשולדיגע דאלארעס , אום איר צו העלפין ווען נאך מעגליך איז , עס האט אבער גידויערט שיינע עטליכע וואכין ביז זיא האט איין גילעגינהייט גיהאט אפ צו טרעטין פון איר פאלאץ אויף אפאר שטונדין

ISIDOR ... LIBRARY

שטונדין , דען זיא האט זיך גימוזט אימער גיפינען ביי דער קיניגין : אין איר נאבינעט , דיא גילעגינהייט האט זיך איר דארגעבאטין אלס דיא וואגעניע איז אוועק אויף איינער אפערע , קוים איז דיא קיניגין ארויס פון שטוב , איז זיא אויך ארויס פון טיולעריען (פאלאץ) אונ איז שנעל אוועק אהין אין דעם נומער פיר וואס איז אין דער שטראזע סאנקט דידע , וואס דארט האט גיוואוינט וויא מיר ווייסין שוין דער פאטער דעאר , וואס האט נאכהער גיהייסין קארעל האטטי , דיזע פערזאן איז אונז שוין בעקאנט פון פריער דאס ער וואר אמאל איין גרויסער פאר ברעכער (פרעסטופניק) , אונ דער נאך איז ער גיווארין אלס טראקטירסציק איין פאליציישקער שפיאן , אונ אם ענדע איז ער גיווארין איין אויבער אגענט (פיסקאל) , אונ אלס ער האט זיך העכסט פאר דינט גימאכט ביי דעם נאפאליאן האט ער גנעשטיגין יעדין מאנהייט פון איינער ראנגע צו איינער גרעסערין ראנגע , אונ עס איז מיט אים שוין אזו ווייט גיקומען דאס ער האט זיך פאר הייראטהעט מיט איינער אלטין פריילין , (דאס הייסט איינע הויף דאמע) , צוואר פערשטייט זיך דאס זיא וואר ניט פיל בעסער פאר אים , וויא עס איז בעוואוסט וואר זיא אין אירע אינגערע יארין איינע פריילין ביי דער גרעפין פאן לעאן , אונ האט דארט ביי איר גישפילט דיא ראלע פון איינער קופלערין (פאקטארקע) אין דיא פאר באטענע ליבע וואס וואר צווישין איר דאמע אונ דעם הערצאג פון ארלעאנס , וואס פאר ביי גייענדיג האט זיא דער לעבט פון אים איינע קנאבען (איינגלאך) , וואס זיינען ערסט אפיצירין אין דער פראנצויזישע ארמייא :

דיזער פערדעאר וואס הייסט צו גלייך קארעל האטטא , וואר ביי אלעם דעם העכסט שטאלץ אויף דיזער פארטי (שידוך) , דען וואס קלינגט שענער אלס דער נאמען פריילין , הויף דאמע , אונ צווייטינס האט ער דאך בעקומען דורך דיזע פארטי גרויסע פראטעקצע (שיצונג) פון דער קייזערין , אונ האבין אלזו ביידע גישפילט אין פאריז איינע גרויסע ראלע , האבין גיוואוינט אונ גילעבט פירשטליך , אונ האבין אן גיהייבין צו גילטען אין פאריז פאר גאנץ בראווע לייט , דען וואס איז נאך אזו לייכט וויא צו מאכן זיך אגוטין נאמען אין אשטאט , אונ אין דיזעם נייא גיבאקענעם גרויסע הויז איז אריין דיא אינעסא , אונ איז אן גינומען גיווארין פון דעם פערדעאר זייער העפליך אונ פריינדליך , דען ער האט גיוואוסט ווער זיא איז , אונ האט דאהער גימיינט דאס זיא איז גישיקט צו אים פון דער קייזערין מיט איינעם גיהיימען אויף טראג (פארוצענע) , וואס עס איז פאר בונדין מיט איינער גרויסין בעלוינונג , ער האט איר זעלבסט גישטעלט אשטול אונ האט איר גיבעטין זיצין :

„בעמיהען זייא זיך ניט אומזאנסט„ האט זיא זיך אפ גירופין „דען איך ווערדע מיך ניט פיל פאר זאמען ביי אייך , איך בין גיקומען אום נור איינע קליינע פראגע צו מאכין ביי אייך , אונ דער ביי אייך בעטין דאס איר זאלט מאכין פון דיזע פראגע מיינע איין גיהיימניס„ . „דאפיר דארפין זייא מיך ניט בעטין„ האט ער זיך אפ גירופין , „דען דיזעס איז מיין אמט (סלוזבע) אלעם צו וויסין

אלעם

אלעם צו זעהען, אלעם צו הערין אונ צו שווייגין "איך וויל דאס אייער פרויא זאל אויך דער פון ניט וויסין" האט זיא ווייטער גיזאגט, "אונ דיזעם מיינע טייערע פריילין" האט ער זיך אפ גירופין "איז אויך גאנץ איבער פליסיג (איבעריג)". "דען נאך האב איך ניט איין ווארט מיט מיינער פרויא אמאל פון מיינע אמטליכע (ציינאוונגע) זאכין גישפראכין". "אלזו איז גוט" האט זיא זיך אפ גירופין "אונ וועל אלזו אויך פאר שטיין ניט צו בלייבין אונדאנקבאר דער ביא, איך האב פאר איינינע וואכין גיבראכט אהער איינע יונגע שפאניערין, נון וויל איך וויסין פון אייך וואו זיא גיפינט זיך איצונד". "איך שווער אייך ביא אלעם היילינין" האט ער זיך אפ גירופין "דאס איך וויים דער פון גאר ניט". "זייט דאך קיין קינד" האט זיך דיא אינעסא אפ גירופין צו אים "מיינט ניט דאס איך בין גיקומען נור אום אייערע פערשווינענהייט אויף דער פראבע צו שטעלין, ניין איך זאג אייך דאס איך מיין ערינסט דער ביא, מיר בעלאנגט עס צו וויסין, אונ וועל אייך פאר יעדע ריכטינע נאכריכט איבער איר רייכליך לוינען, אונ וויא מיר שיינט ווייסט איר פון איר צו זאגין פיל מעהר נאך אלס איך מיין, דען איך וויים דאס דער אבער קאמער הער וואר ביא אייך נעכטין וועגין איר". "אזו איר ווייסט עס"? האט זיך דער פערדעאר אפ גירופין גאנץ פערוואונדערט "איך וויים עס" האט זיא זיך אפ גירופן "נון וויל איך עס וויסן וואס פר איין אויף טראג ער האט אייך גיגעבין וועגין איר". "ער האט מיך בעפוילין דאס איך זאל דיזע אוים לענדערין אריין זעצין אין זיינער קאריטע, איך האב עס גיטאן, אונ דאן האט ער גיגעבין דעם יעגער זיינעם וואס איז מיט אים גיקומען איינע אדרעסע וואו הין ער זאל איר אוועק פיהרען, אונ ער אליין איז זיך אוועק צו פוס, וואו הין אבער ער האט איר אוועק גיפירט איז מיר גאנץ אונבעוואוסט". "אונ פיליכט קענט איר אונ ווייסט דיזען יעגער"? האט זיא אים ווידער גיפרעגט "ניט איך וויים אים אונ ניט איך קען אים" האט ער איר גיענטפערט "דאך ווען איך וועל אים באקומען צו זעהען וועל איך אים גיוויס שוין דער קענען". "דער ווילע מיין ליבער הער" האט זיא זיך אפ גירופין "בעצייגע איך אייך מיינע קליינע דאנקבארקייט מיט דיזער קליינע סומא (געבענדיג אים אבייטעלע מיט דוקאטין) פאר דיזע ווייניגע נאכריכטין וואס זייא האבין מיר גיגעבין איבער דיזע אויסלענדרין, איינע צעהען פאכע בעלוינונג וועט איר האבין פון מיר אלס איר וועט מיר דער גיין דיא אדרעסע אויף וועלכער זיא וואר אפ גישיקט דורך דעם יעגער". "א פערגיוויס וועט עס העכסט שווער זיין" האט ער זיך אפ גירופין "ביא אלעם דעם וועל איך אנווענדין אלע מיינע מיהע אום עס צו דער גיין, דען איר זייט מיר זייער ליב אונ טייער". "אונ ווען איר ברויכט דר צו נאך אפערזוין האט זיא זיך אפ גירופן, וועל איך אייך דר פר בעזונדער בעפרידיגין, פון געלט איז קיינע ריידי:

ער האט איר אליץ פערשפראכין, אונ דאן האט זיא גינומען אבשייד פון אים אונ איז ארוים פון זיינער וואונונג מיט גיפרעסטין הערצין, דען זיא האט זיך איצונד איבער צייטן אין זעלבעם פאר דארפענע, אלעך זיא לעבט, אונ דער

בלענדענדער

בלענדענדער גלאנץ פון דעם פראנצויזישען הויפלעבין האט אן גיהייבין צוא ווערין מאטער אונ מאטער אין אירע אויגין, דאס זיא האט זיך גישעצט פיל גליקליכער גיוועזין צו זיין אלס זיא וואר נאך מיט אירע אונגליקליכע עלטערין אויף דער וואנדערונג:

זיא איז גיקומען אהיים נאך בעפאר דיא עווענגיע איז גיקומען צוריק פון דער אפערע, אונ האט אלזו ניט פאר זאמט צו זיין ביא איר ענטקליידין זיך, אונ ביא איר איין שלעפערין, האט איר גיוואונצין אגוטע נאכט, אונ איז זיך אריין אין איר צימער האט פאר ריכט איר געבעט אונ איז זיך איין גישלאפין גאנץ רוהיג, דער ערקוויקענדער שלאף אבער וואר ניט פון לאנגען דויער, דען זיא איז גיווארין באלד אויף גישרעקט דורך איינעם ווילדין גישרייא וואס האט זיך גילאזט הערין פון דער עווענגים שלאף צימער "העלפעט! רעטעט! אוועק פון מיר! מען שטיקט מיך! פורט! א רעטעט"! דיא איגעסא האט זיך אויף גיחאפט, האט זיך וואס צום גיכסטין צו רעכט גימאכט אונ איז אריין צו דער קייזערין אין שפיילגע, אונ האט איר דער וויסט דאס זיא ליגט מיט דעם גיזיכט ארויף, אונ איר ברוסט הייבט זיך, אונ אטהעמט זייער שווער וויא איינע וואס איז אין דער אגאניע (גסיסה), אונ דער שטערין איז בעגאסין מיט איינעם קאלטין שוויים, אונ דער צו נאך דיא אויגין אפין אונ פאר גלאצט, זיא האט איר באלד אויף גיצוכעט, ערמונטערט, אונ האט איר גיפרעגט וואס איז איר "א"! האט זיא זיך אפ גירופין "א בלייבט לעבין מיר, עס האט מיר איין שרעקליכער טרוים אויף גישרעקט, עס איז מיר פאר גיקומען אלס איך זעהע דיא דאלארעס מיט איינער דראהענדער (שטראסענדע) מינע, אונ דער צו עפעס אגרויזין פעביל (נאראד) וואס ווילען מיך אלין שטיקען, איך לייף פון זייא, אונ זייא יאגין מיך אלין נאך, דער צו נאך שוועבין מיר ארום אלין בילדער פון בעקאנטע פערזאנען, אססונא, העגרי, מארקיז דע מאנטאלאן, אלימפיא":

"א דיזעס איז גאר ניכט" האט איר דיא איגעסא גיענטפערט, "בייזע טרוימע קומען נור פון איינער שלעכטע פערדייאונג, איך וועל דיא ערצטע רופין" "ניין, ניין מען ברויכט ניט" האט זיא איר גיענטפערט "עס איז שוין פאר איבער, איך וועל פילייכט איין שלאפין" אונ עס איז ווירקליך אזו גישעהען, זיא איז איין גישלאפין אונ דיא איגעסא איז גיבליבין זיצין לעבין איר ביז טאג, אונ דאן וואר איין קאנסולעם פון דיא הויף ערצטע, אונ זייא האבין עס אן גינומען נור פאר איין זימפטאם (זנאק) דאס זיא הייבט אן צו ווערין שוואנגער, אונ פראנקרייך האט שוין האפענונג צו האבין איין טראהן פאלגער (נאסלעדניק):

דער נאפאליאן וואר פון דיזער נאכריכט העכסט פערוואונדערט אונ אויך העכסט ערפרייט, דער צו נאך וואר דיא עווענגיע העכסט גיזונד, עס איז איר שוין מעהר אזו איין טרוים ניט פאר גיקומען, אונ האט אליין פון זיך גילאכט וואס זיא האט גימאכט אזו אוועזין פון יענער נעכטליכע ערשיינונג, האט זיא גיבעטין דיא איגעסא דאס זיא זאל שוין מעהר ניט ריידין דער פון:

אין

אין דיזען טאגען וואס דער אבער קאמער הער באציאשי פלעגט צו קומען יעדען פריא מארגען צו פרעגען איר אין דעם נאמען פון נאפאליאן וואס זיא מאכט, האט דיא אינעסא גיהאט איינע אפטערע גילעגינהייט זיך איבער צו ריידען מיט אים, אונ אריין צו פאלין אין מאנכען ווארט שטרייט (ספרעצקעס), דען זייא וואַרין זיך איינער דעם אנדערין ניט גוט, זיא האט אים גיהאסט אויס איהרעם הערצין צייט זיא איז גיוואר גיווארין וויא פאר דארבין ער איז, אונ ער ווידער האט איר ניט גיליטין, ווייל ער האט זייער גוט גיוואוסט וויא ווייט זיא פאר שטייט אים, אונ עס איז אמאל אזו ווייט גיקומען, דאס זייא האבין זיך ערקלערט איינער דעם אנדערין פאר עפענטליכע פיינדע, אונ דאס יעדער פון זייא וועט זיך אין שטרייננגען (בעמיהען) צו פערדריינגען דעם אנדערין פון דעם פאריזער הויף, אונ גראדע אין דיזער מינוטע וואס זייא ביידע וואַרין העכסט ערהיצט (ראזגראצעט) האט איין קאמער דינער אריין גיטראגין איין בריף אויף אזילבערנע טעציל צו דער אינפאנטין אינעסא "האט נאך גידולד אוויילע" האט זיא זיך דאן אפ גירופין צו דעם באציאשי "מיר האבין נאך אונזער ווארט שטרייט ניט בעענדעט, האט גידולד ביז איך וועל דעם בריף איבער לעזין", דיזעס זאגענד האט זיא דעם בריף ענטזיגעלט (ראספעצאטעוועט), אונ האט אים זייער שנעל דורך גילעזין, אונ וואר דאן גראדע וואו זיא האט גיזאלט זיין העכסט בעדעכטליך אונ גאנץ בעדיינקליך צו מאכן איינע גאנץ אונשיקליכע פראגע אן דעם באציאשי גראדע גאנץ אומגיקערט "פיליבט ווייסט איר" האט זיא אים גיפרעגט קוקענדיג אין בריף "דעם פאליציישקען אגענט גריל, וואס וואוינט אין דער שטראזע ארלעאנס נומער אכטצעהען". "וואצו דיזע זעלטענע פראגע"? האט ער זיך אפ גירופין צו איר העכסט פערוואונדערט "ווייל מען זאגט" האט זיא אים געענטפערט "דס דיזער מאן איז אייער וועריק צייג (ארודיע), אייער פאוויערענע דאס ער ווייס פון אזעלבע זאכין וואס עס קענען אייך העכסט בעליידיגין". "ווען ער איז שוין יוא מיינע ארודיע" האט ער איר גיענטפערט "וואס ווייס שענדליכע זאכין פון מיר צו זאגין, בין איך אין אים זיכער דאס ער וועט ניט אויס זאגין". "אונ ווען איך איין מאל ווייס שוין וואס עס איז מיר נייטיג צו וויסין" האט זיא זיך ווידער אפ גירופין "מעגט איר שוין זיכער זיין דאס איך וועל שוין אלעס וויסין וואס עס קען אייך נור שאדין". "נוא ווען אזו וועט עס אים פערגיוויס זיין לעבין קאסטין, דען מיינט ניט דאס דער אויבער קאמער הער איין פערוואנדעטער (קרוב) פון קייזער וועט אזו דום זיין איין צו טרויען זיך אין אזו אדומען מענטשין וואס פערשטייט ניט צו שווייגין, אונ ביי אלעם דעם דאנק איך אייך פאר אייער ווארענען מיך פאר דיזעם מענטשין". "גוט ווען איר וועט נאך פאספייען איין צו היטן זיך פר אים" האט זיא אים גיענטפערט האלטענד דעם בריף אין האנד "זייט אונבעזארגט ווענין מיך" האט ער גיענטפערט "נאך האט ניט באציאשי פערזאמט אזו אזאך וואס אים אנבעלאנגט, אונ לעבט וואהל:

ער האט זיך פערנייגט פאר איר אונ איז אוועק, דיזער בריף וואר וויא

זיא האט גימיינט גישריבן גיווים פון דעם פערדעאר , עס וואר אין אים גישריבן נור דיזע ווערטער „דיא אויסלענדערין איז אפ גיפירט גיווארין צו דעם פאליציי־סקען אגענט גריל , אין דער שטראזע ארלעאן נומער 18 , אין אשטונד ארום וועט איר בעקומען נאכריכט וואו הין זיא איז גיווארין אפ גיפיהרט פון דארט" :

16·

„דאס פראנצויזישע קינד"

אין דעם יאר (1855) האט דער פעלד מארשאל קאנראבערט איבער גיגעבין זיינע מארשאל שטעלע דעם פעסטין אונ טיראנישין פעליסע , אונ אין דעם מאנהייט יון וואר דער פרינץ קאמעראטא שוין צוריק אין פאריז , ער האט זיך זייער שטארק אויס גיצייכינט ביא דער איין נעהמונג פון שעוואשטאפיל , אונ אזו אויך דער מארקיז דע מאנטאלאן , אונ ביידע האבין בעקומען אין פאריז יענעראלסקע דיפלאמען , אלימפיא אבער וואס וואר שוין יענעראל פון פריער , האט קיין העכערין צין בעקומען , דען עס האט גישיינט דאס ער גיהערט בעלוינט צו ווערין פון דער שפאנישע קיניגין , וואס זיא האט אים זעלבסט בעשטימט פאר דיא פראנצויזישע ארמייא , אונ ביא אלעם דעם האט ער גידארפט לויט זיינע גרויסע העלדינגטהאטין נאך מעהר אלס זייא גידארפט בעלוינט ווערין פון דעם פראנצויזישען קייזער , אונ אלס דער פרידען וואר שוין גישלאסין אין דעם יאר 1856 האט דיא עווגעניא אין דעם זעכצעהנטין מערץ בעשאנקען דעם קייזער אונ דער פראנצויזישען ־ארראד מיט איינעם פרינצען , עס וואר דארט דאריבער פריידין איבער פריידין , אונ דער שטאלץ פון דעם נאפאליאן וואר ניט צוא בעשרייבין , אונ עס וואר אים דיזעס ניט צו פערדיינקען , דען עס וואר אים גיבארין איין נאסלעדניק אין אגליקליכע צייט וואס ער האט גענזיגט אונ גישלאסין איין גליקליכין פרידין , אונ וואס קען שוין אמענטש מעהר דער גרייכין דא אויף דיזער ערד וואס הייסט יאמער טהאל , נור וויא קיינע פריידע ביז אהער איז ניט ענטשטאנען אונ פערגאנגען אונגעטריבטעהייט אונטער דער זאנע , אזו וואר דער פאל דא אויך , דען באלד וויא מען האט גיזעהען דאס דיזער פרינץ איז גיבליבין איין בן יחיד , האבין אן גיהייבין צו גיין ארום אים פערשיידענע גישפרעכע , דען מען האט אן גיהייבין צו צווייפלען (אין ספק צו זיין) אין זיינער עכטהייט , אטייל האבין גיזאגט ער איז פון דעם , אונ אטייל האבין גיזאגט ער איז פון יענעם , אנדערע האבין בעהויפטעט (פערגעוויסערט) דאס ער איז גאר איין פינדלינג (איין אסופי אדער אזו איינער וואס מען האט אים גיפונען אין גאס זיך וועלגערין ווייל דיא עלטערין ווארין פאר שיקט , אונ ווארין פון דעם נידעריגסטין גראד) , דאך דיזע אלע גערעדען ווארן נור פוסטע אונ ליידיגע ווערמקעס (אויס טראכטונגן), דען העטע גיוועזן נור איינעם דער פון וואהר , וואלט שוין מעהר אלס איינער

גיליטין

ילוטין דער פאר, מען וואלט שוין גינוג פאר שיקט אונ אריין גיזעצט וויא מיר וועלין עס ווייטער בעמערקין:

דאך מעהר שיקליכער אונ גלויבענס ווירדיגער אלס אלע אנדערע גערייד ין וואר דיא בעהויפטונג פון מאנכע פערטרויטע הויף לייטע, דאס דיזער נייא גיבארענער פרינץ וואר דיא פרוכט פון יענער נאכט וואס דער קאמעראטא האט בעזוכט דיא עווגעניע אין איהרעם בודואר, אונ דאהער דיא גרויסע שנאה פון דעם נאפאליאן צו דעם קאמעראטא אלס ער איז גיקומען צוריק פון שעוואשטאפיל אונטער דעם נאמען אקטאוויע דע אנסי קיין פאריז, וויל ער איז גיוואר גיווארין פון דיזעם גיהיימען בעזוך, אונ ביא אלעם דעם האט דער נאפאליאן אן גינומען דיא אלע גראטעלאציאנען (מזל טובן) וואס האבין אים ערשאלט פון אלע זייטין מיט גרויס פריידין, אונ האט גילאזט דאנערין פון אלע קאנאנען וואס ווארין אויף דיא פעסטונגען, אום בעקאנט צו מאכין גאנץ פאריז דאס די פראנצויזישע נאציאן האט בעקומען איין טראהן פאלגער (נאכפאלגער), אונ דיזער נייא גיבארענער פרינץ האט באקומען דעם נאמען „לואי זאן יאזעף נאפאליאן":

עווגעניע וואר דאן אלט דרייסיג יאר, זיא איז גיבארין גיווארין דעם פינפטען מאי 1826 יאר, נאפאליאן וואר אלט ביא דער געבורט פון דעם טראהן פאלגער אכט אונ פערציג יאר, דען ער איז גיבארין גיווארן אין דעם צוואנציגסטין אפריל 1808 יאר, נון נאך דיזע קורצע נאכריכטין פון דעם קייזערליכין פאמיליען קרייז וועלין מיר אונז ווידער צוריק קערין צו דעם לויף פון אונזערע ערציילונג:

דער באצישי וואס האט זיך שוין אויף קלאר איבער צייגט דאס ער האט אין דער שפאנישע אינפאנטין אינעסא איינע גיפערליכע פיינדין, האט אן גיהייבין צו דיינקען וויא לויז צו ווערין פון איר, דאס הייסט וויא צו מאכין איר גאנץ אונשעדליך פאר אים דורך דעם וואס ער וועט איר מאכין פערדעכטיג (פאדאזריטעלנע) ביא דער קייזערין, אונ וואס דיזעם איז אים אם לייכטעסטין, בפרט ער האט נאך דער צו זייער פילע מיטהעלפער וואס זיינען ניט ווייניגער פאר דארבין אלס ער, אונ ער וואר ביא זיך שוין אזו גיוויס אוים צו האבין איר וויא שוין אוים גיפירט, נון לאמיר אים לאזין דא אויף אקליין ווילע זיך בעשעפטיגין מיט זיינע פאר דארבענע פלאנען, אונ וועלין ווידער ווארפין אקליינעם בליק אויף דיא קייזערליכע פאמיליע וואס מיר האבין דא אקארסט פאר לאזין, אין עטליכע טעג ארום נאך דעם קומען פון אונזערע דרייא העלדין קיין פאריז, אנסי מאנטאלאן אונ אלימפיא, איז גישעהען דיא טויפע (קרעשצענע) פון דעם קרוין פרינץ אין דער נאטערדאם קירכע מיט גרויס פראכט, עס ווארי דאהין פינף טויזינד פערזאנען גילאדין, עס ווארין דר ביא גימאכט פראצעסיאנען איבער פראצעסיאנען, דיזע פאראדע האט גיקאסט מעהר אלס איין מיליאן פראנק, אויסער (לבד) גישיינקע וואס ווארין אוים גיטיילט, דיא דאקטורים אליין האבין באקומען דרייא מאל הונדערט טויזינד פראנק, נאך אמאל אזו פיל האבין באקומען דיכטער (משוררים אדער שטיהע טווארצעס) וואס האבין גימאכט

געדיכטע (שטיחעס) אויף דעם נייא געבארענעם אונ שניצער, אונ מעהלער, מוזיקאנטין, אקטארין וואס האבין מיט זייערע טאלענטין פערהילכט דעם פעסט (יום טוב) פון דער קרעשצענע, פון דיזער צייט אן האט ער אן גיהייבין צוא פאר זארגין זיינע קליינע פאמיליע וויא איין צערטליכער פאטער וואס קימערט זיך איבער דיא צו קונפט (עתיד) אדער (בודאסנאסץ), אונ האט אלזו אן גיהייבין צו שיקין מאסין געלט אין דאס אויסלאנד צוא דיא גרעסטע אונ זיכערסטע באנקייען אויף עווגעניעס נאמען, אזו האט ער אן גיבראכט איין קאפיטאל פון איין האלבין מיליאן שטערלינג אויף דיא פירמא פון דיא געברידער בארינג אין לאנדאן, אויסער דעם האט ער גיקויפט פילע גיטער אויף עווגעניעס נאמען אין שפאניען, אום צו זיכערין איר אונטערקאמען (לעבענס מיטעל) אים פאל פון איינער שטאאטס אומענדערונג דורך איינער גרויסע רעוואלעציא, דען ער האט גוט פאר שטאנען דאס ער זיצט אויף איינעם בלוטיגען אונ גליציגין טראהן:

באלד נאך דער טויפע פון דעם נייא געבארענעם פרינץ וואר גימאכט פאר אים איין בעזונדערער שטאאט, אונ עס וואר בעשטימט פאר אים (וויזנאצעט) איינע מיליאנאווע זאלעוואנע, אונ איר פון יאר פאר גרעסערט, טאג אונ נאכט וואר ער אומרינגט (אקרוזען) פון זייער פיל ערצטע וואס האבין אים גיהיט טאג אונ נאכט, דען ער וואר איין שוועכלינג, אונ עס וואר גיפירט איינע רעכענונג פון זיינעם הוסטין, אטעמציגע, אונ פון זיינעם שטול גאנג, זעלבסט נאפאליאן האט איבער אים געוואכט וויא איין שוץ איינגעל, אונ וואר אלזו פולער האפענונג דאס זיין נאמען וועט זיך פארט פלאנצין אויף דעם פראנצויזישען טראהן פיר אונ פיר (לדורי דורות) אים פאל ווען פראנקרייך וועט נור ניט רעוואלירין (מאכין איינע רעוואלוציע), אונ האט זיך קוים גיקענט פאסין (דער האלטין) אויס פריידע, דיזע פריידע אבער איז גיווארין באלד געטריבט דורך הונגער אונ ארמוטה, דען קרימער קריג האט בדלות גישטעלט דאס לאנד, אונ אומגליקליך גימאכט טויזענדע פאמיליען, אין יעדין הויז האט גיפעלט איין מאן איין זאהן, עס זיינען גיבליבין פילע וויטווען (אלמנות) יתומים, אונ פערלאסענע מיידכען, אונ ברויטע (כלות), אונ דאס פאלק וואר דורך דעם העכסט אונצופרידין:

דאך דער שלויע (היטרע) נאפאליאן, האט דיזע אונצופרידענהייט באלד בעשוויכטיגט (איין גישטילט) דורך פעסט טאגע, אילומענאציאנען, בעלע, דורך גישיינקע אן דיא נייסטליכע (דוחאווענסטווא), אן דיא גילעהרטע אן רעדאקטארין (צייטונג שרייבער), וואס האבין גישריבין וואונדער איבר וואונדער פון דאס פראנצויזישע קינד (טראהן פאלגער), איבער זיינע חכמות אונ איבער זיין געדייהען, אויב וואול ער האט מער ניט וויא נור גישלאפין אונ גיזויגין, אונ דיזעם וויא מיר ווייסין זיינען דיא בעסטע מיטעל אום צו אינטערסירין אזו איינע נאציאן וויא דיא פראנצויזישע איז, דער פרינצעל איז זיך גילעגין אין איינער טייערע וויגעלע וואס איבער איר איז גיהאנגען איינע קרוין, אונ ער איז זיך גי_עגין גאנץ רוהיג ניט וויסענד פון זיינעם איצטיגען גליקליכען שטאנד, אונ

פשיטא

פשיטא שוין ניט שפירענד דאס אומגליק וואס ליגט בעהאלטין פאר אים נאך אין דעם שוים פון דער שפעטערע צייט :

17.

„גריל אונ זיינע גיהיימניסע"

דיא דרייא הערען אונ אויך זואן זיינען גיקומען קיין פאריז אונ האבין איין גיקערט אין דעם אלטין קווארטיר פון דעם מארקיז, דער ערסטער גאנג פון דעם אלימפיא וואר נאך דעם פאלאץ וואנדאמא וואס דארט האט גיקווארטירט פאר זיינעם אפ רייזין נאך שעוואשטאפיל דיא דאלארעס אין דעם פאלאץ וואס ער האט גיקויפט פאר איר, דען ער האט גימיינט דאס זיא איז נאך דארט, אונ וואר אלזו אין בעגריף צו פאר מעהלין (חתונה האבין) זיך מיט איר, אונ האט זיך גיריכט אלזו צו האבין פון איר דעם ווארעמסטין עמפפאנג אין דער וועלט, ליידער אבער האט ער זיך באלד דער ווימט גאנץ בעטראגין אין זיינער גאלדענע האפענונג, ער האט דער וויסט דארט נור זיינעם טרייען בעדינטין וואלענטינע גאנץ פאר קימערט אונ פאר עלטערט, אפ גיצערט אונ בלייך וויא איינע גריפע (סקאלעט), אונ דיזער אומגליקליכער האט אים מיט גיטיילט (דער ציילט) אלס וואס עס איז גישעהען מיט דער דאלארעס „דאלארעס איז פאר שוואונדען" האט ער אים גיזאגט „אונ איך האב אין דעם קיין שולד, דען זיא וואר ענטפירט דורך איינע פיל מעכטיגערע האנד נאך אלס דער ענדעמא, עס וואר קיין אנדערער אלס דער אבער קאמער הער דער גראף באציאשי, אונ ניט מיר וואר זיך צוא מעסטין גיוועז (פראטיווען זיך) געגין אים, וואס גאנץ פאריז ציטערט פאר זיינעם אוואנק", דיזע טרויעריגע נאכריכט וואר וויא איין דונער שלאג פאר דעם אלימפיא, ער האט פאר בראכין דיא הענט, צעריסין דיא קליידער אויף זיך, גיפליקט דיא האר פון קאפ, אונ איז דורך גילאפין וויא איין וואהנזיניגער אלע צימערין, אונ האט גישריען וויא ניט מיט זיינער שטימע, „א דוא מיינע ליבע טייערע דאלארעס, א דוא פריידע מיינעם לעבענס, דער ציל פון מיינער פיל יארינען בעמיהונג, וואס איז מיר דיא וועלט אן דיר, איינע וויסטעניא, איינע רואינע (חורבה), אדער בעסער צו זאגין איינע העלע (גיהנום), קוים האב איך דיך ארויס בעקומען פון איינעם טיגערס קלאען, ביזט דוא גיווארין איין רויב פון איינעם גרימיגען לעווען (לייב), א דוא פערפלוכטער באציאשי, א דוא רייסענדעם טהיר, פון דיינער האנד וועט דיזע אונשולדיגע לאם פארדערין, מיט שווערע צינזען וועסט דוא באצאלין פאר דיזען טייערין רויב, דוא אונ אזו אלע דיינע מיט העלפער אין דיזעם פאר ברעכין" :

דיזעם בעדויערין, בעווייגען, אונ צירנען, האט גידויערט מעהר אלס איינע שטונדע, אונ נאך הער אלס ער האט זיך איין עטוואס בערוהיגט, האט ער זיך גילייגט אויף איינער זאפע אונ האט זיך גילאזט דער ציילין גאנץ

פאדראבעסצע

פאדראבעסצע, פון דעם וואלענטינע און פון דער אלטע דינערין וואס ער האט גילאזין לעבין איר דעם גאנצין פערגאנג (פאסירונג) פון דיזער טרויעריגין בעגעבענהייט:

זייא האבין אים דער ציילט האר קליין, און האבין אים ניט פאר פעלט צו שילדערין יעדע פערזוין בעזונדער וואס האט נור גינומען אנטהייל אין דיזער אינטריגע, און קיינע פערזאן פון דיזע אלע האט אזו דעם אלימפיען אינטערעסירט וויא דיא שווארץ גיקליידעטע דאמע וואס האט קיינע קליינע ראלע גישפילט אין דיזער אינטריגע, דאס איז גימיינט דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, און האט אלזו גימאכט איינע שטארקע אן פראגע נאך איהר בייא דעם וואלענטינען דיזער אבער האט אים גישווארין בייא אלער היילינקייט דאס ער וויים ניט איין שפור (סלאד) פון איר, און דאס זיא איז אים איין גיהיימנים וויא דער שטיין דער וויזען:

„נוא איז אין מיר איין וואונדער" האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו אים „דאס דוא ווייסט פון דער הויפט פערזוין מיר צו זאגין (דאס הייסט פון דעם באציאשי), אלזו גינוג דער איינער דער ווילע פאר מיר, איך גלויבע דאס דיזער איינער וועט מיר שוין ענטפערין פאר אלע":

באלד דארויף איז אלימפיא אוועק פון דארט און האט זיך בעאיילט צוא קומען וואס צום גיכסטין אין דעם דוואראץ טיולערען, אום צוא בעשפרעכן זיך דארט מיט דעם באציאשי, און אלס ער האט אים ניט דער וויסט צו הויז, האט ער פאר זאגט דעם באציאשים בעדינטין דאס ער זאל זאגין זיינעם הערען דאס ער זאל אים מארגין אום אוהר ניין דער ווארטין בייא זיך, און ווען ניט וועל איך בלייבין זיצין בייא אים אגאנצין טאג און וועל ניט אפ טרעטין פון זיינע צימערין וויא איינע שילד וואכע (קארהול), און אויף זיינעם צוריק וועגם פון דיזעם דוואראץ צו זיינע בײדע קאמעראטין אום צו דער ציילין זייא וואס עס האט פאסירט מיט דער דאלארעס, און זיין פארהאבין (דאצינגענע) וואס ער האט דא איצונד מיט דעם באציאשי, האט ער דער זעהען דאס דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע איין גיהילט אין איינעם שווארצין געדיכטין שלייער געהערט זיך (פריבליזייעט זיך) צו דעם דוואראץ פון דעם וואנדאמסקען פלאץ, (דאס הייסט צו דעם פאלאץ וואו דיא דאלארעס האט גיקווארטירט), זיא האט זיך בעאיילט נאך איר היציגען גישפרעך וואס זיא האט גיהאט מיט דעם באציאשי, וויא מיר ווייסין שוין אלם זיא האט ערהאלטין דעם בריף, האט זיא זיך בעאיילט צוא קומען אין דער דונקעלהייט פון דער נאכט אין דער גאם סאנקט דידע נומער פיר, דער פערדעאר וואר נאך ניט צוא הויז און זיא האט ערווארטעט אים דעם דינער הויז בענאהע איינע האלבע שטונדע ביז ער איז גיקומען, ער האט א גיבעטין אום פערצייהונג דאס זיא האט גידארפט ווארטין אויף אים אזו לאנג „איך מעכטע ווארטין דאפילט" האט זיא אים גיענטפערט „אום נור וואס גוטעס פין אייך צו הערין". „ליידער" האט ער זיך אפ גירופין „האב איך ניט מיט וואס

צו ערפֿרייען אייך, איך האב גיהאפט דאס איך וועל דעם גריל קענען בעוועגין דער צו, דען אזו האט עס מיר אויס גיוויזין אם אנפאנג, דער נאך אבער האט ער זיך פֿאר האקט אונ עס וואר קיין ווארט פון אים ארויס צו בעקומען». האבין זייא אים עפעס פאר שפראכין געלט צו געבין»? האט זיא אים גיפרעגט «איך האב דיזעס אויך גיפרובירט, איך האב אים פאר שפראכין צו לוינען מיט טויזינד לאדארין האט ער מיר אויס גילאכט» וואס פאר איינע בעדייטונג האט בייא מיר טויזינד לאדארין פאר שפראכענע, ווען איך האב שוין דרייא טויזינד בארעס פון באציאשי דאס איך זאל מויל האלטין, אונ וועל נאך קענען שפילין דער צו דיא ראלע פון איינעם ווארטס מאן:

«אונ דאך גלויבע איך» האט זיא זיך אפ גירופין «ווען איר וועט נור וועלין קענט איר אויף דעם גרילין מיט אייערע פריינדשאפט פיליכט נאך וואס ווירקין, דאס ער זאל אייך איין עטוואס זאגין פון דיא דאלארעס, אונ איך וועל אייך דער צו אויך רייכליך לוינען». «ניין מיינע טייערע אינפאנטין» האט ער זיך אפ גירופין «עס איז אונמעגליך, איך וואלט ניט נעמען גאר דיא געלט פאר דיא צייט וואס איך וואר זעלבסט איצונד בייא אים, דען איך האב מיך דער ווארט דארט אויף דעם באציאשי זעלבסט, אונ האב מיך אלזו גימוזט בעהאלטין אין אקליינעם אלקער». «נוא ווען אזו»? האט זיא זיך אפ גירופין «האב איך וויא עס שיינט גאר ניסט דער ווייל אויס גיפירט נעגין דעם באציאשי, דאך ניט אזו וואלוועל וועט אים דיזער זיג (נצחון) אן קומען, דער ווייל דאנקע איך אייערע מיהע מיט דיזער קליינע סומע, (זיא האט אים ווידער גיגעבין איינע ראלע דוקאטין)» אונ ער האט זיך ניט גישעמט עס צו צו נעמען, אונ אלם זיא האט זיך פאר נייגט פאר אים אונ האט אן גיהייבין צו נעמען אבשייד פון אים, האט ער זיך בעדיינקט דאס ער האט זיך מיט איר ניט וויא גיהעריג בעגאנגען, אונ האט איר אלזו אן גיהייבין צו געבין בעסערע האפענונגען אויס צו פירין איר זאך ווען זיא וועט נור קיין געלט שפארין אום נוט צו בעשטעכין דעם גרילען, זיא האט זיך שוין אבער ניט גיוואלט ארייין לאזין מיט אים אין גישעפטין, אונ האט אים (אום נור ניט איין צו רייצין) גיזאגט «דער ווייל ניט פיליכט שפעטער» אונ איז אוועק פון אים אונ האט זיך אטפראוועט אין דער גאם ארלעאנס אום צו קומען דארט אין דאס הויז נומער 18 וואס עס האט דארט גיוואונט דער אגענט גריל, אום פיליכט זעלבסט צו ענטדעקין וואס זיא האט ניט גיקענט ענטדעקין דורך איינעם אנדערין פאר גרויסע סומען געלט, דיזער גריל וואר אליין איין איטאליענער, זייער גישייט אונ העכסט ליסטיג (חיטרע), אונ דער באציאשי וואס האט גיוואוסט פון אים וואס פאר אסוחר ער איז, פלעגט אים זייער אפט איבער צו געבין מאנכע שווערע אויף טראגע (פארוצענעם), ער וואר צו גלייך דער גיהיימער קופלער (פאקטער) נאפאליאנס, אונ דער שטילער טאראן*) וואס פלעגט דיא אב גינוצטע

אדער

*) טאראן הייסט אין דער מיטעלאגע דער שיפער וואס שיפט איבער אלע
נישטא רבענע

אדער דיא נאכהער ניט מעהר גיליבטע מיידכען אונ דאמען וואס ער האט זייא פארהער זעלבסט דעם נאפאליאן גיקופעלט (גיפאקטערט), אפ פירין אין אזעלכע ערטער וואס מען קערט זיך שוין פון דארט ניט אום, וואס דיזעס איז אם הייפיגסטען גישעהען באלד נאך דעם וויא ער האט זיך פערהייראטעט מיט דער עווגעניע, עס ווארין אונטער זייא דיא אויס גיצייכענסטע אקטארקעס, אונ אויך פרויען פון גרעפליכין שטאנד, אלזו קיין וואונדער וואס דער גריל וואר בייא זיך אזו גיהייבין, דען ער וואר מעהר אלס דער גרעסטער גיהיימראטה:

אונ ווען מיר שוין איין מאל שפרעכין פון דיזעם גריל, וועלין מיר שוין בייא דיזער גילעגינהייט אויך דער ציילין וואס דער באציאשי האט בייא אים גיטאן אין דער צייט אלס עס וואר בייא אים דער פערדעאר, ער האט אים אויף גינעבין (פארוצעט) איינע אויף נאבע (פארוצענע) אונטער דער גרעסטין גיהיימנים מיט דער פאר שפרעכונג איינער בעלוינונג פון הונדערט טויזינד פראנק, „איך שטייא אייך צו דינען" האט זיך דער גרילע אפ גירופין צו אים „מיט לייב אונ לעבין, אונ עס וועט בלייבין אלץ פערשוויגען וויא דער טויט, אונ ברענע אלזו פון לוסט עס צו הערין אום עס אויס צו פירען". „אלזו פרייעט עס מיך דאס איך האב אין אייך אזו אמאן וואס איך קען מיך אויף אים פאר לאזין, ערסטינס פאר לאנגע איך פון אייך אונ גיביטע אייך אזו גאר דאס עס זאל בלייבין איין גיהיימנים פיר אימער וואס עס איז גישעהען מיט דער אויסלענדערשע דאמע (דיא דאלארעס), ווען אבער איר וועט נור עפעס דער פון ריידין מאכט איר אייך אומגליקליך אויף אייער גאנצין לעבין, צווייטינס זאלט איר מיר דער גיין ווער איז עס דער יונגער בראף אקטאוויע דע אנסי וואס דינט אלס וואלאנטער (פרייער) אין אונזער ארמייא, אונ האט זיך אויס גיצייכינט בייא איינקערמאן, דיזער יונגער הער איז מיר זייער אונ העכסט פערדעכטיג, איך גלויבע דאס ער פיהרט איין פאלשין נאמען, ער וואר דא אונליינגסט (ניט לאנג) אין פאריז, אונ האט פערפירט איינע פארנעמע דאמע, איך מיין עס דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, דען זיא איז פאר ליבט אין אים איבער דיא אויערין אונ ער וועט איר אונגליקליך מאכין, אונ ווער ווייסט וואס ער האט נאך דא אנדערע אבזיכט, איך בעט אייך איר זאלט מיר דיזען יונגען הערען גוט אויס פארשטין ווער ער איז אין גרונד אונ איר זאלט עס מיר בענאכריכטין ער וועט באלד קומען פון שעוואשטאפיל ווידער, אונ פיליכט איז ער שוין דא, איך מוז עס אלץ נייטיג וויסין":

„איר מעגט זיכער זיין" האט אים דער גריל גיענטפערט „איר וועט נאך מער וויסין פון אים וויא פיל איר מיינט צו וויסין", „פרייעט דאס מיך" האט אים דער באציאשי גיענטפערט „אונ ווען איך וועל צו פרידין זיין פון אייך וועל איך

אייך

גישטארבענע זיילין אין זיין שיפעלע איבער דעם שטראם דער פערגעסענהייט וואס הייסט לעטע, אונ דאהער וואר דאן דיא זיטע צו געבין יעדין טויטין איינע מטבע אין האנט אום צו בעצאלין דיזעם שיפער:

אייך מיט נאך וואס בעלוינגען , איך וועל אייער זון וואס דינט אין ארמייא
מאכין פאר איין מאיאר» . «א איך דאנק אייך מיין הער» האט אים דער גרילע
גיענטפערט אונ האט זיך דער בייא זייער טיף פערנייגט , אונ דער באציאשי איז
אוועק אהיים , אונ דער גריל האט זיך קוים גיפאסט (גיהאלטין) פאר פריידין , פון
אווינד האט ער אן גישאטין זיינע בערזע (סאקווע) מיט גאלד אונ איז אוועק אין
דעם פאלייא ראיאל (אין קיניגליכען שלאס) , וואס אהין פלעגין זיך אלע אווינד
צו זאמען קלייבין אלע פאליציישקע אגענטין (פיסקאלין) אום אפ צוא געבין
ראפארט פון זייערע טעגליכע שוועדענעם דעם אויבער פאליצייא מייסטער . דיזע
בערזע מיט גאלד וואס ער האט גינומען וואר ניט אום אלמאזען צו טיילין נור
אום אין קארטין צו שפילין , דען אין אונטער גארין פון דיזעם פאלאץ וואַרין
גרויסע טראקטירין , קאווארנעם וואס דארט פלעגט זייער שטארק גישפילט ווערין
אין קארטין , אונ ער וואר איין גרויסער מיט גליד פון דיא דארטינע קארטין
שפילער . פלעגט מאסין גיווינען מאסין פאר לירין , אין אלגעמיין אבער (בכלל)
וואר ער איין גליקליכער שפילער , אונ דאהער אלס דיא אינפאנטין פון
בארצעלאנע איז גיקומען אין זיין קווארטיר אין אווינד האט זיא אים שוין ניט
דער וויסט , דען ער וואר שוין אין גרויסין חדר , דער בעדינטער אבער האט איר
גיזאגט וואו ער גיפינט זיך , אונ האט איר צוא גלייך גיגעבין פאר גוט געלט
איינע פאטעגראפע פון דעם גריל , דאמיט זיא זאל אים דער קענען באלד בייא
איר ארין גיין דארט אין שפיל הויז , אונ זיא איז דער מיט אוועק גיפארין אהין ,
זיא האט אים דארט דער וויסט אין אגרויסע פערלעגינהייט (זאמעסאטעלסטווא) ,
ווייל ער האט דארט אין דיזען אווינד זייער אומגליקליך גישפילט , ער האט
אנגיוואורין גאר דיא געלט וואס ער האט מיט זיך גינומען , אונ האט אויס גיזעהן
בלייך וויא אטוך , זיא איז צו אים צו גיגאנגען אונ האט אים גיבעטין דאס ער
זאל אויף אווייליע ארין גיין מיט איר אין איינעם זייטין צימער , דען זיא האט
וואס ניטיגעס אונ גיהיימעס צו שפרעכין מיט איר , «דאך מוז איך דאך פריהער
וויסין» האט ער זיך אפ גירופין צו איר «מיט וועמען האב איך דיא עהרע צוא
שפרעכין (דאס הייסט ווער זיא איז)» . «מיין נאמען מוז אייך בלייבין דער ווייל
אונבעקאנט» האט זיא אים גיענטפערט , מיט דער צייט וועט איר עם וויסין ,
נור דאס איך קען אייך פערזיכערין , דאס איר וועט דא האבין צו טאן מיט
איינער ערליכע אונ מענטשין פריינדליכע דאמע וואס ניט נור זיא מיינט ניט
אום צו מאכין אייך אום גליקליך , אדער ארין צו פיהרין אין איינע קאבאלע
(אינטריגע) , מיינט זיא נאך אויס צו פיהרען דורך אייך איינע וואזילטהאט ,
אונ דער צו נאך אייך גאנץ רייכליך לוינען דער פאר . איך פערלאנג פון אייך
נור דאס איר זאלט מיר זאגין וואו גיפינט זיך איצונד יענע אויסלענדעשע דאמע
וואס דער באציאשי האט אמאל אטפראוועט צו אייך . מיר איז עם העכסט
אנגעלעגין (נייטיג) צו וויסין» :

דיזע אונערווארטעטע פראגע האט גימאכט איין גרויסין איינדרוק אויף

(עווגעניע) אים

אים , אונ ער האט אן גיהייבין צו בעטראכטין איר מיט פארשעהנדע בליקין אונ מיט איינער פערצויגענע מינע „וואהר איז עס" האט ער זיך אפ גירופין צוא איר זייער קאלט „דאס דער באציאשי האט מיר צו גישיקט אמאל איינע אויסלענדישע דאמע איז מעהר אלס גיוויס , נור וואו הין ער האט איר דער נאך פון מיר אטפראוועט ווייס איך ניט" . „איר לייקינט מיר" האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „אונ פילייכט מיט רעכט , דען איר פירכטעט דס איך קען אייך פערראטהען (אויס געבין) , אונ איר קענט דורך מיר פאר לירין אייער שטעלע אונ אייער זוואנע (טיטיל) , נון זאג איך אונ שווער אייך ביא אלער היילינגקייט דאס איר האט דער ביא ניט דאס מינדעסטע דער פון צו פירכטין , ערסטינס האב איך צו אייך גאר ניכט , דען איר האט מיר קיין לייד גיטאן , צווייטינס בין איך ניט אזו נידעריג (פאדלע) דאס איך זאל מיך מיט אזו איינער זאכע בעפאסין , אונ דריטענס פאר לאנג איך דאך ניט פון אייך ניט וואס שריפטליך , נור איין ווארט וואס וועט בעלוינט ווערין קיניגליך , אונ דום איז יענער וואס זאל ניט וועלין דורך איין ערליכעס ווארט פאר דינען איין גרויס פערמעגין , דאס האבין זייא איין בילעט אויף איינער גרויסע סומע וואס קען איינעם גימיינעם פאמיליען פאטער פאר איינעם רייכין מאן מאכין פינף אונ צוואנציג טויזינד פראנק" , דיזע ווערטער איהרע וואס זיינען אויס גישפראכין גיווארין מיט איינעם צוויבערענדען טאן (שטימע) , אונ נאך מעהר דיזער בילעט פון אזו אגרויסע סומע האבין ניט פאר פעלט זייערע ווירקונג , דען ער איז גיווארין דורך דעם גאנץ אנדערס געשטימט „גוט" ! האט ער זיך אפ גירופין צו איר „איך וועל אייך זאגין , דען איך בין איצונד אין איינער גרויסין געלט נויט , איך האב אין דעם אווינד זייער פיל פאר לארין , דאך מוזט איר מיר פריער אייערען נאמען זאגין , דען איך שטעל דא איין אין קאן זעלבסט מיין לעבין" . „איר וועט עס באלד וויסין" האט זיא צוא אים גיזאגט „נור פריער מוזין מיר בעענדיגין אונזער גישפרעך , עס איז מיר לייכט אייך צו בעטריגין אונ זאגין אייך איין פאלשין נאמען , איך בין אבער קיינע בעטריגערין , נון זייט וויסין דאס איר האט דא צו טאן מיט איינר ערליכע דאמע" :

„עס וואר שוין איין צייט" האט ער זיך אפ גירופין „דאס גאנץ שפעט אין דער נאכט איז צו גיפארין לעבין מיין קווארטיר איין טייערער עקיפאז פון דעם גראף באציאשי , אונ איינער איענער איז פון אים ארויס אונ איז אריין צו מיר אונ האט מיר איבער גיגעבין איין פערזיגעלטין בריף , ער האט מיר אן גיטראפין ביא דער טיר , דען איך בין ארויס פון שטוב אום צו זעהען ווער איז דא אן גיפארין , אונ האב דער ווילע גיהערט איין הערץ רייסענדען יאמערין אונ אכצען , איך האב דעם בריף גיעפינט אונ האב אין אים גילעזין דיזע ווערטער „איר זאלט אין דיזער נאכט אפ פירין מיט דער איזינבאהן איינע שפאנישע דאמע וואס איז אין דיזעם עקיפאז מיינעם אין דעם שלאס פא וואס איז ביא דעם שפאנישען גרענעץ , אונ עס וואר אונטער גישריבין באציאשי , דער צוא האט מיר דער יענער גיזאגט אין דעם נאמען פון דעם באציאשי דאס ער זאל

מיט מיר מיט פארין אלס שילד וואך (קאראול) אויף דעם באנהויף, אונ אלס איך האב אן גיהייבין איין צו פאקין מיין שעפעט איז צריין גיקומען צוא מיר איין פאליציישקער אגענט וואס וואר גישיקט אום צו בעגלייטין אונז, אונ האט מיר גיזאגט דאס דיא איספאנקע וואס מיר וועלין דארפין אפ פירין צו דעם שפאנישען גרענעץ איז דיא טאכטער פון דעם פערדענאנדס ברודער וואס וואר קיניג פון שפאניען אונ וואס הייסט דער שווארצער שטערין, דיא איזאבעלע קיניגין פון שפאניען וויל זיך מיט איר זעהען":

"אונ וואס רעט איר" האט זיך דיא אינעסא אפ גירופין מיט גרויסער פאר וואונדערונג אונ מיט איינער ווילדע שטימע וויא אן זיך, "אזו האט מיר גיזאגט דער אגענט וואס האט מיר צו גישיקט" האט ער איר גיענטפערט "אונ וויא דיא וואהרהייט צו זאגין, וואר מיר דיזע גישיכטע אויך עפעס גאניץ אונפערשטענדליך, דען דיזע איספאנקע וואס וואר זייער שיין האט זיך אלין גיבעטין ביא אונז דאס מיר זאלין איר לויז לאזין. דען זיא האט זיך זייער גיפירכטעט פאר דער רייזע נאך איספאניען, אונ פערלאנגט אלין דאס מען זאל איר אפ פירין צוריק אין איר דווארעץ וואס איז אויף דעם וואנדאמישען פלאץ, מיר האבין אבער עס ניט גיהערט, מיר האבין ערפילט וואס איז גיווארין בעפוילין, דארט אין דעם שלאס פא האבין אונז ערווארטעט צוויא פריסטער וואס האבין אונז גיצייגט איין בעפעהל דאס מיר זאלין איר איבער געבין אין זייערע הענט. זייא זיינען אהין אן גיקומען נור מיט אפאר שטונדין פריהער, איינער פון זייא האט גישפראכין פראנצויזיש, דיא איספאנקע האט זיך גיבעטין ביא זייא דאס זייא זאלין איר אפ פירין צוריק נאך פראנקרייך, זייא אבער האבין עס ניט גיהערט אונ זיינען זיך בעגאנגען מיט איר וויא עס וואר זייא בעפוילין". "אונ וואו הין האבין דיא פריסטער איר אפ גיפירט"? האט אים דיא אינעסא גיפרעגט, "זייא זיינען מיט איר איבער דיא גרענצע אריבער" האט ער איר גיענטפערט "אונ מיר האבין אונז צוריק גיקערט קיין פאריז אונ ווייטער וויים איך ניט, נור דיזעס קען איך אייך זאגן דאס דיזע פריסטער וואהרן פראנציסקאנער פון דעם קלויסטער פאמפעלונע":

דיא אינעסא וואר אויף גיציטערט פון דיזער שרעקליכע נאכריכט, דען זיא וואר דיא וויכטיגסטע אין דיזער גאנצער ערציילונג "אונ אר גיוויס קענט איר דאך דיזע גייסטליכע"? האט זיא אים ווייטער גיפרעגט "קענען קען איך זייא ניט" האט ער איר גיענטפערט "איך וויים עס נור פון דעם איינגערין פון זייא וואס האט עס מיר מיט גיטיילט, אונ ווייטער וויים איך ניט, אלזו מאדאם זיינען מיר שוין צוא ענדע מיט אונזער גישפרעך, אונ איצונד איז שוין דיא רייע (צערעדע) אן אייך דאס איר זאלט מיר זאגין אייער נאמען". "איך האלטע ווארט" האט זיא זיך אפ גירופין, אונ האט אפ גידעקט פון איר הויפט איר שווארצין וואוואל אונ האט צו אים גיזאגט "נון זעהעט איר דאס איך ב ן עס דער שווארצער שטערין, אונ איך בין עס דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, אונ בעט אייך נאך

מעהר

מֶעהְר אַלְס איר הָאט מִיךְ גִיבֶּעטִין . דאס אוּנְזֶער אִיצְטִיגֶער גִישְׁפְּרֶעךְ זָאל בְּלַייבִּין אַיין גִיהַיימְנִיס פַאר בַּאצְיַאשִׁי״ :

דֶער גְרִיל אִיז גִיוָוארִין דוּרךְ דִיזֶע עֶנְטְדֶעקוּנְג גַאנְץ אִיבֶּער רַאשְׁט (וויא מְבוּלְבָּל) אוּנ הָאט אָן גִיהַייבִּין צוּ קוּקִין אוֹיף איר מִיט גַאנְץ אַנְדֶערֶע אוֹיגִין , זִיא הָאט זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער גַאנְץ וֶוינִיג פַאר זַאמְט דָארְט , דֶען זִיא הָאט גִינוּמֶען בַּאלְד אָבְּשֵׁייד פוּן אִים אוּנ אִיז אַרוֹיס פוּן דֶעם פַּאלַייא רָאיַאל , אוּנ אִיז אַוֶועק צוּ דֶעם וַואנְדַאמְסְקִען פְּלַאץ אוּם עֶס צוּ בֶּעגַאבְּרִיכְטִין איר טְרַייעֶן דִינֶער וַואלֶענְטִינֶע דָאס עֶר זָאל עֶס בַּאלְד מֶעלְדִין דֶעם אַלִימְפְּיָא וָואס אִיז דֶער בַּאשִׁיצֶער אוּנ דֶער לִיבְּהָאבֶּער פוּן דִיא דָאלָארֶעס , פִּילַייכְט וֶועט אִים גֶעלִינְגֶען נָאךְ צוּ בֶּעפְרַייעֶן איר פוּן אִיהְרֶער נַייעֶ גִיפַיינְגְשַׁאפְט , עֶס וַואר שׁוֹין דַאן הַאלְבֶּע נַאכְט , זִיא הָאט דָארְט הַאסְטִיג אָן גִיצְוִוינְגִין דֶעם גְלֶעקִיל , עֶס אִיז אַרוֹיס צוּ איר דֶער וַואלֶענְטִינֶע זֵייעֶר שְׁנֶעל , אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דֶער שְׁרָאקִין אַלְס עֶר הָאט איר דֶער זֶעהֶען אַיין גִיוִוויקֶעלְט אִין איר שְׁוַוארְצִין וואוּאַל , דֶען עֶר הָאט גִימֵיינְט צוּא זֶעהֶען אַיינֶע שַׁאטַאנְקֶע אִין דִיזֶער נַייסְטֶער שְׁטוּנְדֶע (צְוֶועלְף בַּייא נַאכְט) , זִיא הָאט אִים מִיט גִיטֵיילְט אַלְץ וָואס זִיא הָאט גִיוואוּסְט פוּן דֶער דָאלָארֶעסֶעס עֶנְטְפִיהְרוּנְג , אוּנ דֶער וַואלֶענְטִינָא הָאט זִיךְ בֶּעאַיילְט עֶס צוּ דֶער צֵיילִין דֶעם מַאנְטָאלָאן (דֶעם מַארְקִיז) , אוּנ זִיא אִיז אַוֶועק צוּרִיק אִין טִיוּלֶערִי , בַּאלְד דַארוֹיף אִיז גִיוָואר. גִיוָוארִין דֶער פוּן אוֹיךְ דֶער אַלִימְפְּיָא אוּנ אִיז אוֹיס פְרֵיידִין אוֹיף גִישְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיינֶעם אָרְט , אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם וַואלֶענְטִינֶען ״אַלְזוֹ וֶועסְט דוּא פָארִין מִיט מִיר גְלַייךְ קַיין פַּאמְפֶּעלוּנֶע , אוּנ דוּא קַאמֶערַאטָא״ הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ דֶעם פְּרִינְצֶען וָואס וַואר מִיט אִים אוֹיף אַיין שְׁטַאנְצִיֶע ״וֶועסְט זִיךְ דֶער נַיילֶע אוֹיס רֶעכֶענֶען (רַאסְצָאטֶעוֶוען) מִיט דֶעם אוֹיבֶּער קַאמֶער הֶער בַּאצְיַאשִׁי , נוּן לֶעבְּט ווֹאוֹל מַיינֶע פְרַיינְדֶע מָארְגִין בִּין אִיךְ אִין שְׁפַּאנְיֶען״ בַּאלְד דַארוֹיף הָאט דֶער אַלִימְפְּיָא אָבְּשֵׁייד גִינוּמֶען פוּן זַיינֶע פְרַיינְדֶע אוּנ הָאט אָפְּגִירַייזְט :

18.

״דֶער גְרַאף בַּאצְיַאשִׁי״

עֶנְדֶעמַא אוּנ זַיין בֶּעדִינְטֶער דְזָאן הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט פוּן דֶעם קְרִימֶער קְרִיג צוּרִיק אִין פַּארִיז , אָבֶּער גַאנְץ אַנְדֶערְס אַלְס פְרִיעֶר , דֶען עֶס וַואר שׁוֹין נִיט מֶעהְר אוּנְטֶער זַייא דִיא זֶעלְבֶּע פֶּערְטְרוֹילִיכְקַייט אוּנ פְרַיינְדְלִיכְקַייט וָואס וַואר פַאר זֵייעֶר אָפּ רַייזִין אַהִין , דֶער גְרוֹיסֶער פַאר מֶעגִין וָואס דֶער עֶנְדֶעמַא הָאט אָפּ גִישְׁטוֹילִין דָארְט אִין דֶעם פַּאלַאץ מֶעדִינָא אִיז אוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן קַאס , דֶער גְרֶעסְטֶער טֵייל דֶער פוּן אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִין דֶער טַאשֶׁע פוּן דֶעם דְזָאן , אוּנ אִיז אִים גִיוָוארִין אַלְזוֹ דַאהֶער גַאנְץ אוּנְגֶעהָארְכְזַאם , אוּנ דֶער צוּ נָאךְ זֵייעֶר אוּנְפְרַיינְדְלִיךְ דָאס דֶער עֶנְדֶעמַא הָאט גִיפִירְכְטֶעט דָאס עֶר זָאל אִים נִיט דַאנִיצִירִין (מַאסֶערִין) דָאס עֶר אִיז אַיין פַאלְשֶׁער הֶערְצָאג , דַאהֶער הָאט דֶער עֶנְדֶעמַא אָן

גיהייבן צוא זוכן איינע גילעגינהייט לויז צוא ווערין פון אים:

אין דיזער נויט זיינע האט ער אן גיהייבן צו האפין פון דאס נייא אויף דיא הילף פון דעם באציאשי וואס האט זיך אים ביז אהער גיצייגט זייער גוט, נור אבער אויס דיזעם הויפט גרונד דאס ער מיט אלימפיא זאלין זיך איינער מיט דעם אנדערין דער ווערגין וויא מיר ווייסין עס שוין פון פריער, אונ האט זיך דאהער זייער שטארק פערוואונדערט אלס מען האט אים דאלאזעט דאס דער הערצאג פון מעדינע מעלדעט זיך צו אים:

ער האט אים אן גינומען מיט איינער פערשטעלטין פריינדשאפט, אונ האט אים בייא לייפיג דער ציילט אזו איינע זאכע וואס האט אים גישטאכין אין דער צעהנטער ריפ „מיינע בעדינטע האבין מיר דאלאזעט דאס געסטערין האט זייא אלימפיאס גייסט העכסט בעאונרוהיגט, אונ האט זייא גיזאגט דאס ער וויל זיך מיט מיר זעלבסט זעהען, אלזו מיין הערצאג האבין זייא פאר שטאנען נור זיינעם קערפער צו טייטין אבער ניט אויך זיינעם גייסט", דער ענדעמא וואס ער האט זייער גוט גיפילט וויא וויט עס גרייכט דער שטאכעל פון דיזעם שטאך ווארט, איז גיווארין בלייך אונ גאנץ פערצעהרט „א ליבער גראף"! האט ער זיך אפ גירופין „איך האב אנגיווענדעט אלע מיינע קרעפטין אום צו ערפילין אייער אויפטראג (פארוצענע) וואס איר האט מיר גיגעבין אייך לויז צו מאכין פון דיזעם אלימפיא, עס איז אבער איינע אונמעגליכקייט דיזען בייא צו קומען, ער איז פיל מער אלס איין מענטש. ער איז פערגיווים מיט דעם טייוויל אין בונד, אונ פיליכט נאך מיט שאטאן זעלבסט, אונ איז אלזו קיינע מענטשליכע זאכע אים דעם לעבין אינם גיהיים צו נעמען, אלזו מיין הער בין איך גיקומען צו אייך איצונד, ניט אום צו בעטין איינע בעלוינונג פאר מיין מיהע אום דיזען אלימפיא, ניין, וויל איך האב דאך ניט ערפילט אייער וואונש, איך בין גיקומען בעטין נור איינע קליינע גיפעליגקייט". „אונ איך וועל אייך גערין דינען מיט וואס נור מעגליך איז" האט ער אים גיענטפערט „בעטעט אונ איך וועל הערין":

„איר זאלט וויסין הער גראף באציאשי" האט זיך דער ענדעמא אפ גירופין „דאס דער יענעראל אלימפיא איז דיזע נאכט אוועק גיפארין קיין שפאניען מיט זיינעם בעדינטין, אום אויף צו זוכין זיינע גיליבטע וואס איז אפ גיפירט גיווארין אהין". „עס איז מיר דיזעם אגרויסע נייאיגקייט" האט אים דער באציאשי גיענטפערט „אונ אין דער טהאט איז אזו דאס דיא יונגע שפאניערין האט זיך אטפראוועט צוריק קיין שפאניען, נור איז מיר אוואונדער וויא אזו איז ער דער אלימפיא גיוואר גיווארין דאס זיא איז אפ גיפארין אהין, אונ נאך איז ניט אויס ?מאכט דאס ער וויים וואו זיא איז דארט". „דורך וועמען ער איז עס גיוואר ?יווארין וויים איך ניט" האט זיך דער ענדעמא אפ גירופין „נור דאס וויים איך ?אס דער אלימפיא ווייס נאך ניט אלעס וואס ער ברויכט צו וויסין צוא זיינעם צוועק". „נון וויל איך וויסין" האט זיך דער באציאשי אפ גירופין „וואס ער ברויכט ?אך צו וויסין". „דאס וועל איך אייך שפעטער שוין זאגין" האט אים ענדעמא

גיענטפערט

גיענטפערט „דער ווילע זייט גאנץ אונבעזארגט“ האט אים דער באציאשי גיענטפערט „איך וויים נאך ווייטער, ער האט זיך אטפראוועט אין דעם שלאס פא וואס איז לעבין דעם שפאנישען גרענעץ, אונ פון דארט קיין פאמפעלונע צו דיא צווייא פראנציסקאנער פריסטער, עס איז צו לאכין, א דיזע זיינען ניט בעסער פאר אלע אנדערע איבעריגע גייסטליכע, ער וועט דארט גאר זייערע נעמען ניט דער נייען. „אלזו האט איר מיך בערוהיגט“ האט זיך דער ענדרעמא אפ גירופין „נור וויל איך וויסין צו איז זיא נאך אין פאמפעלונע? „בעהיטע גאט“ האט אים דער באציאשי גיענטפערט „זיא איז שוין לאנג אין מאדריד“:

אין דיזעם גישפרעך איז ארייין איין בעדינטער, אונ האט אים דאלאזעט דאס עס מעלדעט זיך צו אים דער גראף דע אנסי „גוט ער זאל ארייין קומען“ האט ער אים גיענטפערט ניט וויסענדיג וואס ער ברויכט צו אים, „בעפאר איר וועט אויף נעמען דא איינעם צווייטין גאסט וועל איך דער ווילע אייך זאגין וואס איך פערלאנג דא פון אייך, האט צו אים גיזאגט דער ענדרעמא, איך וויל דאס איר זאלט מיך בעפרייען פון מיינעם אבעדינטין וואס איז מיר גיווארין העכסט צור לאסט, אונ וואס איז מיר צו גלייך גיפעהרליך. „דאס איז איינע קלייניגקייט, צו ליב דעם אליין האבין זייא זיך גאר ניסט גידארפט ווענדין צו מיר, איך גלויבע דאס זייא זיינען דאך בעקאנט מיט דעם הערצאג דע מארני. וואס אונטער אים שטייען דיא טראנספארט שיפין וואס פירין אפ אלע פאר ברעכער וואס ווערין פערשיקט נאך קאיענע (דאס איז אזו איינע פערפעסטע אינזעל), וועט ער שוין גיפינען איין ארט אויף איינע פון דיזע שיפין וואס גייען מארגין אפ אהין מיט אגאנצין טראנספארט ראסטאנטין אויך פאר אייער בעדינטין. „לײדער! האט זיך דער ענדרעמא אפ גירופין „קען איך דיזען הערען נור פון הערצין זאגין אבער ניט פערזוינליך“, דער ווילע איז ארייין דער קאמעראטא אונ האט זיך טיף פערנייגט דעם באציאשי, אונ דער ענדרעמא וואס איז גיווארין בלייך וויא אטוך אלס ער האט אים דער זעהען, דאס גלייכין וואר דער קאמעראטא אויך עפעס וויא פערבליפט (איזפוזעט) אלס ער האט דער זעהען דעם ענדרעמא, עס איז אים פאר גיקומען דאס ער האט אים ערגעץ וואו גיזעהען, אונ האט זיך ניט גיקענט דער מאנען, דער באציאשי וואס האט אנגימערקט דאס זייא קוקין זיך אן עפעס וויא גאנץ אונבעקאנטע, האט ער זייא פאר גישטעלט איינעם פאר דעם אנדערין, אונ אלס דער באציאשי האט דעם קאמעראטין גיפרעגט צו האלט ער עס פאר איינע עהרע צו האבין איינע גילעגינהייט צו ווערין בעקאנט מיט אזו אגרויסע פערזוינליכקייט וויא דער ענדרעמא איז, האט ער אים גיענטפערט דאס וועט ער אים זאגין נא עדינע (דאס הייסט ווען ער וועט זיין מיט אים ביחידות), אונ אלס דער ענדרעמא האט אנגימערקט דאס זייאביידע רוינען (סודען) זיך איינער דעם אנדערין אין דיא אויערין, אונ האט אלזו שוין גאנץ גינוג פאר שטאנען דאס זייא האבין צו ריידין צווישין זיך וואס איין דריטער דארף עס ניט הערין, האט ער אפ גיפירט דעם באציאשען אן אזייט, אונ האט א ם איין

גיראמט

גיראמט אין אויער דיזע ווערטער „איך נעם שוין אבשייד פון אייך, אונ דיזען הערען זאלט איר אויפהאלטין ביא אייך אויף איינער האלבע שטונדע“ אונ איז באלד דארויף ארויס פון דעם צימער זייער שנעל:

דיזע לעצטע ווערטער פון דעם ענדרעמא האבין ניט פאר פעלט זייער ווירקונג, דען ער האט שוין פאר שטאנען דאס דא מוז וואס וויכטיגעס שטעקין אין דיזען פערהאלטונגס בעפעהל דאס ער זאל דעם גראף אקטאוויע אסינא דער האלטין ביא זיך איינע האלבע שטונדע, אונ האט אלזו גיוואלט אריין לאזין זיך מיט אים אין איינעם פריינדליכין גישפרעך וואס זאל אויס פילען דיזע קורצע צייט, עס איז אבער גיווארין באלד אנשטאט איינעם פריינדליכין גישפרעך איין פיינדליכער גישפרעך, דען דער גראף אקטאוויע אסינע האט שטרייננ גיפאדערט פון אים דיא דאלארעס וואס ער האט איר זעלבסט פאר פירט קיין ווערזאליען, ער האט איר גיפאדערט פון אים אין דעם נאמען פון דעם אלימפיען, אונ ער (דער באציאשי) האט אים אויס גירעט וואס דער אלימפיא איז אוועק זאנרעניצע אן ערלויבנים פון דעם פעלד מארשאל, אונ ווידער וואס האט ער זיך צו מישען אין איינער אינטריגע וואס ניט אים אנבעלאנגט, דיזער פיינדליכער גישפרעך האט זיך באלד פערוואנדעלט אין איינעם פיינדליכין קריג, אונ עס איז שוין אזו ווייט גיקומען דאס מען האט שוין אן גיהייבין צו ציהען דיא דעגינס פון דיא שיידין, אונ עס האט שוין ניט ווייט גיהאלטין פון איינער בלוט פאר גיסונג, ווען עס וואלט ניט אריין גיקומען איין בעדינטער אונ וואלט אים ניט גימעלדעט דאס איינער ברויכט אים נור איין ווארט צו זאגין:

דער באציאשי איז ארויס אונ האט דער וויסט דעם ענדרעמא, אונ דיזער האט אים מיט קורצע ווארטע נור ענטדעקט איין גרויסעס גיהיימנים „זייט וויסין“ האט ער אים גיזאגט „דאס דער גראף אקטאוויע דע אנסי איז גאר דער פרינץ קאמעראטא וואס מען האט אים גיהאלטין פאר גישטארבין, איך האב אים דער קענט באלד וויא איר האט אים מיר פאר גישטעלט, דאך וואר איך נאך ניט גיוויס ביא זיך, אונ האב איך דארום ניט גיוואלט זאגין באלד, איך האב אייך גיהייסין דער האלטין אים אויף איינער האלבע שטונדע אום צו דער גיין עס אויף קלאר, אונ בין עס דער גאנגען אויף גיוויס שוין פון זיינעם בעסטין פריינד דאס ער איז קאמעראטא וויא ער לייבט אונ וויא ער לעבט“, דיזע נאכריכט וויא אויך זיא וואר אים נאך צוויי פעלהאפט, וואר אים וויא איין באלזאם אויף זיין וואונדעם הערץ וואס דער קאמעראטא האט עס איצונד זייער שמערצליך בערירט, אונ צו גלייך בעדראהעט (פאסטראסעט) מיט דאנאסין אונ מיט זיינעם שארפין אונ געאיבטין דעגין „א איך בין אייך העכסט דאנקבאר“ האט ער אים גיזאגט „פאר דיזע נאכריכט, דער ווייליע אבער האב איך קיין צייט מיט אייך צו ריידין, איך מוז צוריק אריין אין צימער אום צו ענדין מיין גישפרעך מיט דיזעם הערען וואס נענט זיך דער ווייליע מיט דעם נאמען גראף אקטאוויע דע אינסע“, ענדרעמא איז אוועק, אונ ער האט זיך אומגיקערט צו דעם קאמעראטא אונ האט צו אים

גיזאגט „נוא וואס ווילט איר איך זאל ווייטער קריגין מיט מיר, דערנאצירין מיך" ?
„ניין ליבער באציאשי" האט ער אים געענטפערט „דאס גלייכסטע איז דאס מיר זאלין אונזער פראצעס (משפט) ענטשיידין (רעשען) מיט דעם שווערד, איך וויל דאס מיר זאלין גיין אויף איין דועל (פאעדינאק)" :

„גאנץ רעכט" האט אים דער באציאשי געענטפערט „איך ווילינע איין דער צו, אונ דיזעס זאל נאך געשעהען אין דיזער נאכט וואס איז העל בעשיינט פון דעם מאנד, קומען זייא ארויס צו דער אזערע סיזאם וואס איז לעבין דעם בולאנהקין וואלד, קומען זייא אהין ארום עלף דעם זייגער מיט אייערע סעקונדאנטין (זאשציטניקעס), איר וועט שוין דער וויסין דארט אויך מיינע אונ אזו אויך מיך זעלבסט". „אונ מיט וועלכע געווער" ? האט אים דער קאמעראטא גיפרעגט „ווען מיר לויז גיין איינער אויף דעם אנדערין" ? „מיט אונזערע דעגענס" האט אים דער באציאשי געענטפערט „פיל גלייך" האט זיך אפ גירופין דער קאמעראטא וואס האט גאר ניט גידיינקט פון קיין פערראטה (איזמענע), אונ איז באלד דארויף אוועק פון דעם באציאשי וואס האט אים הינטער דעם רוקין זייער גוט אויס גילאכט, אונ האט צו זיך זעלבסט גיזאגט „דיזער ענדעמא האט מיר גיצייגט איינע גרויס דינקבארקייט (טובה), אונ איז אלזו ווערט דאס איך זאל אים מיט וואס אבדינען" ער האט ארויין גירופין איין בעדינטין האט אים גיהייסין איין שפאנען זיין עקיפאז, האט זיך אין אים ארויין גיזעצט אונ איז אוועק גיפארין צו דעם הערצאג דע מארני, ער האט אים דער וויזט צו הויזע, אונ האט אים דער ציילט וואס ער האט איצונד גיהערט פון דעם ענדעמא, אונ האט אים צו גלייך גיבעטין דאס ער זאל אים בעפרייען פון זיינעם לעסטיגען דינער דזאן „טוען זייא עס אים" האט ער צו אים גיזאגט „דען איך האב עס אים פערשפראכין, אונ ער האט עס אויך צו גלייך בייא אונז פר דינט", אונ דער דע מארני וואס מיר ווייסין דאס ער וואר איין בלוט פיינד פון דעם קאמעראטא האט איין גישטימט דער צו נאך מיט פריידין, אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין איבער דיזע נייאיגקייט וואס דער באציאשי האט אים דא איצונד מיט גיטיילט איבער דעם קאמעראטא, אונ האט דער צו גיזאגט „אזו איין בעטרוג קומט מיר פאר דאס ערסטע מאל אין מיינעם לעבין, אונ איז אלזו ווערט זייער הארט בעשטראפט צו ווערין דער פאר". „אונ דיזען ארעמען זינדער" האט זיך אפ גירופין דער באציאשי „קען איך איבער געבין אין אייערע הענט היינט בייא נאכט זייגער עלף לעבין דער אזערע סאנקטזאם, נור דיזעס מוז געשעהען גאנץ אינם גיהיים" „א דער פאר דארפט איר מיך שוין ניט בעטין" האט ער אים געענטפערט „מיר טוען אפ עפעס גרעסערע זאכין אונ עס קרייט קיין האן דער בייא, איך וועל זייא ביידין דעם קאמעראטא מיט דעם דזאן ענדעמעס דינער אפ שיקין מארגין מיט דיא טראנספארט שיפין נאך קאיענע" :

דער באציאשי האט זיך זייער שטארק בעדאנקט פאר דיזער גיפעליגקייט בייא דעם מארני, האט אים גידריקט ווארעם דיא האנד אונ איז זיך אוועק גיפארי:

גיפארין צוריק , אונ דער מארני האט באלד גישיקט נאך דעם פאליציי־קען אגענט פעטרי אונ האט אים איבער גיגעבין דיזעם גיהיימען אויפטראג דאס ער זאל זיינער עלף ארעסטירען דעם קאמעראטא אין דער אונ דער שטונדע אין יענעם אונ יענעם ארט :

באלד וויא דער באציאשי איז נור גיקומען אהיים האט ער אום צו שפילען דעם קאמעראטאן דעם בעטרוג פון דעם אפ גירעטין דועל גאנץ גיהעריג האט ער אפ גירעט מיט זיינע צווייא קאמראטין פלערי אונ פערכיני דאס זייא זאלין ערשיינען ארום עלף דעם זייגער בייא דער אזערע סאנקטוזאם אלם צווייא סעקונדאנטען זיינע , אונ דאס גלייכין האט דער קאמעראטע בעשטעלט פאר סעקונדאנטען זיינע צוויי פריינדע דעם מארקיז אונ דעם זואן , ער האט זייא דער ציילט פון דעם גאנצין אויפטריט וואס ער האט גיהאט בייא דעם באציאשי , אונ דאס ער האט אים אויף גיפאדערט צו מיינעם צווייא קאמפף (פאעדינעק) , דיזע ביידערלייא סעקונדאנטין זיינען צו זאמען גיקומען נאך מיט איינער שטונדע פריער פאר דער אפ גירעטער צייט אונ האבין זיך זייער פריינדליך איינע דיא אנדערע גענריסט , אונ האבין מיט אונגידולד ערווארטעט דיא צווייא , צווייא קעמפפער (פאעדינעקעס) דאס הייסט דעם באציאשי אונ דעם קאמעראטא :

קוים האט דער שטאט זייגער אוים גישלאגין עלף , איז אן גיפארין דער באציאשי אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין וואס ער האט ניט דער וויסט שוין דעם קאמעראטא , אונ דאס גלייכיןביידערלייא סעקונדאנטין , זייא האבין גיווארט איינע שטונדע , איינע צווייטע , אונ אלס דער קאמעראטא איז נאך אלץ ניט גיקומען , האט אים דער באציאשי אוים גילאכט , ער אונ זיינע צווייא סעקונדאנטין דער פלערי אונ דער פערסיני , אונ זיינען אוועק אהיים , אונ דאס גלייכין זיינען אוועק דיא צווייא סעקונדאנטין פון דעם קאמעראטא , דער מארקיז אונ זואן , אבער מיט איינער גאנץ אנדערין שטימונג , זייא זיינען אוועק גאנץ טרויעריג , דען זייא האבין גיפירכטעט צו האט ניט איין אומגליק גיטראפין זייערין גוטין פריינד דעם קאמעראטא , דען זאנסט וואלט ער זיך ניכט צוא שאנדין גימאכט אונ וואלט פערגיווים גיקומען , אונ זייער פורכט האט זיך ליידער בעשטעטיגט , דען אלס דער קאמעראטא איז גיפארין צו דער אזערע סאנקטוזאם צוא דער בעשטעלטע צייט , האבין אים איבער גינומען צעהען גווארדייסקע רייטער , מען האט אים ארוים גינומען פון דער קארעטע אונ מען האט אים אפ גיפירט נאך טולאן וואו הין מען האט אפ גיפירט אין דער זעלביגע נאכט אויך דעם דזאן דעם בעדינטין פון דעם ענדעמא :

.19

״דיא מאכט דער פריינדשאפט״

דיזער ארעסט אונ אפ פיהרונג פון דעם קאמעראטא נאך טולאן איז גישעהען

גִישֶׁעהֶען וִויא עֶס אִיז אוּנְז פוּן זֶעלְבְּסְט לַייכְט צוּ פֶערְשְׁטֵיין , נוּר דוּרְךְ דֶעם בֶּעפֶעהְל פוּן דֶעם בַּאצִיַאשִׁי וָואס הָאט גִיהַאט גִינוּג אוּרְזַאךְ צוּ וֶוערִין לוֹיז פוּן אִים , נוּר דַארוּם וַוייל עֶר אִיז אַיין פְרַיינְד פוּן דֶעם אַלִימְפִּיָא אוּנ אִיז אַיין מִיטְהֶעלְפֶער זַיינֶער אִין דֶעם אוֹיף זוּכִין דִיא דָאלָארֶעס , אוּנ אַזוֹ הָאט זִיךְ אִים גִיוָואלְט אוֹיךְ לוֹיז וֶוערִין פוּן דֶער אִינְפַאנְטִין פוּן בַּארְצֶעלָאנֶע , וַוייל זִיא אוֹיךְ אִיז אַיינֶע פְרַיינְדִין פוּן דִיא דָאלָארֶעס , אוּנ בֶּעמִיהֶעט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶער גֵיין וואו זִיא אִיז , אוּנ הָאט זִיךְ דַאהֶער בֶּעשְׁלָאסִין צוּ פֶערְדְרֵיינֶגֶען אִיר וָואס צוּם גִיכְסְטִין פוּן דֶער עֶווֹגֶענְיֶע דוּרְךְ אֵיינֶע פֶערְלֵיימְדוּנְג (רְכִילוּת) :

אוֹיף מָארְגִין נָאךְ דֶער גִיפַאנְג נֶעהְמוּנְג פוּן דֶעם קָאמֶערַאטָא , הָאט זִיךְ דֶער בַּאצִיַאשִׁי גִילָאזְט מֶעלְדִין צוּ דֶער עֶווֹגֶענְיֶע , עֶר הָאט אִיר דֶער וִויסְט צוּא זַיינֶעם גְלִיק נִיט אִין אַגוּטִין הוּמַאר , אוּנ וַואר אַלְזוֹ דַאן וִויא גַאנְץ גִישַׁאפִין צוּם אוֹיפְרַייצִין אוּנ צוּ גֶעבִין שְׁטְרֵיינְגֶע בֶּעפֶעהְלֶע „וָואס פִיהְרְט אַייךְ אַהֶער אִיצוּנְד לִיבֶּער גְרַאף” ? הָאט זִיא אִים גִיפְרֶעגְט גַאנְץ פֶערְשְׁטִימְט (פֶערְדְרִיסְלִיךְ) „מִיךְ פִיהְרְט צוּ אַייךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קֵיזֶערִין” הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט „נוּר מַיין אַמְט (דָאלְזָנַאסְץ) אַלֶעס צוּ וִויסִין אוּנ צוּ מֶעלְדִין” הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט „אוּנ בִּין אַלְזוֹ גִיקוּמֶען צְוַוייא נַייאִיגְקַייטִין מִיט צוּ טֵיילִין , אַיינֶעס אִיז דָאס מֶען אִיז דֶער גַאנְגֶען דָאס דֶער גְרַאף אָקְטָאווִיֶע דֶע אַנְסִי אִיז עֶס גָאר דֶער פְּרִינְץ קָאמֶערַאטָא וָואס מֶען הָאט אִים גִיהַאלְטִין פַאר גִישְׁטָארְבִּין , אוּנ מֶען הָאט אִים פֶעסְט גִינוּמֶען אוּנ צְוַוייטִינְס רוֹישְׁט דִיא שְׁטָאט פוּן דֶעם גִיהֵיימֶען בֶּעזוּךְ וָואס דִיזֶער עֶנְטְדֶעקְטֶער קָאמֶערַאטָא הָאט אַייךְ גִימַאכְט בַּייא זַיינֶעם עֶרְסְטִין מָאל קוּמֶען פוּן קְרִים קֵיין פַּארִיז , אוּנ דִיזֶע גִיהֵיימְנִיס הָאט וִויא אִיךְ זֶעהֶע אַיין קֵיינֶער נִיט גִיקֶענְט פֶערְרָאטִין (אוֹיס זָאגִין) וִויא אֵיינֶער אַיינֶע פוּן אַייעֶרֶע פֶערְטְרוֹיסְטֶען הוֹיפְדַאמֶען :

„פוּן דִיזֶעם גִיהֵיימֶען בֶּעזוּךְ” הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִירוּפִין „הָאט קֵיינֶע אַנְדֶערֶר גִיווּאוּסְט וִויא דִיא אִינְפַאנְטִין פוּן בַּארְצֶעלָאנֶע , אַלְזוֹ וֶוען זִיא קֶען מִיר שׁוֹין זַיין אוּנְטְרַייא אִיז שׁוֹין קֵיינֶעם אֵיינְצֶעל צוּ גְלוֹיבִּין , אַלְזוֹ וִויא אִיךְ זֶעהֶע בִּין אִיךְ אַטַאקִירְט נוּר פוּן פַאלְשֶׁע מֶענְטְשִׁין” . „אוּנ דָאךְ קֶען מֶען עֶס נִיט זָאגִין דָאס אַלֶע זַיינֶען אַזוֹ פַאר דָארְבִּין , הָאט זִיךְ דֶער בַּאצִיַאשִׁי אָפּ גִירוּפִין וִויא מִיר שַׁיינְט אִיז זִיא נוּר אַיין אוֹיסְנַאהְם פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע פֶערְטְרוֹיטֶע , אוּנ דָאס גְלַייכְסְטֶע דָאס אִיר זָאלְט זֶעהֶען בַּאלְד לוֹיז צוּ וֶוערִין פוּן אִיר” . „אִיר הָאט רֶעכְט בַּאצִיַאשִׁי” הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּנ הָאט בַּאלְד דַארוֹיף גִישְׁרִיבִּין אֵיינֶע עֶנְטְלַאסוּנְג פַאר אִיר (דָאס הֵייסְט דָאס זִיא אִיז אוּווָאלֶעט פוּן אִיר דִינְסְט) , אוּנ הָאט עֶס דֶער לַאנְגְט דֶעם בַּאצִיַאשִׁי דָאס עֶר זָאל עֶס שׁוֹין אוּנ בַּאלְד אִיבֶּער גֶעבִּין דֶער אִינְפַאנְטִין , אוּנ מֶעהְר וִויא דָאס הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט , אוּנ הָאט עֶס אִיר בַּאלְד חִירְקְלִיךְ אָפּ גִינֶעבִּין , זִיא הָאט עֶס אִיבֶּער גִילֶעזִין אוּנ אִיז גִיוָוארִין דֶער פוּן גַאנְץ פֶערְווִירְט (צוּ מִישְׁט) , אוּנ דֶער צוּ נָאךְ הֶעכְסְט גִיקְרֵיינְקְט זֶעהֶענְדִיג דָאס דֶער בַּאצִיַאשִׁי שְׁטָאלְצִירְט נֶעגִין אִיר , דָאס עֶר הָאט אוֹיס גִיפִירְט אוּנ הָאט אִיר פֶערְדְרֵיינְגְט

דיזע פערווירונג (צו מישונג) אבער וואר ניט פון לאנגען דויער, אין איינינע מינוטין ארום האט זיך איר געבייגטער מוטה ווידער זיך אויסגעלייכט וויא איין פייכטער רויזענשטיינגעל נאך איינעם איבער גייענדען שטורעם. „ניין" האט זיא צוא זיך גיזאגט, „נאך בין איך ניט פערדריינגט, ווארהייט בעשטייט אונ ליגין פערגייט, דער מענטש האט מיך פאלש פערליימדעט בייא דער קיניגין, אם ווייניגסטען מוז איך מיך ריין וואשען בייא איר פאר מיינעם אפציהען פון דאנען, אונ וויל אלזוי זויבער ארוים פון היר וויא איך בין זויבער אריין" :

באלד דארויף איז זיא אריין צו דער עווגעניא, זיא האט איר דער וויסט זיצענדיק אויף איינע אטאמאנקע מיט איינעם פערדריסליכען געזיכט אונ זיא האט אלזוי גימוזט בלייבין שטיין בייא דער טיר איינע היפשע צייט ביז דיא עווגעניא האט איר געווירדיגט צו טאן אבליק אויף איר אונ פרעגין צו האט זיא עמפפאנגען (מקבל גיווען) איהרע ענטלאסונג שריפט (אטפוסק). „איך האב עס בעקומען", האט זיא איר גיענטפערט, אונ בין אריין צו אייער מאיעסטעט איצונד ניט אום צו בעטען אום פערצייהונג דען איך וויים דאס איך בין ריין געגין אייך וויא איין פרידענס איינגעל, איך בין אריין נור אום צוויא זאכען וועגען, ערסטענס צו נעהמען פון אייך אבשייד וויא פון איינער קייזערין וואס וואר ביז אהער מיינע וואלטעהטערין אונ וואס איך וועל פערבלייבין איהרע טרייעסטע פריינדין, אונ איהר פערהערען צייט איך וועל לעבין, אונ צווייטענס וויל איך וויסין אין וואס עס בעשטייט מיין פערברעכין דאס איר האט מיר אריין גישיקט איינע ענטלאסונג דורך דעם באציאשי, איך קען דארויף ניט קומען, אלזוי ווינצע איך צו הערין פון אייערעם ריינעם מונדי, „מיר איז איין וואונדער" האט זיך דיא עווגעניא אפגירופין „דאס אזוי איין גידעכטניס (זכרון) וויא איר האט פערגעסט גראדע דיזעם וואס אייך שולדיג מאכט, ווען דען וועו ניט איך האב אייך צו פערדיינקען וואס דיא שטאדט איז אויף מיט מיר וועגין דעם געהיימע בעזוך וואס דער קאמעראטא האט גיהאט בייא מיר? דען נור איר האט גיוואוסט דער פון, נור אייך האב איך מיך אנגיטרויט אריין צו פיהרען אים צו מיר אונ אזוי ארויס צו לאזין אים, איך האב אים געברויכט צו איינעם פאליטישין צוועק, נון פיינדע אבער דייטעטען אנדערס, אונ מיינע עהערע ליידעט דער בייא ניט וויניג, אונ אויסגיפלוידערט האט איר עס נור, גינוג בעווייז דאס איר זייט מיר ניט גוט אדער פאלש וויא דיא שלאנגע, אלזוי האב איך שוין גענוג אורזאך צוא ענטלאסען אייך פון מיר, דען איר זייט מיר גיפעהרליך" :

„נון גאט זייא דאנק" האט זיך דיא איגעסא אפגערופין, דאס איך וויים שוין אויף קלאר דאס איך האב קיין שולד, אונ בין ריין, ווירקליך ריין געגען אייך וויא דער וואסער פון דיזעם בורלאנט וואס גלענצט אויף אייער פינגער, שטומען זאל זיין מונד אויף אימער אויב איך האב מיט וועמען איין ווארט דער

פון

פון געשפראכען, אונ האב נאך ביז אהער זעלבסט קיין שונא מיינעם פערראטהען, נור איצונד פינדע איך מיך געצוואונגען אנדערס צו האנדלען, איך מוז אייך ענטדעקען וואס איך האב ביז אהער פערשוויגען, ווען אויך עס קען פילייכט איינעם אונפריינד מיינעם שאדען, איר זאלט וויסען דאס פון דיזעם געהיימען בעזוך האט געוואוסט נאך איינע פערזאן אויסער מיר איינע פערזאן וואס איז מיר ניט גוט נור אויס הוילען נייד (קנאה) וואס איך שטייא בייא אייך אין גרויסער אכטונג, אונ דאס איז דער באציאשי, דען ער וואר בייא אייך דאן אין צימער אלס איך האב דעם קאמראטען דורך געלאזין דורך דיא טרעפ, אונ דיזער מאן וואס האט אויגען צו זעהען אלעס אונ אויערין צו הערען אלעס, אונ איינע נאזע אויס צו שפירען אלעס, האט דאן ערשמעקט דיזען געהיימען בעזוכער, אונ האט זיך שוין בעשפראכען וועגין אים מיט אייער קאמער דינער, אונ באלד דארויף אויף מארגין וואר איך אנגעפרעגט פון דעם קייזער זעלבסט דורך דעם מארני וועגין דעם קאמעראטא וועמען האט געגאלטין זיין בעזוך, אונ איך האב אים דאן געענטפערט קיינעם אנדערען וויא נור מיר זעלבסט, דען ער ליבט מיך שוין פון לאנג, אונ איז געזאנגען צו הייראטהען מיך. איך האב עס אייך ביז אהער פערשוויגין דען איך האב ניט געוואלט שאדען דעם באציאשי אויב וואויל איך ווייס דאס ער איזט מיר איין הויפט פיינד, אלזוי מיינע טייערע קייזערין, ווען זייא ווילענס זיינען צו איבער צייגען זיך דאס איך האב איצונד דיא ווארהייט געזאגט קענען זייא זיך בעשפרעכען מיט דעם מארני וועגין דעם:

„איך פערשפאר עס" האט זיך דיא קיניגין אפגירופין מיט איינער צערטליכע אונ ליבליכע שטימע" דען עבען האב איך מיך דער מאנט איצונד דאס דער מארגע האט מיך געפרעגט צו ווייס איך פון דעם ראמאן וואס האט זיך פערשפונען צווישין דעם גראף אקטאוויע דע אנבי מיט דער אינפאטין פון בארצעלאניע, אונ געדיינק שוין צו גלייך וואס איך האב אים געענטפערט, דען איך האב פערשטאנען פון וואנען דיזע פראגע וואקסט, אונ האב אים געלאזין אין זיינעם אירטהום (טעות). „עס איז אזוי" האב איך אים געענטפערט „איך ווייס עס, נור דער ווייליע מאכט זיא מיר דער פון איין געהיימניס" איך האב עס אייך ניט דער ציילט, נור דארום, דאס דיא זאכע וואס מען וויל ניט דאס איין אנדערער זאל דער פון שפרעכען זאל מען פריהער אליין דער פון ניט ריידין, אלזוי מיינע טייערע אינעסא, זייא זיינען אונשולדיג, ריין וויא א אייגעל, איך בין זייא צו הארט אן געקומען, האב מיך איבער איילט. דער באציאשי האט מיך אויפגערייצט געגען אייך, פערצייהעט מיר אונ בלייבט אין מיינעם דינסט וויא פריהער, א וואס איז איין פרויען הערץ, ניט מער אלס איין פעדער באל אין דעם מענערהענדען, גליקליך זייט איר דאס איר זייט ווייט פון דיזעם פאלשין געשלעכט:

דאס ענדע וואר דאס דיא עווגעניא איז איר ענטקעגין געקומען האט

איר

איר אויפגיהייבין פון דיא קניא אונ האט איר הערצליך אומארמעט , אונ דיא אלטע פריינדשאפט האט זיך מיט נייע קראפט פעריונגט , דען אלטע ליבע ראסטעט ניכט :

19.

דיא באלווילישע גיפט מישערען.

דער קווארטעל בעלוויל וואס שיידעט זיך פון פאריז דורך דיא צווייא גרויסע שטראזען מעוויקי אונ פועבלי וואר אין דער צייט פון אונזער ערציילונג איינע וויסטע פארשטאדט , עס וואר דאן דארט אויך דער פלאץ וואס מען האט אויף איהם דען גיוועזען דיא פערברעכער (דער געריכט פלאץ) וואס וואר ארום גיבויט מיט עלענדע אונ ארעמע הייזער אונ היטען (בודקעס) וואס ווארין בעוואוינט פון דעם פאריזער אויסוואורף (שוואלעץ) , ביי טאג וואר דארט וויא אויס גישטארבין , ווייל דיא דארטיגע איינוואוינער האבין זיך דאן בעשעפטיגט אין שטאט , ביי נאכט אבער ווארען דיא געסלעך אונ דיא פלעצער בעלעבט אונ בעפעלקערט פון אלערלייא קלאסען מענטשען וואס פערנעהמען זיך נור מיט טרוג אונ לוג, דאס גלייכען מיט דער גרעסטער אונצוכט, אונ זייער אפט אויך מיט מארד , אלע הייזליך וואס האבין ביי טאג אויסגיזעהען עפעס וויא קברים שטיבלעך , פלעגין ווערין פון אוועגד אומגעוואנדעלט אין טראקטירין אונ אין פריידענהייזער , אונ עס האט אנגיהייבין צו הערשען דארט דאן איינע טהעטיגקייט וויא אין לאנדאן אין דיא ווייהע נאכטען , דען עס פלעגין אהין פערקערען אלע דיא פערוואורפענע אונ פערדארבסטע מענטשען פון גאנץ פאריז, מענער אונ פרויען, אונ יעדער ארעמער זינדער האט שוין גיהאט דארט איינע רעכטע גילעגענהייט איין צו האנדלען פאר זיך איין רומעל עבירות פאר שפאט ביליג אונ זייער אפט גאר אויף קרעדיט , אין דיזער פארשטאט פלעגט דיא פאליצייא אלע אוועגד אוים ווארפין איר נעץ , אום אויף צו פאנגען אדער ארוים צו פישען פון דארט אנטלאפענע ראסטאנטען, דויבער, מערדער , דיבע , מארדברעכער אונ דאס גלייכען , נאך מעהר , עס וואר דארט גיסאהערט מיט דען זינדען גאנץ אפען , עס וואר דארט ארוים גישטעלט איבער יעדעם הויז איין שילד (זנאק) מיט איינעם אויפשריפט אדער גימעלדע וואס ערקלערט צוא דייטליך וואס פאר איין פערבאטענעם אונ שענדליכען פערגעניגין עס איזט אין איהם צו בעקומען , אונ ווייל מיר ווילין אונזערע לעזערינען פערשוינען מיט דעם קאפירען היר דיזע עקעלהאפטע נאדפיסען , ווילין מיר אונז בעשרייקען (בעגרענצען) דא נור אויף איינם פון זייא אלע אונ דאס אויך ווייל עס האט אין : דיזעם הויז גיוואוינט איינע העלדין*) פון

אונזער

---

*) דער העלד אדער דיא העלדין פון איינער געשיכטע ווערט אן גירופין יעדע פערזין וואס ווערט וואס פון איר דער ציילט .

אונזער געשיכטע , וואס צו ליב איר מוזין מיר שוין איין עטוואס בעשרייבין איר קוואַרטיר

אונטער אַלע הייזער וואס וואַרין דאָרט , האָט זיך אויס גיצייכענט איין הויז , דורך איהרע גרעסע (גרויסקייט), זויבערקייט אונ אויס מעבלירונג , אויף איר שילד וואַר גיצייכענט נור מיט איינער גרעלען (דזיקע) פאַרבע דאָס וואָרט «מאַניקלע» וואס דאָס הייסט אין פראַנצויזעס די אייזערנע רעכוועע אָדער רינג וואס ווערט אָן גיטאָן איינעם יעדען קאַטערזשנעם אויף זיין פוס אום אַנצושליסין אָן דעם דיא קייט וואס איז שוין מיט דעם אַנדערן עק אָן גישלאָסין אָן דעם רינג וואס איז אויף דעם פוס פון דעם אַנדערין קאַטערזשניק , דאָס הייסט גענויג דייטליך גימיינט דער מיט , דאָס דאַ איז איין רעסטאַראַציאָן (טראַקטיר) פאַר אַנטלאַפענע קאַטערזשניקעס , אונ זייא וואַרין דאָרט ווירקליך גיזיכערט , ביא טאָג האָבין זייא גישלאָפין דאָרט אין איינעם גיהיימען קעלער , אונ ביא נאַכט פלעגען זייא נאָך גיין זייערע בלוטיגע אונ שענדליכע גישעפטען , אונ פלעגין צו קומען געגין טאָג בעלאַדען מיט רויב אונ מיט גנבות , אונ ביא אַלעם דעם וואַר דאָס הויז ביא נאַכט פול פון אַלער האַנד גיזינדעל מענער פרויען מיידכען, עס וואַר דאָרט גיפרעסין , גיזויפט , גיזונגען , גישפרונגען , אונ אונצוכט געטריבין , אין קאָרטין גישפּילט , אונ דאָס גלייכען , דער ווירט וואַר איין גישייטער קערעל גאַנץ וויא גישאַפען דער צו , ער האָט זייער גיקאַנט זיינע געסטע אונ נאָך מעהר אַלע פאָליצייסקע , אונ האָט זייער גוט פערשטאַנען ווען צו בעטריגען , יענע אָדער דיזע , אונ ווען זייא ביידין צו גלייך :

מעהר פאַר אַלין אָבער אינטערעסירט אונז דאָרט איינע גיוויסע דאַמע וואס האָט דאָרט גיוואוינט אויבין אויף דעם צווייטען שטאָק , זיא האָט גיהייסין גאַבריעלע בעלאַנגער , זיא וואַר איינע געזונטע שטאַרקע פרויא אין דער יוגענד זייער שיין , אונ דאַן האָט זיא געדינט אין דעם שלאָס פון דעם גראַפען דע ברעגע , דיזער גראַף וואַר פערהייראַטהעט מיט איינער עלטערע פרויא אַלס ער, אויס געלט אינטערעסע אונ האָט מיט איר קיינע קינדער ערלעבט, אונ אַלס זיא איז אים אַפּגישטאָרבין פלעצליך , האָט דאַן דיא גאַבריעלע איינע טאָכטער גיבאָרין , דיזעס קינד האָט בעקומען דעם נאָמען מאַרגאַריטאַ , אונ וויל זיא וואַר פּאַדאַבנע עהנליך צו דעם גראַפען דע ברעגע , האָבין אַלע הויפיגע איר פערדעכטיגט (חושד גיוועזן) דאָס זיא האָט גילעבט מיט אים אונ דאָס זיא האָט אויך פערגיפטעט דיא גרעפין , אונ אַזוי האָט זיא גיהאַט איין פערדאַכט אויף זיך אין דעם טויט פון דעם גראַף וואס איזט אויך באַלד פלעצליך גישעהען , זיא זאָל עס גיטאָן האָבין אום איר טאָכטער זאָל בלייבין דיא איינציגע ערבין (יורשטע) זיא האָט אָבער גאַר ניכט אויסגיפירט , דער מיט , גראַדע אומגיקערט נאָך , זיא האָט אויף זיך אַרויף גיצויגין דער מיט אַגרויסען פראָצעס , מען האָט אויפגיגראַבין דעם גראַף אונ דער גראַפינע , מען האָט זייא רעוויזירט , מען האָט אָבער קיין שום פון גיפט ערוויסט אונ

זייא

זיא איז לויז געווארין, אונ איז אוועק מיט איר קינד קיין פאריז, אונ האט זיך איינגעניסטעט (בעזעצט) אין דער פארשטאט בעלוויל. אונ דארט האט זיא אנגעהויבין צו לעבין פון דער זעלבינע זאכע וואס זיא האט פון איר געליטין נאך דעם גראפס טויט, דען זיא איז געווארין איינע גיפט מישערין פון פראפעסיאן, אונ האט זיך זייער גוט גינערט דער פון וויל איהרע ווארע (סחורה) האט גיהאט איין זייער גוטען אבגאנג דארט, זיא פלעגט דיזע גיפט ארויס בעקומען פון געוויסע ווארצלען אונ קרייטער, אונ ער וואר ריין אונ אן דעם מינדעסטען געשמאק וויא וואסער, אונ האט אים גיקענט געבין אלערלייא גראדען, צו ער זאל טייטען באלד אויף דער שטעלע צו לאנגזאם, אין א טאג אין א וואך, אין א מאנאט צו אין א יאר, אונ מען זאל זיך דער בייא גאר ניט שפירין דאס מען איז פערגיפטעט, אזוי וייט האט דיזעס ווייבליכע וועזין איר העלעשע קונסט געטריבין:

ביא טאג פלעגט זיא אום גיין אין דיא פעלדער אונ אין דיא וועלדער אום צו קלייבין דיא קרייטער אונ דיא ווארצלען אונ פון אווענד וואר זיא איין גישלאסין אין איר קאבינעט, אום אוים צו פרעסען דעם גיפטיגין אסענס פון זייא, זיא פלעגט צו זיצען דארט גאנץ איינזאם זעלבסט דיא טאכטער האט ניט גיטארט אהין אריין שמעקין, אונ פלעגט מוזען פערלעבין איהרע טאגע גאנץ איינזאם אין דעם פאדער צימער, דען דער מערדערשער גישעפט פון איר האט ניט גיליטין קיין פרעמדין אין שטוב זעלבסט קיין דינסט, אונ אלזו פלעגט זיא (דיא טאכטער) מוזין פערזארגין אויך דיא ווירטשאפט, אונ דער צו נאך וואר זיא זייער שטריינג בעהאנדעלט פון איר מוטער זיא האט ניט גיטארט האבין קיין אומגאנג מיט וועמען, אונ גיט ארוים גיין אטריט פון שטוב, איין קויפין אין נאס פלעגט איר צו מאכען דיא ווירטין פון דיזעס הויז, זיא וואר אימער וויא ארעסטירט' אונ דיזעס וואר אוים צווייא אורזאכען, ערכטענס וויל זיא האט ניט גיוואלט דאס מען זאל בייא איר אוים פארשען וואס זיא (דיא מוטער) טוט אונ ווער עס פערקערט צו זייא, אונ צווייטענס וויל זיא וואר איינע גרויסע שוינהייט וואס האט ניט גיהאט איר גלייכען דאן אין דיזער גאנצען פארשטאדט, אונ פיליכט נאך ניט אין גאנץ פאריז, האט זיא געפירכט (דיא מוטער) דאס זיא זאל ניט ווערין פערפיהרט פון מאנכען פערדארבענעם מענטשען וואס וואזינען אין דיזער פארשטאט, אונ פאסען אויף יעדער שוינהייט וויא דיא הונגעריגע וועלף איין פעראירטעס לאם, מען פלעגט איר בעקומען צו זעהען נור אלס זיא פלעגט זיך ארוים בייגין דורך דעם פענסטער אונ דאן ווארען טויזענדע אויגין אויף איר גערעכטעט אונ איינער פלעגט צו רופין דעם אנדערין „קום הער דיא שיינע מארגאריטע ליגט אין פענסטער", דיזעס מיידכען וואר דאן אלט איאר זעכצעהן, שיין גיוואקסען וויא איינע פאלמע אונ בליהענד וויא איינע ראזע, אונ וויא שיין זיא וואר וואר זיא אויך אונשולדיג אונ גאנץ אונוויסענד, אונ האט אזוי גאר ניט געוואוסט וואס איז איר מוטערס

טאן

טָאן אַיין גִישְׁלָאכְטֶענֶעס נַאבֶּענֶעט , אוּנ הָאט אִיר קַיין מָאל אַזוֹי גָאר גִיפְרֶעגְט דָארוּם :

דִיזֶעס אוּנְשׁוּלְדִיגֶע װעזֶען (בֶּעשֶׁעפֶּענֶעס) װַאר אִין אַיינֶער נַאכְט בֶּעאוּנְרוּהִיגְט אוּנ צוּ גְלַייךְ אוֹיף גִישְׁרֶעקְט דוּרְךְ אַיינֶעם הַארְטֶען קְלַאפֶּען אִין טִיר , זִיא װַאר שׁוֹין דַאן גַאנְץ עֶנְטְקְלֵיידֶעט אוּנ גֶעשְׁטֶעקְט אִין דִיא פֶּעדֶערְין אוּנ הָאט שׁוֹין גִיהַאלְטֶען בַּייא דֶעם אַיינְשְׁלוּמֶערְין , אוּנ אוֹיף אִיהְר פְרַאגֶע "װֶער אִיזְט עֶס ?" װַאר זִיא בֶּעאַנְטְװָארְטֶעט דוּרְךְ דִיא בֶּעקַאנְטֶע שְׁטִימֶע פוּן אִיר װִירְט "גֶעשְׁװִינְט מַארְגַארִיטֶע , עֶפֶענְט דִיא טִיר אִיךְ פִיהְרֶע אַיין גוּטֶען קוּנְד פַאר דַיינֶער מוּטֶער" אוּנ װַייל דִיזֶעס פְלֶעגְט זֵייעֶר אָפְט גִישֶׁעהֶען דָאס דֶער װִירְט פְלֶעגְט צוּ בְּרֵיינְגֶען קוּנְדֶען צוּ אִיר מוּטֶער , הָאט זִיא זִיךְ בַּאלְד אַרָאפּ גִיחַאפְּט פוּן אִיר בֶּעט , הָאט אָן גִיצוּנְדִין אַיינֶע לַאמְפֶּע , אוּנ הָאט אַרוֹיף גִיװָארְפִין אוֹיף זִיךְ אַיין לַייבְּטֶעס קְלֵיידֶעל , אוּנ הָאט אָפְּגִירוּקְט דִיא טִיר , אוּנ דֶער װִירְט הָאט אַרַיין גִיפִירְט אַיינֶען הֶערְרֶען , אוּנ אִיז בַּאלְד אַלַיין צוּרִיק אַרוֹיס , דִיזֶער הֶער װַאר צְװַאר שׁוֹין נִיט מֶעהְר יוּנְג דָאךְ הָאט עֶר נָאךְ גִיהַאט אוֹיגִין פַאר אַיין שֵׁיינֶעם מֶעדְכֶען , אוּנ װַאר דַאהֶער פִיל מֶעהְר גִיבְּלֶענְדֶעט פוּן אִיר שֵׁיינְהַייט אַלְס פוּן דֶער הוֹיךְ פְלַאקֶערֶענְדֶע לַאמְפֶּע װָאס זִיא הָאט דַאן גִיהַאלְטֶען אַיין עֶטְװָאס גֶעבֵּייגְט גֶעגֶען אִים אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבִּין שְׁטֵיין אַלְזוֹי פַאר אִיר מֶעהְר אַלְס אַיינֶע מִינוּט שְׁפְּרַאךְ לָאז (אָן װֶערְטֶער) , זִיא אָבֶּער װָאס אִיהְרֶע שֵׁיינְהַייט װַאר אִיר נָאךְ אַיין גִיהֵיימְנִיס (דֶען זִיא הָאט זֶעלְבְּסְט נִיט גִיװוּסְט װִיא װַייט שֵׁיין זִיא אִיזְט) װָאס גְרַאדֶע דִיזֶעס פֶערְגְרֶעסֶערְט דִיא אַנְמוּטְה, אוּנ װָאס זִיא הָאט נָאר נִיט גִיװוּסְט װָאס לִיבֶּע אִיזְט אוּנ נִיט אִיר גִיװַאלְטִיגִין אִיבֶּער אַלֶעס, הָאט אָן גִיקוּקְט דִיזֶען פְרֶעמְדֶען פַר אַיין פֶערְרִיקְטֶען, אוּנ הָאט אִים גִימַאכְט אַיינֶע פְרַאגֶע נָאךְ דִיא אַנְדֶערֶע װָאס בְּרוֹיכְט עֶר בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט אוּנ הָאט אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ בְּרוֹיכֶע דַיינֶער מוּטֶער" "אִיךְ גְלוֹיבֶּע אָבֶּער דַאס מַיינֶע מוּטֶער שְׁלָאפְט אִיצוּנְד" , הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט "אַלְזוֹי מוּזְטֶע אִיר אוֹיפְװֶעקִין" הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט , "אוּנ װֶען זִיא װֶעט זִיךְ פִוּילִין אוֹיף צוּ שְׁטֵיין זָאלְסְט דוּא אִיר זָאגִין דָאס בַּאצַיאשִׁי אִיז גִיקוּמֶען , דִיזֶעס װָארְט אִיזְט מֶעכְטִיג אַיינֶעם טוֹיטֶען אוֹיף צוּ רִיטֶעלֶען פוּן זַיינֶעם בְּלַייעֶרְנֶעם שְׁלָאף :

דָאס מֵיידְכֶען אִיז אַרַיין אִין נַאבִּינֶעט אוּנ הָאט עֶס דֶער מוּטֶער װָאס זִיא װַאר נָאךְ אוֹיף, גִימֶעלְדֶעט, אוּנ זִיא הָאט גִיהֵייסִין אַרַיין פִירִין אִים צוּ אִיר אוּנ בַּאלְד צוּרִיק אַרוֹיס גֵיין , דִיא מוּטֶער אִיז גִיקוּמֶען אַנְטְקֶעגִין הָאט אִים זֵייעֶר הֶעפְלִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען , הָאט אִים גִיבֶּעטֶען זִיצֶען אוּנ הָאט אִים צוּ גְלַייךְ גִיפְרֶעגְט "װָאס אִיזְט זַיין קוּמֶען" , הָאט אַייךְ אַייעֶר מֵיידְכֶען גִיזָאגְט װֶער אִיךְ בִּין ?" הָאט עֶר אִיר גִיפְרֶעגְט "אָ. אִיךְ הֶעטֶע אָן אִיר זָאגִין אוֹיךְ גֶעװוּסְט װֶער אִיר זַייט" הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ קֶען אַלֶעמֶען װָאס זַיינֶען נוּר װִירְדִיג צוּ קֶענֶען , אוּנ װֵייס פוּן אַלֶער פַארִיזֶער אִינְטְרִיגֶען , פִילֶע פִילֶע פוּן

דיא

דיא גרעסטען געברויכען מיינע רעצעפטען אום זייערע קראנקען הויזפרידען צו היילען" , "איך ווייס עס" האט ער זיך אפ גירופין , איך אונ נאך מיינעס גלייכען וואס האבין גאנץ פראנקרייך אין זייערע הויפען , מיר דולדען עס אבער , דאמיט מיר זאלין ניט זעלבסט מיט דער צייט דארפען זוכען איינע קינסטליכע גיפט מישעריין וויא אמאל דער שאול דער קיניג פון ישראל , וואס האט געמוזט זעלבסט איינע צויבעריין זוכין וייל ער האט אויסגעראטעט (איסקאסידט) דיא צויבערייא פון זיינעם לאנדע , אלזוי מאדאמע גאבריעלע איך וויל איר זאלט מיר געבין איין פלעסכען פון אייערע שלאף טריינקלעך וואס מען פערגעסט זיך אויף צו שטיין פון זייא , איך ברויכע עס פאר איינער נייטיגע פערזאן" , "ניין מיין ליבער העררר" האט זיא זיך אפגירופין "איך טרויא עס קיינע פרעמדע האנד , דען מען קען מיט איין עטוואס שאדין פילע מענשען דאס מוז נור גישעהען דורך מיינע אייגענע האנד , אונ צווייטענס מוז איך זעלבסט דיא פערזאן זעהען פאר וועלכעס ווערט דיזער טריינקעל גיברויכט אום צו וויסין וויא צו מאכען אים שטארק אדער שלאף" , "איך גלויבע" האט זיך דער באציאשי אפגירופין "דאס דיזע פערזוין פאר וועלכע איך ברויך עס איזט אייך געוויס בעקאנט , זיא איזט דיא זאפיא האווארט , דיא גיוועזענע גיליבטע נאפאליאנס , איצונד הייסט זיא דיא גראפינע בארעהאר , עס איזט איר צייט דער נאפאליאן האט זיך פערהייראטהעט מיט דער עווגעניא גיוואהרין דאס לעבין צו לאסט , זיא איזט גיווארין דער פון זייער ליידענד אונ ווינצט צו שטארבען , אונ דורסטעט אלזוי נאך אייער טריינקעל וואס ווערט איר זייער לייכט בעפרייען פון אלע שמערצען" , אונ בייא אלעם דעם מוז איך איצונד זעלבסט זעהען" האט זיא זיך אפגירופין "נור קומט דארויף אן דאס איך זאל איר קענען זעהען אויף אזוי איין ארט אונ וייזע דאס זיא זאל ניט מערקען דאס איך בין דאס" , "אונ ווען עס קען דאס ניט אנדערש צו גיין" האט ער זיך אפ גירופין "ווערט עס מוזען גישעהען וויא איר ווילט" , "ווען אזוי" האט זיא זיך אפגירופין צו אים "אטא פירט מיך צו איר" דיזעס אבער האט ער זיך אפ גירופין "קען ניט גלייך גישעהען , איך וועל אייך שוין איין אווענד בעשטימען , דער ווייל נאט אייך מיינע העלפטע פאר אייער מיהע" (ער האט איר אריין גישטעקט אין האנד איין בילעט פון פינף טויזענד פראנק) דיא אנדערע העלפטע בעקומט איר אלס דיא גרעפין וועט שוין ליגין אויף דער בארע (טהרה ברעט)" , "איך דאנק אייך העכסט העך גראף" האט זיא זיך אפ גירופין "איר מוזט דאך מיר אבער זאגין אויף וועלכע ארט אונ ווייזע איך קען מיך מיט אייך ווידער זעהען , ניט שוין וועט אייערע דורך לויכט קומען ווידער צו מיר" "שיקט מארגין צו מיר אייער טאכטער ארום צעהען דעם זייגער וועל איך איר שוין געבין איינעם צעטעל צו אייך וואס עס וועט זיין אין אים גישריבין דער ארט אונ דיא צייט פון אונזער ווידער זעהען זיך מיט איינאנדער, זיא מעג קומען

גראדע

גראדע קיין טיולערען און פרעגין זיך צו דעם גראף באציאשי, און מען וועט איר באלד אריין פיהרין צו מיר״:

דער ווײלע אין דיזע מינוט האט זיך גילאזט הערען איין שטארקער גרעש הינטער דער טיר, באציאשי איז גיווארין אונרוהיג, זעלבסט דיא גאבריעלע איזט אויך גיווארין פערוויררט (איזמושצעט), וויא אלע אנדערע וואס זיינען זיך נור שולדבעוואוסט ערשרעקין זיך זעלבסט פאר זייער אייגענעם שאטען, ביי אלעם דעם האט זיא נאך גיהאט טוטה גינוג צו בערוהיגען דעם באציאשי און איז מיט פעסטעם טריט צו גיגאנגען צו דער טיר, האט איר גיעפינט, און האט דארט דער וויסט איר ווירט וואס וואר בלייך וויא איין טוך און גיפלאטערט וויא איין עספען בלאט, ער איז דארט גישטאנען און האט גירוסין דיא טיר:

ער איזט אריין צו איר אין שטוב זייער האסטיג, און האט איר גיזאגט „זעהט וואס צום גיכסטין דאס אייער גאסט וואס איצונד ביי אייך זאל אנטלויפין פון דאנען, דען נאך אין עטליכע מינוטין וועט דיא פאליציא אטאקירען דיזע וואוהנונג און וועט איין זעצען אלע געסטע וואס וועלען זיך אין איר גיפינען, עס איז דא ניט לאנג איין מארד גישעהען, און דיא פאליציא מיינט דעם מערדער היר צו גיפינען:

וויא אויך דער באציאשי האט זיך ניט גידארפט פירכטען פאר דיא פאליציא, ביי אלעם דעם וואלט אים גיוועזען העכסט אונאנגענעהם דאס זיא זאל אים דא אין דיזעם פערדעכטיגען הויז אנטרעפען, האט דעם ווירט דער פאר העכסט בעדאנקט און אויך נוט בעשאנקען, האט באלד דארויף גינומען אבשייד פון דער ניפט מישערין און האט נאך אמאל איר פערזאגט דאס זיא זאל מארגין פון אווינד שיקין אים איר טאכטער, און זיא האט עס אים פערשפראכין, און האט גיהייסין איר ווירט דאס ער זאל דעם באציאשין ארויס פירין פון דאנען דורך איין הינטער גאנג וואס ווארין זייערע עטליכע מאנכע אזו נאר אונטער דער ערד, וואס ווארין פון אים גיברויכט זייער אפט ביי אזעלכע גיפעהרליכע פעלע:

20.

„דער קייזערליכער גאבינעט״

אויף מארגין נאך דעם נעפאנג נעהמען פון דעם קאמעראטא האט זיך אטפראוועט דער מארקיז דע מאנטאלאן קיין טיולערי צוא דעם לואי נאפאליאן זעלבסט, ער האט זייער פיל גירעכינט אויף דיזין בעזוך, וועיל ער האט דאן גיהאט איינעם אפעטער זיינעם וואס וואר זייער בעפריינדעט מיט דעם נאפאליאן, און האט אלזו זייער פיל גירעכינט אויף דיזער בעפריינדונג, דער מארקיז האט זיך זייער שטארק בעקלאגט פאר דעם נאפאליאן איבער דעם פלעצליכין פאר פאלין ווערין פון דער דאלארעס און פון דעם קאמעראטא, און האט אים צוא

גלייך גילאזט מערקין אין זיינער קלאגע וויא ווייט עס ליידעט דורך אזעלכע אונגירעכטע צופעלע דיא קייזערליכע עהרע, דען עס זעהעט דאך אויס דאס ער קימערט זיך גאר ניט אום דיא איגערע (אוונוטרענא) פראוולענע פון פראנקרייך, נאפאליאן אבער האט זיך גירעכט פערטיגט (פאר ענטפערט) פאר אים זייער קורץ אונ בינדיג (קוויאזגע) „וואס דיא דאלארעס אנבעטריפט (נוגע)“ האט ער אים גיזאגט „איז עס מעהר נאך אלס גיוויס, אונ קלאר אוים גימאכט נור איינע ליבעס אינטריגע, אונ דאס גיהערט מעהר צו דיא ראמאנע ריטער אלס צו איינעם רעגענטין (קייזער)“, אונ וואס עס איז נוגע צו דעם קאמעראטאן איז דיזער זיך אליין מעהר שולדיג אלס איין אנדערער, ער האט זעלבסט זיך ענטדעקט פאר זיינעם אפאלישן פריינד דאס ער פיהרט איינעם פאלשן נאמען, אונ האט נאך דער צו אנגעפירט דעם באציאשי בייא איינעם דועל, אונ אום צו האלטין דאס גיריכטס רעכט אין גיהעריגער ארדענונג, דארף איך מיך ניט אריין מישען אין קיין אורטייהל (דעקרעט) וואס דיא ריכטער מאכין, דען זאנסט הערט אויף דאס געזעץ (זאקאן):

דיזער גישפרעך צווישן דעם מארקיז אונ דעם לואי נאפאליאן האט גידויערט איינע היפשע צייט, אונ איז גיווארין פון מינוט צו מינוט היציגער, דאס עס איז גיוועזן צו בעוואונדערין דעם לאנג טוטה פון דעם קייזער, ער וואר אבער גידולדיג ניט אויס הויליער בעשיידענהייט (ענוות), ניין, נור אויס הויליער פאליטיק, דען ער האט זייער גוט פערשטאנען דאס אזו אמענטש קען אים זייער שעדליך ווערין, דאס ענדע פון דיזעם בעזוך וואר דאס דער מארקיז האט גאר גיסט אויס גיפירט, אונ האט ארויס גייענדיג זיך זעלבסט גיזאגט „צוואר איך האב ניט אויס גיווירקט, דאך איז ווערט דיא מיהע אום צו ערקענען דעם חאראקטער פון דיזעם נאפאליאן וואס צירט זיך מיט דער קרוין פון פראנקרייך“:

ער איז גיקומען צוריק אויף זיין קוואַרטיר זייער פערווירט (צו מישט) אונ האט עס דער ציילט דעם זואן, (דער זואן איז וויא מיר ווייסין שוין פון פריער דער זון פיליפעס וואס דיא דאלארעס האט אים בייא זיך ערצויגין), דיזער זואן וואר פון דיזער נאכריכט העכסט גיקרייגקט, אונ האט בייא זיך בעשלאסין דאס ער זאל דעם קאמעראטען בעפרייען פון זיינער פערשיקונג, אונ איז מיט דיזין גידאנקען אומגינאגען אגאנצע וואך, ער האט גימאכט בייא זיך פארשלעגע איבער פארשלעגע פלאנען איבער פלאנען וויא עס זאל עס גישעהען, ער האט אבער נאך ניט איינעם פון זייא פארגילייגט פאר דעם מארקיז ביז ער איז מיט זיך זעלבסט ניט פארטיג גיווארין (דאס הייסט ביז ער האט זיין פלאן ריכטיג אויס גיארבייט בייא זיך אין קאפ):

נון ווען מיר אונז אומקערין צוריק אויף אויילע קיין טיולערין, אלס דער מארקיז איז ארויס פון דעם נאפאליאן איז דער באציאשי אהין אריין אום מיט צו טייהלין אים וואס ער האט אין דיזעם אווינד פאר ריכט, וואס דארט איז צווישין זייא פערהאנדילט גיווארין בלייבט אונז איין גיהיימניס, נור דאס שיינט

אז !

אוּנְז גִיוִויס צוּ זַיין , דָאס דֶעם נאַפָּאלֶיָאן וַואר גִיפֶעלִין וָואס אוּנ וִויא עֶר הָאט זִיךְ בֶּענאַנְגֶען מִיט דֶעם קָאמֶערַאטָא , אוּנ דֶער עֶווֶענֶיֶען אִיז הֶעכְסְט גִיפֶעלִין וָואס עֶר הָאט בֶּעשְׁטֶעלְט אַיין רֶעצֶעפְּט בַּייא דֶער גִיפְט מִישֶׁעִרין פַאר דִיא זָאפְיֶע הָאוַוארְד , דֶען וִויא אַזוֹ נַאפָּאלֶיָאן הָאט גִיהַאסְט דֶעם קָאמֶערַאטָא , אַזוֹ הָאט זִיא גִיהַאסְט דִיא זָאפְיֶע הָאוַוארְד , אוּנְטֶער דִיא נַייאִיגְקַייט וָואס עֶר הָאט מִיט גִיטַיילְט דֶעם נַאפָּאלֶיָאן וַואר אוֹיךְ דָאס עֶר הָאט בֶּעשְׁטֶעלְט דָאס מָארְגִין פוּן אָוִוינְד זָאל קוּמֶען אַהֶער אַיין מֵיידְכֶען וָואס אִיז דִיא פֶּערְלֶע פוּן פַּארִיז , דָאס אִיז גִימַיינְט דִיא מַארְגֶערִיטָא , אוּנ הָאט בֶּעקוּמֶען פוּן אִים דַאנְק אִיבֶּער דַאנְק , אַזֶעלְכֶע בְּלַאהַאדַארְנָאסְצִין פְלֶעגְט דִיזֶער בַּאצַיאשִׁי זַייעֶר אָפְט בֶּעקוּמֶען פוּן דֶעם לוּאִי נַאפָּאלֶיָאן , דֶען עֶר וַואר זַיין גִיהַיימֶער קוּפְּלֶער אוּנ אָן גֶעלְט אוּנ אָן סְחוֹרָה הָאט אִים נִיט גִימַאנְגֶעלְט :

אִין דֶעם מָארְגֶעדִיגִין אָוִוינְד אִיז מַארְגֶערִיטָא גִיקוּמֶען צוּ דֶער בֶּעשְׁטִימְטֶע שְׁטוּנְדֶע אִין טִיוּלֶערֶען , קוּים אִיז זִיא אַרַיין אִין הוֹיף הָאט זִיא זִיךְ שׁוֹין גִיוָואלְט אוּמְקֶערִין , דֶען עֶס הָאט אִיר גִיצִיטֶערְט הֶענְט אוּנ פִיס אַלְס זִיא הָאט דֶער זֶעהֶען דִיא גְרוֹיסֶע בֶּעוַואכוּנְג , דֶעם גְרוֹיסִין גְלַאנְץ אוּנ דִיא פְּרַאכְט פוּן דִיא גִיבַּייעֶן , עֶס וַואר אִיר דָאס הֶערְץ גִיפְּרֶעסְט גִיקְלֶעמְט וִויא צוּ גֶעשְׁנִירְט גְלַייךְ וִויא זִיא וָואלְט פָאראוֹיס שׁוֹין אַיין אוּמְגְלִיק פַאר זִיךְ גִישְׁפִּירְט , אוּנ הָאט זִיךְ דָאךְ נִיט אוּמְגִיקֶערְט , דֶען זִיא הָאט זִיךְ גִיפִירְכְטֶעט פַאר דֶער מוּטֶער וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר שְׁטְרַיינְג בֶּעגַאנְגֶען מִיט אִיר , זִיא אִיז גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער , זִיא אִיז אַרוֹיף אוֹיף דִיא טְרֶעפּ וואוּ דֶער בַּאצַיאשִׁי וואוֹינְט , אוּנ עֶס הָאט אִיר קַיינֶער גִיפְרֶעגְט נָאךְ אַמָאל צוּ וֶועמֶען זִיא בְּרוֹיכְט , דֶען עֶס וַוארִין שׁוֹין פוּן פְרִיהֶער פֶערְזָאגְט גִיוָוארִין אַלֶע וַואכִין אוּנ אַלֶע בֶּעדִינְטֶע , דָאס וֶוען אַיינֶע מֵיידְכֶען וֶועט אַרַיין אִין שְׁלָאס זָאל מֶען אִיר פְרַייעֶן גַאנְג לָאזִין , אוּנ זִיא הָאט אַלְזוֹ מֶער נִיט וִויא גִידַארְפְט פְרֶעגִין אִין וֶועלְכֶע טִיר דַארְף מֶען אַרַיין גַיין צוּ דֶעם בַּאצַיאשִׁי , אוּנ דַאן הָאט אִיר אָפּ גִיפִירְט אַיין בֶּעדִינְטֶער דוּרְךְ לֵיידִיגֶע צִימֶערִין אִין דֶעם קֵייזֶערְלִיכִין פְלִיגִיל , אוּנ דָארְט אִין דֶעם זַאל וָואס וַואר לֶעבִין דֶעם קֵייזֶערְלִיכִין קַאבִּינֶעט הָאט אִיר אוֹיפְגִינוּמֶען דֶער בַּאצַיאשִׁי אוּנ הָאט אִיר אַרַיין גִילָאזִין אִין דֶעם קַאבִּינֶעט זָאגֶענְד אִיר דָאס דָארְט וֶועט זִיא שׁוֹין בֶּעקוּמֶען דָאס צֶעטֶעל פַאר אִיר מוּטֶער :

וִויא עֶס אִיז מִיט אִיר דָארְט צוּ גִיגַאנְגֶען , אוּנ וָואס עֶס אִיז אִיר דָארְט פֶערְשְׁפְּרָאכִין גִיוָוארִין , אוּנ אִיר וֶועהְרִין זִיךְ גֶעגִין אִיר פַיינִיגֶער , דָאס לָאזִין מִיר פַאר אוּנְזֶערֶע לֶעזֶער אוּנ לֶעזֶערִינֶען דָאס זַייא זָאלִין עֶס זִיךְ זֶעלְבְּסְט פָארְשְׁטֶעלוּנְגֶען מַאכִין , מִיר אָבֶּער קֶענֶען דָא מֶעהְר נִיט וִויא דָאס עֶרְצֵיילִין , דָאס אִין אַיינֶער הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע אַרוּם אִיז זִי אַרוֹיס גְלָאפִין פוּן דֶעם קַאבִּינֶעט מִיט אַיינֶעם בְּלוֹיזִין הוֹיפְּט , גַאנְץ צוּ שְׁרָאקִין אוּנ פֶערְווִירְט (צוּ מִישְׁט) וִויא מֶען לַייפְט אַרוֹיס פוּן אַפַייעֶר , זִיא אִיז אַרוּם גִילָאפִין אַרוּם דִיא וֶוענְט פוּן זַאל בִּיז זִיא הָאט אָנְגִיטְרָאפִין דִיא טִיר , פוּן דָארְט אִיז זִיא אַרוֹיס אִין דֶעם קָארָאדָאר אוּנ אִיז אַרוּנְטֶער דִיא טְרֶעפּ מֶעהְר פַאלֶענְד אַלְס גַייעֶנְד , אוּנְטֶער דֶעם שַׁאלֶענְדֶען גִילֶעכְטֶער פוּן אַייגִינֶע

פאזען

פאזען (איידעל קנאבען) , פון דארט אויף דער שטראסע , אונ איז גילאפין פענדאם וויא עס וואלטין איר צעהען סאק רוחות גיטראגין , זיא איז גילאפין נאך דער שטראזע בעלוויל , אונ אלס זיא איז אהין גיקומען האט זיא זיך ערסט דער מאנט דאס זיא האט ניט וואו הין אריין צו גיין , דען איר מוטער וואר ניט וויא אלע אנדערע מוטער , זיא וואר איינע מערדערין זעלבסט גענין איר אייגענעם קינד , אונ האט אלזו זייער גוט גיוואוסט דאס אלס זיא וועט קומען צו איר אן אצעטיל , אן אהיטעלע , אונ וועט איר נאך דער ציילין וואס מיט איר האט פאסירט , אויב וואול זיא האט אירע ערליכקייט דער האלטין וועט זיא איר דעם טויט מאכין , אונ דאהער האט זיא זיך באלד אומגיקערט צוריק אונ איז גילאפין צוריק וויא אהער , זיא האט זיך אבער פאר אירט אין דעם פרייען פעלד , אונ איז גילאפין ביז זיא איז גיפאלין איבער איינעם רעלס פון אייזין באהן , אונ איז דארט גיבליבין ליגין פון גרויס מאטיקייט אונ איז דארט איין גישלאפין זייער הארט , דאס זיא האט ניט גיהערט דאס עס לייפט אן דער לאקעמאטיף , צוא אירעם גליק איז אנגיקומען איינער פון דיא אויפזעהער אונ האט איר וואס צום גיכסטין אפ גישלעפט פון דארט , זיא האט זיך אויף גיחאפט , אויף גימאכט דיא אויגין האט אנגיקוקט שטאר (ביסטרע) איר רעטירער , זיא וואר אבער ניט אין שטאנד אים צו דאנקען אונ צו ריהרין זיך פון איר ארט , דער שטראז האט גיווארט ביז דיא וואגאנען זיינען זיך איבער גילאפין , דאן האט ער איר גינומען אויף זיינע הענט אונ האט איר אריין גיטראגין צו זיך אין שטוב אונ האט איר איבער גיגעבין צו זיינער פרויא דאס זיא זאל איר אויס טאן אונ אריין לייגין צוא זיך אין בעט :

21.

„דיא רייזע נאך קאענא"

נון וועלין מיר איצונד אונז אומקערין צו דעם קאמעראטא , דיא פאליציישקע זאנדארמעם האבין אים אפ גיפירט צו דעם פעסטונג איברי , דארט האבין זייא אים איין גישלאסין אין איינעם טורעם ביז עס האט אנגיהייבין צו טאגין , אונ דאן האבין זייא אים אפ גיפירט צו דעם קאמענדאנט , דיזער קאמענדאנט האט ניט גיהערט צו דיא בעסטע מענטשין , אונ האט אלזו איינע פריידע זיך גימאכט צו קריינקען מיט זיינע רייד דיא אומגליקליכע וואס מען פלעגט אים צו צו שיקין , אונ אזו אויך האט ער דעם קאמעראטאן ניט בעסער בעהאנדילט אלס דיא טויזינדע גיפאנגענע וואס זיינען ביז אהער דורך זיין האנד פערשיקט גיווארין „אייער דעקרעט איז" האט ער אים גיזאגט באלד וויא ער האט אים דער זעהען „דאס מען זאל אייך פערשיקין אויף דיא טייוועל אינזעל , אויף דעם גוויאנישען זומפ , וואס דארט הערשט איינע אייביגע חאלערע , פיבער , קורץ דער פון אויף אזו איין ארט וואס מען קערט זיך שוין ניט אום צוריק פון אים" , קאמעראטא האט עכ דער הערט האט ער אראפ גיריסין פון זיך זיין לענטע , דעם עהרע

לעגיאן ארדען, האט עס גיוואָרפין אויף דער ערד האט עס גיטראטין מיט דיא פים, אונ האט וויא איין געטליכער פראפעט (נביא) אויס גישפראכין איין פלוך איבער דעם נאפאליאן וואס איז דער נאך ערפילט גיווארין טאץ אווי טאץ (פינקטליך) „אין לאך מיט דיזעם הונד"! האט דער קאמענדאנט אנגישריא גיטאן צו דער וואכע „ער איז איין אויפרירער (מאטעזניק), אין דעם טיפסטין קאזאמעט, דאס ער זאל שוין פילין אונ ליידין פאר זיינעם פערפלוכטין מויל" דיזער בעפעהל איז ערפילט גיווארין אויף דער שטעלע, מען האט דעם פרינץ אפ גיפירט אין איינעם איינגען אונ פינסטערין קאזאמעט וואס עס זיינען שוין דארט גיזעסין נאך אנדערע צוויא גיפאנגענע, אונ עס וואר אים גיגעבין צום עסין אונ טרינקען קארגעס ברויט אונ קנאפעס וואסער, איינער פון דיא צוויא מיטגיפאנגענע איז גיוועזן דער דזאן דער בעדינטער פון ענדעמא, דער צווייטער וואר ניט בעסער פאר דעם ערסטין, ער האט פון זיא ביידין זיך גינוג אנגעליטין אין דיזין איינציגין מעת לעת וואס ער וואר איין גישפארט מיט זיא, עס איז גיקומען צו איינער שלעגעריא, דאס דער קאמעראטא האט קוים דער לעבט דיא מינוט פון דער פערשיקונג:

וויא עס האט נור אנגיהייבין צו טאגין האט מען זיא ארין גיזעצט אין ארעסטאנצקען וואגין וואס עס זיינען דארט גיזעסין נאך פיל אנדערע גיפאנגענע, אונ מען האט זיא אפ גיפירט קיין טולאן וואס האט זיא שוין דארט ערווארטעט איינע טראנספארט שיף וואס האט גיהייסין „יאנא", דארט היו זיינען צוזאמען גיבראכט גיווארין אלער האנד פערברעכער, מערדער, דיבע, פאליטישע פאר ברעכער, אדער אזו גלאט וואס ווארין נאפאליאנס געגנער, אום אפ גיפירט צו ווערין פון דארט נאך קאענא וואס ליגט ניט וייט פון דעם עקוואטאר, אין אפאר טעג ארום זיינען אלע באסטאנטין וואס אונטער זיא וואר אויך אונזער קאמעראטא איין גיפאקט גיווארין אין דער שיף „יאנא" וויא גענז אין איינער איינגען שטייג, קיין וואונדער אלזו דאס דיא שיף איז גיווארין באלד וויא פאר פעסטעט פון דעם איבעלען גרוך, אונ פון דעם פערשטיקטען דאמפף וואס איז גיווארין גידיכטער פון שטונדע צו שטונדע, מען האט גיקארגט מיט דער פרישע לופט נאך מעהר אלס מיט דעם טרינק וואסער, דען דיא אפענע לוקון (דיא שיף פענסטער) ווארין פערוועבט מיט גידיכטע אונ גראבע אייזערנע סעטקעס, דאמיט קיין רעסטאנט זאל זיך ניט ארוין שטירצין דורך זיא אינם מער, זיא ווארין אזו גידיכט דאס דיא דיקע אונ שליימיגע לופט וואס וואר אין שיף האט ניט גיקענט דורך דרינגען דורך זיא דרויסין, אונ אזו פערקערט, דיא פרישע לופט פון מער האט ניט גיקענט איין דרינגען אין שיף, אונ דאהער וואר פילע ערקראנקט, דאס מען האט אויס גיפילט מיט זיא דיא גאנצע שפיטאלנע קאיוטע, אויך ווארין זיא זייער שלעכט גענערט (גיקארמעט). דיא עסינס ווארין זייער שלעכט אונ דער צו ווייניג, עס וואר דארט גיזארגט נור פאר דיא אפיצירין אונ פאר דיא סאלדאטין, זיא פלעגין אויס צו טרינקען גאר דיא וויין דאס עס

פלעגט

פְּלֶעגְט נִיט צוּ בְּלַייבִּין אַיין טְרָאפִּין מִיט וָואס דִיא קְרַאנְקֶע צוּ עֶרְקְוִויקֶען , קוּרְץ דֶער פוּן עֶס וַואר דָארְט לֵיידְן אִיבֶּער לֵיידִין , פֶערְצְוַוייפְלוּנְג אִיבֶּער פֶערְצְוַוייפְלוּנְג , עֶס אִיז נִיט אַיין טָאג פָּארְאִיבֶּער גִינַאנְגֶען וָואס וַוארִין נִיט אַרַיין גִישְׁמִיסִין אִין מֶעֶער צְוַוייא דְרַייא טוֹיטֶע קֶערְפֶּער אוּנְטֶער דֶעם שַׁאלֶענְדֶען גִילֶעכְטֶער פוּן דִיא אָפִּיצִירִין אוּנ סָאלְדַאטִין , מִיט אַיינֶעם וָוארְט גִיזָאגְט , דִיא שִׁיף וַואר אִיבֶּער דִיא צַייט פוּן דֶער רַייזֶע אַיינֶע שְׁווִימֶענְדֶע הֶעלֶע (גֵיהִנוֹם) , דִיא לַיידֶענְדֶע אוּנ גִיפַּיינִיגְטֶע וַוארִין דִיא גִיפַאנְגֶענֶע , דִיא פַּיינִיגֶער וַוארִין דִיא אָפִּיצִירִין אוּנ דִיא סָאלְדַאטִין , אוּנ דֶער שַׂר שֶׁל גֵיהִנוֹם וַואר דֶער קַאמֶענְדַאנְט וָואס וַואר אִיבֶּער דִיא שִׁיף , אוּנ בַּייא אַלֶע דִיזֶע ווִידֶער וֶוערְדִיקַייטִין (פְּרָאטִיוְונָאסְטִין) אִיז גִיבְּלִיבִּין גְרַאדֶע דֶער קָאמֶערַאטָא גִיזוּנְד , עֶר וַואר נוּר גִיקְרֵיינְקְט אוּנ גִיבְּרֶענְט פוּן רַאכֶע (נְקָמָה) :

אַם עֶנְדֶע אִיז מֶען אִין אַמָאנְהַייט אַרוּם גִיקוּמֶען צוּ דֶעם עֶרְווִינְצְטִין אָרְט , צוּ דֶער אִינְזֶעל וָואס מֶען זָאל אַרָאפּ זֶעצִין דִיא גִיפַאנְגֶענֶע , דִיא אִינְזֶעל הָאט זִיךְ אוֹיס גִיבְּרֵייטֶעט דַאן פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגִין ווִיא אַיין שֵׁיינֶער לַאנְדְשַׁאפְט וָואס וַואר פֶערְגָאלְדֶעט מִיט דֶעם רוֹיט פוּן דֶער אָווִינְד זוּן , עֶס אִיז יֶעדִין פוּן דִיזִין עֶלֶענְדִין גִיוָוארִין לַייכְטֶער אוֹיף דֶעם הֶערְצִין , עֶס הָאט יֶעדִין אוֹיף גִישַׁיינְט אַיין עֶרְקְוִויקֶענְדֶער שְׁטְרַאהְל פוּן הָאפֶענוּנְג וָואס הָאט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד ווִידֶער פַאר לָאשִׁין , אוּם צוּ פַאר פִינְצְטֶערִין זַייא נָאךְ פִיל מֶעהְר אַלְס פְרִיהֶער , דֶען בַּאלְד ווִיא מֶען הָאט זַייא אַרוֹיף גִיפִירְט אוֹיף דִיא אִינְזֶעל זַאזֶעפִּי וָואס אִיז בֶּעשְׁטִימְט פַאר פָּאלִיטִישֶׁע פַאר בְּרֶעכֶער*) , הָאט דֶער קַאמֶערַאטָא וָואס וַואר אוֹיךְ אַיינֶער פוּן דִיזֶע , דֶער זֶעהֶען ווִיא עֶס רַאגְט אַרוֹיס (שְׁטַארְצֶעט) פוּן אוּנְטֶער צְווִישִׁין דִיא גִידִיכְטֶע בּוֹימֶער דָאס גְרוֹיסֶע אוּנ הוֹיכֶע גִיפֵיינְגְנִיס הוֹיז , אוּנ הָאט שׁוֹין אַלְזוֹ פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס אוֹיךְ הִיר וֶועט עֶר בְּלַייבִּין אַיין גִישְׁפַּארְט , אוּנ עֶס וַואר אִים צוּ מוּטְה ווִיא אַיינֶעם לֶעבֶּענְדִיג בֶּעגְרָאבֶּענֶעם :

22.

•דֶער קְלוֹיסְטֶער פוּן פַאמְפֶּעלָאנָע•

עֶס אִיז שׁוֹין בֶּעוואוּסְט דָאס דֶער עֶנְדֶעסָא אִיז נָאךְ גִיפָארִין דֶעם אַלִימְפִּיָא אִין דֶעם זֶעלְבִּיגִין טָאג וָואס עֶר אִיז צוּ דֶעם גְרֶענֶעץ פוּן שְׁפַּאנִיֶען גִפָארְן אוּם נוּר צוּ שְׁטֶערִן אִים אִין זַיינֶר אַבְּזִיכְט אוֹיף צוּ זוּכִין דִיא דַאלָארֶעס , אוּנ וֶוען עֶס וֶועט אִים גִילְטִין זָאל עֶר אִים עֶרְמָארְדִין , עֶר הָאט עֶס גִיטָאן אוֹיס צְוַוייא גְרִינְדֶע (טְעָמִים) , עֶרְסְטִינְס דַאמִיט דָאס דִיא דַאלָארֶעס זָאל בְּלַייבִּין זַיינֶע , אוּנ צְוַוייטִינְס צוּ טָאן דֶער מִיט אַיינֶע גִיפֶעלִינְקַייט דֶעם בַּאצִיאשִׁי וָואס ווִיל לוֹיז וֶוערִין פוּן דֶעם

אַלִימפִּיא

*) עֶס זַיינֶען דָארְט דָא דְרַייא אִינְזֶעלֶען , אַיינֶע הַייסְט דִיא קֶינִיגְלִיכֶע אִינְזֶעל , דִיא צְוַוייטֶע הַייסְט דִיא טַייוֶועל אִינְזֶעל , דִיא דְרִיטֶע הַייסְט זָאזֶעפָּא , אוּנ יֶעדֶע פוּן דִיא אִיז בֶּעשְׁטִימְט אַלֵיץ פַאר אַיינֶע אַנְדֶערֶע קְלַאסֶע פֶערְבְּרֶעכֶער :

אלימפיא, דארט לעבין דעם שפאנישען גרענעץ, ניט וייט פון דער שטאט "פאו" דאן וואר דארט קיין איזין באהן, אונ דיא רייזענדע האבין גימוזט פארין אין עקיפאזין אדער רייטענדיג, אונ דאהער האט דער ענדרעמא אנגיווענדעט אלע מעגליכקייט אום אן צו יאגין דעם אלימפיא דורך עקסטרע פאצט, ער האט גישאטין זילבער געלט מיט ביידע הויפינס דיא יאמשציקעס דאס זייא זאלין טרייבין דיא פערד איבער דיא מאסין, אונ וואר אלזו מער ניט וויא איינע האלבע מיילע וייט פון דעם אלימפיא, אלזו ביידע האבין זיך בעאיילט צו קומען וואס צום גיכסטין אין דעם פאמפעלאנישען קלויסטער:

דיזער קלויסטער איז אהאלב מייל פון דער שטאט, ער שטייט לעבין אגרויסין וואלד, אונ מאיז גישיידעט פון אים נור דורך איינע אלטע גרויסע גיביידע וואס דאס איז איין גאסט הויז וואס הייסט גראנאדע, אין עטליכע טעג נאך ענדרעמאס אפ פארין פון פאריז גענין אווינד זיינען זיך גיגאנגען דרייא מענער ארום דעם וואל פון דיזעם קלויסטער אונ האבין זיך אם ענדע צו גיווענדעט צו דעם גאסט הויז, צווייא פון זייא וארין גייסטליכע, דער דריטער וואר גיקליידעט וויא איין שפאנישער בירגר אין איין שפאנישין מאנטיל אונ אין איינער הויכע מיצע, זייא האבין צווישין זיך גישפראכין עפעס וויא פון איין גיהיימנים, דען זייא האבין זיך אלץ אומגיזעהען צו גייט ניט ווער, ביז דער דריטער וואס וואר גיקליידעט אין דער שפיציגע מיצע האט צו זייא גיזאגט פאלגנט מיך לאמיר אריין גיין אין גאסט הויז אונ דארט ביא איינער בוטעלע הערעס (אזעלכע וויין) וועלין מיר אונז שוין ענטשליסין וויא עס זאל בלייבין, וויל דיא זאך האט גרוים איילע, דען איך וייס דאס איר (דאלארעסעס) פייערינער ליב האבער וועט מיט זיינעם דינער קומען אהער אין דיזער נאכט, דאהער וואלט איך שוין וועלין ענדען מיט אייך וועגין דיזעם ענין "גוט עס איז אונז לייכט צו ענדין מיט אייך וועגין דעם" האט זיך אפ גירופן איינער פון דיא פריסטער צו דעם דריטין וואס וואר גיקליידעט וויא איין שפאנישער בירגער "מיר מוזין אבער פריהער וויסין צו זייט איר עס וויר קליך דיא פערזאן פאר וועלכע איר גיט אייך אונז אויס" "איך קען אייך עס באלד בעווייזין" האט ער אים גיענטפערט ארויס נעהמענדיג פון זיין פאלארעס איין פאפיר "נעמט אונ לייענט וועט איר שוין זעהען דאס איך בין ווירקליך דער הערצאג פון מעדינא, וואס איך בין גישיקט גיווארין אהער פון איינעם גרויסין הערען אום אייך צו ווארענען פאר איינעם פערדארבענע מענטשין וואס וויל בעפרייען דיזע דאמע פון אייערע הענט, אונ ווען מעגליך איז אויך אים אום דעם לעבין בריינגען". "א איך דער קען דיא האנד שריפט" האט זיך דער פריסטער אפ גירופן "עס איז דיא זעלבינע וואס האט אונז צו גישריבין דאס מיר זאלין דיזע דאמע פון פיאו אהער אפהוילען", אלזו מיינע טייערע לעזערין איז שוין דיר לייכט זעלבסט צו פאר שטיין דאס דיזער דריטער שפאניער וואר קיין אנדערער אלס דער ענדרעמא:

אזו שפרעכענדיג מיט איינאנדער זיינען זייא אריין אין דיזין גאסט הויז

ווא

וואס וואר דאן שוין גוט בעלויכטין, עס וואר אבער דארט קיין אנדערער לבד ייא, האבין זיך גיזעצט לעבין אטיש, באלד דארויף איז אריין צו זייא דער ווירט וואס וואר שוין קיין יונגער מאן מיט איינעם מירישען געזיכט, ביא אלעם דעם האט ער זיך גיצייגט זייער פריינדליך פאר זייא, אונ דער ענדעמא האט גיהייסין דער לאנגען אבוטעל וויין, עס האט ניט לאנג גידויערט אונ דער ווירט האט דער לאנגט אטאץ מיט דרייא גלעזער אונ דער צו אגוטע בוטעלע וויין, אונ אלס דער ענדעמא האט אויס גיטאן זיין מיץ האט ער בעמערקט דאס ער איז גאנץ עהנליך (פאדאבנע) צו דיזין ווירט, דאס מען האט גיקענט מיינען דאס זייא זיינען צווילינג ברידער פון דעם נידעריגסטין שטאנד, קוים האט דער ווירט אן גיגאסין דיא ערסטע גלעזער האט אים דער ענדעמא גיבעטין דאס ער זאל וואַרטעווען אויף דעם וועג איבער דיא גאנצע צייט וואס זייא וועלין דא זיצין, אום צו זעהען צו קומט דא ניט אן ווער, "דען איך פירכטע" האט ער גיזאגט צו דיא צווייא פריסטער דאס מיין געגנער זאל דא ניט אן פארין, דען איך וויים דאס ער איז שוין גאר ניט וויט פון אונז, "אונ מיט דיזעם איז קיין שפאס צו מאכין". "עס איז גוט" האט זיך דער ווירט אפ גירופין "איך שטייא איך צו דינען, זעלבסט מיט דעם פויסט אויך ווען עס וועט נייטיג זיין". "א עס וועט דער צו ניט קומען" האבין זיך ביידע פריסטער אפ גירופין "דער היילינער קלויסטער מאדריד וועט בלייבין גוט פאר ריגעלט פאר אים" (דאס וואר איין קלויסטער אין מאדריד ביא דער אינקוויזיציע, אונ ענדעמא האט אים זייער גוט גיוואוסט), "אונ איר מיינט אזו" האט ער זיך צו זייא אפ גירופין "דאס דארט וועט שוין דיזע דאמע בלייבין געזיכערט פון אים, איר קענט ניט אבער דעם אלימפיא וואס ער איז גיוועזן דער גיפייערטער אנפיהרער פון דיא קארלאניסטין, איך זאג אייך דאס אזו לאנג דיזער העלד וועט נאך לעבין איז דיזע דאמע אין קיין ארט זיכער פאר אים".

"אלזו מיינט איר" האט זיך איינער פון דיא פריסטער אפ גירופין "דאס דער אלימפיא זאל דארום אומקומען", ניין צו ליב איר קען ער נאך לעבין, דען זיינע קרעפטע וועלין געגין דיזין קלויסטער גאר ניט פערמעגין "אונ איך זאג ניין" האט זיך אפ גירופין דער ענדעמא "קומט ער נור קיין מאדריד איז קיין שלאס אונ ריגעל זיכער פאר אים, דען וואס פאר מאגט ניט אזו איין פייעריגער העלד מיט אזו איינע פייעריגע ליבע וואס ער האט צו איר, דאהער איז מיין ראטה דאס מען זאל אים גאר ניט צו לאזין דאס ער זאל קומען אהער קיין פאמפעלאנע, אלזו ווען איר מיינט גוט מיט דיזער דאמע, מוז ער שוין היר ערמארדעט ווערין". "ווען עס איז אזו ווירקליך וויא איר זאגט" האבין זייא זיך אפ גירופין "וועלין מיר אייך העלפין דער ביא". "אלזו מוז עס אבער צו ניין זייער גיהיים, איבער הויפט דארף ניט ער אונ ניט זיין בעדינטער שפירען דאס איך בין דא, דען ער קען מיך דאס איך האב בעפעהלע אום אומצובריינגען אים, אונ וועט זיך אלזו היטין אדער זיך שטארק בעוואפענען, אונ דאן איז ער איין צו גרויסער העלד פאר אונז, אונ בפרט ער וועט נאך דא קומען מיט זיינעם אבעדינטין וואס איז אויך

קיין

קיין קראנקער אינגעל, צווייטינס וויל איך אייך פרעגן „זאל עס וואר זיין וואס איך האב גיהערט פון איינעם אלטין מאן אונטער וועגינס, דאס דיזער גאסט הויז איז איין רויב נעסט, אונ דאס מאנכע געסטע וואס האבין אין אים איין גיקערט זיינען ניט ארויס צוריק? „אונ ווען עס איז וואר? האט זיך איינער פון דיא פריסטער אפ גירופין „וואס איז עס אייך בעלאנגען? „א וואס פאר שטייט איר ניט? האט ער זיי גיענטפערט „ווען עס איז וואהר וואס איך האב גיהערט קענען מיר פאר שפארין צו בעזודעלען אונז מיט זיינעם אונריינעם בלוט, מיר וועלין בעסער פערגיטיגין דעם ווירט פאר זיינע מיהע דאס ער זאל מיט אים פערמעהרין דיא צאל פון דיא געסטע וואס זיינען פערבליבין ביי אים אויף אימער, אונ דאן קענען מיר שלאפין גיין גאנץ רוהיג„:

קוים האט דער ענדעמא אויס גישפראכין דאס לעצטעווארט „רוהיג„ איז אריין גילאפין אין זאל דער ווירט מיט גרויס האסט „הא וואס עפעס נייעס! האט אים גיפרעגט דער ענדעמא העכסט אונרוהיג, אונ אויך דיא צוויא פריסטער האבין זיך אויף גיהאפט פון זייערע ערטער אונ האבין אויפגעשפיצט זייערע אויערין אום צו הערין וואס ער וועט דא זאגין „איר זאלט וויסין„ האט ער זיך אפ גירופין קייכענד (שאפענד) „דאס עס רייטין אהער צוויא רייטער אין העכסטין גאלאפ (געלאף) דאס עס זעצין פונקען פון אונטער דיא פערדס פיס„. „פאר גיוויס זיינען דאס„ האט זיך אפ גירופין דער ענדעמא „אלימפיא אונ זיין בעדינטער, אלזו מוזין מיר וואס צום גיכסטין אוועק גיין פון דאנען, זאנסט זיינען מיר פאר לארין„ איינער פון דיא פריסטער איז צו גיגאנגען צו איינער ניסע (פארמוגע) האט וואס צום גיכסטין איינע גיהיימע טיר גיעפינט אונ זיינען אלע דרייא ארויס דורך איר אין איינעם זייטיגין קארעדאר וואס וואר מיט איינעם הויכין גיוועלב אונ גאנץ דונקעל בעלוכטין, דער ווירט האט הינטער זייא דיא טיר צו גימאכט, אונ האט זייא ניהייסן פערבלייבין דארט ביז דער אונגיבעטענער גאסט וועט זיך בערוהיגין „דיא פריסטער אבער האבין ניט גיוואלט דארט פאר בלייבין. אונ זיינען ארויס פון דארט דורך איין גיהיימען גאנג אום צו נעכטיגין אין קלויסטער, דיזער גאנג וואר איין אונטער אירדישער חאד זייער הויך גישקלעפעוועט, אונ האט גיגרייכט פון דעם גאסט הויז ביז דעם מאניסטיר, דען דיזער גאסט הויז וואר גיבויט מיט דעם מאניסטיר אין איין צייט אונ וואר איין טהייל פון אים, דער ענדעמא וואס איז מיט גיגאנגען מיט זייא האט זיך ניט גיקענט אפ וואונדערין איבער דיא ארבייט פון דיזין גאנג וואס וואר אין שווינדעל טרעפ אונ געקרימטע גיינגע, אונ האט קוים דר לעבט צו קומען מיט זייא אין דעם מאניסטיר.

דער ווילע האט דער ווירט אויפגינומען זייער פריינדליך דיא צוויא נייע געסטע, דעם אלימפיא אונ דעם דינער זיינעם וואלענטינען, וואלענטינע האט אוועק גיפירט דיא פערד אין דער אנגעוויזענע שטיינע, אונ דער אלימפיא איז אריין מיט דעם ווירט אין גאסט הויז, אונ האט בעוואונדערט וואס עס איז

דארט אזו שטיל אזו רוהיג, „עס איז איצונד“ האט אים דער ווירט געענטפערט „זייער שלעכטע צייטין, אמאל וואר עס בעסער, עס וואר דא איינג דאס מען האט זיך דא גאר ניט גיקענט צו שלאגן“. „דאך מוזין דא פערקערין צו אייך דיא גייסטליכקייט פון דיזער קירכע“ האט אים דער אלימפיא גיזאגט „ניין מיין הער“ האט ער אים געענטפערט „זייא האבין איין אייגענעם וויין קעלער“. „זייא שמעקין גאר ניט אריין אהער“. „א איר זייט איין אונפערשעמטער ליגנער“ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו אים אויפהייבענדיג פון דער ערד איין קליינעם קרייץ וואס עס טראגין אים נור דיא פריסטער פון דיזעם קאווענט (קאלעגיום) „דיזעס האט ער אים צייגענד גיזאגט „האט דא פערלארין נור איינער פון דיא היגע גייסטליכע. אלזו פערקערין זייא שוין יוא צו אייך“. „עפעס וויא אבגיזעהען פון דער פארזעהונג (השגחה) אום צו מאכין מיך פאר איין ליגנער בייא אייך, זיינען היינט דא גיוועזן צווייא גייסטליכע פון דיזעם קאווענט וואס האבין מיט זיך גיבראכט איינע נאוויצע“ (דאס הייסט אזו איינע פרויא וואס וויל איינע מיניסקע ווערין) האט אים דער ווירט געענטפערט „אונ וויטער קומט פון זייא קיין פוס אהער“. „דאך בייא אלעם דעם מוזט איר דאך גיוויס בעקאנט זיין מיט זייא“ האט אים דער אלימפיא גיפרעגט „א דאס איז קיין פראגע“ האט אים דער ווירט געענטפערט „איך בין דאך איין נאהענטער נאכבאר פון זייא“. „אלזו מוזט איר דאך פערגיוויס וויסין צו האבין דא צווייא גייסטליכע פון דיא פראנציסקאנער ניט גיבראכט אהער איינע פראנצוזישע דאמע“? האט אים דער אלימפיא גיפרעגט „דאס וויים איך ניט“ האט ער אים געענטפערט:

דער ווײלע האט דער אלימפיא גיהייסין דעם ווירט אריין טראגין וויין אונ קעז, דער האט עס גיבראכט אונ האט עס אויפגעטישט, קוים האט ער אוים גיטרונקען איינע האלבע גלאז דער פון, איז אריין אין שטוב צוריק פון דער שטיינע דער וואלענטינע מיט איינעם פערדריסליכין גיזיכט אונ מיט איינער אונזיכערע מינע וויא איינער וואס איז אונגעוויס אונ אונזיכער מיט זיינער לאגע, אלימפיא וואס האט עס נור גידייטעט, דאס עס איז נור וויל ער איז מיד אונ פערהונגערט, האט אים גיבעטין צום טיש מיט שפייזין, אונ האט זיך דער בייא אריין גילאזין אין אנישפרעך מיט דעם ווירט וואס וויא עס האט אוים גיזעהען דאס ער איז נור גאנץ אליין אין דיזעם גרויסין גאסט הויז, אין דיזעם גישפרעך איז אונטער דעם אנדערע זאכן גישפראכן גיווארין אויך איבער דעם קלויסטער אונ אויך איבער זופעריאר (נאסטאיאטעל) זיינעם וואס האט גיהייסין פראנציסקא, אונ וואר איין פערוואנדעטער (קרוב) פון דעם ווירט, ער (דער ווירט) האט אים (דעם זופריאר) געשילדערט אלס איין שטראנגין אונ העכסט ערליכין מאן, אונ האט דער בייא גיפרעגט דעם אלימפיא צו האט ער וואס נייטיגעס צו אים „יא“ האט אים דער אלימפיא געענטפערט „איך האב וואס וויכטיגעס צו אים, מעהר נאך אבער צו זיינע מאנאכען“. „ווען אזו מיין הער“ האט זיך דער ווירט אפ גירופין „מוזט איר דא בלייבין נעכטיגין, דען נור וויא עס גייט אונטער דיא זון

דארף

דארף קיינער ניט אריין אין קלויסטער און ניט ארויס״. „עס איז מיר דאס אזו גאר גאנץ ווידער מיינעם ווילין״ האט זיך אפּ גירופין אלימפּיא צו דעם וואלענטינען „נור ביי אלעם דעם וואלט רעכט גיוועזן צו פערבלייבין דא איבער נאכט, דען מיר און אונזערע פערד זיינען גאנץ מידע״. „און איך מיין״ האט זיך אפּ גירופין דער וואלענטינא, „דאס מיר זאלין ווייטער פארין״. „ניין״! האט זיך אפּ גירופין דער אלימפּיא „איך מוז מיך נויט ווענדיג זעהען מיט דעם זופּריאר, און מיר מוזין פערבלייבין דא איבער נאכט״. „און זייא וועלין האבין דא איינע גוטע אפּ דוהונג״ איז אריין גיפאלין דער ווירט אין דיא רייד, „איך האב דא אויבין אין דעם צווייטין עטאז איינעם צימער מיט גוטע בעטין״:

אלימפּיא האט שוין גיוואלט גיין בעזעהען דעם צימער, נור דער וואלענטינע האט אים אוואונק גיטאן דאס ער זאל זיך ניט בעאיילין דער מיט, און האט דער ביי אפּרעג גיטאן דעם ווירט „צו איז דא ניט פערפארן היינט אהער איין גיוויסער הער מיט איינעם בלייכין לאנגען גיזיכט מיט ארונדין שווארצין בארד אין אשפּיציגע מיצע, מיר האבין אים גיזעהען פארענדיג זייער גישווינט פאר ביי אונז גראדע אהער״. „איר זייט היינט ביי מיר דיא איינציגע און דיא ערסטע געסט״ האט אים דער ווירט גיענטפערט „ווען אזו״ האט זיך דער אלימפּיא אפּ גירופין צו דעם ווירט „אט מאכט אונז צו רעכט דארט צווייא בעטין, פאר מיך און פאר מיין דינער״. „פיל גלייכער״ האט אים דער ווירט גיענטפערט „דאס אייער דינער זאל נאכטין אין דער שטיינע לעבין דיא פערד, עס איז דארט דא א גוטע בעט, דען עס האט מעהר אלס איין מאל גיטראפין דאס מען האט דא ארויס גיפירט אפערד פון שטאל, דען עס דרייען זיך דא אום פיל פון דיא צוא צערשפּריינגטע (צו לאפּענע) קארלאניסטין״. „איך דאנקע אייך פאר דיזן נוטין ראטה״ האט אים אלימפּיא גיענטפערט, און האט באלד גינומען אבשייד פון דעם וואלענטינען, און האט אים דער צו נאך פערזאגט דאס ער זאל גאנץ פריא זאטלען דיא פערד און אים אויפוועקין בעצייטין דאס ער זאל אריין גיין צו דעם פריאר, און האט זיך גילאזט אלזו ארויף פירין פון דעם ווירט אין דעם אויבערסטין צימער, וואלענטינע אבער האט זיך אפּ גישטעלט אין דעם גאסט צימער און איז ניט אוועק אין שטאל, דען עס האט אים דאס הערץ גיזאגט דאס פערגיוויס מוז דא ערגעץ דער ענדעמא שטעקין, אלזו מוז מען זיין אויף דער הוט, און היטין דם לעבין פון זיין הערען וואס פערשטייט ניט זיך זעלבסט צו היטין, ביי אלעם דעם האט ער פון צייט צו צייט אכטונג גינעבין אויף דיא פערד און באלד זיך צוריק גיקערט אין דעם גאסט צימער. רינגם אום וואר שטיל וויא אין א גראב, דען דיא גאנצע געגענד וואר לעהר פון מענטשין וויא אויס גישטארבין, און דיא שטילקייט וואר אונטער גיבראכין נור פון איינעם ווייטין האן קרייא וואס האט זיך גיהערט פון דער קירכע:

23.

„איינע מארד פערזוכונג“

דער צימער וואס דר ווירט האט אין אים אריין גיפירט דעם אלימפיא צו נאכטין דארט האט אויס גיזעהען וויא איינע קלויסטער צעלע, מיט גראבע ווענט, מיט אהויכין גיוועלב אונ מיט קליינע פענסטער, דער ווירט האט אן גיצונדין דארט איינע לאמפע, צו רעכט גימאכט דאס בעט אונ האט גיווארט דארט ביז דער אלימפיא האט זיך אויס גיטאן, אונ האט אלזו גיהאט דער ביא איינע גוטע גילעגינהייט צו זעהן וויא ער לייגט אוועג צו קאפין ביא זיך איינע גרויסע בערזע (סאקווע) מיט גאלד, אונ לאדעוועט אן זייער שארף זייגען גיוועהר אונ לייגט זייא אוועק אויף דעם טישעל וואס איז גישטאנען לעבין בעט, אונ אלס דער ווירט האט גינומען פון אים אבשייד, האט דער אלימפיא גיבעטין ביא אים דעם שליסיל פון צימער, אונ אלס דער ווירט האט ביא אים גיפרעגט צו וואס ברויכט ער עס, האט ער אים גיענטפערט, אום עס זאל מאנכען ניט שאדין וואס וועט זיך וואגין צו בעשטוילין אים, דען ער וועט אים גיוויס דער שיסין, דיזע אנטוואָרט איז העכסט ניט גיפעלין דעם ווירט, ביא אלעם דעם האט ער בעלויבט דיזע פארזיכטיקייט זיינע, האט אים גיגעבין דעם שליסיל האט אים גיזאגט גוט נאכט אונ איז ארויס פון צימער, אונ דער אלימפיא האט באלד דארויף פערשלאסין דיא טיר, האט זיך ארויף גילייגט אויף דם בעט אונ איז זייער הארט איינגישלאפין, דיא לאמפע איז באלד אויס גיגאנגען, אונ דאן איז דער צימער גיווארין בעשיינט מיט דער מאטע אונ דונקעלע ליכטיקייט פון דעם מאנד וואס האט אריין גישיינט דורך אקליינעם רונדין פענסטער וואס איז ארויס גיקומען נעגין דער קאנוסנע:

ארום צוועלף דעם זייגער אלס דער וואלענטינע איז ארויס פון דעם גאסט צימער צו דיא פערד, איז אריין דער ווירט אין אים דורך איינע גיהיימע טיר, האט פערשלאסין דעם צימער פון אינווייניג, דאמיט דער וואלענטינא זאל ניט קענען אריין גיין צוריק אין אים, אונ האט באלד דארויף אויפגימאכט דיא זעלביגע גיהיימע טיר ~~דורך~~ וועלכע עס זיינען פאר נאכט אנטלאפין דיא צוויא מאנאכען מיט דעם ענדעמא, אונ וואס וואר גיוועזעט וויא מיר ווייסין שוין צו איינעם אונטער אירדישען גאנג ביז דעם קלויסטער, ער האט איר גיעפינט אונ עס איז אריין דער ענדעבא, דען אזו וואר עס אפ גירעט מיט דעם ווירט ביא זייער אוועק גיין פון אים

„אלזו וואס גוטעס וועט איר זאגין“? האט אים דער ווירט גיפרעגט „בעפעהלט אונ איך שטייא צו אייער גיבאט, דען איך וויים דאס איך וועל נוט בעלוינט ווערין“. „אונ אויסער דעם“ האט אים דער ענדעמא גיענטפערט „וועט איר דאך בעקומען אויך איין גרויסין שאץ, ניט פערגעסט דאס דיזער רייזענדער האט ביא זיך איינע גרויסע סומע פון גאלד, דאס וועט גיהערין נור צו אייך אליין, איך ברויך ניט זיין געלט, איך ברויך נור זיין לעבין, דען ער איז איין

גרויסער

גרויסער פיינד פון דער קאטוילישע קירכע, אונ איז אלזו איין עכטער קעצער (אפיקורס), אלזו זעהעט דאס ער זאל זיך ביא אייך אפ שטעלין אויף אימער, איר וועט אייך אויסער געלט נאך עולם הבא קויפין":

"דאס רעכט איז אזוי" האט אים דער ווירט אפ געענטפערט "נור בעדיינקט אייך אבער דאס דיזער מאן איז ערסטינס אגרויסער העלד, אלזו איז עס איינע שווערע אויפגאבע אום קאלט צו מאכין אים, אונ צווייטינס פירכטע איך דאס מען זאל דער פון ניט געוואר ווערין, אלזו וועט מיינע עהרע דער ביא ניט ווייניג ליידין, אויך פערגעסט ניט דאס ער האט מיט זיך אויך איין בעדינטין וואס איז אויך קיין קראנקער איינגעל, ער איז איצונד אין דער קאנוסנע, אונ איז דער צו זייער פיפיג (קלוג), דען ער פערשטייט פיל מעהר אלס זיין הער דאס זיא זייגען דא אין איינעם אונזיכערין ארט, ער האט זיך ניט געלייגט שלאפין אונ איז אויף זיינער הוט, ער איז איצונד אין דער קאנוסנע שוין דעם דריטין מאל, ווייל איך האב אים איינגעשיכטערט (איין גישטראסעט) דאס עס דרייען זיך דא אום דיא פערשפרייגגטע קארלאניסטין וואס האבין דא אין דיזעם געגענד שוין מעהר אלס איין מאל שלעסער אויף געבראכין, שטאלין אויף געריסין, אונ פילע פערד אונ אקסין ענפירט, ער וועט זיך אבער וויא מיר דוכט ניט גיך אונ באלד אום קערין אהער צוריק, דען איך האב אונטער גישיקט איינעם פון מיינע לייטע וואס זאל אום דעם שטאל הערא‍ום דרייען, דאמיט ער זאל אים האלטין אין שאך (דאס הייסט ער זאל צו ליב אים ניט קענען אפ טרעטין פון דער קאנוסנע)". "א! אלזו זייט איר פיל קליגער פאר זיא ביידין" האט זיך דער ענדעמא דאן אפ גירופין צו אים "אונ איך מיין אלזו דאס איר אליין וועט אייך קענען איספראווען מיט זיא ביידין, אונ עס וואר אלזו גאנץ איבעריג מיין קומען איצונד צו אייך". "ניין מיין הער" האט זיך דער ווירט אפ גירופין "דער אלימפיא אליין איז אויך צו פיל פאר מיר איינעם, דען ער איז אגרויסער העלד, אונ דער צו זייער נוט גיוואפינט, דען ער האט אנידער גילייגט אויף דעם טישעל וואס שטייט לעבין זיין בעט שארף גילאדענע גיוועהר". "יא עס איז וואהר" האט זיך דער ענדעמא אפ גירופין "מען קען אנדערס ניט זאגין דאס דער אלימפיא איז אגרויסער העלד, עס מוזין זיך צוויא אום אים בעמיהען, אלזו וועל איך אייך זיין צו הילפע אין דיזער גירעכטע זאכע, נור צו האט איר נוטע גיצייג צו דיזער שטיקעל שווערע ארבייט"? "א דיא הילע אונ פילע (גוזמא)" האט אים דער ווירט גיענטפערט "איז גוט" האט זיך אפ גירופין דער ענדעמא "ביא אלעם דעם אבער מוז מען פריער פאר אלין ענטווענדען (צו נעמען בגנבה) פון אים זיינע וואפין זייער זאכט, דען זאנסט איז ער נאך אלין גיפעהרליך" דאס איז ביא מיר דאס לייכטעסטע, מיר וועלין אריין צו אים אין צימער ניט דורך דיא טיר וואס ער האט איר פערשלאסין, אויב וואול איך האב צו איר נאך אשליסיל. דען עס וועט ווערין אגערייש אונ ער וועט זיך דורך דעם אויף חאפין, נור דורך איין גיהיימען גאנג וואס זיין טירעלע עפינט זיך אונטער זיין בעט, וואס ער וויים גאר ניט פון איר, דיזער גאנג איז צוואר גינוג איינג

אונ

אונ נידעריג קוים צווייא פוס דיא הויך , דאך וועלין מיר קענען דורך קריכין אונ וועלין אריין אין צימער אזו זאכט דאס דער שלאפער וועט דעם מינדעסטין געריש ניט פערשפירען , אונ דאן וועט שוין זיין דיא איבעריגע זאך (דאס הייסט אים קאלט צו מאכין) איינע לייכטיגקייט , אונ ווען מיר זיינען שוין צו ענדע מיט דעם הערען וועלין מיר אונז שוין ראזשציטייען אויך מיט דעם דינער , "אוים גיצייכינט" ! האט זיך אפ גירופין דער ענדרעמא "מען קען אנדערש ניט זאגין דאס איר זייט איין מאן אויף דעם פלאץ איר פערשטייט איין אינטערעס" :

דער אלטער שפריך ווארט זאגט גירעט גיטאן , אזו וואר דא אויך , דער ווירט האט באלד אריין גיבראכט צווייא גוטע קורצע דאלכען (קינזאלין) איינעם פאר זיך דעם אנדערין פאר דעם ענדרעמא , אונ האבין זיך גינומען וויא מען זאגט דא דעלא (צו דער ארבייט) , דער ווירט האט אנגיהייבין צו גיין אויף דיא טרעפ פאראוים , אונ דער ענדרעמא נאך אים אום אריין צו קריכין פון דארט דורך דעם גיהיימען גאנג אין דעם צימער וואו דער אלימפיא שלאפט :

24.

"דיא שרעקליכע נאכט"

דיא נאכט וואר העלי, דער הימעל וואר לויטער , אונ דער מאנד איז דאן גישטאנען אין זיינער מיטע ריין וויא אוים גיוואשין , אונ האט אריין גיקוקט מיט זיינעם בלאסין שיין דורך דעם קליין רונדען פענסטער אין דיזין צימער אלס איין שטומער צייגע (עדות) אום.צו זעהען דיזע בלוטיגע טהאט (ארבייט) , זייא זיינען-אריין אונ האבין אים דער וויסט שנארכענד (חראפענדיג) , זייער ערסטע זאך וואר צו צונעהמען דיא גיוועהר וואס איז גילעגין אויף דעם טישעל וואס איז גישטאנען לעבין אים , אונ דאן האט דער ווירט אוים גילאסין דיא לאמפע וואס האט דארט גיברענט , אונ האט אויף גיעפינט איינע גיהיימע טירעלע וואס וואר אין דער פאדלאגע איבער איינע עפענונג וואס וואר אין איר איבער איינעם גאנץ טיפען פאדוואל , אונ האט באלד דארויף אריין גישטויסין זיין דאלך אין דעם אלימפיא דורך דיא דעקע (קאלדרע) וואס ער וואר צו גידעקט מיט איר , דער דאלך אבער האט נור בעריהרט דעם שיינקעל זיינעם אונ האט גימאכט אין אים איינע טיפע וואונדע דאס ער איז אפ גילאפין מיט בלוט , דער אלימפיא האט זיך אויף גיהאפט מיט איינעם גוואלטיגין גישרייא אונ האט דעם ווירט אן גיהאפט פאר דיא הענט , האט ארוים גידרייט פון אים דעם דאלך , אונ האט זיך אנגיהייבין צו וועהרין געגין זייא ביידין , עס איז ענטשטאנדען אונטער זייא איין קאמפף (אשטרייט) אויף טויט אונ אויף לעבין , ער האט זייא אין פילע שטעלין פערוואונדעט אונ צו ראצט מיט דעם דאלך , אונ דאהער איז דער ענדרעמא צו גילאפין צו דעם טישעל וואס עס איז גילעגין אויף אים אלימפיעס רעוואלווער האט אים ערגריפין אונ האט גיוואלט שיסין אויף דעם אלימפיא ,

דער ווירט אבער האט אים צו גישריען פון ווייטין דאס ער זאל עס ניט טאן, איר זעהעט ניט׳? האט ער צו אים גיזאגט ׳דאס איך בין מיט דעם אלימפיא פערפלאכטין איצונד וויא אין איין קנויל, איר וועט אונז אלזו ביידין ערשיסין, אונ צווייטינס וועט דער קלאפ פון דעם שאס מאכין אויפמערקזאם דעם בעדינטין זיינעם, אונ מיר וועלין זייא ביידין האבין אויף אונזער האלדז, דאס בעסטע אונ גלייכסטע איז, איר זאלט מיר העלפין אריין צו טאסצען אים אין דיזע עפענונג, דאס אונטער פאלין דורך איר אין דעם טיפין פאדוואל איז אים שוין אויך גינוג, בפרט דאס ער איז נאך גוט פערוואונדעט, א וועלין מיר אים נור האבין אונטערין באדין (פאדלאגע) וועט ער זיך שוין פון דארט ניט אומקערין אין דיא ליכטיגע וועלט וויא אלע יענע וואס איך האב ביז אהער ארונטער גישטירצט אהין:

דער ענדעמא ניהארכטע דעם ווירט, אונ זייא ביידע האבין דעם אלימפיען וואס ער וואר שוין גוט גישוועכט פון זיין פערבלוטין זיך אונ פון זיינעם אן שטריינגען זיך אין זיינעם וועהרין זיך געגין זייא, האבין זייא אים צוואר מיט גרויס מיהע אונ גרויס גיפאהר, דען זייא האבין בעקומען דער ווילע פון אים נאך מאנכע קליינע ראנעס, אריין גישטירצט דורך דיא עפענונג אין דעם טיפין פאדוואל, אונ האבין אויבען איבער אים פערמאכט דיא גיהיימע טירעל:

ענדע פון דריטין טהייל

פערטער טהייל

1.

„די העלען מאסינע"

קוים האט אריין גיטראטין דאס יאר 1858 האט אן גיהייבין די קייזערליכע רעגירונג צו בעשעפטיגין דעם פראסטין נאראד מיט פערשיידענע ארבייט, מיט דעם איבער בויען די הייזער אונ מיט דעם איבער ברוקירין די גאסין, אום אב צו האלטין אים דאמיט פון די עפטערע אונרוהען (מאטעזין) אונ בעוועגונגען (פאוסטאנעס) וואס פלעגין דאן זייער אפט אויס ברעכין אין פאריז, אונ אזוי אויך האט ער אום צו בלייבין רוהיג אויף זיין טראהן גירייניגט פאריז אונ גאנץ פראנקרייך דורך די הילפע פון זיינע גוטע פריינד פון אלע יענע גרויסע פערזאנען וואס ווארין אונצופרידין מיט זיינער רעגירונג, אונ האט מיט זיי בעפעלקערט די ווייטע אפריקאנישע אינזלען אונ קאענא, אונ ביי אלעם דעם וואר דער נאפאליאן אונ עווגעניע העכסט בעזארגט אונ אונרוהיג וועגין די צוקונפט (שפעטערע צייט):

דער צו נאך האט ניט גיפעלט אין פאריז פילע פערפאסער (מחברים) וואס האבין גישריבין אין זייערע ווערקע (ספרים) וויא ווייט דער נאפאליאן פירט איבער אונ פערדארבט מיט זיינער רעגירונג גאנץ פראנקרייך, דאס ער פערקליידעט פילע זיינע פאליציישקע ציגאוניקעס פאר בירגער וואס זאלין נאך לייפין נאך אים וואו ער פארט אונ שרייען אורא, אונ לויבין אים אין אלע קלובין, אין אלע האטעלין, אונ ווידער דאס ער פערשיקט אונ ראטעט אויס פון גאנץ פראנקרייך די קליגסטע אונ די גילערנטעסטע מענטשין:

אום דיזע לאגע זיינע צו פערבעסערין, האט אים גיראטין דער מיניסטער וואלעווסקי איין נאטירליכער זון פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין (דאס הייסט איין פאבאצנער) דאס ער זאל אפ ציהען די בליקען פראנקרייך פון זיך דורך איינעם אויסווערטיגען (זאגרעניצנעס) קריג, עס איז אים דיזער ראטה גיפעלין, אונ האט אלזו איין גיזעהען דאס אם בעסטין איז פאר אים צו פירין אין קריג געגין עסטרייך, דען ער וועט לבד דעם וואס ער וועט דער מיט דער ווילע בעשעפטיגין די פראנצוזין דאס זייא וועלין זיך דער ווילע אן אים פאר געסין, וועט ער פון דיזעם קריג נאך פיל אנדערע נוצין ציהען, ערסטינס וועט ער דורך דעם שוועכין די קראפט פון עסטרייך וואס וואר אים איינע גיפירכטעטע מאכט ביי דער זייטע, דען עס האט דאן גיהערט איטאליען צו עסטרייך וואס גרענעצט לעבין פראנקרייך, צווייטינס וועט ער דורך די בעפרייאונג איטאליעס פון דעם עסטרייכעשין יאך פאר גרעסערין פראנקרייך דען ער וועט אפ נעמען זאפאען וואס איז איינע איטאליענישע פראווינץ אונ ביי אלעם דעם וועט אים

איטאליען

איטאליען בלייבען איין טרייער פערבינדעטער (סאיוזניק), נאך מעהר פאר אלץ האט אים ארויף געבראכט אויף דיזין פלאן איין שרעקליכער אונגעריכטער צופאל וואס האט אים דער מאנט אן זיינע אשבועה וואס ער האט געשווארין נאך זייענדיג איין גאנץ יונגער מאן, דאס ער זאל אפפערין (מקריב זיין) זיין לעבין מיט זיינעם פערמעגין וועגין דיא בעפרייאונג איטאליענס פון עסטרייכס יאך, דען ער וואר דאן איין מיטגליד פון דיא קארבאנארין*), ער האט געשווארין העכסט פייערליך (הייליג) דארט אין דעם געהיימען קארבאנארישין קלוב אין דעם ביא זיין פון אלע איטאליענישע פארעיאטין, אונ דער נאך אם ענדע אלס ער איז געווארין קייזער פון פראנקרייך וואס ער וואר שוין דאן אין שטאנד זייער לייכט צו ערפילין זיין שוואור, האט ער לא די וואס ער האט גאר ניט געטאן וואס פאר איטאליען, האט ער נאך די קארבאנאריסטין פערראטין (אויס געגעבין) פאר דיא אויסטרייכישע רעגירונג אונ האט ענטדעקט זייערע אלע פלאנען, דאהער קיין וואונדער דאס גאנץ איטאליען ווארין אים פיינדליך, אונ עס וואר פון דארט אויס געצילט אויף זיין לעבין, אונ עס איז געקומען שוין אזו ווייט דאס עס וואר געמאכט איינע געפעהרליכע אונגעריכטע פערזוכונג (פראבע) אויף זיינער פערזאן פון דיא יעניגין קארבאנארישע לייטע וואס עס האט צוואר ניט געלונגען, דאך האט עס אים זייער איין געשראקין, אונ צו גלייך אים דער מאנט אן זיינער אלטע שבועה:

אין איינעם רעגענדיגין אווענד אין דעם מאנהייט יאנואר אין דעם יאר 1858 וואר איין גרויס געדריינג אין איינער אריסטעראציאן וואס געפינט זיך אין דער שטראזע סאנקט געארגע, מאנכע האבין געשפייזט מאנכע האבין געטרונקען, אונ עס וואר דארט געטימעל איבער געטימעל, אונטער דיא טרינקער ווארין דרייא מענער וואס זיינען זיך געזעסין גאנץ אליין אין אוייטין ווינקעל פון גרויסין זאל, אונ האבין זיך אונטער האלטין מיט איינאנדער זייער היציג אונ זייער פערטיפט, דאך גאנץ לייזע (פאמעלאך), זייא האבין אונטער זיך געשפראכין איטאליעניש, אונ קיינער האט זייא ניט בעמערקט, דען מען איז געוואונט שוין דארט צו הערין ריידענדיג פערשיידענע שפראכין, אונ צו זעהען מענטשין פון פערשיידענע לענדער, זייא אלע דרייא ווארין שוין ניט מעהר יונג, אונ עס וואר געוועזען זייער לייכט צו פערשטיין פון זייערע געלבליכע געזיכטער אונ פון זייערע שטארק גירונצילטע שטערינס, דאס דיזע לייטע האבין שוין גענוג געליטין אויף גאטעס וועלט, אונ דאס זייא ווארין שוין לאנגע צייטין געוועזען איינגעשפארט אין איינער שווערע געפיינגניס, אויך איז געוועזען דאן צו בעמערקין דאס זייא זיינען עפעס וויא איין געשראקין אזו וויא זייא וואלטין זיך ניט פאר זיכער האלטין.

דען

*) דיא קארבאנארין ווארין איין געוויסער פעראיין (סאבריינע) פון דיא איטאליענישע פאטריאטין, וואס האבין זיך בעראטין איבער אינם געהיים וויא צו בעפרייען איטאליען פון עסטרייך, זייא האבין געהאט בעזונדערע קלובען דער צו:

דען זייא האבין זיך אלע ווייליע אומגיקוקט אונ בעטראכטעט ווער איז דא אין זאל, אונ צו קוקט מען ניט אויף זייא :

דיזע דרייא ווארין איטאליענער, צווייא פון זייא ווארין מיט שווארצע רונדע בערד, איינער האט גיהייסין פערי, דער צווייטער האט גיהייסין נאמען דער דריטער רודיא, זייא אלע דרייא האבין דא ערווארטעט איינעם פערטין וואס האט גיהייסין פעליקס ארסיני, וואס האט גיזאלט קומען אהער אין אשטונדע ארום נאך זייער ארייִן טרעטין אהער, אונ ווארין העכסט אונרוהיג אלס ער האט זיך פערזאמט פיל מעהר, דען זייא אלע פיר ווארין עס וואס זיינען ארויס גישיקט גיווארין פון דיא קארבאנארער, מיט איינער העלען מאסינע (פערדערבליכע מאסינע) אום אומצובריינגען דער מיט דעם נאפאליאן, זייא ווארין שוין מעהר אלס איינינע מאנאטין אין פאריז, אום אפ צו ווארטין איינע גוטע גילעגינהייט צו דיזעם קייזער מארד, אונ האבין עס נאך ביז אהער ניט בעקומען, זייא ווארין דארט אונטער פאלשע נעמען, אונ זיינען איין גישטאנען אין בעזונדערע קווארטירין, אום זיך צו פערהיימליכין פון דיא פיסקאלין וואס ווארין דאן אין גאנץ פראנקרייך, אונ נאך מעהר אין פאריז פול אין אלע ערטער, אונ וואס האבין אויך גיוואוסט פון זייער זיין אין פאריז, אונ בייא אלעם דעם האבין זייא זייא ניט גיקענט בעקומען, דאהער קיין וואונדער שוין וואס זייא ווארין אזו שטארק בעזארגט וועגין זייער פערטין קאמעראט וואס איז ניט גיקומען צו דער אפ גירעטע צייט, אונ האבין גימיינט דאס ער ווער שוין ערטאפט אונ ארייִן גיזעצט, אונ דיזעם איז גיוועזן דער גאנצער אינהאלט פון זייער גיהיימען גישפרעך :

דיזער שרעקען זייערער האט זיך אבער באלד פערוואנדילט אין גרויס פרייד אלס זייא האבין דער זעהען דאס דער נאמען פערסיני איז ארייִן אין זאל מיט איינעם פריילוכין גיזיכט, דיזער פעליקס פערסיני וואס ער האט זייער גוט גיוואוסט דאס ער ווערט זייער שטארק גיזוכט, האט זיך אן גיטאן אין אפאלשין בארד אונ איז גיבליבין אלזו גאנץ אונערקענט, ער וואר דער אויבער הויפט פון דיזער קליינע באנדע, אונ איז גיוועזן דער גרעסטער גישווארענער פיינד פון דעם נאפאליאן, ער איז שוין אמאל מיט זיינע דרייא פריינדע גיזעסין אין פעסטונג דארט אין איטאליען, זייא ווארין דארט איין גישפארט דורך דיא עסטרייכעשע רעגירונג, אונ עס האט זייא אלעמען דרייא גיגליקט צו אנטלייפין. זייא זיינען דאן אוועק קיין איינגלאנד, אונ דארט אין דער שטאט בערמינגהאם האבין זייא זיך פעראייניגט מיט איינעם גיוויסין פראנצויז וואס וואר אויך איין גרויסער פיינד פון דעם נאפאליאן, אונ האבין דארט גימאכט איינע העלען מאשינע וואס וואר נאך ניט ביז אהער איר גלייכין :

דיזער פעליקס ארסיני האט צו גיטראטין צו דיזע דרייען מיט איינער פריילוכע מינע, אונ האט זייא מיט גיטיילט איינע פראהע (פריילוכע) נאכריכט „זייט וויסין" האט ער צו זייא גיזאגט „נון האבין מיר אונז שוין ערווארט אויף דיא גילעגינהייט וואס מיר האבין ביז אהער אויף איר גיהארט, היינט פון

אווינד

אווינד קענען מיר שוין אן הייבין צו טאן צו וואס מיר האבין אונז צו גיברייטעט ביז אהער, היינט ארום צעהען דעם זייגער ביי נאכט וועט דער נאפאליאן פארין אין טעאטער וואס איז אין דער שטראזע לעפעלעטע, עס וועלין דער ביי פילייכט אומקומען מאנכע גאנץ אונשולדיגע, אונזער גירעכטע זאכע אבער היילינט דיזע בלוט שולד״, דיזע שרעקליכע נאכריכט האט גיבלייכט דיא גיזיכטער פון זיינע דרייא פריינדע ״א״! האט ער זיך צו זייא אפ גירופין ״וויא איך זעהע איין זייט איר בעזארגט וועגין אייער לעבין, אונ דאס איז גאנץ דום פון אייך, ערסטינס זארגט איר אום אייער לעבין וואס ער גיהערט שוין ניט מעהר אייך, דען היינט מארגין וועלין מיר גיוויס ערגריפין ווערין, דען מען זוכט אונז וויא מיט ליכט, אונ צווייטינס דער מאנט אייך דאס נאך איז ניט איינער גישטארבין פאר אזו איינע גירעכטע זאכע וויא מיר וועלין דא איצונד שטארבין, דריטענס ווען עס וועט אונז גליקין וועלין מיר נאך צייט האבין אויך צו אנטלייפין, דען עס וועט דאך ווערין איין גרויסער אויף לויף, דער צו נאך וועט עס גאנץ פראנקרייך נאך פרייען, דען ער איז איין אוזערפאטער (איין טראהן רויבער), מען וועט אונז נאך דאנק וויסען דער פאר״. אלזו ניט פאר געסט עס איז שוין זעקס אוהר עס איז שוין האהע צייט צו גיין אין דיא שטראזע לעאני נאך דער מאשינע, אונ אויס זוכין פאר אונז איינע בעקוועמע (ווינאדנע) שטעלע לעבין דעם טעאטער, מיר זאלין אבער ניט גיין אלע צו זאמען, יעדער פון אונז זאל גיין דורך איין בעזונדערע גאס, דער ווייל מוזין מיר שוינען אונזער לעבין אום אויס צו פירין אונזער היילינין פלאן״. ״מיר האבין ניט וואס איין צו ווענדין״, האבין זייא זיך אלע דרייא אפ גירופין אונ האבין דער ביי אן גיגאסין מיט וויין דיא לעצטע גלעזער, האבין זייא אן גיקלונגען איינע אן דיא אנדערע, אונ האבין אויס גיטרונקען צום וואול פון זייער פאטער לאנד, אונ זיינען באלד נאך דעם אויף גישטאנען אונ זיינען ארויס פון דער אריסטעראציע (טראקטיר):

זייא זיינען אוועק דורך פערשיידענע שטראזין אין דער שטראזע לעאני, אין דיזעם טאג האט נאך האלבין טאג זייער שטארק גירעגינט, דאס דיא גאסין ווארין זייער נאס אונ גליציק, אונ נאך הער וואר נאך דער הימעל שטארק פאר חמארעט, דאס עס האט אויס גיוויזין דאס עס זאל ווידער רעגענען אדער שנייען, פון אווינד ווארין אן גיצונדין אלע גאז לאנטערנען, דער טעאטער וואר ארום גיין דעם זייגער פול אונ פאק, אונ אויף דעם פלאץ וואס פאר אים וואר שוין לער אונ ליידיג פון פאיאדין, מען האט אן גיהייבין צו שפילין אזו גאר ארום אכטין, דיא קייזערליכע פאמיליע מיט דעם קייזער זעלבסט אבער האבין גידארפט אן פארין אהין ערסט ארום צעהען אום צו זעהען איין נייעם באלעט (טאנץ), אונ דאהער וויא נור נאך גיין דעם זייגער ווארין שוין אויף דעם פלאץ וואס פאר דעם טעאטער איינע מיינע פאליצייסקע פיסקאלין (אגענטין), אום ניט צו לאזין דעם נאראד ארום זיין עקיפאז, אויב וואול ער וואר גימאכט קוגיל פעסטי (דאס הייסט אזו שטארק דאס קיין קויל זאל אים ניט קענען דורך שיסין).

נאך

נאך נײן האט זיך דער נאפאליאן מיט זײנער פרויא אריין געזעצט אין דעם עקיפאז עפעס האלב פערקימערט, דיא עוגעניע אבער וואר גאנץ מונטער אויס גיפוצט וויא איינע ברויט (כלה), נאך דיזעם עקיפאז זיינען נאך גיפארין נאך צווייא אנדערע עקיפאזין מיט האפליטע, הערען אונ דאמען, אונ זיינען זיך גראדע אפ גיפארין נאך דער שטראזע לעפעלטיע, דער גאמעץ וואס וואר דאן אויס גישטעלט אלם פיקעט אום צו געבין איין זיגנאל צוא זיינע דרייא פריינדע וואס זיינען שוין דאן גישטאנען מיט זייערע העלען מאשינען בייא דעם טעאטער*) דאס דער קייזערליכע עקיפאז איז שוין ניט וייט, האט אן גיצונדין איינע העלע שוועבעלע אלם וויא ער וואלט וועלין אן רייכערין זיין ציגאר, (דען אזו וואר פריער שוין אפ גירעט), דיא דרייא פריינדע האבין גיהאלטין זייערע העלען מאשינען אונטער זייערע מאנטלען, וייט איינער פון דעם אנדערין, דאס עס וואר גאר ניט צו מערקין דאס זייא זיינען אין בונד מיט איינאנדער. נור יעדער פון זייא איז גישטאנען אויף איינעם אויס גיזוכטין ארט וואס ער זאל קענען פון דארט ניט פאר פעלין זיין ציל, אונ עס וואר זייערע שטעלונגען אזו גוט אויס גימארקירט, דאס דיא העלען מאשינען האבין ניט גידארפט קיינעם שאדין וויא נור דעם קייזערליכין עקיפאז אליין מיט דיא פערזוינען וואס זיצין אין אים:

קוים איז דער עקיפאז אן גיפארין אויף דעם ארט וואו ער האט זיך גידארפט אפ שטעלין, האבין זייא אלע דרייא אריין גיווארפין זייערע דרייא העלען מאשינען אין דער קארעטע, זייא האבין אלע דרייא גיפלאצט אויף דער שטעלע, דם עס האט אויף גיציטערט די לופט פון אויבין אונ דיא ערד פון אונטין, עס האט גיגעבין דרייא קלעפ וויא פון דרייא גוואלטיגע דונערין, עס איז צו שפרונגען גיווארין דיא שויבין, אונ דער ברוק האט זיך פערפארבט רויט אונ איז גיווארין בעדעקט מיט צו ריסענע גלידער אונ צו האקטע מענשליכע קערפער, עס איז גיווארין איינע גרויסע פערווירונג (מישענינע), עס האט זיך אויס גיברייטעט איין שרעקליכעם שרייען אונ געיאמער פון דיא פערוואונדעטע אונ פון דיא שטערבענדע, דען דיא באמבען האבין גיטייטעט זייער פיל פון דיא הויפליטע אונ פון דעם נאראד וואס זיינען גישטאנען ארום, אם מעהרסטין פון דיא פאליצייסקע אונ פון דיא פיסקאלין וויל דיא מאשינען זיינען נור וויא דורך גיפלויגין דורך דעם קייזערליכין עקיפאז, אונ האבין אים אונ דיא עוגעניע נור קוים בערירט אונ זייער לייכט פערוואונדעט, עס האט זייא גישיצט דער בייא דיא גראבע אייזערנע ווענט פון דער קארעטע, אונ זיינען גיזעסין גראדע ניט גענין דיא פענסטער, געליטין האבין דער בייא הויפטזעכליך דיא פרידוואריגע, דען
דיא

---

*) דיזע העלען מאשינען זיינען בעשטאנען פון באמבעס וואס האבין גיהאט דיא פיגורין פון איינער בערנע דאמיט מען זאל זייא קענען גוט ווארפין, אונ ווארין פיל מיט אזו אמאטע וואס זאל זיך אן צינדין בייא דעם פאלין, אונ זאל צו מורשטען דעם עקיפאז מיט דיא מענטשין.

זיא באמבען האבין זייער שטארק גיטראפין זייערע עקיפאזין · אונ פון דארט אוים דיא ארום שטייענדע :

עס פערשטייט זיך דאס דער קייזער אונ דיא קייזערין ווארין העכסט ערשראקין, אונ העכסט בעטראפין (צו מישט), דער צו נאך שטארק בעזארגט דאס עס זאל באלד ניט שלימערס טרעפין · בייא אלעם דעם האבין זייא גיהאט נאך גינוג מוטה אריין צו גיין אין טעאטער אונ פערבלייבין דארט איבער דעם גאנצין באלעט אונ צווא פאצין בראווע, דיזע פיר איטאליענער זיינען באלד ערגריפין גיווארין, אונ זיינען אפ גיפירט גיווארין אין דעם ראקעטעשען טורעם, אונ וועלכע פעדער איז עס אין שטאנד צו בעשרייבין וויא עס וואר זייא צו מוטה אלס זייא זיינען גיוואר גיווארין, דאס זייא האבין זייער ציל פאר פעלט, אונ האבין נאך דער בייא זייער פיל אונשולדיגע בלוט פאר גאסין :

2.

„עמיל זיראדען"

דיא עווענייע וואר העכסט אויף גיבראכט אויף דיזען פערזוך אויף איר לעבין אונ אויף איר מאנם לעבין אזו וויט דאס נאך אין דער זעלביגע נאכט האט זיא אוים גישפראכין איין דעקרעט, אדער בעסער צו זאגין איין טוידעס אורטייל איבער דיא אלע געגנער נאפאליאנס, אונ וויל דיזער דעקרעט האט בעריהרט גאנצע מיליאנען, דען דער נאפאליאן האט גיהאט אין פראנקרייך פיל מעהר פיינדע אלס פריינדע, האט מען זיך גיקלייגט אוים צו פירין (איספאלנאיען) דיזען בלוטיגען דעקרעט גאנץ אינם גיהיים, דאס עס זאל דער פון ניט שפירען קיין צייטונג שרייבער, עס ווארין גימאכט גיהיימע אגענטין אונ פיסקאלין איבער גאנץ פראנקרייך אין יעדער שטאט, אין יעדעם דארף וואס האבין אוים גישפירט יעדין אונצופרידענעם מיט נאפאליאנס רעגירונג, אונ דיא פערזוינען וואס ווארין איין גיצייכינט אין זייער רייסטער ווארין באלד ארעסטירט, אונ איין גיזעצט אין דיא גיפיינגניסע אן דעם מינדעסטין עקזאמען, דאס אין אקורצע צייט זיינען פול גיווארין אלע אסטראגין, אונ אלע קאזאמעטין דיזע ארעסטין זיינען אלץ גישעהען אונטער דעם אויסרייד דאס זייא האבין גיהאט איין אנטהייל אין דער פערשווערונג (בונד) פון דיא איטאליענער, אויב וואול עס האט ניט איינער פון דיא פראנצויזין גיוואוסט וואס צו זאגין דער פון וואס איין האר איז ווערט, אטייל פון דיא גיפאנגענע זיינען גיווארין פאר שיקט קיין אפריקא, אטייל זיינען ארונטער אונטער דיא גילאטינע*), אזו בלוט האט גיפלאסין דאן טייכין וויים אום נור איין

אוזערפאטאר

---

*) גילאטינע אדער גווילאטינע איז אזו איינע מאשינע צום קעפין גימאכט דארט אין פראנקרייך, מען רופט מיט דיזעם נאמען ווייל אזו האט גיהייסין איר ערפינדער, זיא וואר ערפונדען אין דעם דרייא אונ ניינציגסטען יאר, זיא איז גיבויט וויא איינע באבע וואס מען שלאגט מיט איר פיילעס, נור מיט דעם אונטער שייד דאס

אין

אוזערפאטאר (טראהן רויבער) צו האלטין זיכער אין זיינעם רויב גוט :

ווער קען ציילין אונ זאגין בעשטימט דיא צאהל פון דיזע אונשולדיגע אפפער וואס זיינען דאן גיפאלין אין יענער צייט, דען איין יעדער פערדארבענער מענטש וואס האט נור גיוואלט לויז ווערין פון זיינעם אפיינט אדער פון אבעל חוב זיינעם, האט גיהאט דאן טרויא אונ גלויבין ביא דער רעגירונג דאס יענער אונ יענער וואר אין בונד מיט דיא איטאליענער, אונ מען האט אים שוין מיט אקאפ קירצער גימאכט אונטער דער גילאטינע, אדער מען האט אים פאר שיקט נאך קאינע, אדער מען האט אים איין גישפארט אין איין קאזעמאט, אונ וויהע דעם ציימונג שרייבער וואס האט נור איין עטוואס דער פון דער מאנט אין זיינע גאזעטין, עס וואר אים באלד צו גימאכט זיין דרוק, אונ ער אליין האט גימוזט אריין וואנדערין אין איין קאזעמאט, אויך ווארין דאן גידונגען פון דער רעגירונג זייער פיל קיילער יונגען אדער פראסט גיזאגט היצלעס וואס זאלין זיך אן צעפען אן יעדין ערליכען מאן וואס האט נור אוים גישפראכין עפעס איין צוא ערליכען ווארט נעגין דיזע אונרעכט, זייא פלעגין אים גוט דורך פריגלען מיט איינעם גראבין שטאק, אדער ארויס רופין אים אויף איין דועל (פאעדיניק), איינער פון דיזע גידונגענע מערדער וואס האט זיך זייער שטארק אוים גיצייכינט אין דיזעם בלוטיגין גישעפט וואר איין גיוויסער דיוריו וואס דיא פאריזער האבין אים גירופין „רייסענדער לייב„ :

ביא אלעם דעם וואר דאן איינער אין פאריז וואס וואר איין גרויסער פיינד (?) נאפאליאנס, אונ עס וואר אים אונמעגליך לויז צו ווערין פון אים דורך דיא פאריגע בלוטיגע מיטלען זיינע, דען ער וואר העכסט גיליבט אונ גיאכט ביא דעם פאלק, דאס הייסט ביא דעם המון עם, אונ אויך ביא מאנכע גרויסע פערזאנען וואס האבין גימוזט פון אים פון נאפאליאן גישוינט ווערין, דיזער מאן האט גיהייסין עמיל זיראדען, זיינע מוטער וואר איינע ארעמע וועסין, אונ זיין פאטער וואר איינער פון דיא גרעסטע פון פאריז, ער וואר אלזו נור איי נאטירליכין זון זיינער (איין פאבאצנער), ער וואר אבער איין גרויסער אלקס שרייבער (נאראדנער פיסאטעל). אונ זיינע ווערקע ווארין גילעזין מיט דעם גרעסטין ביא פאל אין גאנץ פאריז, דיזער יונגער מאן האט גיהאט אזו אקראפט אין זיינער פעדער, אונ דער צו נאך אזו טרעפענד, דאס ער וואר אין שטאנדע צו לייקען מיט איר גאנץ פאריז וויא ער האט אליין גיוואלט, צום אויפרוהר (מאטעז) אדער צו איינער בערוהיגונג, אונ אזו האט ער דורך איר (דורך דיא פעדער) גיצוואונגען זיינעם פאטער דאס ער זאל אים אנערקענען פאר איינעם עכטין זון זיינעם אונ פאר זיין ערבען (יורש), דיזער עמיל האט דאן בעשריבין דעם עלענדין צושטאנד פון פאריז, אונ האט אן גיהייבין צו עפענען דיא אויגין פון דיא פראנצוזין

אום

אין דער אונטער פלעכע פון דער באבע איז איין גיזעצט איינע לאנגע אונ ברייטע בארטע וואס האקט ארונטער זייער שנעל דעם קאפ :

אום דאס זייא זאלין איין זעהען וויא קריטיש (שלעכט) עס איז זייער לאגע, אונ דיזעם האט דעם נאפאליאן באן גאר ניט גוט גישמעקט, דען פאר אים האבין נור גיטויגט אייביג בלינדע :

וואס העלפט עס אבער, אויך דיזען גענער האט ער אויך בעצוואונגען, ניט דורך ארעסט, ניט דורך איינע פערשיקונג, נור דורך געלד, דען דיזער עמיל האט זיך גילאזט בעשטעכין פון אים דורך איינע גרויסע מאסע געלט דאס ער זאל מיט זיינעם שרייבין נור אויף מונטערין (אויף פרישין) צו דעם קריג וואס ער וויל איצונד פירין געגין עסטרייך, אונ איז אים מיט דער צייט גיווארין איין גוטער פריינד, אזו נייט האט דאן דארט דיא בעשטעכונג גיגאלטין :

3.

„דער גאנג אין דער קאטעדראל קירכע„

אין איין אבטאג ארום נאך דער גישיכטע פון דער העלען מאשינע וואס איז גישעהען אין דער שטראזע לעפעלעטע, האט זיך גילאזט אן מעלדין דער אבער קאמער הער באציאשי צו דער עווגעניע וואס זיא איז דאן גיזעסין אין איר בודואר אונ האט זיך אונטער גיהאלטין מיט אירע הויפדאמען, קוים האבין עס דיא דאמען דער הערט זיינען זייא אריין אין דעם צווייטין צימער, אונ דיא עווגעניע האט אויף גינומען דעם באציאשי מיט איינער גרויסען נייגירדע, דען זיא האט דיזען מאן גיקאנט דאס ער קומט צו איר נימאלס מיט ליידיגין, נור מיט איינער וויכטיגע נייאיגקייט „נוא וואס גוטעס וועט איר זאגין„ ? האט זיא אים גיפרעגט „איך בין גיקומען„ האט ער זיך אפ גירופין צו איר „צו מעלדין אייך פון איינער האכצייט וואס וועט איצונד גיפייערט ווערין אין דער קאטעדראל קירכע, איינע האכצייט וואס מיין פערשטאנד קען עס ניט בעגרייפין וויא זיא איז גישעהען, דער יענעראל אלימפיא הייראטהעט דיא דאלארעס קארטינא וואס . . .

דיא עווגעניע האט עס דער הערט אונ האט אפ גיטראכטין איינינע טריט ריקווערטס „וואס ריידין זייא גראף„ ? האט זיא זיך אפ גירופין מיט איינער גרויסע פערוואונדערונג „אזו קענען טויטע ווידער אויפלעבין אום צו פערהייראטהען זיך מיט אירע פערליבטען, זייא האבין דאך זעלבסט מיר גיזאגט דאס דער אלימפיא לעבט שוין ניט מעהר, אונ דאס דיא דאלארעס איז פאר שיקט קיין שפאניע קיין מאדריד„ ? „עס איז צוואר וואהר„ האט ער זיך אפ גירופין „איך האב אזו גיהערט, עס וואר אבער איינע איבער איילטע נאכריכט, אונ ווירקליך איין אנדערער וואלט שוין לאנג גישטארבין גיוועזען פון אזעלכע אונפאלע וויא ער האט גיהאט אויף זיך, דער אבער איז אזו אמענטש וואס דער טויט זעלבסט פירכטעט אים„. „אונ פיליכט נארט מען אייך איצונד„ ? האט זיך דיא עווגעניע אפ גירופין „ניין„ האט ער זיך אפ גירופין „דיזעס איז מעהר אלס גיוויס„ דען איך זעלבסט וואר דארט אין קירך היינט, אונ נייס אלזו אויף קלאר דאס טארגין פון אווינד

זאל

זאל דארט דיא האכצייט גישעהען״. ״אלזו האב איך דאך רעכט גיהאט צוא גלויבין״ האט זיא זיך אפ גירופין ״דאס מיר ווערין זייער שלעכט בעדינט אונ געשיצט, זאגט וויא וואלט עס מעגליך גיוועזן דאס איר זאלט ביז אהער ניט גיוואוסט פון זיינעם זיין דא אין פאריז״. ״ניין מיינע טייערע קיזערין״ האט ער זיך אפ גירופין ״ערסט דא ניט לאנג איז דער אלימפיא אן גיקומען אהער מיט דעם מארקיז אונ מיט דער דאלארעס, דער אלימפיא איז נאך ניט אין גאנצין גיזונט, איין בעוויז דאס ער האט גימוזט דארט זייער שטארק ליידין פון איינעם גיפערליכין איבערפאל, אלזו ווארין מיר טרייא גידינט פון אונזערין לייטען, נוו עס האט ניט גילונגען (גיגאלטין), ער שטייט איין בייא דער שפאנישע גיזאנדשאפט״. ״אזו צו זאמען מיט דעם אלצאנען״? האט זיא זיך אפ גירופין מיט גרוים צארין ״אונ ווער האט עס דארט אזו גיארדנעט (אוסטראאיל), איך בעט אייך זאגט עס מיר״? ״מען זאגט״ האט ער זיך אפ גירופין ״דאס אזו האט איין גיארדנעט דער הערצאג דע לאטארע דארט אין מאדריד, דען ער איז איין פריינד פון דעם אלימפיא, אונ ער האט אים אויך בעפריינדעט מיט דעם שפאנישען גיזאנדעטין אלצאנא, עס איז מיט אים גיקומען אויך דער שפאנישער יענעראל פרים, אונ נאך איין יונגער גראף פון שפאניען וואס וואו צו גישיקט אלס מיט גליד צו דער שפאנישען גיזאנדשאפט״. ״אונ וויא הייסט דיזער יונגער מאן״? האט אים דיא קיניגין גיפרעגט ״ער הייסט ראמירא דע טעבא״ האט ער זיך אפ גירופין טועגדיג איין שארפין בליק אויף איר אום צו זעהען וואס פאר איין איינדרוק עס וועט אויף איר מאכין דיא בענענונג פון דיזעם נאמען:

אונ ער האט בעמערקט וואס עס האט זיך אים גיוואלט בעמערקין, דען ער האט גיזעהען דאס זיא האט זיך גאנץ אום גיענדערט אונ איר ברוסט האט זיך אן גיהייבין זייער שטארק צוא בעוועגין, אונ דאס זיא האט זיך זייער שטארק אן גישטריינגט צוא באצווינגען זיך דער בייא, דאס ער זאל עס ניט בעמערקין:

״אלזו גינוג דער פון צוא שפרעכין״ האט זיא זיך אפגערופין ״איך דאנק אייך פר דיזע נאכריכט״, דער ווייליע איז זיא צו גיגאנגן צו דר וואנט אונ האט דארט איין דריק גיטאן איינע גאלדענע גאלקעלע וואס וואר דיא קעפיל פון איינער שפרינדזינע וואס וואר אין ראפארט (קאמעקאציע) מיט איינעם גלעקיל, אונ עס איז אריין צו איר אין בודואר דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, זיא אונ דער באציאשי האבין זיך פיינדליך אן גיקוקט, האבין אבער קיין ווארט גיוועקסעלט אונטער זיך, אונ זיינען נור גישטאנען מיט געשפיצטע אויערין צו הערין וואס דיא קיניגין וועט דא זאגין, אונ האבין עס זיך באלד ערווארטעט:

״איר ביידע״ האט זיא זיך אפ גירופין מיט איינער פערדריסליכע שטימע ״זאלט מיך מארגין בעגלייטין אין דער קאטעדראל קירכע, מארגין אווינדס, מיר ווילין דארט איין טעדיום (איין שבח והודיה) געבין צו גאט פאר דעם וואס ער

דאס

האט אונז גירעטעט פון דער העלען מאשינע״ ; ״גוט אייער ווילין וועט גישעהען״ האבין זייא זיך אפ גירופין פערנייגענד זיך טיף פאר איר ״אונ בייא לייפיג (אנב) וועלין מיר דארט בייא וואוינען דיא האכצייט פון דער שיינע פרויא וואס לאזירט אויף דעם וואנדאמישען פלאץ״ בייא דיזע לעצטע רייד איהרע האט דיא אינעסא אויף גיציטערט ״איך וויל דיזע האכצייט בייא וואוינען״ האט זיא ווייטער גיזאגט ווייל איך קענע דיזע פרויא שוין פון לאנג אן , אונ קענע אויך דעם חתן איהרען , ער איז דער יענעראל אלימפיא , אונ עס איז מיר אוואונדער דאס אזו איינע רייכע האכצייט זאל אזו גיהיים אונ שטיל צו גיין

באלד דארויף האט זיא זיך איין עטוואס פערנייגט צו זייא אלס איין אבשיידס צייכין , אונ זייא זיינען ארויס פון איר גדואר , באציאשי איז אוועק צו זיינע גישעפטין , אונ דיא אינעסא איז אריין אין איר צימער , אונ האט זיך גיזעצט בייא איר שרייב טיש אונ האט אויף גישריבין זייער שנעל דיזע עטליכע ציילין ״העד יענעראל איך בין איצונד גיוואר גיווארין פון אייער האכצייט וואס איר וועט מארגין אווינדס פייערין , זייעט נור העכסט פארזיכטיג , אונ באלד וויא איר וועט דיזע שריפט איבער לעזין זאלט איר עס צו רייסין , דיזעס שרייבט אייך איינע פריינדין פון אייער ברויט (כלה) וואס זיא האט זיך גענגין איר זייער שטארק פערזינדיגט״ :

דיזע שריפטעל האט זיא באלד אפ גישיקט דורך איר דינסט וואס וואר איר העכסט טרייא אונ ערגעבין , דיא גאנצע נאכט נאך דיזער גישיכטע האט דיא אינעסא מיט קיין אויג צו גימאכט , אויס שרעק אונ פריידין , גישראקין האט זיא זיך דאס דיא עוועגניע זאל דא זייא עפעס ניט שאדין מיט איר גיין אין דער קאטעדראלע צו זייער האכצייט , אונ גיפרייט האט זיא זיך דאס דיא דאלארעס איז שוין אין דיא הענד פון איר גיליבטין , אויך האט זיא זיך ניט גיקענט דער קלערין וויא אזו איז עס צו גיגאנגען , דען זיא האט דאך גיוואוסט וויא שלעכט עס האט מיט זייא ביידין גיהאלטין , אונ האט אלזו גאט גיבעטין פאר זייא ביידין :

אין דעם ווייטערדיגין קאפיטיל וועלין מיר שרייבין וויא אזו דער אלימפיא האט זיך גירעטעט פון טויט , אונ ער האט אן גיטראפין דיא דאלארעס , דער ווייל אבער וועלין מיר שרייבין פון וואס מיר האלטין דער בייא איצונד , עס האט אן גיטראטין דער מארגענדיגער אווינד וואס עס דארף זיין דיא האכצייט , ארום זעקס דעם זייגער , האט זיך דיא עוועגניע מיט דער אינפאנטין אריין גיזעצט אין איינער קארעטע איין גיוויקילט אין לאנגע אונ גידיכטע וואואלען , אונ דער באציאשי אין איינער צווייטע , אונ זיינען אוועק גיפארין צו דער קאטעדראל קירכע וואס איהרע פענסטער ווארין זייער שטארק שוין באלויכטין , עס וואר שוין דאן אויך דארט זייער פיל האכצייט געסטע , הערען אונ דאמען זייער רייך גיקליידעט , אונזערע דרייא אקארסט אן גיקומענע גרויסע געסטע זיינען גיווארין גיבלענדעט פון דעם גרויסין פראכט אונ גלאנץ , אונ דיא עוועגניע וואר אזו ווייט

גיקריינגט

גיקריינקט אונ גיביינט פון פערדרוס אונ גייד דאס זיא האט ניט אוים גיפירט אנטקעגין דיא דאלארעס, דאס זיא האט שוין זיך גאר פאר געסין אן דעם טעדיום (שבח והודיה) וואס זיא האט דארט גיוואלט געבין צוא גאט נור צום שיין (לפנים), דאמיט מען זאל ניט מערקין דאס זיא בלויז נור צוא ליב דער האכצייט גיקומען, זיא האט גיקאכט פון ראבע (נקמה), עס וואר איר אבער אונמעגליך וואס צו טאן געגין דעם אלימפיא, דען ער אליין איז איין שפאניער אונ שטייט איצונד אונטער דעם שוץ פון דער שפאנישע גיזאנדשאפט, אונ וואר שוין גאר ניט ווייט פון פאפלעקצירט צו ווערין, אונ וואלט פאר גיווים באלד גיפלאצט פון גרוים ערגערנים, ווען עס וואלט איר ניט אין דיזער נויט צו הילפע גיקומען, דער באציאשי וואס האט דאן דארט אין דער קירכע גישפראכין מיט איינינע אגענטין זיינע, ער האט דיזע לייטע באלד ענטלאסין, האט צו גיטרעטין דאן צו דער עווגעניע, אונ האט איר מיט גיטיילט איינע ערווינסטע נייאיגקייט:

"ווייסין אייערע מאיעסטעט"? האט ער זיך אפ גירופין צו איר "איך האב אייך וואס וויכטיגעס מיט צו טיילין, דיא אגענטין מיינע האבין מיר יעצט גימעלדעט דאס עס וואר איצונד איינע אביסקע אין דעם הויז וואס איז אויף וואנדאמישען פלאץ (וואס גיהערט צו דעם אלימפיא), אונ מען האט דארט גיפונען פאפירין וואס צייגין אויף זייער דייטליך דאס דער אלימפיא וואר אין בונד מיט דיא איטאליענער":

"ווען אזו"? האט זיא זיך אפ גירופין אויף אטעמענדיג גאנץ פרייא "טוט וואס אייער שולדיגקייט איז אונ צעגערט ניט (מאכט קיין שיעות)", אונ אזו אומגיקערט וואר דיא אינעסא פון דיזער נאכריכט העכסט בעטריבט דאס זיא האט שיר דיא שלאק בעקומען, אונ איז (אום דיא עווגעניע זאל ניט מערקין) אוועק צו דעם אלטאר, אונ איז גיפאלין אויף דיא קניא ווייל זיא האט זיך ניט גיקענט האלטין אויף דיא פים:

אין דיזער גיפערליכע מינוט איז גישטאנען דער אלימפיא מיט דעם דאלארעס לעבין דעם גלאוונעם פרעסטאל (העכסט הייליגין טיש) בלייך אונ אפ גיצערט וויא נאך אשווערע קריינק, אונ זיא פאר קערט שיין אונ בליהענד וויא איינע פרישע ראזע, ארום זייא זיינען גישטאנען אלצאנע דער שפאנישער געזאנדעטער, דער מארקיז, דער יענעראל פרים, אונ דער יונגער גרעפיל באמירא דע טעבא, אונ אלם דער פריסטער וואר שוין אין בעגריף (בדעה) צו צו טרעטין צו דעם אלימפיא אונ דער דאלארעס אונ צו געבין זייא סלוב (דיא פערלאבונג), איז צו גיגאנגען צו זייא דאן דער באציאשי אן גיטאן אין זיינעם גלענצענדין אוניפארעם (מונדער) מיט איינער גרדים בעגלייטונג פון נאך אנדערע ציגאווניקעס, האט זיך פערנייגט פאר דיא אלע שפאנישע גרויסע לייט, אונ האט צו זייא יזאגט "אין נאמען פון קייזער בין איך גיקומען אהער צו שטערן דיזע פערלאבונג":

אלימפיא איז גיווארין העכסט אויף גיבראכט, אונ האט אים גיפרעגט גלייך וויא ער וואלט אים ניט גיקענט "ווער זייט איר פאר איינער"? דער באציאשי

האט אים אָבער גאר ניט גיענטפֿערט, האט נור איין גיראמט איינינע ווערטער דעם גייסטליכין אין אויער, אונ זייא וואָרין אים גינונג צו פֿערזאגין אים וואס פֿעפֿער וואקסט, אונ דאן האט ער זיך (דער באַצַיאַשי) אומגיווענדעט צו דיא שפאנישע גראנדען (גרויסע לייט)׃אונ האט זיי אן גישפראכן מיט דיזע ווערטר׃ עס שמערצט מיך דיזע שצענע גיוויס וויא אייך צו שטערין איינעם אין זיינע בעסטע פֿריידע, ער האט עס אָבער העכסט פאר דינט, דען מען האט גיפֿונגען אין זיין הויף משינגעריען וואס צייגין דייטליך דאס דיא דארטיגע איין וואוינער וואָרין אין בונד מיט דיא איטאליענער, אונ זיינען אלזו אלע דיא דארטיגע איין וואוינער וואס וואוינען איצונד אונ וואס האבין גיוואוינט, וואס צו זייער צאל גיהערט אויך דיא דאלארעס אונ דער מארקיז אין העכסטין פֿערדאכט, אונ אונטער גיוואָרפֿין אונטער איינער זייער שטריינגען שלעדסטווא, אונ דיזע ביידע פֿערזאנען מוזין שוין מיט מיר גיין׃ :

״דאס איז איינע פֿערדאמטע ליגע (ליגין)״ האט זיך דער אלימפיא אָפּ גירופֿין ״אונ איך וועל מיך זייער שטריינג אָפּ רעכענען פאר דיזע בעליידיגונג״ ״זייא רוהיג מיין גיליבטער״ האט זיך דיא דאלארעס אָפּ גירופֿין צו אים ״עס איז גאנץ גיוויס אזו וויא דוא זאגסט דאס דיזעס איז נור איינע פֿערדאמטע ליגע, עס איז מיר זייער לייכט צו פאר שטיין פון וועמען עס וואקסט דיזע פאל (פאסטקע)׃ נור ניט דא איז דער אָרט זיך צו דיינקען״ ״אונ דאהער פאלגט מיך״ האט זיך אָפּ גירופֿין דער באצַיאַשי ״מאכט קיינע אומשטענדע אונ גייט גראדע מיט מיר, אונ מען וועט אייך פֿערגיוויס ריין שפרעכין ווען איר זייט אומשולדיג וויא איר זאגט״, דיזע שצענע האט צו גיזעהען פון וייטין דיא עוועניע וואס וואר פֿערהילט אונ פֿערוויקעלט אין וואואל דאס קיינער האט ניט גיוואוסט דאס זיא איז עס, האט עס גיזעהען אונ האט זיך העכסט גיפֿרייט, זיא האט גיזעהען וויא עס זיינען אלע ארוים פון דער קירכע זייער פֿערשטימט (טרויעריג), זיא האט גיזעהען דעם אלימפיען אונ דער ביייא דעם בורלאנטענעם קרייץ וואס זיא האט אים אמאל גישיינקט, אונ וואס ער האט אים דאן גיטראגין אויף זיינעם האלדזי, זיא האט באמערקט דאס עס פֿעלין אין אים שוין פילע בורלאנטין, אונ זיא האט עס אן גינומען פאר איינע שלימע בעדייטונג, זיא האט גיזעהען דעם יונגען גראף דאמירע דע טעבא, אונ איר הערץ האט ביייא דיזעם אנבליק ניט ווייניג גיליטין, דען דיזער יונגער מאן וואר איר אם וויכטיגסטין, וויא מיר וועלין ווייטער ערקלערין׃

4.

״מאדריד אונ פאמפעלונא״

בעפֿאר מיר וועלין בעענדין דיזע איצטיגע ערציילונג, וועלין מיר אונזערע לעזערינען מיט טיילין וואס עס איז גישעהען דארט אין דעם גאסט הויז פון גראנאדע, אין יענער נאכט וואס דער אלימפיא האט דארט גינאכטעט׃

קוים

קוים האט דער ענדעמא אונ דער ווירט אריין גיווארפין דעם אלימפיען דורך דיא גיהיימע עפענונג וואס זייא האבין אויף גימאכט אין דער פאדלאגע אונ האבין עס ווידער צו גימאכט, האט אן גיהייבין דער וואלענטינע זייער שטארק צו קלאפין אין טיר אונ צו רופין זיינעם הערען, דיא ביידע באנדיטען האבין באלד דער קענט דיא שטימע זיינע אונ האבין זיך אין אנפאנג דער שראקן, אונ אלם דער אלימפיא האט זיך ניט אפ גירופין, אונ ער (דער וואלענטינע) האט אלזו שוין פאר שטאנען דאס עס איז שוין פערגיוויס גאר ניט גלאט מיט אים, האט ער אן גיהייבין צו זעצין אין טיר מיט גרוים קראפט דאס זיא האט אן גיהייבין נאך צו געבין (עפענען זיך), אונ דאן איז דער ענדעמא צו גילאפין צו דעם ארט וואו עס איז גילעגין דער רעוואלווער, האט אים ערגריפין אונ האט זיך גישטעלט געגין טיר אום מקבל פנים צו זיין דער מיט דעם וואלענטינען, אונ דער ווירט האט וואס צום גיכסטין אויף גיעפינט דיא גיהיימע עפענונג פון דער פאדלאגע אום מיט איינעם שטופ אריין צו שטויסין אין איר דיזין בעדינטין, דער ווילע האט זיך דיא טיר גיעפינט אין גאנצין אונ דער וואלענטינא איז אריין אין שטוב וואס זיא וואר דאן בעלויכטין נור דורך דעם שוואכין מאנד שיין, אונ ביי אלעם דעם וואר עס העל גינוג פאר אים אום איין צו זעהען דאס זיין הער איז שוין ניט דא אין דיזין צימער, קוים איז ער אריין, איז אים דער ווירט איבער גיפאלין בעפאר דער ענדעמא האט נאך פאספייעט אוים צו שיסין, ווייל עס האט זיך אים ניט גיוואלט דאס מען זאל אין דער רונדונג (אקאלעצע) ניט הערין אשוס, וואס דורך דעם וועט ליידין דער בערוף פון זיין ווירטס הויז וואס שטייט שוין פון פריער אין אגרויסין פערדאכט (חשד), אונ עס האט זיך אן גיהייבין איין גישלעג צווישין זייא אויף טויט אונ אויף לעבין, פון שיסין וואר שוין קיין רייד, דען מען וואר שוין צו נאהענט:

עס האט צוואר דעם וואלענטינא ניט ווייניג גיליטין דער ביא, ער האט בעקומען מאנכען הארטין קלאפ, אויך פילע קליינע וואונדין, דען זייא אלע דרייא האבין גיהאט דאלכען (שפיזין) אין דיא הענד, מעהר אבער האבין יענע ביידע גיליטען, דען דער וואלענטינא וואר איין גרויסער העלד, אונ דער צוא וואר ער איין גוטער פעכטער, אונ וואר דאהער זייער בעהענד (גיוואנדעט) אום אוים צו ווייכין מאנכען גיפעהרליכין היב (זעץ), אונ דאהער איז נור ער גיבליבין זיגער (מנצח) אין דיזעם בלוטיגין שטרייט, דעם ווירט האט ער דער שטאכין, אונ איז אלזו גיבליבין ליגין איין לייבע (טרופ) אויף דער ערד שווימענד אין זיינעם בלוט, אונ דער ענדעמא וואס ער איז גיווארין געלעמט פון שרעק, דען ער וואר וויא מיר ווייסין איין פלאכער מענטש, האט שוין ניט גיהאט קיין מוטה צוא ווערען זיך געגין דעם וואלענטינען וואס האט איז ארום גינומען דער נאך מיט זיינע ביידע ארעמס וויא מיט צווייא אייזערנע קלאמערס, אונ האט אים אן גהייבין צו דריקין דאס עס איז אים שיר דיא נשמה ארויס, אונ האט זיך אן גיהייבין ביא אים צו בעטין דאס ער זאל אים לעבין לאסין, אונ ער וועט אים דער פאר

אוים

אויס זָאגְין אַלֶעס וָואס עֶר וַייס פוּן דִיא דַאלָארֶעס , אוּנ מֶעהר וִויא דָאס הָאט עֶר דֶער וַואלֶענְטִינָא נִיט גִיוָואלְט וִויסִין , אוּנ הָאט אִים אַלְזוֹ עֶנְטְדֶעקְט דָאס זִיא גִיפִינְט זִיךְ אִיצוּנְד אִין מַאדְרִיד אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער אִינְפַאנְטִין פוּן בַּארְצֶעלָאנָע אִין דֶעם יֶעזוּאִיטֶען קְלוֹיסְטֶער״ , „גוּט״ הָאט זִיךְ דֶער וַואלֶענְטִינָא אָפּ גִירוּפִין צוּ אִים „אִיךְ גְלוֹיבֶּע דָאס דוּא הָאסְט מִיר דִיא וַוארְהַייט גִיזָאגְט דָאךְ קֶען אִיךְ דִיךְ נָאךְ נִיט לוֹיז לַאסִין בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר נָאךְ וָואס וִויכְטִיגֶערֶעס זָאגִן , דוּא זָאלְסְט מִיר עֶנְטְדֶעקִין וואוּ הָאט אִיר אַהִין גִיטָאן מַיינֶעם הֶערֶען , זָאנְסְט מַאךְ אִיךְ דִיךְ קַאלְט וִויא דִיזֶען וִוירְט״ . „דַיין הֶער״ הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין „אִיז שׁוֹין טוֹיט״ . „טוֹיט״ ? הָאט זִיךְ דֶער וַואלֶענְטִינֶע אָפּ גִירוּפִין מִיט גְרוֹיס צָארִין אוּנ שְׁרֶעקִין „אוּנ וואוּ אִיז זַיין קֶערְפֶּער״ ? „זַיין קֶערְפֶּער לִיגְט דָא אוּנְטִין אִין אֵיינֶעם פָּאדְוַואל״ הָאט אִים דֶער עֶנְדֶעמַא מִיט אֵיינֶר צִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע גִיעֶנְטְפֶערְט , דֶער וִוירְט הָאט אִים דוּרְךְ דִיזֶע עֶפֶענוּנְג אַרַיין גִישְׁטִירְצְט אַהִין :

דִיזֶע נַאכְרִיכְט הָאט הֶעכְסְט אוֹיף גִיבְּרַאכְט דֶעם וַואלֶענְטִינֶען דָאס עֶר הָאט דֶעם עֶנְדֶעמַאן אַשְׁלַיידֶער גִיטָאן צוּם בָּאדֶען מִיט אַזוֹ אַקְרַאפְט דָאס עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין לִיגִין וִויא אַיין שְׁטִיק הָאלְץ , דָאס וִויא עֶס הָאט דֶעם וַואלֶענְטִינֶען אוּיס גִיוִויזִין אִיז שׁוֹין מֶער נִיט צוּ דַיינְקֶען פוּן אֵיינֶעם אוֹיף שְׁטֵיין , אוּנ דַאן אִיז דֶער וַואלֶענְטִינֶע אַרוּנְטֶער אוּנְטִין , הָאט דָארְט בַּאקוּמֶן אַלִיכְט, הָאט אִיר אָן גִיצוּנְדִין אוּנ הָאט אוֹיף גִיזוּכְט דֶעם אַרַיין גַאנְג אִין דִיזֶעם פָּאדְוַואל , אוּנ אִיז אַרָאפּ אִין אִים אוּם אוֹיף צוּ זוּכִין דֶעם קֶערְפֶּער פוּן זַיינֶעם הֶערֶען :

דִיזֶער פָּאדְוַואל וַואר טִיף אִין דֶער עֶרְד , דֶער אַרַיין גַאנְג אִין אִים וַואוּ זַייעֶר אוּנְהֵיימְלִיךְ אוּנ שׁוֹיעֶרְלִיךְ , אַקְלֵיינֶער אַייזֶערְנֶער טוֹיעֶרִיל וָואס וַואר הֶעכְסְט פַאר רָאסְט , אוּנ וָואס וַואר נִיט גִיעֶפִינְט שׁוֹין פוּן פִילֶע צַייטִין , אוּנ וָואס הָאט זִיךְ עֶרְגֶעבִּין (גִיעֶפִינְט) דוּרְךְ אֵיינֶעם פוּס בְּרִיק פוּן דֶעם וַואלֶענְטִינֶעס , הָאט אִים אַרַיין גִיפִירְט אִין אַקְלֵיינֶעם פָאר הוֹיז פוּן דִיזֶעם פָּאדְוַואל וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט אַרוּנְטֶער שְׁטַייגִין אִין אִים אִיבֶּער צְוַואנְצִיג טְרֶעפּ . דִיא לוּפְט וַואר דָארְט הֶעכְסְט דוּמְפִּפִיג צוּם עֶרְשְׁטִיקֶען , עֶס הָאט דָארְט גֶערִיכְט (גִישְׁמֶעקְט) אַיין גְרֶעבֶּער גְרוּךְ , אָדֶער בֶּעסֶער צוּא זָאגִין אַיין גִישְׁטַאנְק וִויא פוּן אַיין שְׁלַאכְט פֶעלְד , אוּנ בַּייא זַיינֶעם עֶרְסְטִין טְרִיט וָואס עֶר הָאט אַרַיין גִיטְרָאטִין אִין דִיזִין פָּאדְוַואל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין גִיצַייגְט דִיא אוּרְזַאכֶע דֶער פוּן , דֶען עֶר הָאט דֶער זֶעהֶען דָאס עֶס וֶועלְגֶערִין זִיךְ דָארְט זַייעֶר פִיל טוֹיטֶע קֶערְפֶּער וָואס זַיינֶען שׁוֹין הַאלְבּ פֶערְפוֹילְט , אוֹיךְ זַייעֶר פִיל מֶענְשְׁלִיכֶע גְלִידֶער , הֶענְט , פִּיס , קֶעפּ , אוּנ פִילֶע קְלֵיידֶער וָואס זַיינֶען פַאר שִׁימֶעלְט אוּנ גַאנְץ פֶערְמָאדֶערְט (צוּ פְרֶעסִין) , אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ זַייעֶר פִיל בְּלוּט פְלֶעקִין אוֹיף דִיא הֶעלְצֶער וָואס זַיינֶען גִילֶעגִין דָארְט , אַלְזוֹ גִיגוּט בֶּעווַייזֶע פַאר דֶעם וַואלֶענְטִינֶען אוּם צוּ פַאר שְׁטֵיין , דָאס דִיזֶער פָּאדְוַואל אִיז נוּר אַיין מָארְד גְרוּבֶּע , אָדֶער בֶּעסֶער צוּא זָאגִין אַיין שְׁפִּרַאט וואוּ דֶער וִוירְט בֶּעהַאלְטֶעט דִיא עֶרְמָארְדֶעטֶע גֶעסְטֶע וָואס קֶערִין נוּר אַיין צוּ אִים , אוּם מֶען זָאל נִיט קֶענֶען קוּמֶען אוֹיף זַייעֶר שְׁפּוּר (סְלַאד) :

אונטער דיזע ערמארדעטע האט אן גיהייבין דער וואלענטינע אויף צוא זכין זיינעם הערען , אונ עס וואלט אים פערגיוויס אונמעגליך גיוועזן צוא דער קענען אים אונטער אזו פיל הרוגים, פאר דעם שיין פון איינער דונקעלע ליכט , אונ אזו איין דומפפיגין ארט , ווען ער וואלט ניט דער הערין זאכטע זייפצער אונ קרעכצין שטייגין ארויס פון איינעם קערפער וואס ליגט אויף איינער הורבע פון אנדערע טויטע קערפער , ער איז צו אים צו גנאנגן האט זיך טיף איין גיקוקט אין זיין גיזיכט , אונ האט אין אים דער קענט זיינעם הערען , ער האט אים אן גיטאפט פאר זיין פולס אונ האט אין אים דער שפירט שפורין פון לעבין , האט אים ארויף גינומען אויף זיינע שולטערין , אונ האט אים אריין גיטראגין אין נאסט זאל, האט אים דארט איין גידעקט , באלד פייער גימאכט , אונ האט גרווארעמט מיט הייסע ציגיל , האט אים ארום גיוואשין מיט וויין , אויך איין צטוואס דער פון אריין גיגאסין אים אין מונד וואס ער האט עס קוים אויף גיריסין , אונ האט אלזו ארום אים גארבייט ביז ער האט אים צוריק אריין גרופן אינס לעבין יאפ גיתאיעט) , ער האט גיעפינט דיא אויגין באלד , ער האט זיך אן גיהייבין צו בעוועגין , אונ באלד דארויף איין עטוואס צו שפרעכין , אונ ער האט אים דער ציילט אלעס וואס מיט אים האט דא פאסירט , אונ אזו אויך האט אים וואלענטינע דער ציילט וואס מיט אים האט פאסירט , אונ וואס ער וויים פון דיא דאלארעס , אונ דיזע נאכריכטין וואר אים היילבאר (צעלעבנע) וויא איין באלזאם אין אלע זיינע גלידער , אונ אלס ער וואר שוין (דער וואלענטינע) אויף איין לאד מיט זיינעם הערען , איז ער אוועק אין דעם קלויסטער אונ האט מיט גיטיילט דיא גאנצע גישיכטע דעם פריאר , אונ האט אים גיבעטין דאס ער זאל שיקן זיין דאקטאר צו זיינעם הערען , דער פריאר האט אים צו גישיקט זיין דאקטאר אונ האט צו גלייך גילאזט מעלדין דיא גאנצע גישיכטע אן דעם לאנד ריכטער :

דער דאקטער האט רעוועדירט דעם אלימפיא , אונ האט גיראטין דאס מען זאל אים אוועק פירין קיין מאדריד , דען ער איז איין גיפערליכער קראנקער , אונ דיא קוראציע דארף איינע צייט גידויערין , אלזו האט אים דער וואלענטינע אפ גיפירט קיין מאדריד , ער וואר דארט זייער גוט קורירט , אונ האט גיהאט דארט בעזוכע פון דיא גרעסטע שטאטס מענער , זעלבסט דער גרויסער סעראנא פלעגט צו אים זייער אפט קומען , אונ דורך דיזען האט דער אלימפיא אויס גיווירקט דאס מען זאל דיא דאלארעס בעפרייען פון דעם יעזואיטען קלויסטער סאנטע מאדרא , וואס זיא וואר דארט איין גישפארט אונטער דעם נאמען איגעסא אינפאנטין פון בארצעלאנע פאר איינע נאוויצע (נייע מיניסקע) , אונ נאך הער אלס ער איז גיזונט גיווארין איז ער אפ גיפארין מיט איר וויא מיר ווייסין שוין קיין פאריז אום זיך צו פעראייניגין זיך מיט איר אויף אימער אונ אייביג , אונ ביידע האבין שוין געטריימט פון איינער גליקליכען צוקונפט (בודעסנאסץ) פון פאראדיזען , ליידער אבער ניט אלע טריימע פערווירקלען זיך , דער גרעסטער טייל פון מענשליכער האפענונג איז נור זייפענבלאזען , אזו וואר דער פאל היר

אויך, דען מיר ווייסין דאך שוין וויא זייערע ביידינס האפענונגען אונ גאלדענע אוים זיכטין זיינען צו וואסער געווארין, גראדע אין דער מינוט וואס זייער וואונש האט גידארפט זיך שוין גראדע גליקליך ערפילין:

5.

דער טויט פון דער גרעפין בארענאר (זאפיע האוואַרד).

אטייל אוים דאנקבארקייט, אטייל אום זיך צו צייגין פאר דער וועלט אלס פיינער מאן, האט ער (נאפאליאן) דיא זאפעיע האוואַרד בעשאנקען מיט דעם טיטול גרעפין אונ מיט דעם שלאס בארענאר וואס גיפינט זיך ניט וייט פון פאריז, נאפאליאן איז שוין מעהר אין קיינער בערירונג גיקומען מיט דיזער דאמע פון יענער צייט אן, דאך וואר זיא איין דארין אין דיא אויגין עווענייעס וואס האט גיוואוסט דאס זיא וואר אמאל דיא גיליבטע זיינע אונ פלעגט דאריבער אליץ דרינגען אין דעם באציאשי דאס ער זאל דיא האוואַרד איבער טראנספאטירין אין איינער אנדערין וועלט פון וועלכע מען קומט שוין ניט צוריק:

דיזער האס איהרער געגין דיא האוואַרד וואר בעקאנט אלער וועלטין, אס דייטעטליכסטין וואר עס צו מערקין אלס דיזע ביידע דאמען ווארין אין איינעם אווינד אין איינעם אונ אין דעם זעלבין טעאטער, דאס דיא עווענייע פלעגט איר וויא צו זאגין דורך בויערין מיט יעדין בליק, אונ איר גיזיכט האט זיך דער ביא נימינעט גלייך וויא זיא וואלט אוים גישטאנען דאן איינע שטערצליכע אפעראציאן, אלזו וואר בעשלאסין אוים צו לעסין דאס לעבין פון דיזער האוואַרד וויא דיא פלאמע פון איינער לאמפע, אונ דיזער אויפטראג איז איבער גיגעבין גיווארין דעם באציאשי, אינ דאהער זיין פאריגער נאנג (וויא מיר ווייסין שוין) צו דער פרויא נאבריעלאווע בעלאנזע דיא גיפט מישערין פול בעלוויל, אונ זיין אונטער האלטין זיך מיט איר דארט, דיזע העקסע (מכשפה) וואר אזו אפאדלע פרויא דאס זיא וואר העכסט אויפגיבראכט אויף איר טאכטער וואס זיא האט איר דער נאך גיפונען ביא דעם באהן וועכטער, פאר וואס זיא האט אוים גישלאגין (זיך ענטזאגט) מיט ביידע הענט פון דעם גאלדענעם גליק וואס וואר איר אן גיבאטין אין קייזערליכין געמאך (צימער), אונ איז גיווארין אויסער זיך פון גרוים צארין אלס זיא האט גיהערט דיא גאנצע גישיכטע פון דעם באציאשים מונד, זיא איז גיוועזן קאפאַבעל צו ערמארדין איר טאכטער דער פאר, אונ וואלט עס פיליייכט גיטאן ווען דער באציאשי וואלט ניט גישפילט דער ביא דיא ראלע פון איר רעטירער, ער האט איר ארוים גינומען פון אונטער דער מוטערס הענד, אונ האט איר אפ גיפירט אין אזו איין ארט וואס מיר וועלין שוין פון אים שרייבין אין איינעם ווייטערין קאפיטעל, ווייל מיר ווילין דא ניט אונטער ברעכין (מפסיק זיין) דעם גאנג (האד דעלא) וואס אנבעטרעפט (נוגע) צו דער האוואַרד וואס וואר פעליג גיזונד אונ האט גיפירט איין פרומעס שטילעס לעבין, אויסער איין

גערטנער

גערטנער, אונ נאך אנדערע דינערשאפט מענליכע אונ ווייבליכע וואס וואררן בעשעפטיגט דארט ארום דיא פראסטע ארבייט, צום ביא שפיל ארום דיא פערד, בהמות, אונ ווארטוויקע, אונ וואס האבין גיוואונט אין דעם צארנעם דוואר, האט זיא גיהאט ביא זיך איינע קאמער פרויא אונ איין לייב קנעכט וואס ווארין ביא איר נאך אין דער צייט אלס דער נאפאליאן פלעגט איין צו גיין צו איר:

אין איין גיוויסין אווינד אלס דיא קאמער פרויא איהרע איז שוין גיגאנגען שלאפין, איז צו גיפארין צו איר שלאס איין עקיפאז, עס איז פון אים ארויס איינע דאמע גאנץ איינגיהילט (פערוויקעלט), אונ נאך איר איז ארויס איין גיוויסער הער, זייא ביידע זיינען אריין אין איינער אלעע פון קאסטאנען בוימער, וואס איז זייא ארויס פון דארט אנטקעגין דער קאמער דינער פון דער האוואַרד, וואס וויא עס האט אויס גיוויזין האט ער זייא שוין ערוואַרטעט, איינע טיפע שטילע האט גיהערשט אין דעם גאנצין שלאס, איינע הייגענדע לאמפע אין פאדער זאל האט אויס גיברייטעט איינע בעצויבערענדע אונ האלב דונקעלס בעלייכטונג, דיא קאמער פרויא וויא מיר ווייסין שוין פון פארהער איז אוועק אין איר צימער שלאפין, אונ דער לייב דינער איהרער וואס איז אקארקט ארויס אין דער אלעע, האט פון דארט דער זעהען דיא צווייא אן גיפארענע פערזאנען, אונ אזו אויך זייא אים, אונ האבין זיך איינער דעם אנדערין דער קענט:

„וואס מאכט אייער דאמע”? האט אים גיפרעגט דער אן גיפארענער הער, וואס דאס וואר נור דער באציאשי, „וויא גיוואונליך” האט ער אים גיענטפערט „זיא איז איצונד אליין, איר קאמער פרויא איז אוועק אין איר צימער אום זיך צו לייגין שלאפין”. „איז מיר ערלויבט אריין צו גיין צו איר אין צימער מיט דיזער דאמע וואס איז דער גרעפין זייער גוט”? האט אים דער באציאשי גיפרעגט. „א יא”! האט זיך דער דינער באלד אפ גירופין „איך קען אייך ביידין אהין אריין פירין”. „א איר גיפעלט מיר זייער” האט זיך דער באציאשי אפ גירופין (געבענדיג אים אפולע ביטיל מיט געלט), „נעהמט עס דער ווייליע פאר אייער מיהע”, באלד דארויף זיינען זייא אלע דרייא אריין אין שלאס דורך אגיהיימע טיר, דער דינער האט זייא גיפירט איבער טרעפ וואס ווארין אויס גילייגט מיט אווייכין קאברעץ דאס עס וואר ניט צו הערין זייערע טריט, אונ אלס זייא ווארין שוין לעבין דער שפיילנע, איז דער אונטער גיקויפטער דינער אריין פריער אהין אום צו זעהען צו זיא שלאפט. אונ אלס ער האט איר דער וויסט טיף אטעמענדיג אונ ליגענדיג זייער רוהיג מיט צו גימאכטע אויגין, האט ער אוואונק גיטאן צו זייא דאס זייא זאלין אריין צו איר אין שפיילנע, אונ דאן איז דיא גאבריעל אווינע פריהער פאר דעם באציאשי אריין צו איר, האט ארויס גינומען פון איר טאשע אקליינעם פוזירציק (אזו איין ארט פלעסכען) וואס וואר פול מיט איינער פליסיגקייט (זידקאכט), אונ האט צו גיטראטין צו דעם קליינעם טישיל וואס איז גישטאנען לעבין דעם בעט פון דער האוואַרד, האט עס אפ גישטעקט אונ אריין גיגאסין אין

אגלאז

אגלאז , נור מיט איינינע טראפינס דער פון בעשפריצט דיא פארהאנגען פון איר בעט , אונ האט עס גילאזט שטיין אויף דעם טישיל , דיזעס גלאז האט באלד ארויס גישלאגין פון זיך אשטארקין דאמפף וואס עס איז פול גיווארין מיט אים דער גאנצער שלאף צימער , אונ דאן האט דיא גיפט מישערין אוואונק גיטאן צו דעם באציאשין דאס ער זאל ארויס מיט איר פון דיזעם שלאף צימער , אונ אלס דער באציאשי האט איר גיפרעגט ווער וועט דיא האוואר׳ד נייטיגין דאס זיא זאל עס טרינקען , האט זיא אים גיענטפערט . דאס ער זאל רוהיג זיין , זיא וועט שוין טרינקען , אונ קוים זייא האבין בעענדעט דיזין קורצין גישפרעך צווישין זיך , האט זיך גילאזט הערין איין טיפער זייפצער פון דעם שלאף צימער , דיא זאפיע האוואר׳ד האט זיך אויף גיחאפט , דען עס האט איר אן גיהייבין צוא מאטערין איין ברענענדער דורשט , וואס זיא האט עס בעקומען פערגיוויס פון דיזעם גיפטיגין דאמפף , אונ האט מיט האסט ערגריפין דאס גלאז מיט דער פליסיגקייט וואס איז גישטאנען לעבין איר אונ האט עס אויס גיטרונקען דוחאס , אונ האט נאך דער בייא גילויבט דיא פפלעגע (דיא נוטע אפ היטונג) פון איר קאמער פרויא וואס זיא האט אן גיגרייט אטרונק פאר איר :

«אלזו זיינען מיר שוין צוא ענדע מיט אונזער גוטע זאפיע» האט זיך אפ גירופין דיא גיפט מישערין צוא דעם באציאשי וואס האט עס צו גיזעהען פון ווייטין «מיר קענען שוין גיין , אונ מוזין אזו גאר וואס צום גיכסטין אוועק גיין , דען איר דורשט וועט זיך שטארקין פון מינוט צו מינוט , אונ זיא וועט אן קלינגען דאס איר קאמער פרויא זאל איר דער לאנגען ווידער אטרונק» :

קוים זיינען זייא ארויס פון פארצימער אין פארהויז , האבין זייא שוין דער הערט אגישרייא פון שפיילענע «גישווינט אגלאז וואסער» דען דער גיפט האט זייער שנעל גיווירקט אויף דיא האוואר׳ד , אונ דאן איז אונטער גיקומען צו זייא דער אונטער גיקויפטער בעדינטער אונ האט זייא ווידער ארויס גיפירט פון דארט דורך דעם זעלבּיגין גיהיימען גאנג וואס ער האט זייא אריין גיפירט אהער , באציאשי האט אים ווידער מיט איינער רעכטע סומע בעשאנקען , אונ ער האט אים בעדאנקט , דער ווילע האט זיך אן גיהייבין בייא דער האוואר׳ד דער שווערער שטרייט מיט דעם טויט , זיא האט אוים גיטרונקען וואסער איין גאנצין מעער , איז גיווארין פול וויא אפאס , אונ איז זיך אין אקורצע צייט פערטיג גיווארין , איז זיך אזו מארנע אוועק גישטארבין אונ קיינער האט ניט גיוואוסט פון דיזער גישיכטע , מער ניט וויא דער אונטער גיקויפטער בעדינטער וואס האט אויך באלד בעקומען זיין בעצאלונג פון גאט , דען אויף מארגין האט דער באציאשי וואס האט זיך גיפירכטעט דאס ער זאל עס ניט אוים פלוידערין , האט אים גילאזט אריין זעצין אין איין קאזעמאט פון דעם פעסטונג ביסעטרא , ער האט אפילו פאר שטאנען דיא אורזאך דער פון , עס האט אים אבער דיזעס גאנץ ווייניג גיהאלפין , באלד דארויף האט מען דיא האוואר׳ד ארויס גיפירט ,

ניט

ניט איינער איז נאך גיגאנגען נאך איר זארג, דען זיא װאר אין פאריז גאנץ װילד פרעמד אונ עלענד:

אט אזו װאר דיא ענדע פון דיזער אונשולדיגע האװארד װאס װאר פאר שאלטין פון איהרע עלטערין, איין װארנענדער אונ טרויעריגער בייא שפיל פאר אלע מיידכען װאס הערין ניט דעם ראטה פון זייערע גוטע עלטערין:

.6

"דער גיהיימע קאבינעט"

דיא גיהיימניסע פון טיולערע האבין זיך פאר מעהרט פון טאג צו טאג, אונ עס איז אזו װייט גיקומען דער מיט דאס עס איז דארט געגרינדעט גיװארין איין בעזונדער קאבינעט װאס עס זאלין אין אים פאר האנדילט װערין נור גיהיימע דעקרעטין װאס נימאנד זאל עס קיין מאל װיסין, זיינע צלענעס װארין נור סעקרעטנע אונ פערטרויטע מענער, אונ האט אלזו דאהער גיהייסין "דער גיהיימע קאבינעט" דיא סעסיאנען װארין דארט גימאכט נור בייא נאכט, איינע לאנגע צייט האט נימאנד גיװאוסט פון אים אונ ניט פון זיינע צלענעס, אין דער אנדערע נאכט נאך דיא פאריגע גישיכטע זיינען גיקומען צו דער טיר פון דיזעם גיהיימען קאבינעט צװייא מענער װאס װארין איין גיהילט אין צװייא לאנגע אונ ברייטע מאנטלען, עס װאר דאן שוין צװעלף דער זייגער, דיאביידע האבין גישפראכין צװישין זיך פון דער נאקאזאנע ארסינעס אונ פיער װאס װעט באלד גישעהען איינער װאס װאר דער פלערי האט ארויס גינומען פון דער טאשע אשליסעל האט גיעפינט דיא טיר אונ האט גיבעטין דעם צװייטין װאס װאר דער מארקיז פולער װאס זיינע פרויא װאר איינע פערװאנדעטע נאפאליאנס דאס ער זאל מיט אים אריין גיין אין דיזען קאבינעט, זייא האבין שוין דארט דער װיסט דרייא צלענעס פון דער טיינע קאמיסיע, איינער װאר דער הערצאג מארני, דער צװייטער װאר באסקעט, דער דריטער װאר באציאשי, דיזע פינף װארען עס דיא מיטגלידער פון דיזעם גיהיימען קאבינעט װאס װאר אין אים איינע גיהיימע טיר צוא נאפאליאנס קאבינעט, דער מארקיז דע פולעז װאר דארט סעקרעטער, זיינע ערסטע פרויא װאר שטיין רייך, זיא איז פלעצליך גישטארבין (װיא מען זאגט), אום ער זאל הייראטהען דיא צװייטע איינע פערװאנדעטע פון נאפאליאן, אונ דיזער האט אויף גישלאסין איין פולט אונ האט ארויס גינומען פון דארט איין גיהיימען דאקומענט װאס האנדילט איבער דיא דעלע (פראצעס) פון דער העלען מאשינע, אונ האט עס דער לאנגט צום טיש װאס זיינען דארט גיזעסין דיא איבעריגע צלענעס, אונ האט דער בייא גיזאגט "איך האב דא אין דיזער זעלע (דאקומענט) דער װיסט עפעס דרייא געמען אן אזמיעצענע (זאמיעטקעס), דעם נאמען אלימפיא, מארקיז דע מאנטאלאן, אונ דיא מאדאם דאלארעס קארטינא":

„זייט אזו גוט" האט זיך אפ גירופין דער מארנע „קלינגעלט אן און לאזט אריין קומען אהער אונזערין נייען אגענט דעם ענדעמא*) ער וועט אונז שוין זאגין וואס דאס מעהר איז מיט דיזע דרייא פערזאנען, מיר האבין זייער גוט גיטראפין מיט אים, ער ווייס פון אלעם, און איז דער צו איין נאדאזנער מענטש ער וועט אונז ניט אן פירין". „גוט"! האט זיך אפ גירופין דער יענעראל באסקעט „דער ווילע ביז דער ענדעמא וועט אריין קומען וויל איך אייך זאגין עפעס איין אנדער זאך, עס גיפינט זיך אונטער דיא אן פיהרער פון דיא זואווען (אראבישע רייטער), עס שיינט צו זיין איין פולקאווניק, וואס איז איינע גיפערליכע פערזאן פאר אונזערע רעגירונג, מען דארף פון אים אויך לויז ווערין". „א איר אירעט אייך" האט זיך אפ גירופין דע פלערי „איר מוזט גיוויס מיינען דעם יענעראל דע ארסי". „זייא האבין רעכט" האט זיך אפ גירופין דער באסקעט „דיזער דע ארסי האט געסטערין אן גירופין דעם קייזער אין געגענווארט פון אפיצירין מיט דעם נאמען באנדינגוועדא**), און עס וואר גילאכט דער בייא זייער שטארק". „א אזו איינער" האט זיך אפ גירופין מארני „מוז דער פאר גינוג ליידין, און ווערין ענטלאסין פון דינסט, אדער בעסער גיזאגט מען זאל אים אוועק שיקין אין דער קאלאניע סידי אווראגים וואס איז אין אפריקא":

עס האבין אלע צלענעס צו דיזעם דעקרעט באלד איין גישטימט, און דער באסקעט איז דורך דעם לויז גיווארין פון זיינעם אגענער, באלד נאך דעם איז אריין דער ענדעמא „מיר האבין גיהערט" האט זיך אפ גירופין צו אים דער מארני „דאס איר האט לוסט צו ווערין איין גיהיימער אגענט פון אונזערין גיהיימען קלוב"? „עס איז אזו מיין הער" האט ער אים גיענטפערט „נור מיט איינעם גוטין גיהאלט". „איר וועט בעקומען אכט טויזינד פראנק איאר" האט אים גיענטפערט דער מארני „אויסער נאגראדעס און קוואהרטיר אין טיולערי". „איך בין העכסט צופרידין" האט זיך אפ גירופין דער ענדעמא „אלזו זאגט אונז" האט זיך אפ גירופין צו אים דער מארני „וואס האט איר דער וויסט אין דעם פאלאץ וואס איז אויף דעם פלאץ וואנדאמע"? „איך האב דארט דער וויסט" האט זיך דער ענדעמא אפ גירופין „ארודיעס פון דער העלען מאשינע, אויסער דעם ווארין דיא איין וואוינער פון דיזין הויף אין דעם קאטעדראלע נאטערדאמע, אכט דעם זייגער בייא נאכט האב איך מיך אריין גישליכען (אריין גיגנבת) אין דיזען פאלאץ, און האב גיפונען דארט אין איינעם גיהיימען צימער אבאמבע וואס וואר פונקט וויא יענע וואס דיא איטאליענער האבין גיברויכט געגין אונזער קייזער, און האב

מיך

*) דער ענדעמא וואר אין יענער נאכט ניט ערשלאגין גיווארין אויף טויט, ער האט זיך דער נאך אויס גיצוקעט און איז דורך גיקראכין דורך דעם גיהיימען גאנג אין דעם קלויסטער גראנאדע:

**) דיזער נאמען בעדייטעט דאס זעלבע וואס אין רוסיש הייסט קאמענשציק, וויל נאפאליאן אלס ער איז אנטלאפין פון דער פעסטונג האם וואו ער איז גיווען גיפאנגען, האט ער זיך פאר קליידעט פאר איין קאמענשציק:

מיך באלד בעאיילט צו קומען צו דעם אבער קאמער הער באציאשי, אונ דער נאך צו דעם אגענט לאגראנז וואס האט בעגלייטעט דעם גראף אין דיזעם קאטעדראל קירכע, האב עס זייא גימעלדעט, אונ זייא האבין דארט באלד ארעסטירט דעם אלימפיען, דעם מארקיז מאנטעלאן, אונ דיא דאלארעס:

„א דיזע לייטע" האט זיך אפ גירופין דער באציאשי „ווארין שוין לאנג אין פערדאכט (חשד) אין טיולערי, זייא ווארין אין בונד מיט דעם קאמעראטא, אונ מען קען זייא אלזו פאר קיין פאל ריין וואשין:

אונזערע לעזער פאר שטייען פערגיוויס דאס דער ענדעמא זעלבסט האט אהין גיבראכט דיזע באמבע, אונ דאס דיא אלע דרייא האבין קיין אנטייל גיהאט אין דער העלען מאשינע, „א איר האט שוין פאר דינט דער פאר איינע גרויסע נאגראזדענע" האט זיך אפ גירופין דער מארני, אונ באלד דארויף האט דער באציאשי גיגעבין אוואונק דעם ענדעמא דאס ער זאל אפ טרעטין, אונ אלס ער איז ארויס פון דארט האט זיך דער באציאשי אפ גירופין צו דיא איבעריגע צלענעס, דיא דאלארעס האב איך גילאזט אפ פירין אין דאס הויז מארגאריטא בעלאנזע, וואס איז זייער גוט בעוואכט, אונ דעם אלימפיא מיט דעם מארקיז מאנטעלאן פעסט גיזעצט, דאך זיינען מיר מיט דיזין לייטין אליין נאך ניט פערטיג, דען דיא פערשווערונג (בונד) פון דער העלען מאשינע איז זייער ווייט פערצווייגט, עס זיינען דאך זייערע נאך גינוג אין אלער וועלטין, איבער הויפט דארף מען לויז ווערין פון דעם מאדזיני וואס ער ; יז דער אויבער הויפט פון דער גאנצער באנדע, צוואר מיר וועלין אים ניט קענען מיט שלעפין אויף דעם עשאפאט צוא גלייך מיט דעם ארסיני אונ דעם פערי, דען ער איז גאר אין פלארענסע, דאך אבער קען מען אים לאזין ערמארדין דורך איין גידונגענע מערדער, אדער מיר וועלין שיקין אהין אונזער אגענט לאגראנז, גרילען פערדעאר, דער לאגראנז איז איין פייעריגער יונגער מאן, ער פאר שטייט זייער גוט וויא מיט איינעם דאלך אומצוגיין, מיר וועלין אים גוט לוינען אונ ער וועט בעפרייען אונזערין קייזער פון אזו איין גיפערליכין מענטשין:

דיזער פארשלאג איזט העכסט גיפעלין אלע מיטגלידער, אונ זייא וואר(ע)ן (דיא דרייא אגענטין) באלד בעשטעלט אונ אפ גיפערטיגט אין דער זעלבע נאכט אויף דער רייזע אום אוים צו פיהרען דיזע בלוטיגע טהאט:

אלס מען וואר שוין דארט פארטיג מיט אלע דעקרעטין דארט איבער דיא פערזוינען וואס ווארין דא פעראורטייהלט, אונ דיא סעסיאן האט שוין גיהאלטין בייא דער ענדע, האט זיך אפ גירופין דער מארקיז פולען וואס וואר געהיימער סעקרעטאר אין דיזעם געהיימען קאבינעט צו דעם באציאשי וואס וואר אין דיזער גיהיימע קאמיסיע פרעזעדענט „בעפאר מיר גייען דא איצונד אוים א' נאנדער דארפין מיר אונז נאך בעשפרעכין איבער נאך איינע פערזוין וואס זיא איזט אין דער מענשליכע געזעלענשאפט וויא אדארען אין אויג, אונ איז שעדליך אויך פאר דיא רעגירונג, איך מיין איינע געוויסע פרויא

גאבריעלאווגע

באבריעלאווגע בלאנזע, עס איז פיל נייטיגער צו האבין איר אין דער העלע אלס אין פאריז״ :

דיזער פולעז, האט גיהאט איין גיהיימען ווידער ווילען גיגין דיזע פרויא וואס גראדע זיא וואר עס וואס האט אים פערהאלפין צו דיזער גרויסע שטעלונג זיינע וואס ער האט איצטער, דען דורך איר הילפע איז ער לויז גיוואָרין פון זיינע ערסטע פרויא אונ פון איין פערצעהען יאריגין זון וואס ער האט גיהאט מיט איר, אום צו פערהייראטהען זיך מיט איינער נאהענטע פערוואנדטע פון דעם נאפאליאן, אונ איצונד וואר אים שוין דיזע גיפט מישערין אלס איינע גאנץ לעסטיגע, אונ צו גלייך גיפערליכע פערזוין וואס קען אים מיט דער צייט זייער פיל שאדין, אונ האט אלזו גיוואונצין פון גאנצין הערצין צו האבין איר אונטערין באדען (אונטער דער ערד), אונ דיזער אנשלאג האט אזו גוט גישמעקט דעם באציאשי וויא וויירוך דעם טייוויל, דען ער האט נאך מעהר אורזאך גיהאט אלס דער פולעז לויז צו ווערין פון דיזער גאבריעלאיע, ערסטינס דאס זיא זאל מיט דער צייט ניט אויס פלוידערין דיא גישיכטע פון דער האוואַרדס טויט וואס ער איז זייער שטארק פערמישט אין איר, אונ צווייטינס אום דאס איר טאכטער דיא מארגארעטע וואס איז שוין גיווארין דיא גיליבטע פון דעם נאפאליאן זאל פטור ווערין פון אמוטער וואס איז אגרויסע בלוט זייגערין, אונ האט אלזו דיזין אנבאט פון דעם פולעז אן גינומען מיט ביידע הענט, עס האט ניט פיל גידויערט

אס אלע צלענעם זאלין איין שטימען צו דעם פערלאנג פון דעם פולעז, אונ האבין גיצייכינט איין שווארצין קרייץ אויף איר נאמען, איין צייכין וויא איין גראב שריפט (מצבה) אויף איינעם לעבענדיג בעגראבענעם :

דיזע סעסיאן האט גידויערט גאנצע פיר שטונדין, אונ עס וואר אין איר אויך שוין ווייזנאצעט דאס מארגין אום אכט אוהר זאלין דיא ביידע איטאליענער ווערין גיקעפט, אויף דעם ריכטער פלאץ לא ראקעט :

7.

„גוילאָטינא (קעפונגס מאשינע)״

דעם צוועלפטין מערץ אין דעם יאר 1858 האט נאפאליאן אונטער צייכינט דעם דעקרעט דאס ארסיני אונ פערי זאלין ביידע גיקעפט ווערין, אונ גאטעץ רודיא זאל פאר שיקט ווערין אין איינער קאלאניע פון זידליכער אמעריקא, דיזע נאקאזאניע וואר בעשטימט אויף דעם דרייצעהענטין אוהר אכט אין דער פריא, דאהער וואר אין דער נאכט פון צוועלפטין צום דרייצעהענטין אויף גיריכטעט גיווארין דער עשאפאט, ניט ווייט פון דער טורמע לא ראקעט, אונ עס וואר ארום דעם בעשעפטיגט דער היינקער (תליון) היידעמאן וואס איז אונז שוין בעקאנט פון פריער, אין דעם דרייצעהענטין מארגינס וואר שוין דער עשאפאט פערטיג מיט אלע זיינע קליפערלאך, וויא אויס גיוואקסין פון דער ערד

איבער

איבער איינע נאכט ביז אין הימעל , דען דיזע מאסינע איז זייער הויך אונ דער צו נאך שווארץ , אונ בריישעט אויס ארום זיך שרעקין אונ גרויען , וויא איין טראהן דעם טוידעס , אונ ביי אלעם דעם האט עס אנגיצויגין צו זיך זייער פיל צוא שויער (קוקער) הערען אונ דאמען , עס ווארין אלע פענסטער פון דיא ארומיגע הייזער בעלייגט פול אונ פאק מיט מענטשין ביז צום ערשטיקען , אונ עס איז דארט מעהר אלס איינער ערדריקט גיווארין , דער צו נאך ווארר דיזער פלאץ בעזעצט מיט זייער פיל מילעטער , פעהאטע אונ רייטער מיט הוילע דעגינס :

וויא עס האט נור דער זייגער פון דעם טורעם לא ראקעט גישלאגין אכט , האט זיך שוין אויף גיעפינט דיא טיר פון דער טיורמא , אונ מען האט ארויס גיפירט דיא צווייא איטאליענער , אונ מען האט אן גיהייבין צו קלינגען מיט אלע גלאקין , זייא ווארין גיפירט מיט איינער גרויסע בעוואכונג , מיט איינער זישענדע פויקערייא אונ טרומייטערייא דאס עס האט אן גיהייבין צו ציטערין ביי יעדערין דיא מארך אין דיא ביינער , דיא ביידע פאר משפטע אבער זיינען זיך גיגאנגען גאנץ רוהיג , האבין בעשטיגין דעם עשאפאט גאנץ רוהיג , אונ האבין אויס געליטין זייער דעקרעט גאנץ רוהיג , זייא האבין וואס גיוואלט ריידין פארהער צו דעם פובליקום , האט זייא דער הייזקער אן גיטאן איבער דיא קעפ שווארצע קאפפסאנען , פילע הערען אונ דאמען (פערמוטהליך איטאליענער) וואס ווארין דער ביי האבין איין געטויכט (איין גיטונקט) זייערע שנופ טיכער אין זייער בלוט :

זייא האבין פאר גאסין זייער בלוט פאר זייער פאטער לאנד , עס וואר אבער ניט אן נוצין , דען עס האט באלד זייער פאטער לאנד איטאליען דורך דעם אויף גיבליהט וויא איינע ראזע דורך איינעם מילדען (לאנגאדנעם) רעגין , דען דער נאפאליאן וואס האט גיוואוסט דאס ביי אלעם דעם פערשווערן זיך (בונטעוועז) געגין אים נאך פילע אנדערע איטאליענער וואס זיינען אין בעגריף (בדעה) צו צילען אינם גיהיים אויף זיין לעבין , אונ דער צו נאך אום צו בעשעפטיגין דיא פראנצויזין וואס ווארין מיט אים אלץ אונצופרידין , האט ער אונטער גינומען אקריג געגין עסטרייך , אום צוא בעפרייען איטאליען פון זיינע הענד , אונ אום צו פאר גרעסערין מיט איינעם קליינעם טייל פון איר פראנקרייך :

דיזער קריג איז גיווארין גיפירט פון אים מיט מאכט אונ קראפט , אונ איז גיווארין גיקריינט אויך מיט גליק אין דעם יאר 1859 וואס איז בעריהמט אין דער גישיכטע אונטער דעם נאמען „דיא שלאכט פון סאלעפרינא„ דיא ווירקונג פון דיזעם קריג וואר דאס אלע טיילין פון איטאליען זיינען גיווארין פעראייניגט אונטער דעם סערדינישען קיניג וויקטאר עמאנועל , אויסער (הוץ) זאפאען אונ ניצע וואר צו גיגעבין צו פראנקרייך , אונ דורך דעם ווארין בערוהיגט דיא איטאליענער , אונ אויך דיא גימיטהער פון דיא פראנצויזין אויף איניגע יאר , דאס האט אבער גיקאסט גינוג בלוט , דען עס זיינען אומגיקומען ביי דיזען

שלאכטען

שלאכטען פילע טויזענדע פראנצויזין , אזו האט ער געוואוסט איין צו לעסן זייערע פייערינע געמיטהער מיט זייער אייגענעם בלוט , דער צוא נאך וואררין גימאכט אילומענאציאנען איבער אילומענאציאנען , בעלע איבער בעלע , אום דאס פאלק זאל זיך אן אים פאר געסין , דען אזו זיינען דיא פראנצויזין גימאכט פון דער נאטור , אונ דער נאפאליאן האט עס זייער גוט גיוואוסט אום עס צוא בענוצין :

8·

·דיא אינזעל צארטאוו·

איבער דיא גאנצע צייט פון דיזעם קריג , האט דער אלימפיא אונ דער מארקיז מאנטאלאן זיך העכסט גילאנגווייל(ט) אונ גישמאכטעט אין איינער שווערין גיפיינגנים אונטער דעם פארוואנד (אויסרייד) דאס זייא האבין גיהאט איין אנטייהל אין דעם בונד פון דער העלען מאסינע , דער צו נאך האט דער אלימפיא פיל גיליטין אונ גיזארגט דאס ער ווייס ניט וואו עס איז אהין גיקומען דיא דאלארעס , מען האט בייא אים אויך צו גינומען דעם בורלאנטענעם קרייץ אונ מען האט עס אפ גיגעבין דער עווגעניע , נור בעפאר מיר וועלין דא בעשרייבן וואס וואר דאס ענדע פון דיזע צווייא פארנעהמע גיפאנגענע , מוזין מיר מעלדין וואו עס איז אהין גיקומען דער זואן :

מיר ווייסין שוין פון פאר(ה)ער דאס דיזער יונגער מאן האט זיך בעשלאסין צו בעפרייען דעם קאמערא(ט)א , צוואר דער מארקיז האט אים פון דיזער גיפערליכע אונטער נעהמונג אפ גישלאגין , ער האט אים פאר גישטעלט דיא גיפאהרין וואס זיינען דער מיט פאר בונדין , אלימפיא אבער וואס האט זיך גיפרייט צו זעהען דאס אין דיזעם יונגען מאן גליהעט איין העלדין גייסט האט אים גראדע אויף גימונטערט דער צו , אונ האט אים אויך גיגעבין גינונ געלט אויף רייזע קאסטין , אונ האט דאן באלד אפ גירייזט אויף אשיף וואס האט גיזעגילט נאך זיד אמעריקא, דארט ניט ווייט פון דער יבשה זיינען דא דרייא אינזעלען וואס זיינען גרופירט (צו זאמען גישטעלט) וויא איין דרייא עק , אדער בעסער צו זאגין וויא איין סגול , דיא ערסטע אינזעל וואס הייסט דיא קיניגליכע איז בעוואקסין מיט פאלעם בוימען (תמרים) , מיט באנאנען , עס וואונט דארט דער קאמענדאנט מיט צווייא הונדערט סאלדאטין , איר נעגענאיפער אונ עטוואס זייטווערטס גיפינט זיך דיא אינזעל זעזאפע וואס איז בעשטימט פאר קאטערזענע , צו איר גיהערט אויך דיא טייוועל אינזעל (צארטאוו) וואס איז בעשטימט נור פאר וואלגע פאסעלעניקעס , זיא איז איינע וויסטעניא , עס איז דארט ניט צו זעהען קיין בוימער , קיינע בלומען , אונ קיין עכטעס גרין . זעהעט אוים וויא אוים גיברענט פון דער זאנען היצע , אין דער ווארהייט אבער האט מען איר אוים גיוויסטעט מיט אבזיכט , דאמיט דיא פאר שיקטע זאלין דארט גאר קיין נחת האבין , אונ זאלן זיין שטענדיג אווו ווידו , דאס הייסט זאלין זיך ניט קענען בעהאלטין אין קיין וואלד אונ אין קיין קוסטארניק

דיא

דיא וואונדען זיינען דארט נור קליינע בויערשע שטיבלעך אדער פייכטע היילין , מען רופט איר טייוויל אינזעל וועגין איינעם שטיינערנעם בריק וואס מען גלויבט דאס דיא טייוולען האבין אים גימאכט , אונ דיזער נאמען פאסט זייער פאר אים , דען דיא פאר שיקטע ליידין דארט אזו פיל וויא דיא פאר דאמטע פון דיא טייוולען דארט אין דער העלע , דאס גרעסטע טייל פון דיא פאר שיקטע וואריןניט אין שטאנד איבער צו לעבן דארט דיא זומער היצע , אלס דער קאמעראטא איז ארויף אויף דיזער אינזעל ווארין דארט שוין פערציג זייערע פאר שיקטע וואס זיינען גיגאנגען אפ גירסין , בארוועס אונ הונגעריג , אויף קיין בעסערעס האט זיך דער קאמעראטא אויך ניט גידארפט ריכטין , וויא נור ער איז אהין אן גיקומען האט אים שוין בעגעגינט דער נאדזיראטיל אונ האט אים אפ גיפירט אין איינער עלענדע שטיבעלע וואס וואר בעשטימט צו זיין איין קווארטיר פאר אים , אונ האט אים גלייך אביאוועט דאס ער וועט אים דרייא מאל אין טאג בעזוכין אין גיוויסע צייטין , דער קאמעראטא האט בעטראכטעט דיא וויסטע אינזעל אוו האט שוין ביי דעם ערסטין בליק פערשטאנען דאס עס איז איינע אונמעגליכקייט צו אנטלייפין פון איר , אונ דאס דא וועלין זיינע ביינער פוילין אויף אימער אוו אייביג , זיין וואונונג וואס ער האט אים אן גיוויזין וואר העכסט עלענד , מעהר ענליך (פאחאזע) צוא איינעם גראב (קבר) אלס צוא איינער מענטשליכין אויפענטהאלט , עס וואר אין איר איין בעטיל מיט שטרויא , איין קליין טישעל מיט איינעם הילצערנעם שטול , עס וואר אין איר נור איין קליין פענסטער , דאס הייסט נור איין פיר-קאנטיקעס לאך דורך וועלכע עס האט אריין גישיינט איינע קארגע ליכטיגקייט , אונ איין עטוואס פרישעס לופט , אונ אזו אויך וואר דאס עסין ניט בעסער פאר דיא וואונונג , עס איז בעשטאנען נור אין פערשימעלטע שוחארעס , גיזאלצענעם וואסער , אונ איין עטוואס שטינקענדע פלייש , אונ עס איז אים אלזו זייער שווער אן גיקומען דאס גיוואוינען זיך צו דיזע שפייזין , ביי טאג וואר ער פערצערט פון היץ , אונ ביי נאכט פערפראָרין גיווארין פון קעלט . אויך וואר אים אונמעגליך צו שלאפין אין זיינער וואונונג פון פיל פלייא אונ וואנצין , אונ פלעגט דאהער מוזין נעכטיגין אין טיפין וואלד . דער צו נאך האט ער זיך גימוזט איין שטעלין דרייא מאל א טאג צו דער פרעקליצקע , אדער בעזוכט ווערין פון דעם נאדזיראטעל , אונ ביי אלעם דעם וואר ער גיזונט אונ שטארק , האט איבער גילעבט דעם ערסטין מאנהייט וואס איז גיוואונליך דער שווערסטער פאר דיא אלע נייע אן גיקומענע מיט גרוים סוטה , אונ האט זיך בעוואפינט מיט גידולד פאר דיא צוקונפט :

דער נאצייזלניק פון דיזער אינזעל האט גיהייסין מאלעטע איין שטרייננגער אונ העכסט אונפריינדליכער מענטש , נור ער וואר שוין אלט , אונ דאהער אלס עס האט זיך אן גיהייבין צו הערין באלד דארויף דארט אויף דעם קיניג אינזעל , דאס דיא פאר שיקטע וואס זיינען אויף דיא טייוילס אינזעל זיינען אין בעגריף (האבין בדעה) צו ערמארדין דעם אלטין מאלעטע אונ צו אנטלייפין , האט אים

דער

דער קאמענדאנט וואס זיין קווארטיר וואר אויף דיזער קיניג אינזעל צו גישיקט איין פאמאצניק, אונ דיזער וואר קיין אנדערער אלס דער דזאן דער גיוועזענער בעדינטער פון דעם ענדעמא וואס וואר העכסט שטאלץ אויף דיזעם אמט (ציין), אונ אויך העכסט ערפרייט צו האבין איינע גוטע גילעגינהייט וויא צו טאן דעם קאמעראטא, ער וואר פון דעם קאמענדאנט אויס גיקליבין צו דער גיהייבענע שטעלע נור דארום וויל ער האט אין אים דער וויסט איין גוטין פערדארבענעם אונ בלוטיגין מענטשען וואס איז וויא גיזאגט געשאפין וויא צו טאן אונ אונטער צו דריקען דעם אנדערן, אונ דער קאמאנדאנט האט זיך ניט בעטראגין אין זיינעם וואל (אויסקלייבונג) דען ער האט טיראניזירט איבער דיא פאר שיקטע נאך מעהר אלס דער קאמענדאנט האט גיוואונצען, אונ מעהר פאר אלע האט פון אים גיליטין דער קאמעראטא:

אם דייטליכסטין וואר עס צו זעהען אין איינעם גיוויסין אווינד וויא מיר וועלען עס דא באלד. אם ריכטיגסטין ערציילין צייט אפאר וואכין האט זיך דער קאמעראטא גימאכט. פאר איינער גיוואונהייט צו פאר ברייגגען אלע זיינע פרייע שטונדין אויף איינעם הויכין פעלזין, וואס וואר זייער וייט ארין גידרונגען אין בריטין מעער, אונטער דעם אויס צייד דאס דארט איז דיא לופט אם פרישעסטן אונ אם ערקוויקענסטין, אונ דאס דער בייא האט ער ליב צו זעהען פון דארט אויס דעם וועלענשלאג, אין דער טהאט (באמת) אבער האט ער עס גיטאן אום נור צו בעטראכטין פון דארט אויס איינעם שווארצין פלעקען וואס בעוועגט זיך דארט בייא דעם ברעג פון דעם לאנדע (יבשה*), איין מאל וואר ער אזו וייט פערטיפט אין דיזער בעטראכטונג, דאס ער האט איבער הערט דעם שאס וואס רופט צו זאמען אלע גיפאנגענע צו איינער פרעקליצקע, אונ האט זיך דער מאנט אן דעם אלס עס וואר שוין רעכט נאכט, ער איז אראפ גישפרונגען פון דעם פעלזין וויא איינע ווילדע געמזע (ציג), אונ איז גילאפין שנעל וויא אפייל פון בויגין, אונ האט בייא זיך גיטראכט "גאט וייס מיט וואס איך וועל דא אפ שניידין פאר מיין פערזאמען זיך דא", צו זיינעם אונגליק וואר אים אגרויסער שטורעם אנטקעגין מיט אשטויב וואס האט אים גישטערט אין זיינעם לויפין, אונ בייא אלעם דעם האט ער אלין ניט אפ גיווענדעט זיינע בליקען פון דעם מעער אום צו בעטראכטין דער שווארצין פונקט וואס גראדע פאר אים וואר ער איין הויך שטראלענדער האפענונגס שטערין, אונ דער ווילע איז גיווארין שפעטער אונ שפעטער, אונ איז גיקומען צו דעם גיריכטס הויז אלס עס וואר שוין נאך דער פרעקליצקע, אונ האט זיך אלזו שוין גיריכט אויף איינע בעשטראפונג דער פאר פון דעם דזאן וואס האט שוין פון לאנג אן גיזוכט איינע אורזאכע דער צו, אונ וואס ער האט גיפירכטעט איז עס גישעהען, דען דער דזאן האט אים נאך איינער

גרויסע

*) לאנד אדער יבשה הייסין איין גרויסער וועלט טייל, אבער קיין אינזעל אויך רופט מען עס פעסטעס לאנד:

גרויסע רוגאטעלסטווא איין גישפארט אין איינעם קארצער וואס וואר זייער איינג און נידעריג, און דער קאמעראטא האט נאך גיהאט די קריינקונג צו הערין פון הינטערין טיר זיין שאלענדעס גילעכטער, ער וואר דארט איין גישפארט גאנצע דריי טעג, און האט דער נאך גימוזט אויס הערין איין שטראף פריידיגט (איינע תוכחה) פון אים, און איינע דראהונג (אוגראזא) דאס ער זאל זיך אויף ווייטער היטען, דער שווארצער פונקט וואס עס האט זיך גיצייגט דעם קאמעראטא וואר קיינע אנדערע זאכע אלס וויא איין פישערקאן וואס איז גיזעסין אין אים איין יונגער מאן גיקליידעט אלס דיא דארטיגע פישער, און דיזער יונגער מאן וואר קיין אנדערער אלס דער זואן וואס האט זיך אונטער גינומען צו בעפרייען דעם קאמעראטא, און האט זיך גיוואגט צו קומען אויף דיזער אינזעל אויף איין קליינעם שיפערקאן, וואס דיזעס וואלט זיך ניט גיוואגט זעלבסט דער ערפאהרענסטע (געניטסטער) זעעמאן, און בפרט עס וואר נאך העכסט פערבאטין איינעם פרייען מענטשן צו בעטרעטין דיזע אינזעל מיט איינער טוידעס שטראפע:

ביי אלעם דעם וואר עס ניט אזו גיפעהרליך און אונבעזאנען וויא עס שיינט אונז דיזער אונטער נעהמן, פאר דעם ערסטין אויגין בליק בעפאר דיזער זואן האט זיך גיוואגט צו טאן דיזין גיפערליכין שריט צו בעגעבין זיך אויף דיזע אינזעל, איז ער זיך אפ גיזעסין איינינע וואכין ביי איינעם אלטין שיפער וואס האט גיוואונט ביי דעם בערג לאנד וואס איז נור אפאר מייל ווייט פון דער אינזעל, דיזער אלטער שיפער פלעגט צו זיין אויף דיזער אינזעל אפאר מאל אין וואך מיט פיש און מיט אנדערע לעבינס בעדירפנים, און האט אלזו דיזע אינזעל גיקענט מיט אלע אירע ביינער, דאס הייסט מיט אלע איהרע שלוכטען און בוכטען. און וואר אלזו אויך בעקאנט מיט דיא גיפאנגענע, דען ער פלעגט זייא פערקויפין גיבעק וואס זיינע פרויא פלעגט צו באקין, און וויא אויך ער וואר איין היימיש דארט, ביי אלעם דעם פלעגט ער ניט טארין ארויף אויף דיזער אינזעל און ניט אראפ, נור מיט דער גרעסטע אויפזיכט (נאדזאר) פון דעזורנעם, דיזען פישער האט דער זואן גיפונען פאר אגוטין פריינד דורך אגוטע בעלוינונג, און ער האט אים שוין קלאר גימאכט אין אלע ביינונגען קרימונגען פון איר, אין אירע טיפע און פערהיימליכטע שלוכטען און בוכטען וואו מען קען זיך מיט אקליין שיפעל פערשטעקין אונטער דונקעלע וואלדונגען און גישטרייכע (קוסטעס) אום ניט בעמערקט צו ווערין, אויך האט דעם זואן גילונגען אריין צו שפילען דורך אים איין צעטיל אין דעם קאמעראטאס האנד, ער האט עס איין גיקנאטין אין איינעם קוכין וואס ער האט אים פאר קויפט, אין דיזעם צעטיל האט אים דער זואן גימעלדעט דאס ער לאזירט ביי דיזעם פישער, אום אפ צו ווארטין איינע גילעגינהייט אום צו פליכטין מיט אים פון דיזער אינזעל, און זאל אים אלזו אימער ערווארטין אויף דיזער און דיזער סקאלע, איבער הויפט זאל ער אפ היטין צו זיין דארט אין איינער שטירמישע צייט. דאס הייסט ווען עס איז

געוויטער

געוויטער, דאנערט, בליצט אונ רעגינט, וואס דאן איז דאס מעער וויא אונטער איינעם טרויער פלאר (שווארצע גאזע) :

עס וואר נאך קיינע פארשריפט פון איינעם לעהרער אזו ריכטיג אפ גיהיט גיווארין פון זיינעם טרייען שילער, אלס דיזע פארשריפט פון דעם זואן איז גיווארין אפ גיהיט פון דעם קאמעראטא, דאהער דיא אורזאכע פון דעם קאמעראטאס זיצין אימער אויף דיזין פעלזין, אונ זיינע אויגין וואהרין פון דארט אוים אימער גירטכטעט אויף איינעם קליינעם שווארצין פונקט, וואס דיזעס וואר וויא מיר האבין שוין פריהער דער צייאלט, דער פישער קאן אין וועלכע עס איז גיזעסין דער זואן, אין איינער רעכט פינסטערע נאכט האט דער זואן זייער שנעל וויא אפייל פון בויגין אריבער גיזעגילט דיא קליינע שטרעקע פון ברעג צו דער אינזעל, אונ איז מיט זיינעם קאן פאר קראכין אין אטיפין שמאלין אונ אונטער וואלדונגען פערדונקעלטין שלוכט, אונ איז גיבליבין דארט פערשטעקט איניגע טעג, עס האט פון אים קיינער גיוואוסט נור דער קאמעראטא, דורך איין גיוויסין בעשטימטין צייכין וואס וואר אים שוין אן גיוואונקען אין דעם צעטיל, אונ דאס וואר דאס שלאגין (שאלען) פון איינער נאכטיגאל (סאלאווי) וואס דער זואן האט עס גיקענט זייער גוט נאך מאכין, אויף דעם פינפטין טאג האט זיך דער הימעל בעדעקט מיט וואלקין, אונ עס איז גיווארין גרויסע געוויטער, אונ דער קאמעראטא וואס האט עס קוים ערווארט, האט דאן אויף גיזוכט דעם פערשטעק (בעהעלטנים) פון דעם זואן, אונ וואר אויף גינומען פון אים מיט אפענע ארעמס, אונ האבין אלזו ביידע ארויין גישטיגין אין דעם קאן אונ האבין אן גיהייבין צו רודערין מיט גרוים קראפט, צום אונגליק אבער האבין זייא גיהאט אקאנטרען ווינט אונ האבין זיך גימוזט ראנגלען מיט דיא וועלען ביז אשטיק אין דער נאכט, אונ דאן אלס דער קאמעראטא האט גיפעלט צו דער פרעקליצקע אונ איז נאכהער אויך ניט גיקומען, אונ מען האט אן גיהייבין שוין צו האבין איין פערדאכט (אחשד) דאס ער איז אנטלאפין גיווארין, האט מען אן גיהייבין צו זוכין אים אויף דער גאנצער אינזעל, אונ צו קוקין דורך גרויסע טעלעשקאפין אויף דעם מעער, אונ מען האט צו זייער אומגליק דער זעהען וויא זייער שיפעלע איז אויף דעם ווייטין מעער, אונ איז דארט איין שפיל דער וועלען, אונ וייל עס וואר דאן גאנץ אונמעגליך איר נאך צו יאגין, דען דאס מעער האט דאן גיקאכט וויא אין אקעסיל, האט מען ארוים גילאזין גרויסע רעקעטין אלס זיגנאל (צייכין) צו דיא בעזאצונג (גארניזאן) וואס איז דארט ביא דעם ברעג פון דער יבשה (פעסטעם לאנד) דאס זייא זאלין דארט פערציהען איין קארדאן (איינע וואכט ליניע) אום אויף צוא פאנגען די פליכטלינגע (ביעגליצען) אלס זייא וועלין אויף דעם ברעג ארויף טרעטין :

אלזו ווארין זייא ביידע דאן צווישין דיא גיפאהרין פון מעער אונ דער וואכט ליניע וויא איין איזין צווישין אמבאז (קאוואדלע) אונ האמער, אונ עס וואר אשרעק צו זעהען וויא דיא שיפעלע וואר געוויגט צווישין הימעל אונ

מעער

מֶעֶר , אוּנ וַואר֞ין אִין גִּיפַאהְר אַלְזוֹ עֶנְטְפֶּער דֶער טְרוּנְקֶען„צוּא וֶוער֞ין אָדֶער
עֶרְשָׁאסִין צוּ וֶוער֞ין :

9.

«אַיינֶע נַאכְט אִין סֶען קְלוּא»

דֶער קֵייזֶערְלִיכֶער הוֹיף אִיז אָפּ גִּיפָאר֞ין אִיבֶּער דִּיא זוּמֶער מָאנַאטִין אִין דֶעם לוּסְט פַּאלֵייא סֶען קְלוּא וָואס גִּפִינְט זִיךְ אִין דֶעם בּוּלַאנְסְקִין וַואלְד , עֶס וַואר אוּהְר עֶלְף פוּן אָוֵוינְד אַלְס עֶס אִיז צוּ גִּיפָאר֞ין צוּ דִּיזֶעם פַּאלֵייא אַיין רַייכֶער עֶקִיפַּאז , עֶוֶוענְיֶע וַואר נָאךְ דַאן אוֹיף אוּנ אִיז גִּיזֶעסִין דָארְט אִין זַאל וָואס זַיינֶע פֶענְסְטֶער וַואר֞ין דַאן אָפִין אִין לוּסְט גַּארְטִין , קוֹים הָאט זִיךְ דָארְט דֶער עֶקִיפַּאז אָפּ גִּישְׁטֶעלְט , אִיז אַרַיין אַיין בֶּעדִינְטֶער אִין פָאדֶער צִימֶער אוּנ הָאט גִּיבֶּעטִין דִּיא קַאמֶער פְרוֹיא וָואס הָאט דַאן דָארְט דֶעזוּרִירְט (דֶעזוּרְנֶע גִּיוֶועזִין) , דָאס זִיא זָאל אָן מֶעלְדִין דֶער קֵייזֶער֞ין דָאס עֶס אִיז גִּיקוּמֶען דִּיא פְרֵיילִין בֶּעלַאנְז אוּנ בֶּעטֶעט אוּם אַיין אַיינְלַאס (אַרַיין לָאזִין) «עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ» הָאט זִיא אִים גִּיעֶנְטְפֶערְט גַּאנְץ פֶערְדְרִיסְלִיךְ «אַזוֹ שְׁפֶּעט נֶעמְט זִיא קֵיינֶע וִויזִיטֶען אָן» . «וֶועֶר אַזוֹ» הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִּירוּפִין «פֶערְלַאנְגְט דִּיא בֶּעלַאנְז דָאס מֶען זָאל אִיר וָואס צוּם גִּיכְסְטִין אָן מֶעלְדִין אָן דֶער אִינְפַאנְטִין פוּן בַּארְצֶעלָאנֶע» . «עֶס אִיז אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶער פֶערְלַאנְג» הָאט אִיר דִּיא קַאמֶער פְרוֹיא גִּיעֶנְטְפֶערְט «אִיךְ שְׁוֶוער אַיךְ אָבֶּער» הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אָפּ גִּירוּפִין «דָאס אִיר פֶערְלַאנְג אִיז פוּן גְרוֹיסֶע וִויכְטִיגְקֵייט» , דֶער וַוייל הָאט זִיךְ אַרַיין גִּיווִיזִין אִין פָאדֶער-שְׁטוּבּ דִּיא פְרֵיילִין זֶעלְבְּסְט הוּסְטֶענְד , זִיא הָאט דַאן אוּיס גִּיזֶעהֶען שֵׁיין אִיבֶּער אַלֶע מַאסִין , אוּנ זִיא וַואר דַאן אַלְט קוֹים זֶעכְצֶעהֶען יָאר , זִיא וַואר דֶער צוּ נָאךְ זַייעֶר גִּיצִירְט , זִיא הָאט צְוַואר אוּמְגֶעבִּיטִין דִּיא אוּנְז שׁוֹין לַאנְג בֶּעקַאנְטֶע מַארְגַארִיטֶע בֶּעלַאנְזֶע , אוּנ אִיר אָפּ אִיר אוּיס גִּיוַואסֶענֶע פֶערְקֶעלָאוֶוע קְלֵיידִיל אוֹיף אַיינֶער זַיידֶענֶע גִּיבְּלַאקִירְטֶע קָאפּ פַאצֵיילֶקֶע אוֹיף אַיינֶעם טַייעֶרְן קָאפּ אָנְצוּג , דָאךְ דִּיא שֵׁיינְהַייט אִיז גִּיבְּלִיבִּין דִּיא זֶעלְבִּיגֶע , דָאס דִּיא קַאמֶער פְרוֹיא הָאט זִיךְ נִיט גִּיקֶענְט גִּינוּג אָפּ וואוּנְדֶער֞ין אוֹיף אִיר הִימֶעלְשִׁין צוֹיבֶּער אוּנ עֶלֶעגַאנְץ :

«אִיךְ בֶּעט אַיךְ» הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִּירוּפִין צוּ דֶער קַאמֶער פְרוֹיא «מֶעלְדֶעט מִיךְ אָן בַּייא דֶער אִינְפַאנְטֶען פוּן בַּארְצֶעלָאנֶע» דִּיא קַאמֶער פְרוֹיא אִיז גִּיוָואר֞ין יוִיא גִּיבְּלֶענְדֶעט פוּן אִיר שֵׁיינְהַייט אוּנ צוּ גְלַייךְ צוּ מִישְׁט , אוּנ הָאט אִיר גִּיפְרֶעגְט ווִיא אִיז אִיר נָאמֶען אוּנ אִיר טִיטֶעל «אִיךְ הַייסֶע קוּרְץ וֶועגְס מַארְגַארַאטֶע בֶּעלַאנְזֶע , נוּר שְׁנֶעל דֶען עֶס הָאט דִּיא גְרֶעסְטֶע אַיילֶע» הָאט זִיא אִיר גִּיעֶנְטְפֶערְט :

וִויא אוֹיךְ נַייגֶערִיג דוּא בִּיזְט מַיינֶע לֶעזֶער֞ין צוּ וִויסִין וָואס פַאר גְרוֹיסֶע וִויכְטִיגְקֵייטִין דִּיא מַארְגַארִיטַא הָאט גִּיהַאט צוּ דֶער עֶוֶוענְיֶע , מוּזְט דוּא דִּיךְ דָאךְ אִיצוּנְד גִּידוּלְדִין אוּיס צוּ הֶער֞ין פְרִיעֶר אַיין עֶטְוָואס וָואס עֶס אִיז דִּיר נֵייטִיג צוּא וִויסִין פָארְהֶער , אוּם דָאס דוּא זָאלְסְט פֶערְשְׁטֵיין דֶעם הֶערְגַאנְג פוּן אוּנְזֶער עֶרְצֵיילוּנְג וַוייטֶער , אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט וָואס אָנְבֶּעטְרֶעפְט (אִיז נוֹגֵעַ) צוּא דֶעם

שטארקין

שטארקין אויף דרינגען זיך פון דער מארגאריטע צו דער קייזערין , ערסטינס איז
דיר נייטיג צו וויסין דאס דיא אינעסא איז דער גאנגען דאס דער אלימפיא אונ
דער מארקיז זיצין גיפאנגען אין טיורמע , אונ דאס דיא דאלארעס איז איין
גישפארט אין דעם זייטין פליגעל פון דעם מארגאריטעס פאלייא , צווייטינס זאלסט
דוא וויסין דאס דיא מארגאריטע דיא טאכטער פון דער גיפט מישערין וואס האט
גיוואונט אין דער פאר שטאט בעלוויל איז גיווארין נאפאליאנס אניליבטע , אונ
איז גיווארין אלזו וויא צו זאגין איינע האלב עהמע דאמע , אונ איז גיווארין איינע
פריינדין פון דיא דאלארעס וואס וואר איין גישפארט אין איר לינקען פליגעל פון
איר פאלייא , אונ דורך דיזע גילעגינהייט איז זיא גיווארין אויך בעפריינדעט מיט
דער אינעסא , אונ אזו גאנץ איין גיווייהעט אין דער גאנצין אינטריגע פון דער
דאלארעס אונ פון דעם אלימפיא וואס זיא איז אים אויך גוט גיווארין . דריטענס
זאלסט דוא וויסין דאס דיא אינעסא האט זיך מאנכע מאל גיזעהען מיט דעם
אלימפיא אין גיפיינגניס אונ האט אים פאר שפראכין הילפע , אונ ער האט
גיפאסט איין גרויסין צו טרויען צו איר , אונ אזו אויך צו דער מארגאריטע וואס
דיא אינעסא האט אים גאנץ קלאר גימאכט וועגין איר וויא גוט זיא איז דער
דאלארעס וואס איז איין גישפארט אין איר פאלייא , אונ דאהער אלין וואר דיא
מארגעריטע אזו פריינדליך אויף גינומען גיווארין פון איר אזו שפעט ביי נאכט ,
דען זיא האט זייער גוט פאר שטאנען דאס איר קומען איז גיווים פון גרויסע
וויכטיגקייט , פערטינס מוזט דוא אויך וויסין פון איינער נייע פערזוינליכקייט וואס
האט דאן גישפילט איינע גרויסע ראלע אין פאריזער הויף , איין גיוויסער יונגער
אדיוטאנט נאפאליאנס וואס האט גיהייסין מווילאן דעגלים , ער וואר העכסט
שיין , קלוג , גיבילדעט . איין גרויסער פראנט , איין מאדענקינד , העכסט גאלאנט ,
אונ האט זייער גוט פאר שטאנען וויא צו בעגיין זיך מיט דאמען , ער וואר פון
גיבורט איין גראף אונ דער צו נאך זייער רייך , אונ אלזו דיא פריידע , דיא אויגין
לוסט פון אלער פאריזער דאמען , וואס זייא האבין זיך אים צו גיווענדעט וויא
די רויזן צו דר זאנע , אלזו קיין וואונדער דאס דיא עווגעניע האט אויך גיהאט
אויגין פאר אים , אונ פלעגט זייער אפט צו לוסט וואנדלען מיט אים אין דיא
שטילע אווינדע אין איהרעם פארק , אונ אזו וואר זיא אים מעהר ליבער אונ
טייערער אלס אנדערע פרויען , דיזער פריעין בעצווינגער וואר עס דאן זואן :

אין דיזער נאכט וואר דיא עווגעניע אויף גיזוכט גיווארין פון דער אינעסא
אויף איר גיהיימען גאנג אין איר פארק וואו זיא האט דאן גילוסט וואנדעלט מיט
דעם יונגען גראפעל דעגלים , אונ וואר אלזו גישטערט אין איר ליבעס הענדעל
"פאר צייהען איר מאיעסטעט" האט זיך דיא אינעסא אפ גירופין צו איר "וואס
דרינגענדעס העכסט גייטיגעס האבין מיך גיצוואונגען צו בעאונרוהיגין אייך אויף
אייער שפאציר גאנג" אונ האט איר אזו ריידענדיג איבער גיגעבין א בריף , דער
בריף וואר צוואר אן אי״ אויף שריפט צו וועמען , אונ אויך אן אונטער שריפט
פון וועמען , נור דיא איבער בריינגערין האט עס בעשטימט פאר דיא עווגעניע ,

זיי

זיא האט עס באלד איבער געלעזין, אונ האט פון זיינעם אינהאלט באלד פא־שטאנען דאס דאס שרייבין איז ווירקליך צו איר, אונ איז גישריבין פון דעם אלימפיא, אונ ער האט גימאכט איין שרעקליכין איינדרוק אויף איר:

דיזער בריף וואר גישריבין זייער קורץ אבער העכסט בינדיג אונ שארף־גיצייילטע ווערטער אבער גאנץ גינוג גיוועזין צו ערשיטערין איר גייסט, ער האט אזו גילויטעט (גיקלונגען) „איך בעקומט דיזעס שרייבין פון מיר אלס איינע וואהרנונג (הזהרה), דיא אפפער (אומגליקליכע) וואס זיינען דורך אייך ארעסטירט גיווארין אין דער קירכע נאטערדאמע, מוזין אין פערלויף פון איינינע טעג בעפרייט ווערין דורך אייך, אונ ווען ניט וועט אייך דער ראמירא פאר שילטין, פון דיזעם שרייבין קענט איר שוין פאר שטיין וואס עס גיפינט זיך אין דיא הענד פון דיזען שרייבער דיזער ציילען וואס ער איז דער זעלביגע וואס איר קענט אים פון יענער נאכט אן וואס איר ווארט אוועק גירויבט דארט אין שפאניען פון ארעניערע״:

דער שרייבער פון דיזען בריף וואר וויא מיר ווייסין דער אלימפיא, אונ ער וואר גאנץ איין גיווייהעט (בעקאנט) אין דיא גיהיימניס וואס בינדעט צו־זאמען דיא עווגעניע מיט דעם ראמירא דע טעבא*), אונ זיא וואר אלזו דורך דעם גאנץ אין זיינער האנד, אונ דיזעם האט זייער שטארק גיווירקט אויף איר געמיטה דאס זיא איז גיווארין דורך דעם גאנץ פערניכטעט, צו מישט, אונ עס האט איר גיווארפין הענט אונ פיס פון גרוים צארין, אונ אלס זיא וואר שוין מעכטיג צוא ריידין האט זיא איר גימיטה גיקילט מיט דיזע ווערטער „א דוא אונפערשעמטער אלימפיא מוזט שטערבין, אונ דאן וועט זיין שוין בעגראבין מיט דיר אלע גיהיימניס וואס זיינען מיר גיפעהרליך, א דוא בעשיצער פון דער דאלארעס וואס זיא איז איינע פיילע (פאדלע) ביגער קאנאליע, אונ וואס דוא האסט איר נאך פארגיצאגין (טייערער גיהאלטין) פאר מיר, דוא זאלסט באלד שטערבין, אונ דאן ערשט ווערדע איך מיך זיכער גיפינען״:

דיא איגעסא האט עס גיהערט אונ עס האט אין איהרע קנאכין גיציטערט איר מארך, דען זיא וואר דעם אלימפיא זייער גוט, אונ וואר נאך פיל מעהר בעאונרוהיגט, אלס זיא האט גיזעהען מארגין אין דער פריא דאס זיא האט גילאזט רופין דעם באציאשי צו זיך, דען ער וואר דער מאן שוין וואס מען האט אוים גיפיהרט דורך אים מעהר אלס איין בובען שטרייך (שטוקע):

.10

„מארגעריטא בעלאנזע״

אויף דעם בולוואר באננע גא אוועלע גענין דער אוטווילישע שטראזע גיפינט זיך איין זייער שיינעס הויז וואס האט פריהער גיהערט דעם הערצאג אמבאסקאד

*) ער איז גיוועזין איהרער אזון אפאבאצנער:
(עווגעניע)

אמבאסקאד , אונ איצונד האט עס אפ גיקויפט בייא אים דער פלערי גאנץ ביליג פאר דעם נאפאליאן , אונ דיזער האט עס פאר שיינקט דער מארגאריטע בעלאנזע , נור אוים דעם גרונד ווייל זיא וואר זייער שיין אונ איז אים גיפעלין , דיזעם הויז אדער פאלייא וואר וויא גישאפין צו פאר לעבין אין אים דיא ערסטע פליטער וואכין נאך דער האכצייט אדער דיא האניג מאנאטין , דען אלע זעלע אונ צימער ווארין בעהאנגען מיט פאטרייען וואס ווארין אויף זייא גימאלט דיא העכסטע אוים גילאסענע ליבעס בילדער , אונ אזו אויך ווארין גיארבייט דיא דארטיגע מעביל אין דיא גיפעשטור ארבייט פון דיא גיוועלבין אונ פון דיא גיזימסין , אין דיא שלאף צימערין ווארין קליינע פאנטאנען , טייערע שפיל אוהרען , אונ אזו נאך אנדערע רייצענדע פערצירונגען , דער צו נאך אשיינער לוסט גארטין , עס ווארין דארט גינוג צימערין , וואו אויף צו נעהמען געסטע , אדער בעלי חובות וואס קומען מאנען אין דער צייט ווען עס איז קיין געלט דא אונ דאס גלייכין , דיזער פאלייא וואר נור אויף גידרונגען דיזעם מיידכען , דען זיא וואר איין גאנץ אונשולדיגעם קינדע , אונ ווען ניט איר מוטער וואלט איר ניט געצוואונגען דער צו וואלט זיא בעסער וועלין אירגענץ דינען אלס צו לעבין רייך , אום דעם פרייז פון איהרער ערליכקייט , עס וואר איר דיזעם גישענק גימאכט באלד וויא מען האט איר דער וויסט דארט בייא דעם שטראז פון דער אייזין באהן :

אין דער טהאט (באמת) וואר דורך דיזעם גישאנק נור איר נאמען בלאמירט , זיא אליין אבער איז גיבליבן בייא איהרער אונשולד , אונ גראדע דער מיט האט זיא דעם נאפאליאן זייער אינטערעסירט , אונ האט אלזו גישפילט איינע ראלע פון דער אבישג השונמית בייא דוד המלך , אונ ער פלעגט צו פערברייגען בייא איר מאנכין אווינד נור אין איינעם בלויזין אנגינעהמען אונטערהאלט , דיזע בעזוכע זיינע האבין אבער נור גידויערט ביז עס האט זיך אן גיהייבין דער מעקסיקאנישער קריג וואס דאס האט אים פערדרייט דעם קאפ , דאס ער האט זיך פאר געסין אן אלע וועלטליכע פריידין , אונ אויך אן דיא מארגאריטע , אונ דער באצאשי וואס האט איר דאן אן גיזעהען שוין פאר איינער גאנץ איבעריגע זאך , האט ער איר גיוואלט אנווענדין (גיברויכין) אלס איינע ווערקצייג צו זיינע בלוטיגע שטרייכע :

זיין ערסטע זאך וואר דאס ער האט איר אן גיהייבין צוא שדכנען פאר אחתן איין קייזערליכין בעאמטין (צינאווניק) מאריאן , ער איז איר גיפעלין , אונ דיא האכצייט איז גישעהען זייער שנעל אויף מארגין פון דער נאכט וואס דיא עווגעניע האט בעקומען דאס שרייבין פון דעם אלימפיא , דיזער מאריאן וואס וואר ניט בעסער אלס דער באצאשי האט גישפילט ביז דער האכצייט דיא ראלע פון איינעם פערליבטין מיט דער מארגאריטע , באלד אבער נאך דער טרויאונג האט ער אן גיהייבין ארוים צו ווייזין זיינע קעלטע געגין איר , אונ האט אן גיהייבין צו בעהאנדלען איר וויא איין דעשפאט , אונ איז זיך בעגאנגען מיט

איר

איר וויא איין הער מיט איינעם דינער דאס הייסט אלץ אין געבאטענדע טאן (שטימע) :

אונ זיא וואס וואר אזו קלוג וויא אונשולדיג האט באלד אן געהייבין צוא מערקין , דאס דער מאריאן האט איר געהייראטהעט מעהר אום זיא זאל זיין אמיטשפילערן אין זיינע פערוואורפענע ראלען אלס איינע פרויא זיינע , דר צו נאך איז זיא געווארין דורך דיא איינעסא דאס דאס מיידכען וואס איז דא איין געשפארט אין איינעם פליגיל פון איר הויז איז איינע געוויסע דאלארעס איינע שפאניערין וואס איז העכסט אונשולדיג , אונ איז איין אפפער (אקרבן) נור פון איינער בלוטיגין אינטריגע , אונ דאהער זינד זיא האט זיך דער וואוסט דער פון האט זיא געזעהען מיט אלער מעגליכקייט צו ערלייכטערן איר איהרע געפיינגנים , אבער גאנץ אינם געהיים :

באלד דארויף האט דער באציאשי בעזוכט דעם מאריאנען אונ האט זיך בעשפראכין מיט אים איינע היפשע צייט גאנץ אינם געהיים , אונ דער נאך אלס דער באציאשי איז אוועק געגאנגען , האט זיך דער מאריאן אפ גערופין צו דער מארגאריטע זיצענדיג מיט איר ביא דעם קאווע טישעל "וויא אויך איך האב גינוג צו פערדאנקען דעם באציאשי , דען פריער גאט אונ דער נאך ער האט מיך געבראכט צו דיזעם גליקליכין שטאנד , אונ אזו וואר ער אויך אונזער שדכן , ביא אלעם דעם וואלט איך שוין וועלין לויז ווערין פון אים אונ פון זיין דינסט , דען ער פערשאפט זיך מיט מיר אין אזעלכע ענינים וואס זיינען נעגין מיינעם געוויסין , אם שמערצליכין איז מיר דא דיא געשיכטע מיט דער דאלארעס וואס זיצט איין געשפארט דא אין אונזער לינקען פליגעל איבער איינע בלויזע אינטריגע , אלזו טוא מיר מיינע ליבע דעם פערגעניגין דאס דוא זאלסט אוועק טראגין אבוטעלע וויין וואס זיא האט מיר היינט געגעבין , צו איר געליבטין איינעם געוויסין אלימפיא וואס זיצט אין געפיינגנים , אונ זאג אים דער ביא איין ליגין פון נאטס וועגין דאס דוא האסט איר בעזוכט , דען זיא שטייט איין ביא דיר אין הויף , דאס זיא איז געזונד אונ גריסט אים העכסט ווארעם , אונ זיא האט זיך געבעטין דאס דוא זאלסט אים אוועק טראגין אבוטעלע וויין אונ ברייגען איין גערוס פון אים צוריק , דוא וועסט זייא ביידין דער מיט ערקוויקען" ׳

דיא מארגאריטע וואס האט ניט געהאט וואס איין צו ווענדין אים ביא דיזעם מענשין פריינדליכין פערלאנג , האט עס אים מיט לוסט פערשפראכין צו טאן , דאך באלד דארויף איז זיא געווארין אונאייניג מיט זיך , דען עס האט איר העכסט בעפרעמדעט , דאס איר מאן וואס קומט איר אן אלע מאל אזו העריש (הארט) , אונ וואס איז בענאהע גאנץ ענטמענשט (גאר אן אגעפיל) זאל איצונד אזו פריינדליך שפרעכין מיט איר , אונ דער צו נאך מיטלייד האבין מיט איינער ליידענדע וויא דיא דאלארעס איז ;

אם ענדע אלס דער מאן איהרער האט אפ געטרונקען דיא קאווע , האט ער איר דער לאנגט דיא בוטעלע וויין , אונ האט איר נאך אמאל געבעטין דאס זיא זאל

זאל זיך ניט פאר געסן מאכין פריא עס אוועק צו טראגין , אונ זאל למען השם
דיא בוטעלע וויין ניט פאר בייטין אויף איינע אנדערע ווייל דאס איזט איין
ליבע גישיינק , אונ איז זיך נאך דעם נעמען אפשייד פון איר אוועק אויף
אנאנצע נאכט , דען זיין אכט (ציין) וואס ווארר הוילע אנענקטווא , האט אים
גינעבין פיל מעהר צו שאפען בייא נאכט אלס בייא טאג :

אין איינער האלבע שטונדע ארום , איז גיקומען דיא אינעסא צו דער
מארגאריטע , זיא איז גיקומען גראדע אין דיזער צייט ווייל זיא האט גיוואוסט ,
דאס דאן וועט זיא שוין איר מאן ניט דער ווישען , אונ האבין זיך גיהאט
דייער פיל איינע דיא אנדערע מיט צו טהיילען , וויא מיר וועלין דא באלד
דער ציילין :

דיא אינעסא האט דער ציילט וואס דיא קייזערין האט אוים גישפראכין
איבער דעם אלימפיען נאך איהר דורך לעזען דעם בריף פון אים צו איר , דאס
הייסט ער מוז שטארבין אונ זיא דיא מארגאריטא האט איר ווידער דער ציילט ,
פון דעם זעלטין אויפטראג וואס זיא האט בעקומען פון איר מאן אוועק צו
טראגין איינע בוטעלע וויין צו דעם אלימפיא , אונ עס ווארדע אלזו שוין זייא
ביידין זייער לייכט צו פערשטיין , דאס דער אוים שפרוך פון דער קייזערין איבער
דעם אלימפיא שטייט אין איינעם גרויסין צוזאמענהאנג (שפאנונג) מיט דעם
אויפטראג (פארוצענע) וואס דער מאן איהרער האט איר פארוצעט אוועק צו
טראגין דיא בוטעלע וויין צו דעם אלימפיא , בפרט נאך דאס פריער ווארר בייא
אים דער באצאשי דער גיהיימער פאליטישער ווירג איינגעל (מלאך המות) :

„גיוואלד! האט זיך דיא אינעסא אפ גירופין „איז דיא בוטעלע וויין
פארגיפטעט , דאך ביי אלעם דעם זאלסט דו דיך מאכין ניט וויסענדיג , נור בייא
דעם אפ געבין אים דיא בוטעלע זאלסט דוא אים (דעם אלימפיא) פאר שטיין
געבין דאס דיזע בוטעלע וויין איז פערגיפטעט , אונ איבער הויפט זאלסט דוא
דיך היטין דאס דיין מאן זאל ניט וויסין דאס דוא ביזט איינע פריינדין פון דער
דאלארעס אונ פון דעם אלימפיא , דען דוא ווייסט נאך ניט ווער דיין מאן איז ,
אונ צו וועמען דוא ביזט גיווארין דורך דעם באצאשי פאר מאהערט , איך וועל
דיר איינע ווארהייט ענטדעקין וואס עס וועלין דיר דיינע ביידע אויערן גועלען
(קלינגען) , דיין מאן וואס האט זיך אנאמען גיגעבין מאריאנען , איז עס דער
פערדארבענער ענדעמא , דער פערפאלגער (רודף) פון דעם אלימפיא , דער
בעדריקער פון דיא דאלארעס , זיא זעלבסט האט עס מיר מיט גיטיילט בייא
מיינעם לעצטין בעזוך וואס איך האב איר גימאכט . אלזו האט ער דיך גיהייראטעט
ניט אוים ליבע צו דיר , נור אום צו זיין איין גוטער וועכטער אונ בעדריקער פון
דיא דאלארעס וואס ער שמאכטעט נאך איר שוין יארין לאנג וויא דוא ווייסט
עס שוין פון פריהער„ :

דיא מארגאריטע האט עס דער הערט איז זיא גיפאלין אין אונמאכט , אונ
עס האט גינוג גידויערט ביז זיא איז צו זיך ווידער גיקומען „א אזו איינע
שרעקליכע

שרעקליכע פערדארבינהייט ! האט זיא אויס גישריען · האב איך מיר קיין מאל פארגישטעלט , אזו וייט זאל מען מיט אונשולדיגע זיילין שפילין אום איינער בלויזין אינטריגע ווילין ! א גרויס איז נאט אונ גרויס איז זיין גידולד , דאך וועט עס איין גימאנט ווערין , דער ווייל אבער בין איך העכסט אונגליקליך צו זיין איינע פרויא פון אזו איינעם גיוויסין לאזין מענטשין״ , אם ענדע בעפאר דיא אינעסא האט שוין גינומען אבשייד פון איר זיינען זייא ביידע ארין צוא דיא דאלארעס וואס וואר בעוואכט נור פון פיר פרויען וואס ווארין בעשטאבין פון דער אינעסא זייער רייך , האבין זיך דארט מיט איר בעשפראכין איינע היפשע צייט , האבין איר מיט גיטיילט דיא פארוצענע פון דעם ענדעסא פון דעם אויס שפרוך פון דער קיינערין איבער דעם אלימפיא , עס וואר דארט פריער גיוויינט , נאך העד האט מען זיך גיטרייסט , דיא הענדע זיך געריבט (גיגעבין) דאס זייא אלע דרייא זאלין ארבייטין מיט אלע זייערע קרעפטין אום דיא בעפרייאונג פון דעם אלימפיען , אונ דער נאך אום דיא בעפרייאונג פון דיא דאלארעס , אויך האט דיא אינעסא גילערינט דיא מארגאריטע וויא אונ וואס זיא זאל שפרעכין מיט דעם אלימפיא אלס זיא וועט אים איבער געבין דיא בוטעלע ויין , איבער הויפט זיא זאל אים ערקלערין וויא שלעכט עס האלט מיט אים , דאמיט ער זאל אנווענדין אלע מיטלען צו אנטלייפין , אם וויינגסטען זיך איין צוא היטין פון איינער פאר גיפטונג :

11·

·דיא טיורמע·

דיא טיורמע אדער גיפיינגנים הויז שטייט לעבין דעם שטראם סעני אדער זיינע · דאס אירע הויכע שווארצע מויערין מיט איר טורעם שפיגעלט זיך אפ אין זיינע וועלין , אונ איינע שטריינגע וואך מיט גילאדענע ביקסן מארשירין טאג אונ נאכט אין אירעם גאנצין אומפאנג , אלע אירע צעלען ווארין אין דיא צייטין פון דיזעם נאפאליאן פול אונ פאק מיט פאליטישע פערברעכער וואס פלעגין אין קורצע צייטין פערשוואונדין ווערין , דאס מען האט ניט גיוואוסט וואו עס איז זייער גיבליין אהין גיקומען , אונ באלד אויס גיפילט מיט אנדערע גיפאנגענע , אלימפיא אונ דער מארקיז זיינען גיזעסין אין בעזונדערע צעלען , אלס אנגיקלאגטע דאס זייא ווארין אין בונד מיט דעם ארסיני אין דער העלען מאשינע , אונ וייל זייערע צעלען ווארין אויף דעם דריטין גארין , דאהער ווארין זייערע פענסטער אן גראטעס , דען מען האט עס גיהאלטין פאר גאנץ איבעריג אלזו וואר עס איינע אונמעגליכקייט צו אנטלייפין פון דארט , אונ אזו גאר דאס אלימפיא זאל זיך זעהען מיט דעם מארקיז , דען עס וואר דארט זייער שטארק אפ גיהיט דיא גיפיינגנים גיזעצע , ביא אלעם דעם וואר דיא צעלע פון דעם אלימפיא אפין פאר דיא אינעסא וואס האט גיגעבין איינע רייכע בעשטעכונג (שוחד) דעם אויבער וואַרטער (סמאטריטעל) , אום זיא זאל אים קענען מיט טיילין וואו עס האלט

מיט דער דאלארעס, אונ מיט אים, דיזער ציגאוניק וואס וואר איין גרויסער פאמיליען פאטער (איין סעמיינער מענטש), אונ זיין קליינעס גיהאלט וואר אלזו ניט הינרייכענד (גינוג) אום צו גינערין זיין הויז, האט זיך גילאזט ערקויפין פון דער אינעסא דיא ערלויבניס אריין צו ברייננגען אין דער צעלע פון דעם אלימפיא טינט אונ פעדער אונ פאפיר, אום צו שרייבין צוויא בריף וואס זיינען איבער גיגעבין גיווארין צו דער מארגאריטע בעלאנזע. עס וואר איינע האלדז ברעכענדע ערלויבניס וואס ער האט גיקענט דורך דעם ניט נור פערלירען דיא שטעלע זיינע, ער האט נאך גיקענט פאר שיקט ווערין דער פאר אין טיפין אלזיר:

איינער פון דיזע צוויא בריף איז איבער גיגעבין גיווארין דער קייזערין, אונ דער צווייטער איז איבער גיגעבין דיא דאלארעס, ביידע דורך דיא מארגאריטע, אונ ער וואר אלזו אין דר גרעסטע ערוואַרטונג צוא האבין איינע אנטווארט אויף זייא, דורך איינעם שרייבין, וועגין איין אום ווערקסלונג פון זיינער טרויעריגין לאגע אויף וואס בעסערעס אדער שלימערעס, אונ אלס ער האט דער הערט דאס עס דרייט זיך דער שליסעל אין שלאס, האט ער זיך אלזו אומגיווענדעט צו דער טיר וואס האט זיך באלד דארויף גיעפינט, אונ האט דער זעהען דאס אויף דער שוועלע שטייט איינע שיינע אונבעקאנטע דאמע, זיא איז באלד אריין אין דער צעלע צו אים וואס האט זיך באלד ווידר צו גמאכט הינטער איר, אונ זיא האט זיך אים אן גימעלדעט ווער זיא איז „איך היים מארגאריטע בעלאנזע“ האט זיא זיך אפ גירופין צו אים „מיין ערשיינען צו אייך איז נור אום אייך צו ווארנען אבער ניט אום אייך צו רעטירין, זייט וויסין דאס איר שוועבט אין גרויס גיפאהר, איין בעווייז דער פון קען אייך דינען דיזע בוטעלע ווין וואס וואר גישיקט דורך מיך צו אייך פון מיינעם מאן וואס איז אייער בלוט פיינד, דער ענדעמא מיט דער איינוויליגונג פון דער קייזערין, אונטער דעם נאמען אלס גישיינק פון דער דאלארעס צו אייך, דאמיט איר זאלט עס טרינקען אונ שטארבן, דען זיא איז פערגיפטעט, אלזו גיסט עס אויס אין אייער נאכט שטול דאמיט מען זאל מיינען דאס איר האט עס אויס גיטרונקען, אונ זייט אזו בעהוטזאם אויך אויף ווייטער, דען דיא קייזערין האט אויס גישפראכין איבער אייך דעם טויט, איין גליק איז אייך גישעהען דאס מיינע פריינדשאפט צו אייך איז זייא איין גיהיימניס“:

„איך דאנקע אייך מאדאמע!“ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו איר מיט איינער פרייליכען שטימע „נון וויל איך וויסען וואס מאכט מיינע דאלארעס“ „אייער דאלארעס“ האט זיא זיך אפ גירופין „איז לויב גאט גיזונד, עס פעלט איר נור אייערע בעפרייאונג אונ ווייטער גאר גיכטס, דען איך זעהע איר צו מיט וואס נור מעגליך“, „נון דאנקע איך אייך דער פאר בעזונדער“ האט ער איר גיענטפערט, באלד דארויף האט זיא אפ שייד גינומען פון אים אונ איז זיך אוועק פון אים אזו זכער וויא זיא איז גיקומען ניט אפ גיהאלטין גיווארין פון קיין וואך, ווייל דער ענדעמא וואס וואר וויא מיר ווייסן איין אגענט האט איר

גיגעבין

גיגעבין איין בולעט וואס וואר אונטער גישריבין פון דעם באציאשי דאס מען זאל איר אריין לאזין צו דעם אלימפיא מיט דער בוטעלע וויין, אונ אזו אויך ארוים לאזין, זיא איז ארוים פון דער קעלע (צעלע), אונ דער אלימפיא האט אן גיהייבין צו גיין אין דר קעלע אהין אונ הער וויא איין צו טראגענער, דען ער האט אן גיהייבין צו בעדיינקען זיך איבער זיינע טרויעריגע לאגע:

עס האט אן גיהייבין צו דונקעלען אונ אלימפיא האט זיך גיזעצט אויף דעם בעט אונ האט זיך גיקוקט אויף דיא בוטעלע וויין וואס איז גישטאנען אויף דעם טישעל, אונ דאן איז אריין דער שטראז האט אים אריין גיטראגין עסין אונ האט אן גיצונדין דיא לאמפע, אונ האט אים גיפרעגט ווארום טרינקט ער ניט דיא וויין, „אונ דוא טרינקסט ווען וויין“? האט אים דער אלימפיא גיפרעגט „וויא קום איך צו וויין“? האט אים דער שטראז גיענטפערט „איך בין אפאטער פון זעקס קינדער, גאט זייא דאנק דאס מיר ניט הונגערין אונ האבין דעם שטיקעל ברויט צו זאט“. „גאנצע זעקס קינדער האט איר“? האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין צו אים „איין צו שווערעס לאסט אום דורך צו וואנדערין מיט איר דיא וועלט אין ארעמען שטאנד, איך בעדויערע אייך, אלזו ווען איך וועל אייך געבין צו טויזינד פראנק פאר יעדעס בעזונדער וועט איר מיר שטיין צור דינסט אין וואס איך וועל אייך דארפין ברויכין“? „איך פערשטייא וואס איר מיינט“ האט אים דער שטראז גיענטפערט „איר מיינט דאך פערגיוויס דאס איך זאל אייך געבין איינע גילעגינהייט צו אנטליפין פון דאנען, אונ דיזעס שטייט ניט אין מיינער מאכט, גיזאגט איך וועל אייך לאזין אפין (אונפערשלאסין) דיא טיר פון דער צעלע, דיזעס אבער וועט אייך צו גאר ניסט פירען, דען דיא בעוואכונג איז גרוים פון אלע זייטין“. „דער ווילע ברינג מיר“ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „טינט אונ פעדער מיט אהאלבין בויגין פאפיר“. „דיזעס זאל באלד גישעהען“ האט ער אים גיענטפערט, אונ האט עס אים אויף דער שטעלע גיבראכט, אונ דער אלימפיא האט וואס אויף גישריבין אויף אים זייער דייטליך, אונ האט עס אים גיגעבין זאגענדיג דיזע ווערטער „דיזעס שיינקע איך דיר“ דער שטראז האט צו גיטראגין דיא שריפט צו דער לאמפע אונ האט גיפונען גישריבין נור איינע צייליע וואס האט גילויטעט אזו „איך בעטע דעם הערען מירעס דאס ער זאל געבין דעם איבער ברייגגער פון דיזער שריפט זיבין טויזינד פראנק, אלימפיא אגואדא“.

„דער שטראז האט זיך ניט גיקענט האלטין אויף דיא פים פאר פריידין“ א עס איז מעהר געטליך גיהאנדילט פון אייך אלס מענשליך, נאך וואר קיין טרייער דינער אזו גילוינט, אונ נאך האב איך ניט דאס מינדעסטע גיטאן פאר אייך, פערגיוויס מוזט איר איין שפאס טרייבין מיט מיר „גיין מיין פריינד“! האט ער אים גיענטפערט „איך מיין ערינסט, דיא זיבען טוזענט פראנק בלייבין אייערע, איך טוא עס נור אוים הויליער מיטליידען מיט אייך, אונ דאנקעט בעסער גאט אלס מיר“ דער שטראז האט אים גיקוסט דיא הענט, אונ האט זיך

בעאיילט

בעאיילט צו זיינער פרויא צו ערפרייען איר מיט דיזעם אונגיהאפטין גליק :

12.

איינע הירטען שצענע אין פאנטענעבלא.

דער פאריזער הויף האט זיך אויף אקליינע צייט איבער גיקליבין אין דעם אלטין גרויסין שלאס פאנטענעבלא וואס האט לעבין זיך איינעם גרויסען איינגלישען גארטין , וואס וואר איינגעריכטעט פאר אלער האנד פערגעניגונגען אונ לוסטבארקייטען וואס דיא עווגעניע וואר גאר קיין פיינדין דער פון , נאפאליאן זעלבסט וואר דארט איין צו שויער פון דיא אוים גילאסענסטע שצענען וואס האבין דארט פאר גישטעלט דיא הויף דאמען , וואס זייערע אנפיהרערין וואר דיא גראפינע מעטערניך , וואס האט דאן גישפילט אגרויסע ראלע אין דער עלעגאנטער וועלט מיט איהרע קאקעטעריא אונ שארפין וויץ .

אין דיזעם אווינד פון וועלכעם מיר זיינען דא אין בעגריף צו בעשרייבין , וואר דארט אין דיא גרויסע זאלין איינע גלענצענדע פערזאמלונג פון פארנעהמסטע הערען אונ דאמען , אונ דיא גאנצע קייזערליכע פאמיליע , עס וואר דארט דיא פרינצעסין מאטילדא , דיא הערצאגין קאנט , דיא גראפינע עסלינגען , דער גראף מעטערניך , דער פרינץ נאפאליאן , פילע מיניסטארין , גיזאנדעטע , פילע יענעראלין , מאקמאהאן אונ קלאפערעדא , אונ איבער הויפט דיא גראפינע מעטערניך , דיא דאמען ווארין בעשאטין מיט בורלאנטין אונ האבין געפלימערט (גישיינט) וויא לעבענדיגע בלומען וואס זיינען בעשפריינקעלט מיט דעם מארגין טויא געגין דער אויפשטייגענדע זאנע , דיא זאלין האבין גירוישט פון זיידענע דאמען קליידער אונ פון דעם געקליר (קלאנג) פון דער שווערטער (שווערד) וואס ווארין אנגישנאלט אויף דיא היפטען (זייטין) פון דיא הערען :

עס האט ניט לאנג גידויערט אונ עס האט אין זאל ערשיינט דער נאפאליאן מיט דער עווגעניע אונ מיט דער גאנצען שוויטע , עס וואר דארט אין דיזעם אווינד דיא אוים גילאסענסטע פרייהייט , עס האט זיך איינער איבער דעם אנדערין געוויצעלט געקריטעלט , אונ מען איז פאר טויבט גיווארין דארט פון דעם שאלענדין גילעכטער , נור ביא זייער ביידינם אריין טרעטין איז גיווארין דער גערייש פלעצליך געדעמפט (פערשטיקט) , אונ עס האט זיך אן גיהייבין צו בילדין אגרויסער קרייז ארום דיא עווגעניען פון דיא פארנעהמסטע הערען אונ דאמען וואס ווארין דארט , אונ וואס ווארין פון איר איבער שטראהלט וויא דיא זיבין וואנדעל פלאנעטין (שטערין) פון דער זאנע , זיא וואר דאן פון יעדין בעזונדער דארט גיהייבעלט , גישמייכעלט , געלאבט אונ געפריזין , אם צווא דרינגליכסטין צו איר אבער וואר דאן דער גראף טאשע דע לא פאזער וואס וואר איר אבער צערעמאני מייסטער , דען ער האט גיהאט דאן וואס וויכטיגעם מיט צו טהיילין איר , עווגעניע האט עס אן גימערקט . אונ האט אוואונק גיטאן דאס

מען

מען זאל אים צו לאזין צו איר, „איך בין אין דער מיינונג„ האט זיא זיך אפ גירופין צו אים אלס ער וואר שוין לעבין איר „דאס איר האט מיר וואס צו זאגן„ ?.

„אזו איז עס„ האט ער איר גיענטפערט „עס איז אבער פאר איינעם אנדערין אין גיהיימניס„ קוים האט דער גראף דיזע ווערטער אוים גישפראכין, האט זיך דער גאנצער קרייז וואס וואר ארום איר צו שפרייט אונ צו זייט, דאס זיא איז גיבליבין מיט דעם גראף נור אליין, אונ דאן האט ער זיך אפ גירופין צו איר „איך האב אייך איינע גרויסע אונשרעקליכע נייאיגקייט מיט צו טיילין, היינט אין דער פריא האט מען דער וויסט אין דער צעלע פון דעם יענעראל אלימפיא גיוויסע שפורען (שלאדעס) פון דעם אונגליק וואס האט אים גיטראפין אין דיזער נאכט, מען האט דער וויסט דיא בוטעלע ויין וואס מען האט אים נעכטין גיבראכט גאנץ ליידיג, פערגיוויס האט ער איר אוים גיטרונקען, אונ וויא עס ווייזט אוים האט זיא גיהאט איינע שעדליכע ווירקונג אויף אים, ער איז גיווארין פערגיוויס גאנץ פערריקט (משוגע) פון איר. דען מען האט דער וויסט אפ גיריסענע שטיקער פון זיינע קליידונג, אונ אויך שפריצין בלוט אין פילע ערטער אונ ער אליין איז ניט דא, אלזו איז ניט אנדערס דאס ער האט זיך גימוזט ארוים ווארפין דורך דעם פענסטער (וואס מען האט דער וויסט אפין) אין דער זיינע (אזו אטייך וואס פליסט דורך פאריז הארט לעבין דער טיורמע)„ :

„עס איז איינע שרעקליכע נייאיגקייט„ האט זיך דיא עוגעניע אפ גירופין מיט איינער גימאכטע טרויעריגע מינע, אונ האט דעם גראף גיבעטין דאס ער זאל דער פון ניט ריידין דא, דען עס וועט גישטערט ווערין דורך דעם דיא פריידן פון דיזין אווינד, אין הערצין אבער וואר זיא העכסט צופרידין דאס זיא איז לויז גיווארין פון אזו אמענטשין וואס האט איר גידראהעט (שטראסעט) צו ענטדעקין אזו אזאך פון איר וואס קען איר העכסט אומגליקליך מאכין, קוים איז זיא לויז גיווארין פון דיזעם גראפין וואר דיא ערסטע פערזין וואס איז איר ארין גיפאלין אין אויג, „דער יונגער מאן באמירא פאן טעבא איין פארנעהמער שפאניער וואס איז גישטאנען דארט צוזאמען מיט דעם שפאנישין גיזאנדעטין אלצאנא, אונ מיט דעם מארשאל פרים, וואס נאפאליאן האט דאן מיט אים גישפראכין איבער דעם קריג וואס ער האט דאן גיוואלט שוין אונטער נעהמען געגין מעקסיקא, אונ וואס עס וואר שוין אלץ צו גיקליבין דער צו, אונ אלס דיא עוגעניע האט נאך איר בליק ניט צוריק גיצויגין פון דיזעם יונגען שפאניער, דען ער וואר אן גיצויגין פון אים וויא דורך איין צויבער, אונ זיא וואר דורך דעם העכסט בעוועגט אונ בעאונרוהיגט, האבין זיך דאן אין זאל צוזאמען גישטעלט פיר פאר יונגע לייט דאמען אונ הערען וואס ווארין שיין איבער דיא מאסין (איבערין שיעור), אונ האבין זיך (וויא עס האט אוים גיזעהען) צו גיקליבין צו טאנצין איין קאדריל, איין קאדריל וואס איז גאנץ אונבעשיידין (ניט צניעדיק) אונ העכסט אונמוראליש, דען אזו וואר עס ארוים צו זעהען פון דיא קאסטיומען (אנצוג) וואס זייא האבין אויף זיך גיטראגין דיא טענצער אונ דיא טענצערינען, דיא דאמען ווארין

גיקליידעט

געקליידעט וויא דיא ארקאדישע (גריכישע) הירטינען מיט זיינע בלויזע שולטערן (אקסלען) אין קורצע יופקעס אין קליינע קופעלוסקעס אונ געבלויזטע פים, דיא הערען ווארן געקליידעט וויא דיא גריכישע הירטען אין טריקא, זייא ווארן האלב מאסקירט, דאך האט מען גקענט זייער לייבט דער קענען ווער יעדער אונ יעדע פון זייא זיינען, אלע פון דיא גרעסטע הויפליטע, דער קאדריל וואר געטאנצט העכסט קינסטליך אונ פייעריג, די פאזיציאנען גינוג דייטליך, דיא ליבע זעלבסט. דיא וואהל לוסט אליין וואלט זיך שוין ניט געקענט בעסער אויס דריקין, אונ אונפערשעמטער זיך צייגין אלס דיזע טענצער אונ טענצערינען אין דער געגענווארט פון אזו איין גלענצענדן פובליקום, עס איז געפאצט געווארין בראווא איבער בראווא, עס וואר געלאכט, אונ דאך אויך זייער שטארק אריין גערוינט זיך (אריין געסורעט) זיך אין דיא אויערין:

דיזער טאנץ ווערט אן גערופין ביא אונז מיט דעם פערופענעס נאמען קאנקאן, ער ווערט געטאנצט נור פון פיילע (פאדלע) דירנען (מאדען) אונ פון נאט לויזע יונגען, אונ ניט בעסער פאר זייא זיינען אויך דיא וואס זעהען עס צוא, אונ דארט ווארין דיא צו שויער דיא גרעסטע פון דעם אדעל, אונ דער קייזער זעלבסט מיט זיינער פרויא גינוג געזונקען:

גיין דער מיט אליין וואר נאך ניט צוא ענדע דיא הירטען דראמא, גיין מען איז נאך ווייטער געגאנגען, אין דיזער צייט וואר אין פאריז איינע געוויסע זיינגערין טערעזא וואס וואר העכסט גערימט אין גאנץ פראנקרייך, זיא האט געשפילט דיא גרעסטע ראלען אין דיא גרעסטע אפערין, אויס געצייכינט האט זיא זיך אבער אין איר זינגען דיא קאדרילען פון קאנקאן, אלזו אום דיזען פעסטליכען (יום טובדיגע) אווינד צו בעקריינען מיט נאך אזו אפערגעניגין וויא עס וואר, דער ערסטער האט זיך דיא הערצאגין מעטערניך אויס געלערינט פון דיזער פיילע (פאדלע) זיינגערין איינינע קאדרילען פון קאנקאן, אונ האט עס נאך דעם טאנצין אליין געזונגען פאר דיא גאנצע פערזאמלונג מיט דער בעגלייטונג (צו האלטונג) פון איינער רוישענדע מוזיקע, אונ איז געווארין העכסט בעלויבט פון דיזעם לויכטענדין פובליקום, זיא האט אבער קיין צייט געהאט אויס צו זינגען אלעס וואס זיא האט פון דער זיינגערין ערלערינט, דען זיא איז געשטערט געווארין דורך אגרויסין לארעם וואס עס איז געווארין אין זאל:

דען פלעצליך האט דארט ערשיינט איין אונגעבעטענער גאסט, אונ דיזער וואר קיין אנדערער אלס דער קאמעראטא וואס עס האט אים געגליקט צו אנטלייפין פון דעם טייוויל אינזעל, ער איז געווארין ערקענט, ערגריפין, אונ באלד אויף דער שטעלע ערשטאכין געווארין דורך דיא אגענטין אויף דעם בעפעלע פון דעם באציאשי, דער ערסטער וואס האט אין אים אריין געשטאכין דעם ערסטין דאלך וואר דער ענדעמא, וואס האט דאן געדינט אלס אגענט ביא דעם באציאשי, אזו איז דיזע שמוציגע הירטען דראמא בעפלעקט געווארין נאך מיט איינעם מענטשין מארד, אונ אזו וואר דיא ענדע פון איינעם דער געליבטין עוונגענים

וואס

וואס האט מיט איינער שטונדע פריהער שוין אויס גישפראכין דעם מארד פון איר ערסטין געליבטין אלימפיא, אונ זיא וואר נאך דער פון העכסט צופרידין:

13.

ראמירא־פאן טעבא

מיר האבין פאר לאזין דעם פרינץ קאמעראטא מיט דעם זואן ראנגלענדינג זיך מיט דיא וועלען פון מעער, עס האט זייא העכסט גילונגען (געגליקט) דאס אנטלייפין פון דער אינזעל, דאך בייא אלעם דעם האט זייא גידראהעט (גישטראסעט) גיפאהר פון אלע זייטין וויא מיר האבין שוין פריהער גישריבין, אגאנצע נאכט וואר זייא גידרייט אונ געיאגט פון שטורעם, מעהר אלס איינמאל האט זיך זייער שיפעלע אויס גיקערט מיט זייא אינם מעער אונ האבין זיך צוריק אריין גיחאפט אין איר, זייא ווארין דורך גינעצט, פערקילט, אונ דאך האבין זייא דעם מוטה ניט פאר לארין אונ האבין זיך אגאנצע נאכט גיראנגילט מיט דעם מעער אונ מיט דעם ווינט, אונ ווארין אזו אומגיטריבין גאנצע דרייא טעג אלץ ווייטער צום זידען (דרום), ביז זייא האבין דער זעהען פון ווייטין אפאראווע שיף, דער זואן וואס האט גיהאט בייא זיך איין גילאדענעם פיסטאלעט אונ איין איינגישלאסענעם פוטראל, האט מיט אים אויס גישאסין, אונ דיא שיפס לייטע האבין ארוים גישיקט איין קאן מיט זעקס מאטראזין אונ מען האט זייא אריין גינומען אין שיף, דער שיפס קאפיטיין וואר איין שפאניער, ער האט זייא אויף גינומען זייער פריינדליך, ער האט זייא גיזאגט דאס זייא זיינען וויט הונדערט מייל פון דעם טייוויל אינזעל, אונ דאס ער זעגעלט נאך קאדיקס, זייא ווארין זייער גוט גיהאלטין אויף דער שיף דיא גאנצע צייט ביז זייא זיינען גיקומען אהין, זייא האבין אים גיוואלט בעצאלין פאר אלע קאסטין, ער האט אבער בייא זייא קיין גראסין גינומען, דען עס איז איין מאל אזו דיא גיזעצע דאס דיא וואס ווערין רעטירט מוזין אומזאנסט בעזארגט ווערין מיט אלעם, דער קאמעראטא האט דארט אין שפאניען בעקומען זייער פיל געלט פון זיינע פעטער (פאסעסארן) דען ער האט דארט גיהאט זייער פיל גיטער, אונ איז פון דארט מיט דעם זואן אוועק צוריק קיין פאריז, אונ דארט האבין זייא זיך דער וויסט פון דעם וואלענטינען דאס דער מארקיז מיט דעם אלימפיא זיינען גיפאנגען אונ איינגישפארט אין דער טיורמע:

דיזע נאכריכט האט גימאכט איין שרעקליכין איינדרוק אויף זייא ביידין, דאס דער קאמעראטא האט בייא זיך בעשלאסין צו פאר נעהמען זיך מיט נייע גיפערליכע פראיעקטין, ער האט עס אבער נימאנדין גיזאגט, זעלבסט ניט דעם זואן וואס ער האט אים בעזארגט מיט אקליינע אנשטעלונג בייא דער שפאנישע גיזאנדשאפט וואס איז אין פאריז אין דער שטראזע דע ארסי נומער 25, אונ אליין האט ער זיך פערלארין אין איינעם פון דיא פערשלאגענסטע ערטער פון

פאריז וואו ער האט זיך דארט גידונגען אקווארטיר אויף איין אנדער נאמען , דאס זעלבסט דער זואן האט ניט גיוואוסט וואו ער איז אהין גיקומען , אונ האט זייער שטארק גיביינקט נאך אים , ער (דער קאמעראטא) האט עס אזו גיטאן אום נור דאס מען זאל פון אים ניט וויסין אין פאריז , אונ דאס דער זואן זאל אים אפ שלאגין פון זיינעם נייעם גיפעהרליכע פראיעקט :

דער זואן וואס וואר אן גישטעלט ביי שפאנישען גיזאנדטין , ביי דעם אלצאגע , האט גיהאט אלזו איינע גוטע גילעגינהייט צו ווערין בעקאנט מיט דעם יונגען גראפען פאן טעבא , וואס וואר דער קאנצלער פון דעם אלצאגע , אונ זיינען גיווארין אין אקורצע צייט דיא בעסטע גוטע פריינד צווישין זיך , וואס דיזעס האט העכסט גיפרייט דעם אלצאגע וואס האט העכסט ליב גיהאט דעם ראמירא פאן טעבא , אונ איז גיווארין צו ליב דעם אויך דעם זואן זייער גוט , אונ דער זואן האט זיך גיפילט גליקליך ביי זיינער נייע אנשטעלונג , נור צוויא זאכין האבין בעטריבט זיין יונגעם הערץ , ערסטינס דאס דער אליספיא מיט מארקיז זיינען גיפאנגען , אונ צווייטינס וואס ער וויים ניט וואו עס איז אהין גיקומען דער קאמעראטא וואס ער האט גיזאגט פאר אים זיין לעבין , דער יונגער גראף ראמירא פלעגט אים אימער צו טרייסטין , דאס מיט דער צייט וועט ער זיך מיט זייא ווידער זעהען , אונ וועט פערלעבין מיט זייא נאך גוטע טאגע , דיזע רייד אבער ווארין אים אבער דורך גילאפין דורך זיינע ביידע אויערין אבער ניט אריין אין הערצין :

אין אפאר טעג ארום נאך דעם פייער טאג וואס וואר אין פאנטענעבאל , דאס הייסט דיא שעפער דראמא , האט זיך דער אלצאגע דער שפאנישער גיזאנדטער בעשלאסין דאס ער זאל דעם ראמירא פאן טעבא ענטדעקין איינע גרויסע גיהיימנים , ווייל ער האט איין גיזעהען , ערסטינס דאס דיזער יונגער מאן איז שוין גינוג אמענטש דאס מען קען אים אן טרויען איין גיהיימנים , צווייטינס ווייל ער (אלצאגא) איז גיווארין זייער אונפאס , דען עס האט זיך אים אפ גירופין עפעס איין אלטער גיפעהרליכער פעהלער , דא האט ער ביי זיך גידאכט „פיליכט איז דער מארגין שוין ניט מיינער" אונ דאן וועט ער זיך פערזינדיגין געגין דיזין יונגען מאן איינע אונפערצייהליכע זינדע :

„הער צו מיין ליבער ראמירא פאן טעבא" האט ער צו אים גיזאגט דאן אריין רופענדיג אים צו זיך אין קאבינעט „איך וויל דיר ענטדעקין איינע זאכע וואס דיר איז עס העכסט נייטיג צו וויסין , אבער מיט דעם בעדינג דאס דוא זאלסט אויך וויסין צו שווייגין , איך וויל דיר ענטדעקין ווער דיינע ריכטיגע עלטערין זיינען , דיין פאטער בין איך אונ דיינע מוטער איז דיא עוועניא , דאהער איז מיינע גרויסע ליבע צו דיר פון דיינער קינדהייט אן , אונ דאהער דיא גרויסע פריינדליכקייט פון דער עווגעניע צו דיר , אלס זיא וואר נאך איינע האפדאמע ביי דער איזאבעלע דארט אין שפאניען , האבין מיר אונז פייערליך געליבט , אונ אלס זיא וואר אין ארעגיוניען איז זיא מיט דיר שוואנגער גיווארין

פון

פוּן מִיר , אוּנ מִיר הָאבִּין אַלְזוֹ גִימֵיינְט צוּ פֶערְהֵיירַאטְהֶען זִיךְ , דִיא מוּטֶער אָבֶּער אִיהְרֶע וָואס הָאט גִיהַאט אוּיס זִיבְּטִין אוּיף פְּרִינְצֶען אוּיף פִּירְשְׁטִין הָאט עֶס נִיט דֶער לָאזִין , אוּנ אִיךְ הָאבּ גִימוּזְט וַוייבִּין פוּן מַאדְרִיד צוּ לִיבּ אִיר אֵיינִיגֶע יָאר. דֶען אִיךְ וַואר נָאךְ דַאן קֵיין גִיזַאנְדֶעטֶער נוּר אֵיין לֶעהְרֶער פוּן דִיא אִינְפַאנְטֶען , דוּא בִּיזְט גִיבָּארִין גִיוָוארִין גַאנְץ אִינְם גִיהֵיים , אוּנ אַזוֹ אוּיךְ עֶרְצוֹיגִין גַאנְץ אִינְם גִיהֵיים , מִיר בֵּיידֶע הָאבִּין גִיזָארְגְט פַאר דִיר וִויא דִיא צֶערְטְלִיכְסְטֶע עֶלְטֶערִין , מִיר הָאבִּין דִיר גִינֶעבִּין דִיא בֶּעסְטֶע עֶרְצִיהוּנְג , בִּיז דוּא בִּיזְט אַרוֹיס פוּן דֶער מִילִיטֶער שׁוּלֶע אוּנ אַרַיין אִין קְרִיגֶעס דִינְסְט מִיט דֶעם טִיטֶעל גְרַאף . דֶען דוּא בִּיזְט עֶס פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים , אוּנ דַיין נָאמֶען פָאן טֶעבַּא אִיז צוּ לִיבּ דֶעם אַלְטִין שְׁלָאס וָואס דִיא עָווֹגֶענְיֶע הָאט דִיר גִישֵׁיינְקְט בַּייא דַיינֶער גִיבּוּרְט וָואס הֵייסְט פָאן טֶעבַּא , זִיא הָאט עֶס אַלְס אֵיינֶע עֶרְבְּשַׁאפְט פוּן אִיהְרֶעם אַגְרוֹיס פָאטֶער , אִיךְ הָאבּ עֶס דִיר בִּיז אַהֶער פֶערְשְׁוִויגִין . וַוייל דוּא בִּיזְט נָאךְ צוּ קִינְדִישׁ גִיוֶועזִין אוּם צוּא בֶּענוּצִין זִיךְ דֶער מִיט , פַאר קֶערְט דוּא וָואלְסְט זִיךְ דֶער מִיט נָאךְ פִיל מֶעהְר גִישַׁאדֶעט , דֶען וַוייהֶע דִיר אוּנ וַוייהֶע אוּנְז בֵּיידִין דָאס עֶר (נַאפָּאלְיָאן) זָאל זִיךְ דֶער פוּן דֶער וִויסִין , דִיזֶעם גִיהֵיימְנִיס אִיז אֵיין מָארְגֶענְלֶענְדִישֶׁער שַׁאץ (אוֹצָר) דָאס דֶער פִינְדֶער (גִיפִינֶער) קֶען זִיךְ דֶער מִיט עֶרְפְרֵייעֶן , נוּר אַזוֹ לַאנְג דֶער סוּלְטַאן ווייס נִיט דֶער פוּן , דֶען דַאן נֶעמְט מֶען בַּייא אִים צוּא דֶעם שַׁאץ מִיט דֶעם לֶעבִּין צוּ גְלַייךְ :

דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז גִיבְּלִיבִּין שְׁטֵיין גַאנְץ פֶערְבְּלִיפְט (צוּ מִישְׁט) , עֶס הָאט גִידוֹיעֶרְט אֵיינִיגֶע מִינוּטִין בִּיז עֶר אִיז צוּ אֵיינֶער בֶּעזִינוּנְג גִיקוּמֶען , אוּנ דַאן אִיז עֶר אַרַיין גִיפַאלִין דֶעם אַלְצַאגֶען אִין דִיא אָרֶעמְס , הָאט אִים גִיקוּסְט אוּנ גִיוַויינְט , אוּנ דַאן עֶר אִים אוּיךְ «אוּנ וַוייהֶע דֶעם קִינְדֶע» ! הָאט זִיךְ דַאן דֶער רַאמִירָא אָפּ גִירוּפִין שְׁלוּכְצֶענְד «וָואס דַארְף זִיךְ נִיט וַואגִין צוּ זָאגִין וֶוער זַיינֶע עֶלְטֶערִין זַיינֶען» . «אוּנ וַוייהֶע דֶעם גֶעלִיבְּטִין» הָאט זִיךְ דֶער אַלְצַאגֶע אָפּ גִירוּפִין «וָואס דַארְף צוּא זֶעהֶען זַיינֶע הֵיים גִילִיבְּטֶע , אַלְס פְרוֹיא אֵיינֶעם אַנְדֶערִין» , קוּרְץ דֶער פוּן עֶס וַואר אוּנְטֶער זֵייא אֵיין וַוייטֶער אוּנ טִיפֶער גִישְׁפְּרֶעךְ אִיבֶּער דֶעם , דָאס הוֹיפְּט דֶער פוּן וַואר נוּר אֵיינֶע לֶעהְרֶע פוּן דֶעם פָאטֶער צוּ דֶעם זוּן , דָאס עֶר זָאל וִויסִין וִויא זִיךְ צוּם נוּצִין מַאכִין דִיזֶע גִיהֵיימְנִיס , אוּנ וִוידֶער וִויא זִיךְ צוּ הִיטִין דָאס זִיא זָאל אִים נִיט גִיפֶעהְרְלִיךְ וֶוערִין . דֶער וַוייל אִיז דִיזֶער רַאמִירָא גִיוָוארִין הֶעכְסְט אוּנְרוּהִיג דוּרְךְ דִיזֶע גִיהֵיימְנִיסֶע , אוּנ אִיז קוּמֶענְדִיג צוּרִיק אוּיף זַיין קְוַוארְטִיר אוּמְגִיגַאנְגֶען הִין אוּנ הֶער אִיבֶּער דֶעם צִימֶער וִויא אֵיין פֶערְשֵׁייכְטֶער פָאגֶעל :

אִין דֶעם אִיז אַרַיין צוּ אִים אִין צִימֶער דֶער זוֹאַן הֶעכְסְט פֶערְקִימֶערְט אוּנ פֶערְקְלָאגְט , דֶער רַאמִירָא אִיז אִים גִיקוּמֶען אַנְטְקֶעגִין אוּנ פְרֶעגְט אִים וָואס אִיז דִיא אוּרְזַאךְ דֶער פוּן «אֵיין אוּמְגְלִיק» ! אֵיין אוּמְגְלִיק ! הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט «מֶען הָאט דֶעם פְּרִינְץ קָאמֶערַאטָא עֶרְמָארְדֶעט» ! «אוּנ וֶוער ? אוּנ וִויא אַזוֹ וַוייסִין זֵייא עֶס» ? הָאט אִים דֶער רַאמִירָא גִיפְרֶעגְט «וָואצוּ דֶער פְרֶעגִין» הָאט עֶר אִים

גיענטפערט

גיענטפערט „ווען איר ווייסט עס, מען האט דאך אים ערמארדעט דארט אין כאנטעגעבלא אין דער נאכט פון דר שעפער דראמא, איר ווארט דאך אויך דארט, מען האט אים ערשטאכין דארט אין איינעם זייטין צימער". „איך ווייס ניט דער פון" האט אים דער יונגער אפיציר גיענטפערט „נור ווער האט עס גיהייסין"? „קיין אנדערער" האט זיך דער זואן אפ גירופין „אלס דער באציאשי אויף דעם געהיים פון דער עווגעניע". „אויף דעם בעפעהל פון דער עווגעניע"? האט זיך דער ראמירא אפ גירופין פערטאבענדיג זיך דאס גיזיכט אויס שאנדע, אונ פערווינצענדיג זיך זיין לעבין, אונ צו גלייך דיא מינוט וואס ער איז גיוואר גיווארין דאס דיא עווגעניע איז זיינע מוטער „א מיין פריינד"! האט ער זיך צו אים ווייטער אפ גירופין „ווען אזו וואהר איז וויא דוא זאגסט, דאס דיזער מארד איז גישעהען נור אויף איר בעפעהל, קענען מיר ביידע אלזו ניט אונטער איינעם דאכע וואונען, אונ קען דיר אלזו ניט גלייך אין דיין גיזיכט קוקין, דען דיא עווגעניע איז מיר העכסט אנפערוואנדעט (דיא נאהענסטע קרובה), מיר מוזין אונז שוין אין דיזער מינוטע איינער פון דעם אנדערין שיידין, דאך אונזערע פריינדשאפט בלייבט דיא זעלביגע, לעבע וואול זואן, איין גוטער איינגעל זאל דיך פירין אויף אלע דיינע וואנדערונג, דען דוא וועסט נאך מוזין פילע צייטין אומאירען אין גאטעס וועלט ביז דוא וועסט דיין ערווינצטען ציל בעקומען, לעבע וואול זואן, גאט ווייס ווען מיר וועלין אונז ווידער זעהען, אין אפאר טעג ארום פערלאסע איך פאריז אונ ציהע צוריק אין אונזער פאטער לאנד, קיין שפאניען, קיין מאדריד, איך קען שוין דעם פאריזער עלימענט (יסוד) ניט ערטראגין":

זואן איז גיבליבין שטיין גאנץ פערניכטעט זעהענדיג וואס פאר איינע ווירקונג עס האט גימאכט אויף דע: געמיטה פון דיזען יונגען מענטשין דיא נאכריכט דאס קאמעראטא איז ערמארדעט גיווארין אויף דעם בעפעהל פון דער עווגעניע וואס וואר אים ביז אהער איינע גיהיימניס דאס זיא איז אים העכסט פערוואנדעט, אונ ביא אלעם דעם האט זיך דער זואן נאך גיקענט פאסין (זיך איין האלטין) ניט איין צו דרינגען אין אים מיט נייגעריגע פראגין דאריבער, דען ער האט פון זיינעם קורצין אנטווארט פערשטאנען דעם גאנצין גרונד פון דיזער זאכע, אונ האט וויליג גינומען פון אים אבשייד, איין ווארעמען אבשייד מיט דער בעטהייערונג (פערזיכערונג) דאס זיינע פריינדשאפט צו אים בלייבט דיא זעלבע, אונ דאס זיא וועט אים גאך איבער לעבין, אונ איז פערטיג צו דינען אין אלע פעכע ביא יעדער גילעגינהייט, אונ האבין זיך גישיידעט אונטער איינעם שטראם פון הייסע טרערין:

אין דעם זעלביגין טאג האט דער ראמירא בעקומען איין בריף פון דער עווגעניע, עס איז אבער ניט אונז צו וויסין, צו זיא האט אים דיזין בריף גישריבין אויס איינענעם הערצענס טריב (נייגונג), אדער דורך דיא בערעדונג פון דעם אלצאגען וואס ער האט גיוואוסט דאס דער ראמירא זייער זון וועט אין

דיזע

דיזע מאנין אפ רייזין נאך מאדריד , אונ דיזין בריף וואר געשריבין אח :
„איך זאלט קומען צו מיר מארגין אווינדס אין דעם שלאס מאלמאיסאן ,
אונ ווען איר ווילט היילין מיין הערץ אונ זיילע וואס איז אייך פיל נעהענטער
אלס איר ווייסט , זאלט איר דיזען פערלאנג מיינעם פינקטליך ערפילין , דען איך
ווינצע צו זעהען אייך נאך איין מאל פאר אייער אוועק פארין , אונ צו שפרעכין
מיט אייך גאנץ אליין אן דעם ביא זיין איינעם אנדערין" :

14.

„דער שלאס מאלמעזאן"

אין דעם רייעלענסקין וואלד איז אויף געבויט איין אלט גרויער שלאס וואס הייסט מאלמעזאן , עס האט אין אים מיט איאר פופציג צוריק געוואונט דיא קייזערין יאזעפינע , דיא ערסטע פרויא פון דעם נאפאליאן דעם ערסטין נאך דעם שיידין זיך פון אים , אונ זיא איז אויך דארט געשטארבין אין דעם יאר 1814 אין דעם מאנהייט מאי , אונ איז דארט אויך בעגראבין אין דער קליינע קירכע וואס דארט איז , אונ וויל נאפאליאן דער דריטער וואר איין איינינקעל פון דיזער יאזעפינע , האט ער אים געלאזט ראפערירען , אונ פלעגט זייער אפט צו קומען אהין , אונ אזו אויך דיא עווגעניע אונ דיא גאנצע פאמיליע , צוא פאר ריכטין זייער געבעט אין דיזער קירכע , אונ ביא אלעם דעם ווארין זיינע צימערין צו געבליבין הערליך אונ פרעכטיג :

אלס דיא זון האט זיך שוין אראפ געלאזין , איז אן געפארין איין עקיפאז צו דיזען שלאס אונ עס איז ארויס פון אים איינע פערשלייערטע דאמע , אונ דיזע וואר קיינע אנדערע וויא דיא עווגעניע אליין , זיא איז אן געפארין אהין גאנץ אוננעריכטערהייד , ביא אלעם דעם האט זיא דער וויסט דארט אלץ אין געהעריגער ארדענונג , אונ דער קאסטעלאן האט באלד אויף געשלאסין דיא קאפעלע (קאפליצקע) , דען ער האט געמיינט דאס זיא איז געקומען אהער נור אום איר געבעט צו פאר ריכטין , אונ האט איר צו גלייך געפרעגט צו זאל ער ליכט אן צינדין , „נור איינע" האט זיא אים געענטפערט , אונ איז ארין אין איר , האט זיך פערנייגט נעגין דאס היילינע בילד וואס וואר דארט , אונ פון דארט איז זיא ארין אין אקליין צימעריל וואס וואר דער איינענטליכער געבעט הויז פון דער יאזעפינע , ער וואר גאנץ איינפאך צו געבליבין , מיט פראסטע הילצערנע מעביל , אונ אלעס וואר דארט אין דער זעלבינע שטעלונג (ארדענונג) וויא עס וואר אין דעם טאג פון דער יוזעפעס שטערבין , עס איז נאך געלעגין דאס זעלבע געבעט בוך אפין אין דער זעלבע שטעלע וואס זיא האט געהאלטין ביא איר לעצטע געבעט פון אים , דעם ערסטין מאל אין איר לעבין האט זיך איר (דער עווגעניע) דארט אויף געדרונגען דער געדאנק דאס זעלבסט איינע קייזערין איז אויך שטערבליך , אונ דאס דיא פריידין פון דיזעם לעבין רוישין שנעל איבער וויא איין וואסער , דען דיא יוזעפינע וואר אויך איינע גרויסע קייזערין איינע פרויא פון

איינעם

איינעם נאך גרעסערין נאפאליאן אלס איר מאן איז, אונ האט גימאכט איין פליכטיגען (געשווינטין) איבערבליק (בעטראכטונג) איבער איר פלאטערהאפטין אונ לייכטזיניגין לעבענסלויף, אונ עס איז איר איבער גיפאלין איין שרעקליכער שויער:

אין דעם האט איר דער קאסטעלאן אן גימעלדעט דאס עס וויל זיך מיט איר זעהען איין יונגער אפיציר וואס איז אקארסט אן גירימן, ער זאל אריין טרעטין אהער" האט זיא אים גיענטפערט, דיזער אפיציר וואר קיין אנדערער אלס דער ראמירא פאן טעבא, ער איז אריין, איז גיבליבין שטיין בייא דער טיר, האט זיך טיף פערנייגט פר איר, "טרעטין זייא נעהער (נעהענטער) צו" האט זיא צו אים גיזאגט אויפשטייענדיג אונ צו טרעטענדיג צו אים מיט אפענע ארעמס, "נון איז מיר דאך פערגענט (פערגונען) אייך אלס מוטער ארום צו נעמען, דען איר זייט דאך מיין זון, פיינדליכע אומשטענדע האבין מיך ביז אהער געהינדערט (גישטערט) אלס איין איינענעם אום צו ארעמען". ער איז איר אריין גיפאלין אין דיא ארעמס, האט איר ארום גינומען, גיקוסט, אונ זיא אים, אונ האבין זיך איינאנדער אריין גיוויינט הייסע טרערין אין זייערע אויגין, זיינען זיך אזא לאנגע צייט גילעגין אין דיא ארעמס, גיקוסט זיך אונ גיוויינט, גיוויינט אונ גיקוסט זיך. ביז דיא עוונגניע האט זיך איין עטוואס ערהאלט (צו זיך גיקומען) פון דיא שטירמישע געפילע וואס האבין זיך אויף גידריינגט אין איהרעם מיטערליכין הערצין, אונ האט צו אים גיזאגט אין איינעם שמעלצענדען טאן" "איך בעט דיך מיין קינד פערבלייבע היר, איך וויל דיר פון היינט אן העכסט מיטערליך בעהאנדלען, איך וועל פאר דיך זארגין אונ אלעם גוטעס טאן":

"גיין ליבע מוטער" האט ער איר גיענטפערט "איר פאר לאנגט פון מיר אזו אזאך וואס לוינט ניט פאר אונז ביידין, מיר וועלין דא אין פאריז מוזין אימער שיינען גראדע גאנץ פאר קערט וואס מיר זיינען, איר זייט מיינע אמוטער אונ איך אייערער אזון, אונ בייא אלעם דעם וועלין מיר אונז אימער מוזין בעהאנדלען פאר דער וועלט וויא גאנץ פרעמדע, אזו גאר ניט אפילו אלס גוטע פריינד, וויל דיא וועלט וועט עס אנדערס דייטין, מען וועט אונזערע געניינטהייט רעכענען פאר איינע פערבאטענע ליבע, אלזו וועלין מיר מוזין אימער איינע גאנץ פאר שטעלטע ראלע שפילין, נון הייסט עס ניט גיליבט, צווייטינס צו וואס זאל איך אימער פאר מיינע אויגין זעהען דאס איך בין איין קינד וואס איז גיבארין דורך איינע זינדע, אונ נאך מעהר וועט ליידין מיין הערץ זייער שטארק אלס איין צערטליכעס קינד פון אייערע בלוטיגע אינטריגען, ערסט צווייא טעג דאס איך האב דאס אומגליק גיהאט גיוואר צו ווערין דאס איר זייט מיינע מוטער, אונ מיין הערץ איז שוין פאר וואונדעט גיווארין דורך דיא ערמארדונג פון דעם קאמעראטא וואס איז גישעהען דורך אייער בעפעהל דא פאר געסטערין, א ליבע מוטער פערשוינען זייא מיט אייער דרינגען אין מיך צו פערבלייבין היר מיין אונשולדיגעס הערץ, עס וועט דא אין פאריז זייער פיל ליידין אונ פערדארבין

ווערין

ווערין, פאריזער האף איז פאר פעסטעט, איך ווינצע איך גערין דיא פריידע צו האבין צו בעזיצין איינען זאהן וואס איז נאך ניט צערפאלין מיט זיינעם געוויסין (צו ריסען), איהרע מיטערליכע גיטע קען איך ריין געניסין פון ווייטין, אבער ניט אין אייער נעהע (נאהענטקייט), אונ איך בעט אלזו דעם גאט וואס ער איז דער לייגקער פון אלע קיניגליכע הערצין דאס ער זאל לייגקען, אלזו אויך אייער הערץ פון נון אן צום גוטען, דאס איר זאלט פאר גלעטען דיא שארטען (פגימות) פון אייערען ביז הערינין לעבין׃ :

דיזע רייד פון איר זון אין דיזער אנדעכטיגער (פרומע) שטעלע, האבין ניט פערפעלט זייערע ווירקונג אויף דעם ביז הער אונגעבייגטען געמיטה איהרען, דען נאך האט זיא ניט גיהערט אזו איינע ווארעמע פריידיגט פון אזו איינעם מונד, זיא האט אים בענעצט מיט טרעהרין, געוואריעמט גיקוסט, גיקוסט אונ געווארעמט, אונ האט ניט ווילענדיג גימוזט אים נאכגעבין דאס ער זאל אבריייזן נאך שפאניען, אונ האבין זיך אלזו גישיידעט דארט איינער פון דעם אנדערין מיט דער גרעסטין ווייהע סוטה :

ער איז אוועק צוריק קיין פאריז אונ זיא איז גיבליבין דארט זיצין אין דער קאפעלע וויא איינע גערינכטעטע, זיא האט ניט גיקענט צו רעכט קומען מיט זיך אליין, עס איז איר דיזע שצענע פאר גיקומען עפעס וויא איין טרוים, וויא איינע געטליכע ערשיינונג, אונ איז אין זיך גיגאנגען (גיהאלטין רעכענונג מיט זיך אליין), אונ וואר דאס ערסטע מאל דאן אין איר לעבין גאנץ געשטימט צום גוטין, אונ האט גיהאט באלד איינע גילעגינהייט עס אוים צו איבען (צו טאן), דען באלד דארויף האט זיך אן גימעלדעט צו איר איין פרעמדלינג, אונ זיא האט אים גיהייסין צו לאזין צו איר, דיזער פרעמדער וואר קיין אנדערער אלם דער אלימפיא, וואס זיא האט אים גיהאלטין שוין פאר פערגיפטעט, פאר דער טרונקען, אונ האט זיך אין אנפאנג זייער שטארק דער שראקין פאר אים, דען זיא האט גימיינט דאס דאס איז נור זיין שאטין (גייסט) ״שרעקין זייא זיך ניט מאדאמע״ האט ער צו איר גיזאגט ״איך בין דער ווירקליכער אלימפיא וויא ער לעבט אונ לייבט, איך האב מיך בעפרייט, אונ בין צו אייך אהער גיקומען אום גינאדע צו בעטין אין איינער גענאדין שטונדע אונ אין איינעם גענאדין ארט, אונ דאך בעוואפינט מיט איינער שרעקליכע דראהונג (שטראסוניק), איך האב אייך מאדאמע קיין לייד גיטאן אונ זייא פערפאלגין מיך, מיינע געליבטע, מיינעם פריינד דעם מארקיז, האבין זייא גאט אין הערצין, זייא האבין דעם קאמעראטא ילאזט ערמארדין, גינוג שוין דער בלוטיגער שפיל, ערמאנט אייך אן אייערע זעליגקייט (עולם הבא), אן אייערע בעשטימונג נור גוטעס צו טאן, גיט איין בעפעהל דאס מען זאל בעפרייען דיא דאלארעם דעם מארקיז אונ מיך אויך פרייא שפרעכן, דאס מיר אלע זאלן האבין דאס רעכט צו ווייזין אונז עפענטליך אין אלע עפענטליכע הייזער, אונ ווען ניט זייט וויסין דאס איר ווערט אונז נאך ניט אזו גיך ארונטער שלינגען, איך בין שוין פרייא אונ עס שטייען דא מיר צו געבאט

אין וואלד איינע בעוואפענטע באנדע פון מיינע גוטע פריינד וואס וועלין דא קיינע לעבענדיגע זיילע לאזין אונ אלעס אין אשע פערוואנדלען אין פאל וועז עס וועט מיר דא איין האר גיקרימט ווערין . אונ דער מארקיז וועט זיך פאר גיוויס אויך בעפרייען , אונ מיר ביידע וועלין ערסט שטרייטין געגין אייך מיט איינער וואפע (גיוועהר) וואס איז פיל גיפערליכער אלס ביקס אונ שווערד , מיר וועלן אויספאזויגן (אויס טרומייטערין) פילע גיהיימניסע וואס וועלין אייך צו גרונדע ריכטין (איבער פירין) , אלזו מאדאמע שוינט אייערע עהרע , אייער גליק , אונ דאס גליק פון אייער קרוין פרינץ , אונ בעגנעדיגט אונז אלעמען , אונ איך שווער אייך ביי דעם היילינין גרויסין וועזען , אין דיזעם הייליגין ארט , דאס דאן וועט נימאנד וויסין פון אלע דיזע גיהיימניס וואס איך וייס . אונ מיר בלייבין גוטע פריינד וויא אמאל גיוועזן , נור מיט דעם בעדינג דאס איר זאלט בלייבין טרייא אייער פאר שפרעכין :

עס האט אייך גילונגען (גיגליקט) יענעראל. האט זיא זיך אפ גירופין צו אים ציטערענד וויא איין עשפאן בלאט אויס פורכט אונ איבער ראסונג (שרעק) , איר האט מיך אן גיטראפין אין איינער גוטין שטימונג . אין דער שטונדע וואס איך האב מיין הערץ פאר גאט אויס גיגאסין , פערציייהונג פון אים פערלאנגט , אונ דארום מוז פערציהען (פערצייהעט) ווערין דער ערסטער וועלכער מיך אומפערצייהונג בעטעט , אלזו איך גיב אייך מיין קייזערליכעס ווארט דאס גיך אונ באלד זאל אייער וואונש ערפילט ווערין . ווען אלזו אדיו מאדאם , האלטין זייא ווארט , אונ דאס גלייכין וועלין מיר אויך טאן , באלד דארויף האט ער גינומען אבשייד פון איר אונ איז מיט זיינע לייטע אונ מיט דעם וואלענטינען וואס האבין גיווארט אויף אים אין וואלד אוועק גערייטין צוריק קיין פאריז , אונ דיא עווגעניע איז גיבליבין אין דער קאפעלע אין אונמאכט אויס שרעק אונ אויס קלעמונג , ביז עס איז גיקומען דער קאסטאלאן אונ האט איר אויף גיצוכעט , זיא האט אים ניט דער ציילט דאס מינדעסטע וואס דא איז מיט איר גישעהען , אונ דער קאסטאלאן האט דיזע אהנמאכט צוא גירעכינט צוא איינער צוא בעגייסטערטע גיבעט :

.15

מעקסיקא.

אין דעם האט זיך אן גיהייבין דער אונגליקליכער קריג וואס דער נאפאליאן האט גיפירט געגין מעקסיקא , דיא קריגס מאכט זיינע איז בעשטאנען פון פראנצויזין , איינגלענדער אונ שפאניען , דען דיזע צווייא לענדער , איינגלאנד אונ שפאניען זיינען אים גיגאנגען צו הילף אין דיזעם שטרייט , אויך האט ער אן געלאקט (אריין גיצויגין) דעם ערץ הערצאג מאקסימיליאן אין דיזעם קריג אלס געהילפע (פאמאצניק) , ער וואר דאן נאך גאנץ יונג האט זיך קוים פערהייראטהעט מיט דער מאריא שארלאטע בעלגישע פרינצעסין , ער (נאפאליאן) האט אים

פערשפראכין

פערשפראכין צו מאכין אים אין מעקסיקא פאר איין קייזער, אונ דיזער האט זיך גילאזט פערלייטין (פערפיהרין) פון אים אונ האט אריין גיטראטין אין בונד מיט אים צו זיינעם אונגליק, דיזער קריג וואס נאפאליאן האט אן גיהייבין צו פיהרין מיט מעקסיקא וואר וויא דיא ווארהייט צו זאגין קיין פאליטישע קריג נור איין ספעקולאציאן קריג, דאס הייסט אום נור געלט צו בעקומען:

דער גאנג פון דיזער בלוטיגע אונ צו גלייך אונגירעכטע זאכע וואר אזוי, מארני נאפאליאנס נאטירליכער ברודער וואס וואר אימער אין געלט פערלעגינהייט (געלט מאנגעל) האט זיך אריין גלאזן אין גרויסע שפעקולאציאנען (שפעקולאציעס) מיט דעם גרויסין ספעקולאנט העקער וואס וואר דאן אין פאריז, אונ האט דעם העקער פערלייטעט (איין גידרייט) אין איינער אנלייהע (הלואה) מיט דעם מעקסיקאנישען פרעזעדענט (דען זיא איז דאן גיוועזן איינע רעפובליק נור) וואס האט גיהייסין מירעמאן, איין העכסט פערדארבענער מענטש אונ אגרויסער טיראן, דאס ער האט אים גיליהען אכט מיליאן פראנק, וואס ער האט דער פאר ארויס בעקומען פון אים אוועקסיל אויף דער מעקסיקאנישער רעפובליק אויף איינער סומע פון זיבעציג מיליאן פראנק, דיזין וועקסיל האט דער העקער אפ גיגעבין דעם מארנען, אונ דיזער האט אריין גידרייט אין דיזעם לומפיגין גישעפט זיינעם נאטירליכין ברודער נאפאליאן, אונ אלס דיא מעקסיקאנישע רעפובליק האט דיזע סומע ניט גיוואלט בעצאלין, האט נאפאליאן זייא ערקלערט (אן גיזאגט) קריג. דיזער בלוטיגער גישעפט איז פערהאנדילט גיווארין גאנץ גיהיים אין טיולערען, אלזו וואר דיזער קריג גיפירט גיווארין ניט אום דיא עהרע פראנקרייכס, ניט אום איר זיכערהייט וועגין, אונ אזו אויך ניט צום נוצין פון איינגלאנד אונ שפאניע, אונ ניט אום גליקליך צו מאכין דעם מעקסעמיליאן, ניין! נור אום צו בערייכערין צווייען (בעטריגער), דאס הייסט זיך זעלבסט אונ דעם מארנען מיט פרעמדע געלט, אונ דאהער באלד נור וויא דיא איינגלענדער האבין עס אן גימערקט, אונ דאס גלייכין דיא שפאניער, דאס דיזער קריג איז נור איין ספעקולאציע נור, האבין זייא זיך צוריק גיצויגין פון אים מיט בלוטיגע קעפ אונ מיט גרויס שאדין, אונ דיא פראנצויזין זיינען דארט גיבליבין גאנץ אליין:

אונ בייא אלעם דעם האט דער נאפאליאן דיזין אונגירעכטין קריג פארט גיזעצט (ווייטער גיפירט), האט אונטער גישיקט איין נייע טרופען מיליטער (חיל) אונטער דיא אנפיהרונג פון דעם יענעראל באזען, וואס האט דער נאך גיליטין אגרויסע נידערלאגע (מפלה) בייא מעץ אין דעם יאר 1870 דורך דיא פרייסין, איינע דייטליכע גאטעס שטראפע פאר דיא פילע בלוט וואס ער האט פאר גאסין אין מעקסיקא, אונ פאר וואס ער האט פעראונגליקט דעם גוטען הערצאג מאקסעמיליאן אונ זיינע פרויא דיא שארלאטע, דען דורך זיינעם אנלאס (פריצינע) האט דער מאקסעמיליאן וואס איז דארט גיווארין איין שאטין קייזער (דאס הייסט איין אונמעכטיגער קייזער, דען דיא רעכטע וואלאדענע וואר נור אין דעם באזענס האנד) אונטער גישריבין איין דעקרעט, וואס ער האט אין אים

ערקלערט

ערקלערט דאס דיא אלע מעקסיקאנער וואס וועלין אויף שטיין נעגין זיינער רעגירונג וועלין גימשפט ווערין נור וויא באנדיטין (רויבער), אונ דער וואס וועט נור אנגעגריפין ווערין מיט גיוועהר אין האנד וועט אין פיר אונ צוואנציג שטונדין ערשאסין ווערין :

דיזעם אונטער שרייבין וואר איינע אונטער שריפט אויף זיין איינענעם טוידעס אורטייהל, דען דיזעס האט באלד פערואורזאכט זיין טויט, וויל דורך דעם אונטער שרייבין זיינעם דיזין דעקרעט וואס דער באזען האט אים דיקטירט זיינען באלד היגעריכטעט גיווארין (דן גיווארין) דיא דרייא גרעסטע מענער פון מעקסיקא, דער פרעזידענט הוארעסא, סאלאזאר אונ ארטעגא, אונ נאך פילע טויזענדע מיט זייא, אלזו גינוג אורזאך אום דאס פאלק אויף צו רייצין נעגין דעם מאקסעמיליאן אונ זיינער פרויא, אונ אלס ער האט אן גיהייבין צו שפירין דאס דער נייער מעקסיקאנישער טראהן וואנקט (זינקט) אונטער אים, האט ער גישיקט זיינעם יענעראל אלמאנטע קיין פאריז אום צו בעטין הילפע ביא דעם נאפאליאן, אונ דאס גלייכין ביא דעם אסטרייכער, דען דער יאזעף פראנץ וואר זיינער אברודער, ער האט אבער גאר ניט גימאכט דארט, דען נאפאליאן וואס ער האט איין גיזעהען דאס ער איז צו וויט פערקראכין מיט דיזעם קריג, דען אם ענדע וועלין זיך אריין מישען אין דעם דיא פעראייניגטע שטאאטין פון אמעריקא, האט ער זיך שוין צוריק גיצויגין פון אים אונ האט דעם מאקסעמיליאן איבער גילאזין אויף זיינע איינענע הילפע, דאס גלייכין האט אים זיין ברודער יאזעף פראנץ אויך ווייניג גיקענט העלפין, דען דיא מדינה האט ניט גילאזין פערשפריצין דאס בלוט פון אירע אונטערטאהנען אין איינעם ווייטין לאנדע פאר איינע פרעמדע אינטערעסע, מען האט זיך גיווענדעט צו דעם פאפסט, מען האט אבער בעקומען פון אים נור איין ליידיגין אקסעל צוג אונ ווייטער ניט, באזען איז אוועק מיט דער פראנצויזישען ארמייא צוריק קיין פראנקרייך, וואו מען האט גיפייערט דער ווילע דיא גרויסע זיגע (נצחונות) וואס דיא פראנצויזין האבין ערפאכטין איבער מעקסיקא, אונ מען איז ארוים מיט זאנג אונ קלאנג נעגין דיא רענעמענטער (פולקין) וואס זיינען גיקומען צוריק מיט דעם באזען וואס האט זיך דארט דער דינט דעם גרויסין טיטול מארשאל, אונ דער מאקסימיליאן איז דארט גיבליבין מיט זיינער פרויא גאנץ פערלאסין, נור מיט איינע קליינע אונטרייען מאכט, צווישין מיליאנען פיינדע, פון אלע זיינע פריינדע איז אים דארט גיבליבין גיצייל'טע מענטשין וואס איינער וואר דער פרינץ פעליקס פאן סאלמא, אונ זיין לאנע האט זיך דארט פערשלימערט פון טאג צו טאג, אזו וויט דער ווילע דיא ערצייהלונגען אונ שילדערונגען פון דער פראנצויזישע מעקסיקאנישע עקספעדיצע, נון וועלין מיר אונז אומקערין צוא דעם אלימפיא דעם העלד פון אונזער גישיכטע, מיר וועלין דא דער צייהלין וויא ער האט זיך גירעטעט פון דעם אונפערמיידליכען טויט :

ארוים צו שפרינגען דורך דעם פענסטער וואר איינע אונמעגליכקייט.

ערסטינס

ערסטינס ווייל ער איז געוועזן זייער הויך, אונ צווייטינס שטרעמט דאך אונטין די ביינע, דאס גלייכין וואר אים אונמעגליך זיך ארונטער צו לאזין דורך אים, דען וואו בעקומט מען אשטריק דער צוא אונ איי אנהאלטונגס פונקט, (דאס הייסט אן וואס עס אן צו בינדין) , דען עס וואר דארט קיין נאגיל, קיין קרוק, קיין האלץ, אלזו איז ער גיפאלין אויף איינעם אנדערין מיטעל ווי זיך צוא בעפרייען, דורך איינעם גיהיימען קוימען, וואס דער שטראז האט אים אויפגיוויזין ביי זיינעם נאך פרעגין זיך ביי אים וואו ווערט דא גיהייצט אין ווינטער צייט, אונ איז פון אים דער גאנגען דאס דיזער קוימען ציהעט זיך אוועק ביז אין דעם אונטערסטין אטאז וואס דארט איז די ארחיווע, אונ וואס עס ווערט דארט גימאכט זייער אפט סעסיאנען „גוט“! האט ער ביי זיך גיטראכט „דיזער קוימען מוז מיר איינע רעטונג ערשאפין, איך ווערדע שוין גיפינען אויך איין אויס גאנג פון אים אין די פרייע“, דאך אבער אום דאס זיינע פערפאלגער (רודפים) זאלין אויף דיזין מיטעל ניט באלד קומען. אונ אים באלד אויף זוכין האט ער גיזעהען צו שפילין (מאכין) זיי איין אירטוהם (אטעות), דאס הייסט דאס זיי זאלין מיינען דאס ער האט אויס גיטרונקען די בוטעלע ווין, איז גיווארין דער פון וואנזיניג אונ איז דורך גישפרונגען דורך דעם פענסטער אונ האט זיך ארין גיווארפין אין דער זיינע, אונ האט דאהער אלזו אויס גינאסין די ווין דורך דעם פענסטער, די בוטעלע האט ער אוועק גישטעלט אליידיגע, האט אויף גיראצט איין עטוואס די הענט דאמיט צו בעשפריצין די פאדלאגע מיט איינינע טראפינס בלוט, האט אפ גירריסין פון זיינע קליידער איינינע לאפען (שטיקער), דאמיט עס זאל אויס זעהען דאס ער איז גיווארין וואהנזיניג. האט אויס גיבראכין די פענסטער, דאמיט מען זאל מיינען דאס ער איז דורך אים ארויס גישפרונגען אין דער זיינע, אונ דאן איז ער ארין גיקראכין דורך דעם גיהיימען קאמיניג וואס וואר פערשטעלט מיט אפערקאלכטין שירעם, אונ וואס ער האט אים דער נאך ווידער צו גירוקט פון אינוויניג, אונ האט זיך מיט איינעם קלאפענדען הערצין אראפ גילאזין אין קוימען, צוואר די רייזע דורך אים ביז אין דעם אונטערסטין צימער וואר פיל שווערער אלס אין אנוטין עקיפאז אויף איינער גלייכין שאסייא, דאך איז ער גליקליך דורך אים ארין אין דעם אונטערסטין צימער שווארץ וויא דער טייוויל פון דער העלע, ער איז ארין אין אלאנגען הויכין צימער, זיינע פענסטער ווארין צו גימאכט מיט אייזערנע סאטקעס, עס איז אין אים גישטאנען אטיש מיט שטולין, איינינע אלמערס מיט ביכער, דאס איז גיוועזן איין גערינכטס הויז, עס ווארין אין אים צוויא טירין, איינע האט גיפירט אין איינעם אנדערין צימער, די אנדערע האט גיפירט אין איינעם קאראדאר, ביידע טירין האט ער דער וויסט פאר שפארט, דאס הייסט גוט פאר שלאסין, אונ עס וואר אים זייער איבעל צום מוטה, דען ער האט זיך דא דער וויסט פיל מעהר גיפאנגען אלס דארט אויבין, אונ האט אלזו צו גיבראכט דארט די גאנצע נאכט אין דער גרעסטע אנגסט, אונ אלס עס האט אן גיהייבין צוא

טאגין

טאנין, און ער האט דער הערט דאס מענטשין נייען אום אין קארידאר און
שפרעכין איינער מיט איינאנדער, מענער און פרויען, האט ער זיך פערקראכין
אין איינעם אפענען און ליידיגין אלמער, און איז דארט פערבליבין ביז עס האט
זיך גיעפינט דיא טיר וואס צו דעם קארידאר, און עס איז אריין אין דיזין צימער
איין בעדינטער מיט אבארשט אום צו ריינינגין דעם צימער, און אלס ער האט
דער וויסט דאס דאס גיוואנט וואס מיט אים איז בעדעקט דער טיש איז שמוציג,
און האט אים אראפ גינומען און איז דער מיט ארויס אין דעם אנדערין צימער
אום איבער צו בייטין אים אויף איינעם אנדערין גיוואנט וואס וואר דארט אין
פארראט (זאפאס), האט דער אלימפיא בענוצט דיזע מינוט, איז ארויס פון
אלמער, איז אריין דורך דיא אפענע טיר אין קארידאר, פון דארט אין איין
פארטעמאן, און דורך אים איז ער ארויס אויף דער אפענע שטראזע, ער איז
אוועק צו דעם וואנדאמעשין פלאין, צו זיינעם הויז וואס ער האט דארט, ער
האט איר אבער דער וויסט פערשלאסין, און אלס ער איז אוועק פון דארט אום
צו נעמען איין נומער אין דעם האטעל קלאדא, האט ער באגעגנט זיין באדינטין
וואלענטינא, עס איז ניט צו בעשרייבין דיא פריידע וואס זייא האבין גיהאט זיך
ווידער צו זעהען, דיזער וואלענטינא האט אים דער ציילט דאס דער קאמעראטא
און דער זואן האבין זיך צוריק אומגיקערט קיין פאריז, און דאס דער זואן וואונט
אין דעם האטעל פון דער שפאנישע גיזאנדשאפט, און דער קאמעראטא איז
פערשוואונדין, דאס עס איז קיין שפור צו דער גיין פון אים, ער האט אים באלד
פערשאפט אנדערע קליידער, און איז אריין מיט אים אין דעם האטעל קלאדא,
האבין זיך דארט גיטליך גיטאן, און דער אלימפיא האט זיך גילייגט אפ רוהען,
דען ער האט נאך גיהאט פאר זיך איינעם גיפעהרליכין אונטער נעהמען, דאס
הייסט אום זיך צו זעהען מיט זיינע גוטע פריינדע, און איבער הויפט מיט דעם
זואן, און דער נאך וואס צו טאן פאר דיא דאלארעס, דיזער צוזאמען קונפט איז
גישעהען אין דעם האטעל פון דעם מארקיז וואס איז גישטאנען אונטער דעם
אבהוט (אויפזיכט) פון זיין טרייען בעדינטין עס וואר דארט פריידין איבער
פריידין, ער האט זייא דער ציילט וויא ער האט זיך גירעטעט, און זייא האבין
גילויבט גאט, און דער זואן האט אים דער ציילט דיא טרויעריגע ענדע פון דעם
קאמעראטא און ער האט אים בעוויינט, אזו איז דאס לעבין פון דעם מענטשין
איין געמיש פון פריידין און פון ליידין, האט זיינע ליכט זייטע און זיינע שאטין
זייטע; (דאס הייסט ליכטיגע און פינסטערע. אם וויכטיגסטין אבער וואר אים
וואס דער זואן האט אים מיט גיטיילט דאס דיא עווגעניע האט בעשטימט איינע
צוזאמען קונפט דעם ראמירא מיט איר הייגט פון אווינד אין דעם שלאס
מאלמעזאן, דען דיזין אווינד וויא מיר ווייסין האט דעם אלימפיען גילונגען צו
בעפרייען דעם מארקיז און דיא דאלארעס און וויא צו זאגין אויך זיך זעלבסט,
דאס ער האט זיך גיקענט ווייזין זעלבסט אין דעם דוואָרעץ טיולערען אין
ציינ ם יענעראלסקען מונדער:

עוגעניע

16.

"דאס שיידין זיך"

עווגעניע האט וויא מיר וויסין שוין ווארט גיהאלטין אונ האט בעפרייט דיא דאלארעס, דעם מארקיז, האט פערצייהעט דעם אלימפיא אונ האט אזו גאר וויא צו זאגין דער צו נאך גאנץ בערייהעט אויף איר פערפאלגען (רודף זיין) זייא ביז אהער, דען איר געמיטה האט זיך זייער שטארק אפ גיקילט, אונ איר אייפער (קנאה) האט פערדאמפט (גאנץ אויס גיוועבט) דען דיא ליבע איז נור איין רויש וואס מען ניכטערט זיך אויס פון איר מיט דער צייט, אדער אזו גאר זייער שנעל (גישווינט) בייא איינער גינסטיגע (גליקליכע) גילעגינהייט (שלוצייע) וויא צום בייא שפיל זיא האט גהאט דארט אין דעם שלאס מאלמעזאן:

דיא דאלארעס האט זיך אומגיקערט צוריק אין איר וואונונג וואס וואר אויף דעם פלאץ וואנדעמא, אונ האט דארט אויף גינומען מיט אפענע ארעמס דעם אלימפיא, עס האט אהין איין גיקערט ווידער לעבין אונ פריידין, לוסט אונ זעליגקייט, עס ווארין דארט פילע אווינדע נאך אייננאנדער צו גיבראכט גיווארין מיט זאנג אונ קלאנג, אונ אים פערטרויטין גישפרעך מיט אייננאנדער, עס האבין אנטייהל גינומען אן דיזע זעליגע לוסטבארקייטין זייערע בעסטע פריינדע, דער מארקיז, זואן, אונ דער וואלענטינא, מען האט גיהאט גינוג וואס צו דער ציילין זיך איינם דעם אנדערן, אונ מיט וואס זיך צו ערפרייען, ביי אלעם דעם האט מען זיך ניט פאר געסין צו בעדויערין דעם קאמעראטין אונ צו ווייהען אים (הייליגין) מאנכע הייסע טרעהרען", אין אפאר וואכין ארום האט זיך דער אלימפיא פאר הייראטהעט מיט דער דאלארעס, אלעס וואר דארט פרייליך אונ לוסטיג אויסער (חוץ) דער זואן ניט, עס האט אויס גיזעהען עפעס וויא ער וואלט אונצופרידין זיין מיט זיך זעלבסט, אדער בעסער צוא זאגין אזו וויא ער וואלט גיוועזן אייפערזיכטיג (גיידיש) אויף דעם גליק פון דיא נייע פערהייראטהע, אונ דיזעס האט זייער גיקריינקט דעם אלימפיא אונ דיא דאלארעס:

דער מארקיז אבער האט זייא בערוהיגט, "איך וויים" האט ער צו זייא גיזאגט "וואס דעם זואן בעטריבט, ער איז פערליבט אין איינער גיוויסע דאמע, אונ עס ליגט אבער איינע גרויסע היגדערנים (מניעה) צווישין אים אונ איר, זיא איז פערהייראטהעט שוין, דאך בייא אלעם דעם קענען מיר דיזע הינדערנים זייער לייכט בעזייטיגין, דיזע דאמע איז קיינע אנדערע אלס דיא מארגעריטע, אונ איר מאן איז קיין אנדערער אלס דר ענדעמא וואס ער האט איר גיהייראטהעט נור גיצוואונגענערהייד, אויף דעם בעפעהל פון דעם באציאשי, אום אויס צוא פיהרין דורך דעם אלע אונזערע רדיפות, אונ ווען איר ווילט מיר ניט גלויבין וועט עס איך דער זואן זעלבסט גישטעהען (מודה זיין), אויב וואול ער זעלבסט האט עס נאך ניט מיר מינדלעך גיזאגט":

באלד דארויף האט זיך דיא דאלארעס בעשפראכן מיט דעם זואן דאריבער

אונ ער האט עס איר באלד גישטאנען (מודה גיוועזן) מיט איינעם טיפען זייפצער
דער פייא , ווייל עס האט אים גישיינט דאס זיין וואונץ וועט קיין מאל אין איינער
ערפילונג קומען "איך ווייס אויף קלאר" האט ער צו איר גיזאגט "דאס דיא
מארגעריטע שעצט זיך העכסט אונגליקליך פאר איר מאן , זיא האסט אים פון
הערצין . אונ האט צוא מיר דיא גרעסטע צו נייגונג , נור וואס העלפט עס וויא
בעקומט מען ארויס דיזעם אונשולדיגע לאם פון דיזעם טיגערס קלויען ," "איי" !
האט זיך אפ גירופין דער מארקיז וואס האט דיזען גישפרעך צוא גיהערט פון
וייטין "קימער דיך ניט זואן , איך אונ אלימפיא וועלין מיר דיזעם לאם בעפרייען
פון דיזין ווערוואלף (וואוויקולאק) , אונ לייגין פאר דיינע פיסע , ער אונ זיין הער
דער באציאשי האבין שוין לאנג פערדינט דעם טויט , דען ביידע זיינען פאר
ברעכער , מערדער , גיפט מישער , טויט שלעגער , אונ מיר האבין גינוג אורזאך
צו ערמארדין זייא ביידין , דען זייא האבין אונז גינוג וויהע גיטאן , זייא האבין
אונז פערפאלגט (רודף גיוועזן) גאר אומזיסט , זייא האבין ערמארדעט דעם
קאמעראטא , זייא האבין דעניצירט (דאנאסעוועט) דאס מיר ווארין אין בונד פון
דער העלען מאסינע , זייא האבין אייך ביידין ענטריסען פון דעם אלטאר דארט
אין דער קאטעדראלע נאטער דאמע , דער ענדעמא האט דיך דאלארעס גיפאנגען
איין גישפארט , גינוג גינוג וויהע גיטאן , אלזו ער אונ זיין הער מוזין שטערבין
דורך אונזערע הענט , אונ דאן איז מארגעריטע דיין פיר אימער" :

דיא דאלארעס האט גיהערט דיזע רייד אונ איז גיווארין גאנץ פערצייטערט ,
אונ האט זיך אומגיווענדעט צו איהרעם מאנ'זעם אלימפיא וואס האט עס אויך
גיהערט , אונ איז גיווארין גאנץ ענטציקט (ערפרייט) דער פון "א מיין טייערער
מאן" ! האט זיא צו אים גיזאגט "איך בעטע דיך , מישע דיך שוין ניט מעהר אריין
אין אזעלכע גיפערליכע זאכין , מיר האבין שוין גינוג גיליטין דורך אזעלכע
גישעפטין , שוינע דיך אונ מיך , אם בעסטין וועט זיין ווען מיר וועלין פראנקרייך
פערלאזין , אונ אפ ציהען צוריק אין אונזער פאטער לאנד אום צו פירין דארט
איין שטילעס רוהיגעס לעבין , דוא ביזט מיר מעהר אונ ליבער פאר אלע פריידין
פון פאריז וואס פערגיפטין נור דיא יעניגען וואס גיניסין זייא , איין שטילעס אונ
אונשולדיגעס לעבין אין איינער בעטלער היטע (שטיבעלע) איז פיל בעסער אלס
איין גלענצענדעס אונ פארנעהמעס לעבין אין זויז אונ אין ברויז (אין אונרוהען) :

אין דיזין גישפרעך האט זיך אויף גימאכט דיא טיר אונ עס איז אריין אין
צימער איינע טיף פערשלייערטע דאמע , אונ דיזע וואר קיינע אנדערע אלס
דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע דיא איגעסא , זיא איז גיקומען אום צוא
גראטעלירין דיא דאלארעס , צו פרייען זיך מיט איר גליק אונ צו נעהמען גלייך
אבשייד פון איר , זיא איז אויך גינומען גיווארין פון דיא דאלארעס אונ אלימפיא
מיט אפענע ארעמס , זייא האבין ניט גיוואוסט וואו צו זעצין איר אונ מיט וואס
אויף צו נעהמען איר , עס וואר זייא אלץ צו ווייניג פאר איר , מעהר פאר אלץ
אבער האט זייא ניט גיקלעקט קיין צייט אום אוים צו ריידין זיך מיט איר , אונ

אזו

אזו אויך זיא מיט זייא , דען זייא האבין גיהאט גינוג וואס צו ריידין אונ וואס צו דער ציילין איינער דעם אנדערין , אונ עס וואר דער בייא אויך גינוג גיוויינט , דען יעדער פון זייא האט אויך גינוג גיליטין אין זיין לעבין :

אם ענדע , האט דיא איגעסא אן גיהייבין צו נעמען אפשייד פון זייא "לעבט וואול מיינע פריינדע" האט זיא צו זייא גיזאגט "לעבט וואול , איך שיידע מיך פון אייך שוין גיט אויף אקליינע צייט , גאט וייס ווען איך וועל מיך ווידער מיט אייך זעהען , איך האב שוין אפ גיטראכטין פון דיא עוועגניע , אונ פערדייזע אונגעזאמט נאך שפאניען קיין זאווילע עס איז מיר דאס הויף לעבין שוין צום לאסט גיפאלין , עס איז דארט איינע פערפעסטעטע לופט , עס גרייפט אן דיא אונשולדיגע זיילע , אונ פערפלעקט יעדען ריינען גיוויסין , איך האב צוא טייער בעצאלט פאר דיא פאלשען מינוטען קערפערליכען פערגעניגען וואס איך האב גינאסין אין טיולעריע , איך האב בעצאלט מיט מיינע אייביגע זעליגקייט (עולם הבא) גאט זייא דאנק דאס איך האב מיך נאך פריהע צייטיג ארום גיזעהען , איך קען מיך נאך רעטירען , איך קען גיט אנדערש זאגין , איך האב פיל גוטעס פון דער עוועגניע גענאסין , דאך האט זיא פון מיר פארלאנגט דער פאר דאס איך זאל איר דינען מיט לייב אונ זייל אין איהרע בלוטיגע אונ שמוציגע אינטריגין , ווערין איין גיצייג אין איהרע אונזויבערע האנדלונגען , אזוי בין איך אין אנפאנג פערלייטעט גיווארן (פערפירט) אייך בייזעס צו טאן , גאט זייא דאנק , דאס איך האב מיך באלד אום גיקערט , אונ האב פעריכט אונ אוים גיגלייכט וואס איך האב פערקרימט געגין אייך , אונ וועל לעבין אין זאווילע אין איין אלטע הייזכען וואס גיהערט נאך צו מיינע עלטערין אונ וואס עס שטייט לעבין איינעם פאלמען וואלד לעבין איינער קלארין קוועלע , אונ וועל דארטין אוים קורירען מיינע קראנקע זיילע , לעבט וואול מיינע פריינדע" :

"אונ מיר אויך" האט זיך אפ גירופין דיא דאלארעס "פערבלייבין שוין גיט מעהר אין פאריז , מיר וועלין אויך אפ פארין קיין שפאניען , אונ מיר וועלין אייך דארט באלד פערגעווים אויף זוכען אונ לעבען צו זאמען , דען מיר זיינען אויך שוין זאט גיווארין מיט דעם אונרוהען דעם לעבענס , איינע בעשיידענע (פרומע) וואוגונג וועט אונז צו זאמען אויפנעהמען , אונ דאן קען נאך זיין דאס מיר וועלען אייך נאך איינעם גוטין מאן צו פיהרען , דען וואצו איין איינזאמעס וויסטעס לעבען אלזו מיינע פריינדין בעשווערען זייא ניט אונזער הערץ מיט איינעם עווינען שיידען , מיר זעהען אונז אין קורצען ווידער אין פריידין , אונ ערסט דאן וועט אונז איין נייער גליקס שטערען אויף גיין , וואס וועט אונז פערגיטען פאר אלע ביזהעריגע ליידען אונזערע , דער ווייטע לעבט וואול" , אם ענדע האבין זייא זיך ווידער פריינדליך אומגעארעמט , צו קוסט אונ דיא איגעסא איז אוועק :

17.

„שארלאטעס ערשיינונג"

„נוא מיט וועלכע נייאיגקייט קומען זייא צו אונז" ? האט זיך אפ גירופין די עווגעניע וואס איז דאן גיזעסן אין דעם גרינען זאל אומקרייזט (אומגערינגילט) פון איהרע הויפדאמען גאנץ געמיטהליך (האט זיא זיך אפ גירופין) צו דעם אבער צערעמאנאל מיניסטער וואס ער וואר עס דער גראף טאשע דע לא פאזער „איך וויטערע (שפירע) שוין אין פאראוים פון אייער גיזיכט דאס איר קומט צו אונז איצונד ניט מיט וואס ערפרייליכעס". „א אייערע מאיעסטעט" האט ער זיך אפ גירופן „פאר שטייהען צו לעזין דיאזמינען וויא די נאטען (דען זיא וואר איינע גרויסע שפילערין) עס איז אזו, איך בין גיקומען צו אייך מיט איינער איובס פאסט (טרויעריגע נאכריכט), נאך איינער אונגליקליכע שלאכט דארט אין מעקסיקא, איז דער קייזער מאקסעמיליאן אריין גיפאלין אין די הענד פון דעם בונטאווסציק קערעטארא, דער פאלקאווניק לאפעץ וואס וואר דער בעסטער פריינד פון דעם קייזער האט אים פערראטהען, אונ די קייזערין שארלאטא איז אוועק פון מעקסיקא אונ איז אויף דער רייזע צו קומן אהער קיין פאריז „האלטעט ! האלטעט" ! האט זיך די עווגעניע אפ גירופין צו אים, פערמאכענדיג זיך דאס גיזיכט מיט איר טאשין טוך „איך בין ניט אים שטאנד אלעס אויף איין מאל אויס צו הערין, א עס בריכט מיר מיין הערץ, איך בין גאנץ ערשיטערט, איין אונערהערטעס אונגליק, אזו וייט איז עס גיקומען דאס די שארלאטע איז אוועק פון מעקסיקא, א זיא דויערט מיך, נון גראף זיינען זייא שוין צו ענדע מיט דיזער טרויער פאצט" ? „ניין" ! האט ער זיך אפ גירופין „דאס שלימסטע איז נאך צוא ערציילין, אונ איז נאך פיל טרויעריגער אלס די ביז העריגע. נון ערשפארען זייא עס מיר (פערשפארין זייא עס מיר צו דער ציילין) דען עס וועט מאכין איין שלימען איינדרוק אויף אייערע גיזונדהייט". „ניין גראף" האט זיא אים גיענטפערט „איך בין שוין גיפאסט (האבע טוטה) אוים צו טרינקען ביז דעם דעק דיזען טרויער קעלך (קעליסאק), בעענדין זייא אלזו זאגט וועל איך נאך וואס שלימערעס דיינקען". „א גרויסע קייזערין" ! האט ער זיך אפ גירופין „קיין שלימערעס קען שוין ניט זיין, מען האט דעם קייזער מאקסעמיליאן מיט זיינע צווייא יענעראלין מעזיא אונ מיראמאן דארט פעראורטיילט צום טויט, אונ צו גלייך ערשאסין אונ בעגראבין אין גריבער וויא גימיינע פערברעכער, אונ גאנץ מעקסיקע איז אלזו שוין אין די פיינדליכע הענדע, נון וואס קען שוין שלימערס זיין" ? :

די עווגעניע איז גיווארין פון דיזע נאכריכט גאנץ בעטייבט אונ האט זיך גאנץ פערלארין, דאס אלע הויפדאמען האבין גיהאט צו טאן גינוג ארום איר ביז זייא האבין איר צוריק אריין גירופין אינם לעבין (אויף גיצובעט), נאך אבער וואר מען ניט צו ענדע מיט דיזעם טרויער שפיל, דען קוים וואר מען בערוהיגט וועגין דער גיזונדהייט פון דער קייזערין, אונ דאך נאך זיך ניט ערהאלט (צו זיך

ניקומען

גיקומען) פון דיזער אנגסט , דען אלע זיינען נאך גיזעהן וויא דיא גילעמטע , אונ איינע טוידעס שטילע האט גיהערשט אין דעם גאנצין זאל , איז אריין אין זאל איין אדיוטאנט פון דעם גראף טאשע מיט נאך איינע שלימערע נאכריכט , דאס דיא שארלאטע דיא קייזערין פון מעקסיקא איז שוין דא אין פאריז . אונ צו גלייך אויך אין פאר ציטער , עס האט דער פון אויף גיקאכט דער גאנצער זאל , דער גראף טאשע מיט דיא גרעסטע הויפדאמען זיינען איר ארויס אנטקעגין , אונ דיא עווגעניע זעלבסט האט איר ערוואַרטעט אויף דעם האלבען וועג מיט קלאפענדען הערצען וויסענד ביי זיך דאס נור איר מאן וואר דער פעראורזאכער פון איר אומגליק , אזוי מיט זיין בערעדין אים דאס ער זאל וועלין זיין קייזער אין מעקסיקא , אונ נאך העד מיט זיינעם אפ שטיין פון אים אין דער גרעסטע נויט , אונ האט אלזו ביי זיך גיוואונצין דאס זיא (דיא שארלאטע) זאל זיין איצונד מיט טויזינדע מיילין ווייטער פון איר , דען וועמען ווילט זיך זעהען מיט איינער פערזאן וואס וואר פעראונגליקט נור דורך אים , ביי אלעם דעם האט זיא זיך גיצוואונגען אן צו נעהמען איינע פריינדליכע אונ הערצליכע מינע אונ אויף צוא נעהמען איר מיט אפענע ארעמס , נור דיזער איידעלער בעשלום האט זיך ביי איר ערסטין בליק אויף דיא שארלאטע גיענדערט , אונ זיא האט זיך אפ גישטעלט , אונ באלד דארויף צוריק גיוויכען זיך בעקרייצט , אונ אלע דאמען האבין מיט זייערע שירצען (פארטיכלעך) פאר מאכט זייערע גיזיכטער , דען נאך האבין זייא אין זייער לעבין ניט גיזעהען אזוי איין עלענדעס בילד , אזוי איין גיזונקענעס וועזין וויא זיא (דיא שארלאטע) וואר דאן , פיל שלימער אלס דיא נעמי ביי איר צוריק קערין זיך פון מואבס געפילדע , זיא וואר בלייך , אפ גיצערט , מיט איינעם איינגיפאלענעם גיזיכט , אירע אויגין וואַרין שטאר (ביסטרא) ווילד אריין גיקוקט אין גאטעס וועלט , גאנץ פערשטערט וויא איינע וואהנזיניגע , עס וואר קיין שפור גיבליבין אין איר פון אירע פאריגע שוינהייט אונ מונטערקייט , איין לעבענדיגער ביישפיל פאר דער עווגעניע וואס עס קען ווערין פון ווייבליכער שוינהייט אונ פון אירדעשער גרעסע אונ גלאנץ , ביי אלעם דעם האט זיא (עווגעניע) איר גיוואלט רייכען דיא האנט זיא האט אבער איינגעזעהען דאס עס איז ניט דא וועמען , דען זיא (דיא שארלאטע) וואר גאנץ פערשטערט (צו מישט) אונ האט גישפראכין ווערטער וואס פאסין ניט איינער צו דעם אנדערין , דאך אלץ וואס שפילן אן (זייען מרמז) אויף איר שלעכטע לאגע , אונ אויף דעם נאפאליאן וואס וואר דיא הויפט אורזאכע פון איר אונגליק , אונ האט דער ביי פראפעצייהעט (נביאות גיזאגט) וויא איינע זיבילע (העלזעהערין , וויעשצאלקע) דאס אונגליק וואס וועט טרעפין אים , עווגעניען אונ גאנץ פראנקרייך אין אקורצע צייט , אונ איין עטוואס צו גיזונגען דער ביי וויא זיא וואלט עס ריידין אויף איינער שצענע :

וויא עס וואר עווגעניען צו מוטה עס אוים צוא הערין , קען עס יעדע לעזערין אונזערע פון זעלבסט פערשטיין , עס וואר איר יעדעס ווארט איין קוגעל

אין

אין איר הערצין , דען טראין דעם (ניט קוקענדיג) וואס עס וואר ניט ריכטיג , אין איר קאפ זיינן דאך פילע ווארהייטין גילעגין אין אירע ווערטער וואס זיינען דער נאך פינקטליך ערפילט גיווארין , זיא האט איר אזו לאנג גישפראכין ביז זיא האט זיך ערמידעט , אונ דאן האט באציאשי מיט גרוים עהרע ארונטער גיפירט איר פון דיא טרעפ אונ אריין גיזעצט אין עקיפאז אונ אפ גיפירט איר אין דעם פאלייא מיראמארא :

18.

מארגעריטא אונ זואן.

דער ראמירא טעבא איז באלד אפ גיפארין קיין שפאניען , אונ האט אן גיהייבין צו פירין דארט איין שטילעס אונ רוהיגעס לעבין , ער איז אבער דארט ניט לאנג פאר בליבן , דען עס איז דארט גיווארן באלד איין גרויסער אויפשטאנד (מאטעז) , געגין דער איזאבעלע קיניגין פון שפאניע , איר ארמייא איז גיווארין שטארק גישלאגין , אונ זיא איז קוים מיט דעם לעבין אנטלאפין קיין פאריז צוא דער עווגעניע , האט גיבעטין הילפע פון דעם נאפאליאן אונ האט עס ניט בעקומען , דיא גישיכטע איז בעקאנט אונ דער צו זייער לאנג , אונ גיהערט ניט צו אונזער ערציילונג , דאהער מיידין מיר עס אוים דא אין גאנצין , עס בלייבט אונז איבעריג מער ניט וויא צו זאגין , דאס דיזע פאליטישע פערענדערונג פון שפאניען האט אזו וייט גיווירקט אויף ראמירא טעבא עווגעניעס זון , דאס ער האט גימוזט אוים וואנדערין פון דארט מיט איינעם קנאז מאנטעוועדא נאך בראזיליען , דיזער קנאז האט דארט גיהאט זייער פיל לאנד , אונ זייער פיל קאלאנען , ער וואר מיט דעם ראמירא פערוואנדעט פון דער מוטערס זייטע , אונ האט אים אוועק גיגעבין זיינע איינציגע טאכטער פאר אפרויא , אונ גימאכט אים צו גלייך פאר זיין איינציגין ערבין , אונ אזו לעבט זיך דיזער שוין ניט מער יונגער מאן איין שטילעס פרידליכעס לעבין אין דער שוים פון זיינער פאמיליע , דארט אין בראזיליען וייט פון דעם אראפייעשין גערויש אלס איין קליינער קיניג אין זיינע אונערמעסליכע גיטער :

נון בלייבט אונז נאך איבעריג צו דער ציילין איין עטוואס פון דעם זואן , דיזער יונגער אפיציר וואר פערליבט וויא מיר ווייסין אין דער מארגעריטא אונ זיא אין אים , פלעגין זיך זייער אפט זעהען ביוא דער דאלארעס , דיא איינציגע הינדערנים וואס וואר אין זייער ליבע וואר נור דער ענדעמא וואס דיא מארגעריטא האט אים גיהאסט וויא דעם טויט , אונ האט גיוואלט לויז ווערין פון אים וויא נור מעגליך איז , אם ענדע איז ביוא זייא ביידין גיבליבין דאס זייא זאלין ביידע אנטלייפין פון פאריז קיין שפאניען , איין גיוויסער פריסטער וואס ער האט דעם ענדעמא זייער גוט גיקענט דאס ער איז איין גרויסער פערברעכער אונ טראגט אויף זיינער זיילע מעהר אלס איין מענטשין מארד , האט זייא ביידין ערקלערט דאס דער ענדעמא האט לויט וועלטליכע גיזעצע אזו וויא לויט גייסטליכע

(רעליגיאנס) גיזעצע פאר לארין שוין אלע מענטשליבע רעכטע , אונ איז אלזו פאר רעכינט וויא גישטארבין , אונ זיינע קרושין האבין אלזו קיינע קראפט אפ צו האלטין זיינע פרויא פון איינער הייראטה מיט איינעם אנדערין מאן , אונ זיא מעג זיך אלזו פערהייראטהען מיט דעם זואן מיט איינעם גאנץ רוהיגין גיוויסין , דען אזו אויך מעג זיך יעדע פרויא וואס איר מאן ווערט פערדאמט (פאר משפט) אויף קאטערזנע נעמען איינעם אנדערין :

זייא האבין בעשטימט אלזו איין אבענד דער צוא וואס דער ענדעמא וועט ניט נעכטיגין צו הויז , וואס דאס פלעגט צו טרעפין זייער אפט , ווייל ער וואר דאך וויא מיר ווייסין איינער פון באציאשעם אגענטין וואס האלטין זייערע צוזאמען קינפטע (צוזאמען קומען) אונ זייערע סעסיאנען נור ביא נאכט ארום עלף דעם זייגער ביא נאכט , זיינען זייא ביידע (זואן אונ די מארגעריטא) צוזאמען גיקומען אויף איינעם אפ גירעטין פלאץ אום פון דארט אוים צו זאגין פאריז איין איביגין אדיו , אונ צו צו ווענדין איר אויף אימער דעם רוקין , אונ אלס זייער וועג איז אוים גיקומען פאר ביא דער וואוינונג פון איר מוטער גאבריעלאווע , האט זיא אים בערעדעט איין צו קערין אויף אווייליע צו איר אום צו נעמען איין אבשייד , אונ פיליכט נאך איין זעגין פון איר , דען זיא האט ניט גיוואוסט וואס פר איין פערדארבענע מענש זיא איז , אונ וואס איר גשעפט וואר , זיא האט איר אזו גאר זייער שלעכט בעהאנדלט וויא מיר ווייסין , ביא אלעם דעם וואר זיא דער מוטער זייער גוט , אונ האט זיך גיוואלט מיט איר זעהען פאר איר שיידין זיך פון פאריז , זיא איז אריין דארט אין דעם טראקטיר וואס וואר אונטער דער מוטערס וואונונג , זיא האט אבער צו איהרעם לייד וועזען זיך באלד דארט דער וויסט פון דעם ווירט , דאס איהרע מוטער איז שוין דארט מעהר ניט דא , דען זיא איז אפ גיפירט גיווארין מיט אגרויסע וואך אין גיפיינגניס אויף דעם בעפעהל פון דעם באציאשי (וויא מיר ווייסין עס שוין פון פריהער) , אונ עס איז ניט פון איר צו הערין מעהר וויא פון נאך אנדערע טויזינדע גיפאנגענע וואס ווארין אזו גאר פון ערליכין אונ גרעסערין שטאנד , זיא האט זיך בעגאסן מיט טרערין , אונ האט זיך מיט דעם זואן קוים ארוים גיכאפט פון דיזעם רויב נעסט וויא פון איינע העלע , דען איינער פון די באנדיטין וואס האבין דארט גיזעצט (געשיכרט) האט זיך אן גיצעפעט אן דעם זואן וואס וואר גיקליידעט אלס אפיציר , דאס ער איז נור איין פערשטעלטער אגענט (פיסקאל) , אונ האט אוים גימאכט מיט אים וויא צו זאגין איינע דראקע , דער זואן האט אים אבער גיגעבין גוט אין דיא ציין , דער ביא האט זיך אריין גימישט דער ווירט אונ האט זייא אפ גיריסין איינער פון דעם אנדערין , אונ האט דעם זואן ארוים גישטויסין פון טיר , זייא האבין אבער דרויסין בעסערעם דער וויסט , דען קוים זיינען זייא איין גיגאנגען אהאלבע גאס האבין זייא דער זעהען דעם ענדעמא וואס ער איז גיגאנגען פאר קליידעט אונ איין גיהויקערט , אונ האט זיך באלד אפ גישטעלט אין אווינקעל אפעם וויא איין טיגער וואס שטעלט זיך אפ אין איין פערשטעקטין ארט אום

אויף

אויף צו פאסן אונ אויף צו לויערן זיין רויב, זייא האבן אים דער זעהען אונ עס האט זייא אויף גיציטערט דער מארך אין זייערע קנאכן:

19.

מאסקאראד.

דער טרויעריגע איינדרוק וואס האט גימאכט דיא ערשיינונג פון דער שארלאטאן מעקסיקאנישער קייזערין אויף דעם פראנצויזישען הויף וואר ניט פון לאנגען דויער, זעלבסט דאס ערשיינען דארט פון דער איזאבעלע דיא ארויס גיטריבענע קיניגין פון שפאניען, האט אויך גאנץ ווייניג גיווירקט אויף דיזעם אויס גילאסענעם הויף, מען האט דארט דיזע צוויא טרויעריגע בייא שפילע זייער גיך אויס גישוויצט (פערגעסין) וויא איינעם פליבטיגען, אונ איבער רוישענדין טרוים, אונ מען האט זיך אן גיהייבן ווידער צו בעלוסטיגין דארט מיט נאך מעהר פרישקייט, עס וואר גימאכט דארט בעלע איבער בעלע, לוסטבארקייטין איבער לוסטבארקייטין, אונ מען האט נעראנט (גילאפין) וויא בערוישטע (פאר שיכורטע) פון איין פערגעניגין צו דעם אנדערין פערגעניגין, אום זיך צו פערגעסין אן דיא זארגין וואס האבין זיך גיהייפט פון טאג צו טאג, אונ דר בייא וואר אויך פערגעסין צו טאן וואס פר דעם נוצן דעם לאנדעם אונ דעם פאלקעם, דען וואו נעמט מען צייט פאר אלעם, דער צוא נאך וואר ער אליין (נאפאליאן) זייער וייט פאר דבייט אין זיינע ליבעם האנדיל, וויא מיר ווייסין עס שוין פון פריהער:

אין דיזע צייטין האט זיך איבער גיקליבין דער הויף אין דעם דווארעץ סאנקט קלוא, אונ עס וואר דארט נאך מעהר גיפייערט אלס אין מאנטענעבלא, עס האט אהין ניט איין גידרונגען דיא מינדעסטע שטימע פון אונצופרידענהייט, ניט איין זייפצער (זיפץ) פון עלענד, קיין וויינען פון דיא פערהונגערטע קינדער דער ארבייטס לייטע (ראבאצים), וואס שרייען אום ברויט צוא זייערע מיטער (מוטערס), גראדע נאך אומגיקערט. דיא מיניסטארין האבין נאך גימאכט אלץ פארשטעלונגען דארט פון דעם גרויסין וואול שטאנד פון פראנקרייך, דאס אלעם לעבט אין איבער פלוס, אונ דאס דער נאנצער נאראד ליבט פון הערצין דעם נאפאליאן, עווגעניע אונ דעם קרוין פרינץ וואס וואר דאן גירופין מיט דעם פערצערטעלטין נאמען „ליוליו", נאפאליאן וואר דאן העכסט ניט גיזונד, אונ בייא אלעם דעם האט ער גינומען אנטייהל אין אלע דארטיגע פריידין, אום מען זאל ניט מערקין וואו עס האלט מיט אים:

אונ אלס אלע פריידין אונ פערגעניגונגען ווארין שוין ערשעפט (אויס גינוצט), האט דיא עווגעניע אויס גידיינקט איין נייעם פערגעניגין, איין מאסקען באל, אויף דיזעם באל ווארין דיא הערען אונ דיא דאמען פערקליידעט גאנץ פאנטאזיעם (משונע), עס וואר צוא זעהען דארט אלער האנד קאסטיומען (קליידונג), מאנכע ווארין פערקלייעט פאר טירקינען, אנדערע פר אקטאינדיער,

אונ

און דאס גלייבן, אלע אין האלב שווארץ סאמעטענע מאסקען מיט דעם העכסטן עלעגאנט (פוץ) און רייכטום, און אזו ווארין אויך די הערען ניט מינער פאר קליידעט אין פערשיידענע טראכטען (קליידונג) פון פערשיידענע נאציאנען, דאס דיזער זאל האט אויס גיזעהען וויא איין זאמעל פלאץ פון אלע פעלקער דער ערדע:

מעהר פאר אלע אנדערע האט זיך אויס גיצייכנט דארט מיט איר שיינהייט, מיט איר גלאנץ, פוץ, און טואלעטע די פירשטין מעטערניך, עס האט זיך אום גיפירט מיט איר דער קריגס מיניסטער לעבעף וואס ואר גיקליידעט וויא איין דאזע (איטאליענישער פרעזידענט), ער וואר אויך דארט דער שענסטער מאנס פערזאן, זיא זיינען ביידע גיגאנגען גיארעמט, און האבן צווישן זיך גישפראכן גאנץ גיהיים און מיט גרויסע פארזיכטיגקייט איבער איינעם גיהיימען צופאל וואס איז גישעהען „אלס מען האט מיר מיט דרייא טעג צוריק אן גיזאגט דאס עס איז גישטארבין דער מארקיז פולעזע" האט זיך אפ גירופין די פירשטין צו אים „בין איך גיווארין גאנץ אויסער זיך, דען איך האב אים נאך אין דעם זעלבין אווינד גיזעהען אין דעם זאל פון דעם פרינץ גאנץ פריש און מונטער", „א דער מארקיז"! האט זיך דער לעבעף אפ גירופין „איז גיוועזן איין גוטער אקטאר, ער פלעגט אימער שיינען פאר דעם אנדערין גאנץ פערקערט וויא עס וואר אים צו מוטה, דאהער קען שוין זיין דאס ער וואר שוין העכסט גיקרייגקט אלס ער האט אייך גישיינט גאנץ פריליך, ער האט זיך אלזו זעלבסט ערשאסין", „און זיין אונגאטירליבער טויט" האט זיך די פירשטין אפ גירופין האט אויף גיוועקט די אלטע רייד וואס וואר גירעט איבער דעם פלעצליכין שטארבין פון זיינער ערסטע פרויא, און פון זיינעם זון וואס ער האט גיהאט מיט איר, גיוויס האט ער זיך ערשאסין נור אויס גיוויסענס ביסע (גריזע סאוועסטע), דען עס איז מעהר אלס גיוויס דאס ער האט יענע ביידין פערגיפטעט, א מעכטע קיינע בעסערע ענדע האבין אויך דער באציאשי דען ער וואר די אורזאך פון זייער אלעמען דרייענס טויט:

און נאך איז קיין וואונץ און קיין פלוך אזו גיך און באלד ערפילט גיווארין וויא דיזער, וואס איז גיהערט גיווארין פון צווייא פערמאסקירטע שווארצע ריטער וואס זיינען גישטאנען ניט וייט פון זיא בעוואפינט מיט צווייא סאבלעס, דיזע ווארין קיינע אנדערע וויא אלימפיא און דער מארקיז, דיזע ביידע האבין באלד אויף גיפאסט (אויף גילויערט) דעם באציאשי וואס וואר האלב בערוישט פון שאמפאניער, און איז אומגילאפין אין דעם לוסט גארטין אום אויף צו זובין צווישן די גידיכטע בוימער איינע גיוויסע הויף דאמע וואס האט זיך לויז גירסין פון זיינע הענד און האט זיך פערשטעקט אין איינעם דיקעכט (גושצא) און האט זיך אלזו גאנץ ענטפערינט (דער ווייטערט) פון אלע געסטע, זייא האבין אים באקומען אין איינעם גאנץ אבגילעגינעם ארט:

„גוט"! האבן זיי זיך אפ גירופן צו אים „נון האבן מיר דיך שוין אין אונזער

האנד

האנד, אונ מיר וועלין אונז דא אפ רעכענען מיט דיר, דען דוא ביזט שוין רעכט רייף (צייטיג) צו איינער בלוטיגע פערגעלטונג, דוא ביזט דיא אורזאך גיוועזען פון דעם קאמעראטעס טויט, דוא האסט פערניכטעט דיא האוואַרד, דוא האסט פערפיהרט דיא דאלארעס, דוא האסט גיוואָלט אויך אונז פעראומגליקין, גינוג דוא פערדינסט דאס מיר זאלין דיך ערמארדין גאר אהנע שוינונג וויא איינעם רייסענדין טיגער, דאך ווילין מיר דיך ניט ערמארדין וויא פייגע (פאדלע) מערדער, ניין ווייל מיר זיינען עס ניט, מיר פאדערין דיך ארויס נור אויף איין צווייא קאמפף, קלייב דיר אויס איינעם פון אונז אום אוים צו פעכטין מיט אים דיין רעכט, דער אנדערער וועט שטיין פון ווייטין אלס סעקונדאנט, אונ דיזער וועט דיר געבין זיין סאבלע דאמיט דוא זאלסט מיט דעם אנדערין שטרייטין מיט גלייכע וואפין, דען מיר זיינען עהרען לייטע:

דער באציאשי איז גיווארין העכסט איבערראסט (ערשראקין), דען ער וואר ווייט דארט פון מענשליכע הילפע, אונ האט אלזו גימוזט ניט ווילענדיג דיזין אנבאט אן נעהמען, ער האט אויסערוויילט פון זייא ביידין דעם מארקיז, ווייל ער האט אים אויס גיוויזין פיל וויינינער מעכטיג אלס דער אלימפיא, אונ דיזער האט אים גינעבין זיין סאבלע, אונ זייא ביידע האבין זיך אן גיהייבין צו פעכטין, דיזעס גיפעכט האט גידויערט מעהר אלס איינע פירטעל שטונדע, אונ האט זיך בעענדעט מיט דעם טויט פון זייא ביידין, דער באציאשי איז גיבליבין ליגין טויט אויף דעם פלאץ, אונ דער מארקיז האט אויס גיהויכט זיין לעבין אין אפאר שטונדין ארום אין אלימפיעס קוואַרטיר, דען דער וואלענטינא וואס וואר אויך מיט זייא האט אים באלד אריין גיהייבין אין איינער קארעטע וואס איז גיוועזען ברייט צו דיזער ענדע (צוועק) נאך פון פריער, מיר לאזין איבער אונזערע לעזערינען דאס זייא זאלין פון זעלבסט פערשטיין וויא ווייט דער מארקיז איז בעדויערט גיווארין פון דעם אלימפיא, פון דער דאלארעס, פון דעם זואן, אונ פון דעם וואלענטינען, עס וואר נאך קיין פריינד אזו בעוויינט גיווארין פון זיינע פריינדע וויא ער פון זייא, אויף מארגין איז שוין גיווארין גימעלדעט אין דעם מאניטער (אזו אציימונג) פון דעם באציאשים טויט, דאס מען האט אים גיפונען ערמארדעט:

.20

·מאראניאן אדער דער ענדעמא·

נון וועלין מיר אונז אומקערין צוריק צו דעם זואן אונ צו דער מארנעריטא, דיא שלעכטע בעגעגע·ים וואס זייא ביידע האבין גיהאט אויף זייער נעכטליכען גאנ: אום אויס צו וואנדערין פון פאריז, דאס הייסט וואס זייא האבין דער זעהען דעם ענדעמא, אונ אזו אויך ער זייא, האט גימאכט איין שרעקליכין איינדרוק אויף זייא, אונ עס האט אויך גאנץ אונ גאר אומגיענדערט זייער פלאן, דען דער ענדעמא איז באלד צו איר צו גיגאנגען אונ האט איר גימאכט איין נוטין

פאר-וואורף

פארוואורף (אויסרייד) דאס עס איז איר פערנאנגען הערין און זעהען, און דאס גלייכין האט דער זואן אויך גיהאט פון אים פאר דאס זיינינע, און האט איר אלזו אפ ניפיהרט אהיים בעדעקט מיט שאנדע און מיט שמאך וויא איינע פרויא וואס דער מאן דער וויסט איר בייא איינער אונטריייהייט, און דאן ווער שוין איינע ענדע מיט דער נעכטליכען בעזוכע און ווידער זעהען און בעזוכין בייא דער דאלארעס, עס וואר איר ליבער דער טויט אלס דאס לעבין, דאס זיא דארף זיין צו זאמען מיט אזו איין פערוואורפענעם מענטשין וואס ליבט איר ניט, און האט איר גינומען נור אום אוים צו פירין דורך איר זיינע שענדליבע פלענע וואס מיר פאר שווייגין עס דא אום נור צו פערשוינען אונזערע לעזערינען, און ניט מינדער פאר איר האט דורך דעם אויך גיליטין דער זואן וואס ער וואר ווירקליך פאר ליבט אין איר, און עס וואר אים לייד אום איר, דען ער האט גיוואוסט אירע ליידין, און פלעגן זיך לאבן און קוויקין דורך איין גיהיימען בריף וועקסיל וואס דער ענדעמא איז דער פון מיט דער צייט אויך גיוואר גיווארין, און איז גיווארין דורך דעם העכסט וויטהעגד (צארניק) אויף דעם זואן וואס ער ווייס דאס ער איז איין נוטער פריינד פון דעם אלימפיא וואס האט ארויס גינומען דיא דאלארעס פון זיינע הענד, און האט אלזו בעשלאסין דאס ער זאל אים אטפראוועו אין איינער אנדערין וועלט, און האט באלד דארויף בעקומען איינע גוטע גילעגינהייט דער צו, און ער האט זיא ליידער זייער גוט בענוצט, וויא מיר וועלין דא באלד שרייבין:

אין דעם 17 נאיאבער 1869 וואר איין גילאדין דער קייזער נאפאליאן מיט זיינער פרויא, און אזו נאך פיל אנדערע איראפייעשע מאנארכען פון דעם עגיפטישען וויצע קיניג אין זיינער רעזעדענץ (הויפשטאט) קאהירא, אום בייא צו וואונען (אום צו זיין דער בייא) דיא פייערליכקייט (פאראדע) וואס וועט גיפייערט ווערין דארט בייא דער ערעפענונג פון דעם זועצקין קאנאל וואס וואר דאן גיגראבין גיווארין אום צו פעראייניגין דורך אים דאס רויטע מעער מיט דעם מיטלענדישען מעער, עס איז אהין גיקומען דער עסטרייכער קייזער יאזעף פראנץ, דער פרייסישער קרוין פרינץ, און נאך אנדערע אראפייעשע פירשטין און הערצאגע, און אונטער זייא אויך דיא עווגעניע דיא קייזערין פון פראנקרייך מיט איר נאנצין האפשטאאט (פרידווארנע), נאפאליאן מיט דעם זון זיינען גיבליבין צו הויז אוים פאליטישע אורזאכין, אונטער דער סוויטע פון דער עווגעניע ווארין אויך איינינע אגענטין (פיסקאלין) מיט זייערע פרויען וואס איינער פון זייא וואר דער ענדעמא מיט זיינער פרויא דיא מארגעריטא, און אונטער דעם קארפוס פון דיא אפיצירין וואס זיינען מיט איר גיפארין וואר אויך דער זואן. וואס ער האט פערשטאנען זייער גוט אראביש, און וואר צו גלייך אלס דאלמאץ אין איר סוויטע, דיזע גילעגינהייט דאס ער (דער ענדעמא) זאל זיין צוזאמען מיט דעם זואן אין קאהירא, וואס דארט ווימעלט שוויבעלט און גריבעלט פון

גריכישע באנדיטין אונ נוינער (בעטריגער) וואר אים וויא גירופין, אום אוים צוא פיהרען זיין בלוטיגין פלאן געגין דעם זואן:

ער האט בעדונגען צוויא גריכישע באנדיטין פאר צוויא טויזינד פראנק, דאס זייא זאלין אים ערמארדין (דעם זואן), אונ דאס זייא זאלין דאס געלט בעקומען פון אים נור אלס זייא וועלין אים ברייגגען זיינעם לינקען אויער מיט דעם אויערין רינג וואס ער טראגט אין אים, אונ וואס עס איז אים זייער בעקאנט, אונ אום זייא זאלין אים קענען זייער לייכט ארויס לאקען (ארויס באוועגן) פון דעם שטריינג בעוואכטין הויפט קווארטיר וואס דארט איז איין גישטאנען דיא סוויטע, האט ער אפ גיצוואונגען פון דער מארגעריטא מיט איינעם דאלך (שפיז) אין האנד, דאס זיא זאל שרייבין א בריף צו דעם זואן דאס ער זאל זיך איינגיפינן ארום עלף ביי נאכט ביי דעם שלאס קאסטעל, דען זיא וועט אים דארט ערווארטין אום זיך מיט אים צו זעהען, אונ אום מיט צו טיילין אים גרויסע ביאינגקייט, אונ דיזעס מיטעל האט ניט פערפעלט זיינע ווירקונג, דען קוים האט ער דעם בריף דורך גילעזין איז ער גיווארין פולער פריידע אונ האט זיך שוין צו גיקליבין צו גיין, אומזאנסט האבין אים דארט דיא אראבער גיווארינט, דאס ער זאל זיך ניט וואגין צו גיין אליין ביי נאכט דורך דיא שטראזין פון קאהירע, אונ דאס דער גריכע דער איבער ברייגגער פון דיזין בריף איז איין נוינער (בעטריגער) אונ מאכט קיינע אויסנאהמע פון דיא אלע איבעריגע קאהירער גריכין, ער האט זייא ניט גיהערט איז ארום עלפין ארויס פון דעם זיכערין האטעל אונ האט זיך שוין ניט מעהר צוריק גיקערט, דען דיא צוויא מערדער זייגען אים איבער גיפאלין אונ האבין אים ערמארדעט, האבין אים אפ גישניטין דעם אויער מיט דעם אויער רינג, האבין עס גיבראכט דעם ענדעמא, אונ ער האט זייא ערליך בעצאלט, אונ אלס ער וואר מיט זיינער פרויא אויף דער צוריק רייזע אויף דער שיף, האט ער איר גיצייגט דעם אויער פון דעם זואן, אונ האט איר דער ביי זייער פריינדליך אונ גילאסין ערקלערט דאס דער צו האט אים זייער פיל גיהאלפין דער בריף וואס ער האט אפ גיצוואונגען פון איר, אונ אלס זיא האט אן גיהייבין שרעקליך צו וויינען אונ צו שרייען, האט ער דעם אויער ארין ישמיסין אינס וואסער, דאמיט מען זאל ביי אים קיין ציכע דער וויסין:

דיזע בלוטיגע האנדלונג האט ערשיטערט איר געמיטה אין גאנצין, פאר עסערט איר האס געגין אים, אונ איר הערץ האט אן גיהייבין צו גליהען פון אבע (נקמה), אונ אם וויינינגסטין וויא נור מעגליך לויז צו ווערין פון זיינע הענט:

21.

דער פרינץ פער באנעפארט.

עס איז אלער וועלט בעוואוסט (אלעמען בעקאנט) דאס דער נאפאליאן האט גיהאט איינע גרויסע צאהל ארעמע פעטערס אונ שוועסטער קינדער וואס

זייא

זייא אלע האבין גיצוויגין זייער לעבינס מיטעל נור פון אים, און האבין זיך גיפירט זויא פרינצין, דיא פאריזער האבין עס ניט גיוואלט ליידין, האבין זייא בעטראכטעט אלעס אונערזעטליכע בלוט איגלען (פיאווקעס). וואס זייגין אויס דאס לאנד, און נאפאליאן זעלבסט האט ניט ווייניג גיליטין דורך דעם, דען אויסער דעם וואס זייא וואָרין אים צו לאסט מיט זייערע אויס גאבען (הוצאות), האבין זייא נאך בעגאנגען פילע דומע שטרייכע (שטוקעס) אויף זיינעם רעכענונג, זייא האבין גימאכט גרויסע שולדין און האבין ניט בעצאלט, און האבין דער צו גישלאגין דיא קרעדיטארין וואס זיינען גיקומען מאנען, אויך מאנכע פון זייא האבין בעגאנגען פילע מארד טהאטין אלס וויא דער טיטול פירשט גיט ערלויבנים צו טאן וואס מען וויל און בלייבין אונבעשטראפט בייא דעם גרעסטען פערברעכען, און וייל דיא פאמיליע זיינע איז צו גרויס אום פון יעדין בעזונדער צו שרייבין, וועלין מיר דא נור איינעם פון איהרע גלידער דא אלס בייא שפיל בעשרייבין, וואס ער איז מעהר בעקאנטער גיוואָרין מיט זיינע אונטהאטען (מעשים רעים) אין גאנץ אייראפא, און דיזער איז דער פרינץ פער באנעפארט:

דיזער פרינץ וואר איין שוועסטער קינד נאפאליאנס, און ווייטער האט ער זיך קיין אנדערע מעלה גיהאט, און אויך דיזעס האט ער ניט גיוואוסט וויא צו שווינען, זייענד נאך גאנץ יונג האט ער זיך אויס גיצייכינט אין רוים דורך דיא ערמארדונג פון איינעם מיידכען וואס ער האט זיך רעמאנסירט מיט איר, ער וואר דארט פאר משפט צום טויט, נור דער פאפסט האט אים דארט בעגנעדיגט, און האט אים גיהייסין פארין קיין אמעריקא וואס דארט קען מען זיך ניט פערזינדיגן אויף דיא קאנטע פון איינעם טיטול וויל דארט זיינען אלע גלייך, און מען וויים ניט צו זאגין פון איינעם ערב טיטול, אלזו וועט ער דארט זיך פילייכט בעסערין, ער וואר אפ גיפירט קיין אמעריקא, און האט זיך דארט זייער ווייניג פערהאלטין (גיבליבין), וייל דיא גלייכהייט וואס איז דארט וואר פאר אים איין שווערער קורמיטעל, דען עס האט אים העכסט גיקריינקט גירופין צו ווערן נור בייא זיינעם הוילין נאמען אן דעם טיטול דורכלויכט (סיאטעלסטווא), און האט זיך אלזו באלד אומגיקערט קיין אייראפא צוריק קיין קארזיק אין דעם שויס פון זיינער פאמיליע, און דארט האט ער באלד בעגאנגען איין צווייטין מארד און איז גיבליבין פערשוינט, ער האט דער שאכין איין לעסניק וואס האט אים דער וויסט יאכטענדיג אין זיינעם הערענס וואלד נור וייל ער האט אים עס געווערט, ער איז פערשוינט גיווארין נור דורך בעשטעכונג (לאפקע) און איז אוועק פון דארט קיין פאריז אלס ער האט דער הערט דאס נאפאליאן איז גיווארין קייזער:

דארט האט ער גימאכט איינע נייע זינדען קאנטע אויף דיא רעכענונג פון נאפאליאנס קייזער טיטול, ער איז אבער ניט אזו טרוקין אוועק גיקומען פון זייא וויא פון דיא ערסטע שטרייכע זיינע, דען ער האט שוין וואס גיליטין, דאס ערסטע וואר דאס ער האט פערפיהרט איין מיידכען איינע טאכטער פון איינעם

האנד

תאנד װעקער אין טיכטיגער מאו, װאס האט זיך זייער שטארק פראצעסירט מיט אים, אונ האט אים ניט איינגעלאזין ביז ער האט איר גימוזט הייראטהען אין צווייטין שטריך (שטוקע) האט ער דארט בעגאנגען אנטקעגין איין גיוויסין ציטונג שרייבער ראשפאר װאס האט אן גיהייבין צו בעשרייבין אין זיינער ציטונג װאס האט גיהייסען „פאנאר״, אלע אומרעכט אונ בלוטיגע טהאטען (מעשים) װאס נאפאליאן האט אפ גיטאן זינד ער איז גיװארין פרעזידענט, אונ דער נאך װאס עס האט זיך אפ גיטאן אין דער דעקאבערסקע נאכט װאס ער איז גיװארין אין איר קייזער מיט אגרויסע בלוט פארגיסונג, דיזעס האט העכסט פערדראסין דעם פער באנעפארט, אונ האט אלזו אריין גישיקט דעם ראשפאר זאגין באם ער װעט ניט אויף הערין צו שרייבין אזעלכע זאכען װעט ער אים שיסען וואו ער װעט אים נור בעגעגענען אדער ער װעט איינדרינגען מיט איינעם רעוואלװער צו אים אין הויז, דער ראשפאר װאס װאר אויך קיין פלאכער מענטש האט אריבער גישיקט צו אים זיינע צוויא זאטרודניקעם (מיט ארבייטער) װאס איינער האט גיהייסין נואר (איין יודע) אונ דער צווייטער האט גיהייסין פאנוויעל אום צו ריידין מיט אים דאריבער, אונ צו גלייך בעשטימען איין גיוויסין דועל מיט אים װען ער וויל פערפעכטין (זיך אן נעמען) פאר די עהרע פון זיינעם שװעסטער קינד:

קוים אבער האבין זייא אן גיהייבין צו ריידין מיט אים דאריבער, האט ער זיך אן גיצונדין וויא איין צונדער, האט ארויס גינומען איין קליינעם רעוואלװער מיט צוויא רורעס אונ האט אוים גישאסין אויף זייא, דער נואר איז גיטראפין גיװארין אונ איז גיבליבין ליגין טויט, דעם צווייטין אבער האט עס נור דורך גישאסין דעם מאנטיל. עס האט מיט דיזער גישיכטע גאנץ פאריז אויף גיקאכט, דאס באגרעבענים פון דעם נואר איז צו גיגאנגען העכסט פייערליך, עס װארין הונדערט טויזינדע בייא דער לויה גיקליידעט אין טרויער, דאס די רעגירונג װאר בעזארגט פאר איין אויפשטאנד (מאטעז), אונ האט אלזו ארויס גישיקט קאװאלעריא אונ ארטעלעריא, דאס פאלק האט גישריען אום ראכע (נקמה), „אונ דיזעס זאל אויך באלד גישעהען״ האט גישריען דער פאליצייא מייסטער אין אלע שטראזין, דער פער איז װירקליך באלד דארויף גישטעלט גיװארין צום געריכט, אבער ניט וויא איין בירגערליכער פערברעכער, ער װאר ניט גערעכטעט אין שװאור געריכט װאס װאלט אים פערגעוויס פעראורטיילט צו דער גוויליטינע, ביין עס װאר אוים גיזעצט אויף אים איינע בעזונדערע קאמיסיע, אונ איז אפ גיקומען מיט זעקס אונ צװאנציג טויזינד פראנק שטראף געלט:

דיזעס אלעס האט פערמעהרט אונ פערגרעסערט דעם האס צוא דעם נאפאליאן, אונ װען ניט די עװגעניע װאס האט זיך אן גיהייבין זייער שטארק אריין צו מישין אין דער רעגירונג, אונ װאס האט גיזוכט אלץ מיטלען מיט װאס צו בעשעפטיגין דעם נאראד דאס זייא זאלין ניט האבין קיין צייט צוא דיינקען פון דער רעגירונג װאלט נאפאליאן שוין מיט נאך איינינע יאר יהער פר.

הערונטער

הֶערְאוּנְטֶער גֶעפוּרְצֶעלְט (אַרוּנְטֶער גִיפַאלִין) פוּן טְרָאהָן , נוּן אִיז שׁוֹין הָאחָע (הוֹיכֶע) צַייט דָאס מִיר זָאלִין אוּנְז אוּמְקֶערִין צוּ דֶעם לוֹיף פוּן אוּנְזֶער גִישִׁיכְטֶע :

22.

„דָאס עֶנְדֶע פוּן דֶעם עֶנְדֶעמַא“

דִיא מַארְגֶערִיטָא אִיז נִיט גִיבְּלִיבִּין בַּייא דֶעם עֶנְדֶעמַא נָאךְ דֶעם עֶרְמָארְדִין זַיינֶעם דֶעם זוֹאַן , זִיא אִיז אַנְטְלָאפִין צוּ דֶער דָאלָארֶעס אוּנ צוּ דֶעם אַלִימְפִּיא , אוּנ זִיא אִיז אוֹיף גִינוּמֶען גִיוָוארִין פוּן זַייא זַייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ לִיבְּלִיךְ אִין זַייעֶר פַאלֵייא וָואס וַואר אוֹיף דֶעם פַאלֵייא־וַואנְדַאמַא , אוּנ הָאט זַייא דָארְט דֶער צֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גִישִׁיכְטֶע וִויא דֶער עֶנְדֶעמַא הָאט גִילָאזְט עֶרְמָארְדִין דֶעם זוֹאַן , אוּנ הָאט דֶער בַּייא פֶערְנָאמִין טַייכִין טְרֶעהְרִין , אוּנ דִיזֶעם הָאט אַזוֹ גִיקְרֵיינְקְט אוּנ גִיקְלֶעמְט דֶעם אַלִימְפִּיא , דָאס עֶר הָאט בַּייא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין אָפּ צוּ רֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט אִים שׁוֹין , „אָ דִיא מָאס פוּן זַיינֶע זִינְדֶע“ ! הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין „אִיז שׁוֹין פִיל אוּנ שׁוֹימְט אִיר אַרִיבֶּער , אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין הָאחֶע צַייט צוּ רֵיינִיגִין דִיא וֶועלְט פוּן אַזוֹ אֵיין אוּנְגֶעהֵייעֶר (מַזִיק) , אוּנ אִיךְ וֶועל שׁוֹין מַאכִין אֵיינֶע עֶנְדֶע מִיט אִים גִיךְ אוּנ בַּאלְד , דָאס דוּא מַארְגֶערִיטָא מֶעגְסְט זִיךְ שׁוֹין רֶעכֶענֶען פַאר אֵיינֶע גְלִיקְלִיכֶע וִויטְוֶוע (אַלְמָנָה) , אוּנ דַאהֶער פֶערְבְּלֵייבֶּע בַּייא אוּנְז שׁוֹין בִּיז דוּא וֶועסְט וָואס בֶּעסֶערֶעס הָאבִּין“ :

דִיא מַארְגֶערִיטָא הָאט זִיךְ פַאר דִיזֶעם פְרַיינְדְלִיכִין צוּ שְׁפְּרוּךְ זַיינֶעם צוּא אִיר הֶעכְסְט בֶּעדַאנְקְט , אוּנ הָאט מִיט פְרֵיידִין אָן גִינוּמֶען דִיזֶע גִינַאדֶע פוּן אִים אוּנ פוּן דִיא דָאלָארֶעס , אוּנ דֶער אַלִימְפִּיא אִיז אַרֵיין אִין זַיין קַאבִּינֶעט אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט שְׁרַייבִּין אֵיין בְּרִיף צוּא דֶער עֶוֶוגֶענְיֶע , אִין וֶועלְכִין עֶר הָאט זַייעֶר שְׁטַארְק אָן גִישְׁוֶוערְצְט (אָן גִיקְלָאגְט) דֶעם עֶנְדֶעמַא פַאר אִיר , עֶר הָאט אוֹיס גִירֶעכִינְט אִין אִים אַלֶע זַיינֶע מִיסְטְהַאטֶען (מַעֲשִׂים רָעִים) וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אָפּ גִיטָאן אִין זַיין לֶעבִּין , דָאס עֶר פִיהְרְט אֵיין פַאלְשֶׁען נָאמֶען , אוּנ דָאס עֶר אִיז אוֹיךְ צוּא גְלֵייךְ אֵיין פֶערְרֶעטֶער (מוֹסֵר) , דָאס עֶר וֵוייס פוּן אַלֶע אִיהְרֶע גִיהֵיימְנִיסֶע , אוּנ עֶנְטְדֶעקְט עֶס מַאנְכֶע אַנְדֶערֶע פַאר שְׁוֶוערֶעס גֶעלְט . אוּנ הָאט אִיר דַאהֶר גִירַאטְהֶען אַלְס אֵיין אַלְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד , דָאס זִיא זָאל פוּן דִיזִין מֶענְטְשִׁין לוֹיז וֶוערִין גִיךְ אוּנ בַּאלְד , דֶען לֶעבְּט עֶר נָאךְ אֵיין טָאג קֶען עֶר אִיר שֶׁעדְלִיךְ וֶוערִין צַייט זִיא וֶועט לֶעבִּין , עֶר הָאט אִיר גִישְׁרִיבִּין נָאךְ מַאנְכֶע גִיהֵיימֶע זַאכִין אִיבֶּער דֶעם עֶנְדֶעמַא וָואס בֶּעלַאנְגְט דֶער עֶוֶוגֶענְיֶע אִין אִיר עֶהְרֶע אוּנ אִין אִיר לֶעבִּין אִין פַאל וֶוען עֶר וֶועט נִיט אוּמְקוּמֶען אוּמְגִיזָאמְט :

עֶר הָאט דִיזִין בְּרִיף פֶערְזִיגֶעלְט אוּנ אָפּ גִישִׁיקְט צוּ אִיר , אוּנ עֶר הָאט נִיט פַאר פֶעלְט זַיינֶע ווירקוּנְג , דֶען זִיא הָאט זִיךְ גָאר קֵיין גֶעוִויסִין גִימַאכְט (דָאס הֵיימְט זִיךְ נִיט פִיל מְיַשֵּׁב גִיוֶוען) אוּנ הָאט אִים (דֶעם עֶנְדֶעמַא) פֶערְאוּרְטֵיילְט צוּם טוֹיט , עֶר אִיז גֶערִיכְטֶעט גִיוָוארִין מִיט דֶער גִוִוילַאטִינֶע (גִיקֶעפְּט גִיוָוארִין

אוּנטער

אונטֶער דֶער מַאשִׁינֶע) פַּאר אַלִימְפִּיֶעם אויגִין , דֶער גַייסְטְלִיכֶער (סְוַואסְצֶענִיק) וָואס הָאט אִים פָּארְבְּרֵייטֶעט (פְּהָאגָאטָאוְולַאיֶעט) צוּם טוֹיט , אוּנ וָואס וַואר צוּ גְלַייךְ דֶער בֵּייכְטְפָּאטֶער (אִיסְפָּאוִויֶעדְנִיק) פוּן דֶער עֶווְגֶענְיֶע , הָאט אַרוֹיס בֶּעקוּמֶען פוּן אִים אַיינֶע פַאלְשְׁטֶענְדִיגֶע בֵּייכְטֶע (וִוידוּי) , עֶר הָאט אִים פֶּערְשְׁפְּרָאכִין אִין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער עֶווְגֶענְיֶע צוּ בֶּעעֶרְדִיגִין אִים דֶער פַאר דָארְט אִין שְׁפַּאנְיֶע אִין דֶעם גְרַאבּ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין אִין מֶעדִינָא , זִיא הָאט עֶס וִוירְקְלִיךְ נָאךְ הֶער גִיטָאן , דֶען עֶס הָאט זִיךְ אִיר גִיוָואלְט דָאס אִיר גַייסְטְלִיכֶער זָאל וִויסִין דָאס זִיא הָאט אִים פַאר מִשְׁפָּט נוּר וַוייל עֶר וַואר אַיין עֶכְטֶער מֶערְדֶער , אָבֶער נִיט אוֹיס אַיינֶער אִינְטְרִיגֶע נוּר , ווִיא עֶס וֶוערְט אַלֶע מָאל פוּן אִיר גִישְׁפְּרָאכִין נָאךְ יֶעדִין טוֹידֶעס אוּרְטְהַייל , בַּאלְד נָאךְ דִיזֶער גִישִׁיכְטֶע אִיז אַוֶועק דִיא מַארְגֶערִיטָא אִין אַיינֶעם קְלוֹיסְטֶער אוּם צוּ פֶערְלֶעבִּן דָארְט אַייגִיגֶע מָאנְהַייטִין אִין בּוּשֶׁע (תְּשׁוּבָה) , אוּנ אִין אַנְדַאכְט (פְרוּמְקַייט) , דֶען זִיא הָאט אוֹיךְ גִיהַאט זַייעֶר פִיל אוֹיף אִיר גֶעוִויסִין , דֶען זִיא וַואר (צְוַואר נִיט ווִילֶענְדִיג) אַיינֶע מִיטְהֶעלְפֶערִין אִין מַאנְכֶע שְׁמוּצִיגֶע פְּלַאנֶען פוּן אִיר פֶערְדָארְבֶּענֶעם מַאן דֶער עֶנְדֶעמַא :

23.

„דֶער אָנְפַאנְג פוּן דֶעם קְרִיג מִיט פְּרֵייסִין„

אִין דֶעם 15 יוּל 1870 הָאט נַאפָּאלְיָאן עֶרְקְלֶערְט דֶעם פְּרֵייסִישִׁין קִינִיג קְרִיג , אַיין קְרִיג וָואס וַואר אוּנְטֶער גִינוּמֶען נִיט פַאר דֶעם נוּצִין פְרַאנְקְרֵייכְס , נוּר פַאר זַיין אַייגֶענֶעם וואוּל (טוֹבַת עַצְמוֹ) , אוּם צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגִין נוּר מִיט אִים דִיא פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע נַאצְיָאן דָאס זִיא זָאל זִיךְ פַאר גֶעסִין אָן אִים אוּנ אָן זַיינֶע רֶעגִירוּנְג , אוּנ אוּם דִיזֶער קְרִיג זָאל הָאבִּן אַיין פָּאלִיטִישִׁין אָנְשַׁיין (אוֹיס זֶעהֶען) , הָאט עֶר אִין דֶעם מַאנִיפֶּעסְט וָואס עֶר הָאט דַאן אַרוֹיס גִיגֶעבִּין (אָנְגִיגֶעבִּין) דָאס דִיא אוּרְזַאכֶע פוּן דִיזֶער קְרִיגְס עֶרְקְלֶערוּנְג גֶעגִין פְּרֵייסִין , אִיז נוּר דַארוּם וַוייל שְׁפַּאנְיֶען ווִיל אוֹיף נֶעהְמֶען פַאר אַקִינִיג בַּייא זִיךְ אַפְּרִינְץ פוּן דִיא הָאהֶען צָאלֶערִין וָואס אִיז פוּן דֶעם פְּרֵייסִישִׁין קִינִיגְס פַאמִילְיֶע , דָאס דִיזֶעס אָבֶער וַואר נוּר אַיין בְּלוֹיזֶער אוֹיס רֵייד , אוּם צוּא טוֹישֶׁען (נַארֶען) דֶער מִיט דִיא נַאצְיָאן דָאס זִיא זָאל נִיט שְׁפִּירִין דִיא וַואהְרֶע אוּרְזַאךְ פוּן אִים (פוּן דִיזִין קְרִיג) , אוּם צוּ פֶערְדְרֵייעֶן אִיר (דִיא נַאצְיָאן) דֶעם קָאפּ דֶער מִיט , דָאס זִיא זָאל קַיין צַייט הָאבִּין צוּ קוּקִין אוֹיף אִים , אִיז עֶס יֶעדִין זַייעֶר לַייכְט אַיין צוּ זֶעהֶען (צוּ פַאר שְׁטֵיין) , דֶען דִיזֶער קְרִיג אִיז גִיפִיהְרְט גִיוָוארִין זֶעלְבְּסְט נָאךְ דֶעם אַלְס דֶער פְּרֵייסִישֶׁער פְּרִינְץ הָאט זִיךְ עֶנְטְזַאגְט פוּן דֶער שְׁפַּאנְיֶער קְרוֹין :

אַלֶע אַיינְזִיכְטֶס פָאלֶע (קְלוּגֶע) מֶענֶער וָואס דַארוּנְטֶער וַואר אוֹיךְ דֶער קְרֶעמְיוּ , הָאבִּין דֶעם נַאפָּאלְיָאן גִיוָוארִינְט דָאס עֶר זָאל זִיךְ מִיט פְּרֵייסִין נִיט קְרִיגִין , עֶר אָבֶער הָאט קַיין אוֹיעֶר גִיהַאט פַאר דִיא קְלוּגֶע וַוארְנוּנְג , דֶער צוּ נָאךְ הָאט אִים בֶּערֵיידֶעט דֶער צוּ נָאךְ זַייעֶר שְׁטַארְק דִיא עֶווְגֶענְיֶע וָואס הָאט זִיךְ

זייער

זייער שטארק גימישט אין דיא רעגירונג, ווייל זיא האט איין גיזעהען דאס נור דיזער קריג וועט בעפעסטיגין איר טראהן, אונ אזו האבין צו גירעט צו דעם קריג אלע מיניסטארין וואס האבין נור גיוואלט האבין איינע גוטע גילעגינהייט צו בערייכערין זיך, "דער קריגס מיניסטער לעבעף האט זיך בעריהמט נאך פאר דיא עווגעניען, "דאס דיא פראנצויזישע ארמייא איז וייט גרעסער אונ פיל בעסער בעוואפינט אלס דיא פרייסישע, אונ מעהר וויא דאס האט זיא ניט גידארפט העררין אום זיך צו שטארקין אין דיזין גיפעהרליכין אונטער נעהמען, אונ עס איז אלזו אויף איר ערפילט גיווארין אין איינגסטען זין (אין עכטין מיין), דער פסוק פון עובדיה "אנשי בריתך השיאוך יכלו לך אנשי שלומך אין תבונה בו" דיינע אייגענע פריינדע האבין דיך בעריידעט אונ האבין אויס גיפיהרט, אלע דיינע בונדעס לייטע ווייל עס וואר קיין פערשטאנד אין דיר, עס וואר טויב איר אויער זעלבסט געגין דיא ווארנונג פון דעם אלימפיען, דאס זיא נעמט זיך אונטער איין גאנץ אונגלייכין קריג, דען גאנץ טייצלאנד איז אין בונד מיט פרייסין, זיא האט זיך אויס גילאכט פון אים, אונ האט אים גיענטפערט דאס זיא וויים בעסער אלס ער דאס פרייסין איז נור אליין, אונ אלזו איז דיא פראנצויזישע ארמייא דאפילט גרעסער אלס דיא פרייסישע :

נאך מעהר האט איר גישטארקט אין דיזער גיפעהרליכע אונטער נעהמונג, דאס שרייען פון דעם פאלק אורא! בייא דער פארלעזונג פון דעם קריגס מאניפעסט, אונ זיא וואר בייא זיך גיוויס דעם זיגעם (נצחון), אונ איז גיבליבין פעסט אין איר ענטשלוס זעלבסט אלס זיא האט בעקומען איינע דעפעסע דאס גאנץ זידליכע (דרומדיגע) טייצלאנד זייגען אין בונד מיט פרייסין, דען עס וואר גאטעס ווילען דאס עס זאל נעהמען איינע ענדע מיט דעם נאפאליאנס רעגירונג, בייא אלעם דעם וואר נאך נאפאליאן העכסט בעדיינקליך (בעזארגט) בייא דיזעם גרויסין אונ גיפעהרליכין שריט, ניט ווייל ער וואר אונגיוויס אין זיינעם זיג (נצחון), ניין, ער האט אינזעם גאר ניט גצווייפילט, דען ער וואר אין דר מיינונג, דס נאך איז יענער ניט גיבארין וואס זאל אים קענען מנצח זיין, ער וואר נור בעזארגט וועגין זיין אייגענעם וואויל, דאס עס זאל ניט ווערין איין אויפשטאנד (מאטעז) אין פראנקרייך אלס ער וועט זיין מיט דער ארמייא אויף דיא שלאכט פעלדערין, דען ער האט גיוואוסט דאס ער האט צו פיל פיינדע אין לאנד, אונ דאהער איז בייא אים גיבליבין דאס בעפאר ער וועט אוועק אין קריג זאל ער בעפעסטיגין זיין טראהן מיט איינער גייע גאלאסאוואנע (באלטעראציע), אונ ווייל ער האט גיהאפט דאס דיא גאנצע ארמייא זיינען זיין צד, האט ער ערלויבט דאס דיא סאלדאטין זאלין אויך באלטעריין, ער האט זיך אין דעם אבער אויך גיאירט, דען איין גאנצער קארפוס האבין גיווארפין שווארצע גאלקעס אויף אים. אונ דיזער קארפוס וואס ווארין אונטער אים פילע אפריקאנער האבין גינוג גיליטין דער פאר, דען ער האט זייא אויס גישטעלט אויף דעם ערסטין פייער אונ אויף פיקעטעס, דאס עס איז גיבליבין פון זייא איין גאנץ קליינער צאל :

דיא גלאווגע אנפיהרער פון דיזעם קריג וואר באזען וואס האט בעצויגין דיא פעסטונג מעץ, קאנראבערט, מאקמאהאן, וואס האבין בעצויגין עלזאס, מען וואר דעם זיג (נצחון) אזו געווים דאס מען האט שוין גישלאגין (גימאכט) מעדאלען אום אוים צו טיילין פאר דיא זיגער (מנצחים) וואס ועלין אריין ציהען קיין בערלין, קיין מינכען, אונ אין אנדערע הויפט שטעט פון טייצלאנד, נאפאליאן זעלבסט איז אוועק מיט דער ארמייא אין קריג, אונ דיא רעגירונג האט ער איבער גיגעבין דער עווגעניע, עס האט מיט אים מיט גירייזט דער זון וואס וואר אלט דאן פערצעהען יאר, אונ עס וואר דאן אין פאריז פריידין איבער פריידין, דען מען האט גירעכינט זייער פיל אויף דיא גרויסע ארמייא אונ אויף דיא גוואלטיגע פלאטע, אונ מען האט גירעכינט דעם פופצעהענטין אנוסט צו זיין אין בערלין:

באלד דארויף אבער האט מען זיך פון דיזען זיגעם רויש אוים גיניכטערט, דען מען האט זיך באלד איבער צייגט (גיוואוסט אויף קלאר) וויא מעכטיג אונ גרוים עס איז דיא דייטשע ארמייא, אונ וויא שוואך אונ קליין עס איז דיא פראנצויזישע ארמייא, דאס זיא האט זיך ניט געוואגט איבער צו טרעטין דעם ריין, מיר ועלין דא ניט ערציילן דעם גאנצין הערגאנג פון דיא אלע אונגליקליכע שטרייטין וואס פראנקרייך האט שרעקליך גיליטין אין זייא, ערסטינס גיהערט עס וויניג צו אונזער גישיכטע, אונ צווייטינס זיינען זייא אונז אלעמען צו בעקאנט אונ צו פיל בעוואוסט, אום דאס זייא זאלין אונז קענען וואס אינטערעסירין, אונ קענען אונז אלזו גאנץ קורץ אונ בינדיג אוים דריקין, דאס דיא פראנצויזין זיינען גישלאגין גיווארין טריט אויף טריט וויא דיא שלאכט פיה, האבין זיך גיפליכטעט (אנטלאפין) אין דיא פעסטונגען וואס זיינען דארט אומגיקומען הויפינווייס פון הונגער, אונ דיא עווגעניע האט אלזו גיהאט שוין גינוג אורזאך צו בערייען איר שטאר זין (עקשנות) וואס זיא האט ניט גיוואלט פאלגין דעם גוטין ראטה פון דעם אלימפיא, אונ האט אלזו קיינעם גיהאט אן צו קלאגין וויא נור זיך זעלבסט, אונ איינע זעלבסט אן קלאגונג איז דאס שלימסטע אין גאנצעם וועלט:

LIBRARY OF THE

24.

דער מארשאל באזען

אין דיזער קריטישער (בעאיינגטע) צייט וואר נאפאליאן מיט זיינעם זון אין דער פעסטונג מעץ, אונ אין דעם זעלבינין טאג וואס וואר דיא שלאכט בייא קורסעל, איז אן גיקומען קיין מעץ איינע דעפעשע צוא דעם קייזער פון דער עווגעניע, זיא האט אים גישריבין דאס זיא זעהעט קיינע נוטע ענדע אוים פאר זיך אין פאל ווען דער קריג וועט קיינע בעסערע ווענדונג נעהמען, אויסער דעם האט ער נאך באקומען אבריף פון דעם מיניסטער רועהא אונ גראמאנא דאס ער זאל זעהען צו מאכין פרידין מיט פרייסין וואס צום גיכסטין, אונ דיזע זיינען

דומקעפּע"! האט ער צו זיך אליין גישפּראכין ווארפענדיג דעם בריף אויף דער ערד "עס קען קיין פרידין גישלאסין ווערין וואו איך זאל ניט אפּ טרעטין אשטיק לאנד אן דיא פרייסין, אונ דאן בין איך פערלארין", אונ איז אלזו אומגינאנגען הין אונ הער וויא איין פערצווייפעלטער, ביז עס איז אריין צו אים זיין פעלד מארשאל באזען נאר אן אדאקלאד אונ אן אפערנייגונג:

דיזער באזען וואר איינער פון יענעם שלאג מענטשין וואס לעבין אויף דער וועלט אן פריינדע, ער וואר איין העכסט פערשלאסענער מענטש, דאס נימאנד האט זיך גיקענט איינדרינגען אין זיין איגערען (פנימיות), ער וואר זיך אימער גלייך, מען האט אים קיין מאל גיזעהען פריילך, קיין מאל פערקימערט, ניט צירנענד, אונ ניט פריינדליך, זיין גיזיכט איז גיבליבין אלע צייטין ביא דער זעלבער ריכטונג גלייך וויא עס וואלט גיוועזן פון מארמאר גיהויען, אונ עס וואר אלזו ניט צו פערשטיין פון אים קיין מאל אין וואס פאר איין הומאר ער איז, אזוי וואר אלזו איין גיהיימניס איין רעטזעל (אחידה) ביא אלעמען, דען מען האט ניט גיקענט זאגין איינע גיוויסע מיינונג איבער אים, אטייל האבין גיזאגט דאס ער איז אמענטש מיט אגרויסין תאראקטער, אונ אטייל האבין גיזאגט פאר קערט דאס ער איז דער פערדארבענסטער מענטש אין דער וועלט, אונ ביא אלעם דעם האט נאפאליאן איצונד דער קאנט אן זיין מינע דאס ער האט וואס אונהיימליכעס אים מיט צו טיילין, אונ האט ערווארטעט זיינע מיט טיילונג (נאכריכט) מיט איינעם פערקלעמטין אונ אונרוהיגין גימיטה וויא איין גיאורטיילטער (גימשפּטער) זיין דעקרעט:

"איך בין גיקומען צו אייך" האט ער אים גיזאגט "מיט איינער אונפריילכע נאכריכט". "אזו ווייטער איינע איובס פאצט"? האט זיך דער נאפאליאן אפּ גירופין מיט איינער גלייכגילטיגע שטימע "גיוויס קיינע בעסערע" האט אים דער באזען גיענטפערט "מען איז פערזארגט מיט מאגאזין נור פאר פופציג טויזינד מאן אויף זעקס מאנהייט, איצונד אבער גיפינען זיך מענטשין צעהען מאל אזו פיל, אלזו האבין מיר איצונד דא שפּייז קוים אויף איין מאנהייט, "דאהער קומט ביא מיר אויס" האט זיך אפּ גירופין נאפאליאן "מען זאל מאכין איין גוואלטיגי אויספאל (דאס הייסט איין פלעצליכין איבערפאל) פון דעם פעסטונג איבער דיא פרייסין וואס בעלאגערין אונז, אום דורך צו שלאגין דורך זייא צו דער ארמייא פון דעם הערצאג מאקמאהאן, דאן וועלין מיר האבין דער פון איין דאפעלטי נוצין, מען וועט קענען אויס האלטין איינע לאנגע אונ דויערענדע בעלאגערונג. אונ דיא ארמייא פון מאקמאהאן וועט ווערין דרייא פאך שטארקער". "ניין עס איז קיין פלאן וואס אייערע מאיעסטעט זאגט" האט זיך דער באזען אפּ גירופין צו אים "דען דיא ארמייא פון דעם יענעראל מאקמאהאן איז פערדרענגט שוין ביז שאלאן, דער פרייסישער פרינץ נייט אים נאך שריט אויף שריט, אונ מיר זיינען שוין אפּ גישניטין אין נאנצין פון דיזעם מאקמאהאן":

"אונ פון וואהער ווייסט איר עס"? האט אים נאפאליאן גיפרעגט "איך האב

עֶס בֶּעקוּמֶען צוּ ווִיסִין אִין דִיזֶער שְׁטוּנְדֶע״ הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּנ אַזוֹ
אִיז דֶער וֶועג פוּן דַאנֶען קַיין פַּארִיז שׁוֹין אוֹיךְ אוּנְזִיכֶער דוּרךְ דִיא פְּרַייסִישֶׁע
רַייטֶער דִיא פֶערְפְלוּכְטֶע אוּלַאנֶער ״אַזוֹ שְׁלֶעכְט שְׁטַייט עֶס מִיט אוּנְז״ ? הָאט זִיךְ
אָפּ גִירוּפִין דֶער נַאפָּאלֶיָאן זַייעֶר בֶּעשְׁטִירְצְט ״אָ אַזוֹ וַוייט בִּין אִיךְ בֶּעטְרָאגִין
גִיוָוארִין פוּן מַיינֶע טְרַייעֶ דִינֶער , הָאבִּין מִיךְ ווִיא אַיינְגֶעווִיגְט אוּנ אַיינְגִישְׁלוּמֶערְט
אִין דֶער אוּמְגְלִיקְס ווִיג , קַיינֶע אַרְמֵייא , קַיינֶע פְּלָאטֶע״ . ״אוּנ אִין דֶעם אִיז
אַייעֶרֶע מַאיֶעסְטֶעט אַלֵיין שׁוּלְדִיג , אִיר זֶעלְבְּסְט הָאט גִידַארְפְט מַאכִין רֶעווִיזְיֶעס
אִיבֶּער אַלֶע דִיזֶע זַאכִין , אִיר הָאט פַאר בְּרַאכְט אַייעֶר צַייט אִין אַייעֶרֶע
פַּאלֶעסְטֶע בַּייא אִיפִּיגֶע (פֶערְגֶענִיגְטֶע) גִיזֶעלִינְשַׁאפְט , נוּר וָואס הֶעלְפְט עֶס דִיא
רַייעֶ (חֲרָטָה) קוּמְט אַלֶע מָאל צוּ שְׁפֶּעט ״זַייא הָאבִּין רֶעכְט מַארְשַׁאל״ הָאט אִים
דֶער נַאפָּאלֶיָאן גִיעֶנְטְפֶערְט ״אִיךְ בִּין שׁוֹין גִילֶערִינְט , אוּנ וֶועל מַיין צַייט וַוייטֶער
צוּ וָואס בֶּעסֶערְס אָנְוֶוענְדִין , נוּא וָואס טוּט מֶען אָבֶּער אִיצוּנְד ?
״אִיצוּנְד״ ? הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער בַּאזֶען ״זָאל אַייעֶר מַאיֶעסְטֶעט מִיט
אַייעֶר זוּן אַוֶועק פוּן מֶעץ , אוּנ דִיזֶעס זָאל גִישֶׁעהֶען הַיינְט בַּייא נַאכְט , גַאנְץ
אִינְם גִיהֵיים דָאס דִיא פְּרַייסִין זָאלִין דֶער פוּן קַיין ווִינְט בַּאקוּמֶען , פֶערְזַאמְט אִיר
אַייךְ בִּיז מָארְגִין וֶועט אִיר שׁוֹין נִיט קֶענֶען קוּמֶען קַיין פַּארִיז אוּנ קַיין שַׁאלָאן״
״אִיךְ פַאר שְׁטֵייא אַייךְ נִיט מַארְשַׁאל״ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער נַאפָּאלֶיָאן זַייעֶר
אוּנְרוּהִיג ״דָאס הֵייסְט אִיר ווִילְט שׁוֹין בֶּעצַייטִין אַרוֹיס נֶעמֶען דִיא רֶעגִירוּנְג פוּן
מַיינֶע הֶענְד״ ? ״וֶוען אַייעֶרֶע מַאיֶעסְטֶעט וֶועט זִיךְ לָאזִין שְׁטַארְק בֶּעטִין״ הָאט זִיךְ
דֶער בַּאזֶען אָפּ גִירוּפִין זַייעֶר קַאלְט אַרוֹיס נֶעמֶענְדִיג פוּן דֶער קֶעשֶׁענֶע אַיין
גֶעלָאדֶענֶעם רֶעוואוֹלְוֶוער ״שִׁיס אִיךְ פְרִיעֶר אַייךְ טוֹיט אוּנ דֶר נָאךְ מִיךְ״ . נַאפָּאלֶיָאן
הָאט זִיךְ דֶער שְׁרָאקִין אוּנ הָאט צוּרִיק גִיטְרָאטִין עֶטְלִיכֶע שְׁרִיט הִינְטֶער , אוּנ
אִיז דָאךְ גִיבְּלִיבִּין בִּינוּג בַּייא דֶעם זִינֶען נִיט צוּ וֶוערִין בַּייז אוּנ נִיט אוֹיף צוּא
טְרֶעטִין גֶעגִין אִים אַלְס אַיין קַייזֶער גֶעגִין זַיין יֶענֶעראַל אוּם צוּ הֵייסִין אִים
אַרֶעסְטִירֶן , דֶען עֶר הָאט גִיוואוּסְט דָאס עֶר זֶעלְבְּסְט אִיז בַּייא דִיא מִילִיטֶער
זַייעֶר גִיזוּנְקֶען , אוּנ זַיינֶען צוּ גִיטָאן דֶעם בַּאזֶען מִיט לַייבּ אוּנ לֶעבִּין , עֶר הָאט
אִים נוּר אָנְגִיקוּקְט מִיט אַיינֶעם פְרַאגֶענְדֶען בְּלִיק אוּם צוּ ווִיסִין וואוּ הִין צִילְט דֶער
בַּאזֶען מִיט זַיינֶעם גְרָאבִּין אָנְקוּמֶען , אוּנ דְרִינְגֶען אִין אִים דָאס עֶר זָאל מִיט דֶעם
קְרוֹין פְּרִינְץ אָפּ צִיהֶען פוּן מֶעץ , אוּנ אַלְס עֶר הָאט קַיין אַנְטְוָוארְט אוּנ קַיין
בֶּעשֵׁייד בֶּעקוּמֶען פוּן אִים אוֹיף זַיינֶע שְׁטוּמֶע פְרַאגֶע , הָאט עֶר (נַאפָּאלֶיָאן)
גִיזָאגְט צוּ אִים ״אִיךְ וֵויים דָאס אִיר מֵיינְט דֶער בַּייא מַיין וואוֹל , אוּנ פִּיגֶע מִיךְ
דַאהֶער (עֶרְגִיבּ מִיךְ) גַאנְץ ווִילִיג אִין אַייעֶר ווִילִין , אִיךְ מַאכֶע מִיךְ שׁוֹין בַּייזֶע
פֶערְטִיג״ . ״דָאךְ אָבֶּער מוּזְט אִיר מִיר פְרִיהֶער שְׁרִיפְטְלִיךְ אִיבֶּער גֶעבִּין דִיא
פֶערְוַואלְטוּנְג (פְרַאוִולֶענְיֶע) אִיבֶּער דִיזֶער פֶעסְטוּנְג אוּנ אִיבֶּער דִיא מִילִיטֶער וָואס
זַיינֶען דָא״ הָאט אִים דֶער בַּאזֶען גִיזָאגְט ״דֶען זָאנְסְט קֶען נִיט פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ אִיר
גִירֶעטֶעט וֶוערִין״ . ״אִיךְ פִּיגֶע מִיךְ (גִיבֶּע נָאךְ) אִין דִיזִין ווִילִין אוֹיךְ״ הָאט אִים
נַאפָּאלֶיָאן גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּנ הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיזֶעצְט בַּייא דֶעם פוּלְט אוּנ הָאט

אים

אים אפ גישריבין איינע פאלמאכט איבער מעץ אונ איבער די מיליטער וויא דער באזען האט פערלאנגט , אונ באלד דארויף זיינען צו גיפארין צוא זיינעם קווארטיר אייניגע עקיפאזין וואס עס האט זיך אריין גיזעצט אין זייא נאפאליאן מיט זיינעם ליולו אונ מיט זיינער גאנצער סוויטע אונ איז ארויס פון מעץ העכסט גיקריינקט אונ גיקלעמט , ער איז ארויס ווידער זיינעם ווילין , נור אויף דעם בעפעהל פון דעם באזען , אונ ניט האבענדיג קיין מוטה צו קומען איצונד קיין פאריז וואס ער איז ארויס פון איר דא ניט לאנג מיט אזו איינער עהרע אונ גלאנץ , האט ער זיך גיווענדעט צו ווערדען אונ צו שאלאן , אונ אויך דורך זייטיגע וועגעליך , אונ דאס מיט לעבינס גיפאהר וויא איין טראנספארטירער וואס פיהרט קאנטערבאנד :

25.

.נאפאליאן אין גיפאנגשאפט.

פון דיזע אלע גישיכטין האט מען דאס מינדיסטע ניט גיוואוסט אין פראנקרייך , דען דיא רעטהע (סאוועטניקעס) פון דער עוועניע , האבין דער ווילע בעטראגין דעם נארעד מיט פאלשע נאכריכטין , דאס דיא פראנצויזישע ארמייא מאכט זיגע איבער זיגע (איין נצחון נאך דעם אנדערין) , אזו איין פאלשער מיטעל צוא בערוהיגין דאס פאלק האט אם ענדע נאך פיל מעהר פערשלימערט דיא לאגע פון נאפאליאן אונ פון דער עוועניע , דען מען איז אויף איינמאל גיוואר גיווארין פון אלע נידערלאגין (מפלות) , וואס דאס האט נאך איין פיל מעהר גרעסערין איינדרוק גימאכט אויף אלע פראנצויזישע געמיטהער :

דיא עוועניע זעלבסט וואר ניט מינדער בעטראגין מיט דיזע פאלשע נאכריכטין אלס דאס גאנצע פאלק , אונ דאהער וואר זיא העכסט ערשיטערט אונ אוים מענטש אלס עס איז גיקומען דיא נאכריכט קיין טיולעריי דאס נאפאליאן מיט דעם פרינץ זיינען אוועק פון מעץ , אונ דאס דער באזען איז אפ גישניטין דורך דיא פרייסין פון דעם מאקמאהאן , אונ עס איז גימאכט גיווארין וואס צום גיכסטין איין וואיענער סאוועט , עס איז גיבליבין בייא דיזעם סאוועט , דאס בייא זייער איינזעהען דאס עס איז איינע אונמעגליכקייט דעם באזען דורך צוא שלאגין זיך (זעלבסט דורך איין גליקליכין אויספאל) דורך דעם פיינד , מוז ער בעקומען הילפע פון דרויסין , דאהער איז ראטזאם , דאס דער מאקמאהאן וואס בייא אים גיפינט זיך איצונד דער קייזער מיט דעם נאסלעדניק , זאל אויף ברעכין (אוועג) פון שאלאן מיט זיינער ארמייא אונ אנגרייפין דעם פיינד פון דרויסין הינטער דיא מויערין פון מעץ , וועהרענד (בשעת) דער באזען וועט מאכין איין אויספאל פון מעץ אונ אים אנגרייפין פון פארינט , דיזער פלאן איז העכסט גיפעלין דער עוועניע , אלע מיניסטארין , אונ דיא לייכטזיניגע פראנצויזין האבין שוין גירעכינט דעם פריים פאר פאלין , מען האט דאריבער גישיקט באלד איינע דעפעשע צום קייזער , אונ ער וואר גראדע דר איינציגר וואס דיזר פלאן איז אים ניט

גיפעלין

גיפעלין , ער האט עס גיהאלטין פאר הערכסט גיפעהרליך , בייא אלעם דעם האט ער אים אנגינומען ווייל ער האט קיין בעסערין פלאן גיהאט , אונ האט אזו גישווינט אויף גיבראכין (אוועג) מיט דער ארמייא פון שאלאן , דאס מען האט גילאזין דארט זייער פיל מאגאזין וועגין מוניצע אונ נאך פיל טייערע געפעק וואס זיינען באלד אלץ אריין גיפאלין אין דיא פריסישע הענט , אונ טראץ דעם וואס אלע האבין איינגישטימט צו דיזעם פלאן האט מען זיך אפ גיהאלטין צו צו שיקין איין סוקורס פון הונדערט טויזינד מאן וואס נאפאליאן האט פאר לאנגט צו צו זענדין וואס צום גיכסטין צו דער מאקמאהאנס ארמייא :

דער הויפט שטערער פון דיזער צו זענדונג (צו שיקין) וואר גראדע דער בעסטער פריינד נאפאליאנס דער פאליקאנא , ווייל ער האט ניט גיוואלט לאזין פאריז אן מיליטער , דאמיט עס זאל ניט ווערין איין אויפשטאנד (מאטעז) אין פאריז , דען עס האט זיך שוין אן גיהייבין צו ווייזין דיא גרויסע שפורען פון איינער רעפובליק , אונ דאהער האט זיך דיא פערלאנגטע הילפע פון דעם נאפאליאן אפ גישטעלט אין פאריז אום צו שיצין זיין טראהן פון דיא היימיגע פיינדע , דיזער אומשטאנד האט זייער שטארק גישאדעט דיזע גיפעהרליכע אונטער נעהמונג , דען דער ווייטע זיינען דיא טייצין גיוואר גיווארין פון דיזין פלאן אונ זיינען איבער גיפאלין איבער דיא ארמייא פון דעם מאקמאהאן גאנץ פלעצליך האבין איר גישלאגין אונ צוריק גידריינגט אין דער פעסטונג סעדאן , זיא וואר דארט זייער איינג איין גישלאסין פון דיא פריסין וואס האבין גיפייערט אויף איר פון פינף הונדערט קאנאנען :

אונ אלס נאפאליאן האט גיזעהען דאס דער קריג איז שוין גאנץ פערלארין פאר פראנקרייך , האט ער גיהייסין ארויס שטעלין איינע ווייסע פאנע פון פעסטונג אלס צייכין צוא איינער פרידליכין אונטער האנדלונג , אונ דאן האט דער פריסישער קיניג אריין גישיקט קיין סעדאן זיין יענעראל בראנסארא אום אויף צו פאדערין דיא ארמייא צו איינער איבער גאבע (איבער געבין זיך) , אונ דיזער האט זיך אומגיקערט צוריק אור זיבין בייא נאכט מיט דעם פראנצויזישין יענעראל היילעם מיט איינעם שרייבין פון נאפאליאן וואס וואר אין אים גישריבין דיזע צייליןן :

"ליבער ברודער ! ווייל עס האט מיר ניט געגליקט צו שטארבין אן דער שפיצע פון מיינער ארמייא , גיב איך איבער מיין שווערד אין דיא הענד פון אייערע מאיעסטעט , אונ אזו גיב איך איבער אלץ אונטער דעם שוץ פון אייער גוט בעליבען" , באלד דארויף האט אים דער פריסישער קיניג אפ גישריבין צוריק דיזע ווערטער "ליבער ברודער איך האב אייער שווערד עמפפאנגען , עס טוט מיר לייד דאס מיר דארפין אונז זעהען אין אזעלכע אומשטענדע , אונ בעט אייך דאס איר זאלט בעשטימען איין פאלמעכטיגין (פאלנע מאכט) מיט וועלכין מיר זאלין קענען אונז בעשפרעכין וועגין דיא איבער גאבע פון אייער ארמייא" , דיזער ווילין פון דעם פריסישין קיניג איז באלד גישעהען , נאפאליאן האט ארויס

גישיקט

געשיקט איינעם פון זיינע יענעראלין איין געוויסין וויספפען וואס האט אפ געשלאסין איינע פערעמליכע איבער גאבע פון דער פראנצויזישע ארמייא אונ פון דער פעסטונג אין דיא פריישישע הענט, אונ ער אליין (נאפאליאן) האט זיך בעאיילט איבערצו געבין אלס געפאנגענער צו דעם פרייסין, וויל ער וואר אונזיכער מיט זיין לעבין אין סעדאן צווישין דיא פראנצויזין, אונ איז דאהער דעם צווייטין סענטיאבער ארויס פון סעדאן מיט דער בעגלייטונג פון זיינע צוויא יענעראלין אונטער דער בעוואכונג פון איינער פריישישען קאנוואי אום צו זעהען זיך מיט דעם ביסמארק וואס ער איז איין געשטאנען אין דאנטערי אום צו בעשפרעכין זיך מיט אים איבער מאנכע וויכטיגע זאכין, דער ביסמארק איז אים ארויס אנטקעגין אויף דעם האלבין וועג, אונ האט אים אויף גענומען מיט עהרען אין זיינעם פאלייא, ער האט פון אים פערלאנגט מאנכע ערלייכטערונג וועגין דיא בעדינגונג פון דער קאפיטאלעציא (איבער גאבע), ער האט אבער אים ניט נאך געגעבין אין דאס מינדעסטע, אונ אלס ביסמארק האט אן געהייבין צו ריידין מיט אים איבער דיא בעדינגונגען (אויסלאזונגען) פון דעם אלגעמיינעם (וואספענשטילשטאנד) פרידין פון פראנקרייך מיט פרייסין, האט אים נאפאליאן דארויף געענטפערט, דאס ער אלס געפאנגענער האט קיין מאכט ניט איצונד דאריבער צו ענטשיידין, דאס מוז געהערט ווערין מיט דער רעגירונג (פראוויטעלסטווא) פון פאריז וואס רעגירט איצונד דארט אן שטאט אים:

באלד נאך דעם איז נאפאליאן מיט זיינער גאנצין סוויטע אונ מיט זיינער עהרען לעגיאן (לייב וואכע) פערזעצט געווארין אין דעם שלאס בעלוואו אונטער דער בעוואכונג פון פריישישע רייטער פון גווארדיע, אונ דארט האט אים דער קיניג פרידריך געמאכט איין פרעמליכין בעזוך, נאפאליאן איז אים ארויס אנטקעגין מיט זיינער גאנצע סוויטע, האט זיך טיף פערנייגט פאר אים, דער קיניג וואר העכסט גערירט דער פון, האט געהאט גרויס מיטלייד מיט אים, נאפאליאן האט זיך פאר אים ענטשולדיגט וועגין דעם ליידיגין אונ בלוטיגין קריג, זייא האבין צווישין זיך געשפראכין אלאנגע צייט, אונ האט אים אפ געגעבין פאר אוואזנונג איבער דיא צייט פון זיינע געפאנגענשאפט דעם פרעכטיגין שלאס ווילהעלעמס העהע, אונ דארט האט דיזער קייזער פערלעבט איינגע מאנאטע צוואר אין גרויס עהרע אונ אין גרויס פראכט, דאך אבער וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט "ווי איין מלך אין צרות", ער האט דארט געהאט גענוג צייט צו בעטראכטען זיך ווי ווייט ער האט געגרייזט אין זיינער רעגירונג מיט וועלכע אונרעכט ער האט דעם פראנצויזישין טראהן בעשטיגין, אונ וויא פיל מענטשין האבין דורך אים געליטין, אונ וויא ווייט ער האט בכלל אומגליקליך געמאכט פראנקרייך, אונ אם ענדע איינצוזעהען דאס דער טראהן פון פראנקרייך וואס ער האט פאר אים אויפגעאפפערט זיין געוויסין איז שוין פערלארין פאר אים אויף אימער, זיין איינציגער טראסט וואר נור דאס זיין זון איז נאך פרייא, דען ער האט נאך צייט געהאט אוועק צו שיקין אים קיין איינגלאנד:

.26

"די שפעטערע בעלזינונג פון דעם נארד"

אין דיזער צייט וואס דער קייזער מיט זיינער ארמייא איז געפאנגען געווארין דארט ביי סעדאן, האט דאן דיא עווענגע רעגירט אין פאריז מיט אירע רעטה (סאוועטניקעס) פאליקעא, שעווערא, ריגא, דעגרענאוויל, גראמאן, דינווערנוא, אונ נאך אנדערע אזו שלעכט דאס עס וואר שוין מעהר אלס געוויס דאס אין קורצין וועט זיין איינע אומגליקליכע ענדע מיט דיזער רעגירונג, דיא קייזערין איז דאן געזעסן אויף איר טראהן אין גרויס געפאהר גלייך וויא ער וואלט געשטאנען איבער דעם קראטער (עפענונג) פון איינעם פייער שפייענדען בערג, וואס איז אין בעגריף (בדעה) צו פערשלינגען איר מיט אירע הויפלייטע אין איינער מינוט:

אין דיזער נויט דער צייטין האט דיזע גוססער רעגירונג ארויס געגעבין איין בעפעהל ארויס צו טרייבין אלע טייצין פון גאנץ פראנקרייך, אונ עס איז נאך קיין בעפעהל אזו ריכטיג אונ פינקטליך ערפילט געווארין וויא דיזער, טויזענדע פאמיליען זיינען דורך דיזין בעפעהל אונטער געגאנגען, צום בעטיל ברויט געקומען, אונ ביי אלעם דעם האבין דאך דיא טייצין געזיגט (מנצח געווען) דארט אין דיא שלאכט פעלדער, אונ אלס דיא נאכריכט פון דעם נאפאליאנס איבער געבין זיך אלס געפאנגענער מיט זיינער גאנצין ארמייא אין דיא הענד פון דיא פרייסין איז געקומען קיין פאריז, וואר דיא עווענגע אזו ווייט איבער ראסט אונ געלעמט דער פון, דאס זיא האט קיינע קרעפטין געהאט ארויס צו טרעטין פון איר צימער, זיא וואר בלייך אונ שוואך, מוטהלאז אונ העכסט אראפ געפאלין ביי זיך ווייל זיא האט שוין זייער גוט פערשטאנען דאס דיזע איובס פאצט וועט מאכין אגרויסין רושם אין פאריז, אונ איר זארג האט זיך באלד פערווירקליכט (געשעהען) דען באלד וויא עס איז פובליצירט געווארין (אבנאראדעוועט) דיזע טרויעריגע נאכריכט איז ארין זולפאוואר איין פריינד דעם פאלקס אין ראטהויז אונ האט אוים גערופין אין דעם נאמען פון דער גאנצער נאציאן דאס נאפאליאן מיט זיינער גאנצין דינאסטי (פאקאלענע) זיינען ענטזעצט (דאלאי) פון דעם פראנצויזישען טראהן אונ זיינען בערויבט פון אלע רעכטע:

אונ מעהר וויא דיזעס האט דער פובליקום ניט גידארפט הערין, עס איז ניט צו בעשרייבין דיא פריידין וואס האט דאן מיט איינמאל אונטער דעם פאלק, עס האט יעדער פרייע אויפגעאטהעמט, יעדערער האט זיך געשפירט לייכטער וויא אוים געשפאנט זיך פון איינעם שווערען יאך אזו וויים איז געפאלין דארט נאפאליאנס רעגירונג צו לאסט, אין איינינע מינוטין האט זיך דיזע נייאיגקייט אוים געברייטעט איבער גאנץ פאריז, אונ אלע גאסין האבין אפגעהילכט פון דעם שרייען "עס לעבע דיא רעפובליק"! עס האט זיך פערזאמילט אגרויסער נארד לעבין דעם פארלעמענט וואו עס זיינען געזעסין דיא דעפוטירטע אום צו הערין

נאם

וואס דארט טוט זיך, אונ האבין דארט דיא זעלביגע גיהערט וואס זייא האבין גיהערט ביא דעם ראטהויז, גאמבעטע אונ דיא איבעריגע דעפוטירטע זיינען ארויס צו זייא אונ האבין אזים גישריען גאנץ פרייא "נידער מיט דעם נאפאליאן אונ מיט זיינער דינאסטיי", אלע בולוואריו האבין זיך אנגיפילט מיט מענטשין פון אלע קלאסין זעלבסט סאלדאטין, אונ מען האט זיך פריינדליך אומארעמט צו גיוואונצין, נאציאנאל לידער גיזונגען, גיטאנצט, גיוואלצעוועט, באלד דארויף איז מען אוועק מיט גרויס גיזאנג צו גיפיינגנים הייזער אונ מען האט בעפרייט אלע פאליטישע פערברעכער, ארום יעדין בעפרייטין האט זיך גיבילדעט איין בעזונדער קרייז (רעדיל), דען יעדער פון זייא האט דער ציילט פון איינער אנדערע טירעניא, אונ אם ענדע האט מען גיווארפין דיא מיצין אין דער הייך אונ מען האט גישריען עס לעבע דיא רעפובליק, אונ מען וואר פראהען מוטהס פערגעסענדיג זיך דאס מען האט איין גיפעהרליכין פיינד זיך אויף דעם האלדז, דיא פרייסין, אזו האט דיא פריידע דארט גיוואקסין פון מינוטע צו מינוטע, דען נאך ביז אהער איז זייא ניט אן גיקומען אזו לייכט איינע רעפובליק אן אטראפין בלוט, אן צאנק אונ אן האדער (קריג), אונ האבין גאט גיבעטין דאס זיא זאל בלייבין ביא זייא פון דויער ביז דעם איינגסטין דור, עס זיינען ארונטער גערייסין גיווארין אלע צייכינס וואס האבין נור בעדייטעט אויף דיא נאפאליאנישע רעגירונג, אלע שילדען (זנאקעס) מיט זיינע אדלערין, אלע גימאלטע אונ גיפשעטע בילדער זיינע זיינען ארויס געשמיסין גיווארין דורך דיא פענסטער פון דיא פריסוצטוועס אונ גיטראטין מיט דיא פיס, דיזעס אלעם איז גישעהען אין דעם דריטין סענטיאבער פון אווינד:

דיזע נייאיגקייט וואס האט דורכצוקט אזו שנעל וויא איין בליץ גאנץ פאריז, אונ וואס האט איינגידרונגען זעלבסט אין פעסט פערריגעלטע גיפיינגנים הייזער אונ אין דיא טיפסטע קאזאמעטין וואר נאר נאך איין גיהיימנים פאר דיא עוונעניע וואס איז ניט ארויס פון טיולערי, וייל אירע מיניסטארין וואס האבין גיוואלט פישען אונ טריבען*), דאס הייסט אום צו האבן נאך איין איינגאנג אין טיולערי וויא פריהער אום צו פערהאפין דארט געלטין פון דער קייזערליכע קאסע אונ ארמעטאז וואס זיא האט אנגיטרויט אויף זייערע הענט, האבין ניט צו גילאזין צו איר דיא מינדעסטע אהנונג (שפירונג) דער פון, יעדער פון זייא אונ אויך פון אירע קאמער הערען, אדיוטאנטין, אונ הויפליימע, האבין איר דאן צו גיקערט דעם רוקין, אונ וואנין בעזארגט נור אום זיך אליין, אום צוא פערהאפין דער ווילע וואס נור מעגליך איז, אונ צו רעטירין זייער פערמעגין אונ זייער לעבין, דען עס וואריו פילע פון זייא וואס דאס פאלק וואר אויף זייא

הערכסט

---

*) פישען אונ טריבען הייסט צו בענוצין זיך מיט דער צייט פון איינער פלעצליכע אומענדערונג וואס עס הערט אויף דאן דיא ארדענונג וואס דאן איז לייכט צו שטוילין אונ צו בעטריגין וויא צו פאנגען פיש אלס דאס וואסער איז טריב:

העכסט אויפגיבראכט, אונ העטע דיא קייזערין גיוואוסט וויא שלעכט עס האלט וואלטען זייא מוזען אלזו זיך אפ שטעלין בייא איר ביז איר אפ רייזין, אונ ביז איר ברייגגען אלץ אין ארדענונג, אטייל פון זייא צום בייא שפיל דער פאליקאא איז באלד איבער גינאנגען צו דער נייע רעגירונג, טראשיו איז גיווארין פרעזידענט בייא איר (בייא דער נייע רעגירונג), אונ דער גרעסטע טהייל פון זייא זיינען וויא נור זייא האבין צו זאמען גישארט זייערע אן גירויבטע קאפיטאלען אוועק פון פאריז בעלאדין מיט איינער רייכטום אונ מיט דעם פלוך פון דעם פראנצויזישע נאציאן, אונ האבין פערלאזין דיא קייזערין אין איהרער נויט, אין דער צייט אלס זיא וואר ווייט פון איר מאן אונ פון איר זון, אונ האט אזו גאר גאר ניט גיוואוסט וואו זייא זיינען אונ צו לעבין זייא נאך, זיא איז גיבליבין זיצין בענאהע (כמעט) גאנץ איינזאם אין איהרע לעערע צימערין, מען איז שוין ניט גיקומען צו איר מיט דאקלאדין, מיט בעזוכע, מיט ביט שריפטין :

דער ווייל איז גיווארין רעכט נאכט, אונ איינע מעלאנכאלישע (מרה שחורדיגע) דונקעלהייט האט איינגיהילט דעם פאלייא טיולערי וואס עס האט דאן גיהערשט איינע טוידעס שטילע אין אלע זיינע צימערין, דיא עווגעניע איז דאן גיזעסין אין איר בודואר (שלאף צימער) טיף פערזונקען אין גידאנקען דאס זיא האט אזו גאר איבער הערט דעם גרויסין לארעם אונ דאס יובצען פון דעם פעבעל וואס האט פערטויבט אלע שטראזין, אונ איינגידרונגען אין דיא גיהיימסטע קאבינעטין, פאר איר וואר שוין דיא גאנצע וועלט, דיא גאנצע נאטור אזו גאר וויא אוים גישטארבין, דען נור דיא מענטשליכע שטימונג אליין בעלעבט דיא וועלט אדער טיידעט איר, זיא פרייט זיך מיט דעם פריילינן אונ טרויערט מיט דעם טרויעריגין :

דיזע טוידעס שטילע וואס האט דאן גיהערשט אין איר בודואר איז פלעצליך אונטער גיבראכין גיווארין (מפסיק גיווארין) דורך שטילע אונ פאוואזנע שריט (טריט) וואס עס האט זיך אנגיהייבין צו הערין אין דעם ביבליאטעק וואס וואר הארט לעבין איר בודואר, עס וואר לייכט גיוועזן צו פערשטיין פון דעם שטילין גאנג דעם דארטיגין גייערס, דאס ער היטעט זיך פון דער עווגעניע, זיא האט עס אבער דער הערט, אונ האט זיך אין אנפאנג אזו וויא איין עטוואס דער שראקין, אונ דער נאך האט זיא עס אנגינומען פאר דיא טריט פון איינע קאצע וואס דער ביבליאטייקער פלעגט דארט אפט אריין לאזין, אונ בייא אלעם דעם האט זיא איר בודואר צו גישלאסין אונ האט זיך ווידער פערטיפט אין אירע גידאנקען, אונ האט זיך שוין ניט גיקימערט אום דעם קליינעם גיפאלטער (קלאפעריא) וואס עס האט זיך גיהערט זעלבסט אין אנשטויסענדען (נאהענטין) קאבינעט :

דיזער גיהיימער גייער וואר קיין אנדערער אלס איין דיב, איין הויז מענטש וואס ער האט גיוואוסט וואס צו נעמען אונ וואו צו נעמען, ווער ער וואר, זיין נאמען אונ זיינעם האהען אמט (צין) וועלין מיר שוין דייטליך אונ קלאר ארויס שרייבין :

שרייבין אין דעם ווייטערדיגין קאפיטעל, ער האט אויף גיעפינט דעם פולט דארט אונ האט ארויס גינומען איינע גילאדענע שאטולע מיט דיא טייערסטע שמוק פון דער קייזערין, האט אויף גימאכט איינע שאפע אונ האט ארויס גינומען איין זילבער שיין אויף איין האלבין מיליאן אונ נאך פיל טייערע זאכין, אונ איז זיך ארויס בשלום וויא ער איז אריין בשלום:

27.

דיא פלוכט (אנטליפונג) פון דער קייזערין.

זיא האט דיא נאכט זייער אונרוהיג גישלאפין, נאך שלימער אבער וואר איר ערוואכין, דען זיא האט נימאנדין ערוויסט פון איהרע קאמער פרויען וואס פלעגין יעדין פריא מארגין שטיין ביא דער טיר פון איר שפיילגע אונ ערווארטין איר ערוואכין, עס וואר איר דאס צוואר איין גרויס וואונדער, דאך אבער איז זיא ניט גיקומען אויף דיא וואהרע אורזאך דער פון דען זיא האט נאך ניט גיוואוסט פון דיזער גרויסע נייאיגקייט דאס זיא איז שוין ענטטראהנט (מעהר קיינע קייזערין), זיא איז גיבליבין ליגין אין בעט אונ האט. אלין גידייגקט פון נייע פלאנען אונ מיטלען וויא צו פערבעסערין איר איצטיגע קריטישע (שלעכטע) לאגע, צו מאכין נייע סעסיאנען אונ ארויס צו געבין ווירקענדע מאניפעסטין צו דער פראנצויזישע נאציאן, דאס זייא זאלין ניט שוינען אונ שפארין גוט אונ בלוט אום צו רעטירין איר טראהן אונ דאס פאטערלאנד, אונ האט זיך דאהער בעאיילט אן צו קליידין זיך וואס צום גיכסטין, אונ האט האלב פערדריסליך אנגיקלונגען דאס עס זאלין אריין קומען דיא קאמער פרויען אום אנצוציהען איר, עס איז אבער ניט איינע אריין, אונ זיא האט דיא גלאקין שנור נאך שטארקער אנגיצויגין, אונ דאן האט זיך מיט האסט אויפגימאכט דיא טיר פון דעם פאדער צימער, נור אנשטאט איינער קאמער פרויא איז אריין צו איר גרויסין ערשטוינען (וואונדערין זיך) דיא מאדאם דעלעבערטאן וואס זיא האט זיך גאר ניט גירעכט אויף איר, דיזע גרויסע פרויא וואר איינע טרייע אונ ערגעבענע פריינדין פון דער קייזערין, אונ דער צו העכסט קלוג, דאס דיא קייזערין פלעגט זיך מיט איר בעראטהען אין מאנכע קריטישע אנגילעגינהייטין, זיא איז אבער איצונד גיקומען ניט אלס איינע ליידיגע בעזוכערין שטאטליך אנגיצויגין אונ פערפוצט, נייען זיא איז גיקומען וויא איינע רעטערין אין דער נויט, גאנץ איינפאך גיקליידעט, אונ דער צו נאך גאנץ אפ גילאזין, איהרע האר וואר אין דער העכסטין אונארדענונג איינגיהילט אין איינער גאנץ גימיינע טוך וויא זיא וואלטע זיך עפעס גיאיילט איין צו לעסין איין גיפערליכין בראנד:

אלס דיא עווגעניע האט איר דער זעהען אין אזו איין שרעקליכן צושטאנד, האט זיא איר איבערהייפט מיט טויזענדע פראגין אויף איין מאל, אום שוין צו וויסין דיא אורזאך פון איר איצטיגין ערשיינען צו איר, אונ ווארום אין איין

עלענד אנצוג, „א מיין גאט“! האט זיא זיך אפּ גירופין צו איר „גיוויס האט אייך וואס איין אונגליק גיטראפין, דען איך לעזע עס פון אייער גיזיכט, פון אייער אנצוג, א גישווינט בערוהיגט מיך, איך בין אייך העכסט גוט אונ אייער לייד איז דיא מיינינע“ · „א שרעקליך“! האט זיך דיא דאמע אפּ גירופין „דאס איך גיפין אייך איצונד נאך אזו רוהיג וואס דיא גרעסטע גיפאהר שוועבט איבער אייער הויפּט, אונ וואס יעדע מינוט דארף ניט בלייבין אונבענוצט פון אייך צו אייערער רעטונג, איך בעשווערע אייך בעאיילטע אייך וויא נור מעגליך איז צו פערלאזין דיזין פּאלייא. פליהעט וואס צום גישווינדסטין פון דאנען זאנסט זייט איר שוין פערלארין“. „איך דאנקע אייך מיינע בעסטע פריינדין“ האט זיך דיא עווגעניע אפּ גרופן צו איר „דס איר קימערט אייך אום מיין וואול, דאך בערוהיגט אייך עס האלט נאך גאר ניט אזו ווייט שלעכט וויא ווייט איר מיינט, איך בין נאך ניט אזו ווייט עלענד דאס איך זאל שוין דארפין לייפין, איך האב נאך דא גינוג גוטע פריינדע, אם שלימסטען איז מיר גינוג דער איינציגער טראשו וואס ער האט מיר פערזיכערט צו שיצין מיך אין נויט מיט טהאט אונ מיט ראטה, אונ דער טראשו איז איין מאן פון גרויסין תאראקטער“. „א ניין“! האט זיך דיא לארענצע (אזו האט דיא דאמע גיהייסין) צו איר אפּ גירופין, „איר ווייסט גאר ניט ווי ווייט עס שטייט שלעכט מיט אייך, פאלגט מיך אונ לייפט פון דאנען „עס איז נאך צייט“. „נעמט ניט פאר אומגוט“ האט זיך דיא עווגעניע אפּ גירופין צו איר „העטע עס גיוועזן אזו שלעכט מיט מיר וויא איר מיינט וואלט דאך דער טראשע אם ווייניגסטין שיקין צו מיר זיין אדיוטאנט עס צו מעלדין, דאהער איז עס נור איין ליידיגער שרעק פון אייך וואס מאלט אייך אויס דיא גיפאהר אם גרעסטין, זייט אונ בלייבט רוהיג“. „אלזו מאדאם“! האט זיך דיא לארענצע אפּ גירופין צו איר „שווערע איך אייך בייא דעם אלעם העכסטין, דאס אייערע בעסטע פריינדע אויך זעלבסט דער טראשו זיינען איבער גיגאנגען שוין צוא אייערע גענגער, דען עס האט זיך שוין איינע נייע רעגירונג גיבילדעט, דער טראשו איז גיווארין בייא איר פרעזידענט, דיא מיליטער זיינען אויך מיט איר (מיט דער נייע רעגירונג), נון האט איר שוין ניט מעהר אויף וועמען צו האפין, איר שטייט גאנץ אליין צווישן מיליאנען פיינדע, רעטעט אייך אלזו אונ פליהעט“:

דיזע רייד פון דער לארענצע האבין ניט פערפעלט זייערע ווירקונג אויף דיא קייזערין, זיא איז גיווארין בלייך וויא קאלך, האט פערבראכין דיא הענד, אונ האט אויס גיבראכין אין איינעם היילענדען (קלאגענדען) שרייען „א“! האט זיא זיך אפּ גירופין „אזו ווייט האט מען מיך בעטראגין, אין איינעם אירטוהם (טעות) גיהאלטין, נור אום מיך אין איינעם אומגליק צו שטירצין, נון איז מיר שוין רעכט דאס קיינע קאמער פרויא קיין בעדינטער צו זעהען אין מיינעם בודואר, פון קליין ביז גרויס אלע בעטריגער טרייא לאזע, פערוואָרפענע מענטשין, וואו זייט איר מיינע פריינדינען הויף דאמען, וואו איז דיא פירסטין עססלינגע, דיא הערצאגין באסקאנא, דיא גרעפין פרימאלי, פעליקא, מיין

הויז

הויז מיניסטער שעווראַ רוער, באַראָן דאַוויד, ניט איינער פון זיא זיינען דאַ ביא מיר אין נויט, פון אַלע דיזין לייטין וואס איך האב זיא איבער הייפט מיט גליק, מיט עהרע, איז קיין פוס צו זעהען, איר נור וואס איך האב אייך נאך גאר קיין גוטעס ניטאן זינד דיא איינציגע וואס איר זייט מיר טרייא גיבליבין אין דיזער גיפעהרליכע צייט, אונ דאס איז דיא העכסטע פראבע פון דער עכסטע פריינדשאפט:

אין דעם האט פון דער שטראזע (גאס) איינגידרונגען דורך דעם פענסטער אין איר בודואר איין גרויסער לארעם אונ איין גרויסער פאלקס געטימעל, זיא האט זיך דורך אים איינגיקוקט אונ זיא האט צו איהרעם לייד דער זעהען מיט איהרע אייגענע אויגין וואס דיא לארענצע האט איר דער ציילט, זיא האט גיזעהען גרויסע הויפינס פון מענטשין פון אַלערלייא קלאסין, מענער, פרויען, סאלדאטין, אומארען זיך, געריסין זיך, וואַרפין דיא היטלען אין דער הייך אונ שרייען נידער מיט דעם נאפאליאן, נידער מיט דער עווגעניען, דאלוי מיט דער באנעפארטישע דינאסטי (פאמיליע), עס לעבע דיא רעפובליק, אורא! אורא! דער צו נאך האט זיא דער זעהען וויא עס פלאטערין איבעראל (אום אונד אום) דיא רויטע רעפובליקאנישע פאנען, אונ אין גיוויסע פונקטען ווערין פאר גילעזין נייע אגלאסענעס פון דער נייע רעגירונג «אַלזו ליבע לארענצע»! האט זיך דיא קייזערין אפ גירופין צו איר «זייט איר דיא איינציגע וואס איר האט מיר דיא אויגין גיעפינט, נור אייך האב איך צו פערדאנקען מיין לעבין אים פאל ווען איך וועל מיך נאך רעטען קענען, בעהיטע מיך גאט דאס איך זאל דא ניט ענדין וויא אמאל דיא פרויא פון דעם לודוויג דעם זעכצעהענטעס וואס זיא האט גיענדעט (גישטארבין) אונטער דיא גווילטינע (גיקעפט גיווארין), אַלזו מוז איך פון דאנען לויפין, אונ לויפין קען מען דאך ניט מיט ליידיגע הענט, מען מוז דאך מיט זיך דעם גראסין האבין, דאהער לאמיר אריין אין מיין קאבינעט, אין דעם קאסע צימער אום צו נעהמען מיט זיך זילבער שיינען, אונ שמוק, גאלדענע מינצען אונ וואס נור מעגליך איז, דען איך וייס דאך ניט וויא לאנג איך וועל מיך מוזין אומטרייבין איבער גאטעס וועלט:

זיא זיינען ביידע אריין אהין האבין אויף גישלאסין דעם פולט דעם שראנק, האבין אבער גאר גיסט דער וויסט, דען וויא מיר ווייסין פון פריהער שוין וואַרין דיזע ביידע שטיק מעביל (דער שראנק מיט דעם פולט) נאך אויס גיראמט גיווארן ביא נאכט פון איינעם דיב, אונ דיזער דיב וואר קיין אנדערער וויא איר אייגענער הויז מיניסטער שעווראַ, דען קיין אנדערער וואלט גאר ניט גיקענט וויסין וואס דארט ליגט, אונ וואלט ניט קענען צו קומען, זיא האבין גיט דער וויסט דארט קיין איינציגע מינצע פאר וואס איינע קארעטע צו דינגען אום ארויס צו פארין פון דוואַרעץ, עס איז ניט צו בעשרייבין דעם הערץ ברעך פון דיזע צווייא דאַמען אַלס זיא האבין דער וויסט איינע לעהרע (פוסטאטא) דארט, זייא זיינען באלד דארויף גיקומען דאס דיזעס איז נור דעם שעווארס ארבייט, אונ האבין גיריסין

פון זיך דיא האר פון גרויס גרעמונג אונ קלעמונג, דאך דיא מאדאם לארענצא האט באלד זיך אונ איהר בערוהיגט. „דער ווייליע האב איך ביא מיר צוועלף פראנק״ האט זיא צו איר גיזאגט, אום צו בעצאלין דעם קוצע, נאך הער וועט אונז אם געלט אויף ווייטער אויך ניט פעלין, דער ווייליע אבער לאמיר שוין לייפין״ זיא דיא (עווגעניע) האט וואס צום ניכסטין איינגעהילט זיך אין איינער מאנטילע אונ האט אנגיהייבין צוא גיין מיט דער מאדאם לעברעטא (אדער לארענצא) מיט ראסין שריטין (גישווינטע טריט) דורך דיא גרויסע זאלין וואס ווארין דאן לער פון מענטשין, פון שווייצער, פון שילד וואכין, זעלבסט ביא דער טיר פון דיא טרעפ וואר קיין קאראאול, מיט איינער אונבעשרייבליבע ווייהע סוטה האט זיא פערלאזין דיזע האלען (פאקויעס) וואס זיא איז דארט פערערהרט גיווארין וויא איינע געטין אין איר טעמפיל אום זיך שוין גיט צוריק קערין אהין, אונ דאך האט זיא נאט גידאנקט דאס זיא איז ארוים פון זייא אלעבעדיגע, אונ דאס זיא איז נאך פרייא, אלס זייא ווארין שוין אויף דער פרייען שטראזע האבין זייא אנגיהייבין צו גיין זייער שנעל, דען זייא ווארין ביא זיך גיט זיכער אויף יעדין שריט דאס זייא זאלין ניט אנגיהאלטין ווערין פון דעם קאבענדען פעביל וואס האט דאן אוים גיפילט אלע שטראזין, צום אומגליק ווארין זייא ביידע גיקליידעט גאנץ נעגלעזי, וואס דיזעם האט אנגיצויגין אויף זיך דיא אויגין פון אלע פרויען דאס עווגעניע איז גיווארין דער קענט פון איינגע, אונ זייא האבין אוים גישריען „וויא מיר לעבין דאס איז דיא קייזערין״! דיא עווגעניע האט זיך זייער דער שראקין דאס עם האט אנגיהייבין צו זינקען ביא איר דיא קניא, נור דיא לארענצא האט איר דער האלטין אויף דיא פים, אונ האט איר גישווינט צו גיפירט צו איינער רעמיזאווע קארעטע וואס איז גישטאנען דער ביא, אונ זיא האט איר מיט דר הילפע פון דעם קוצער אריין גיהייבין אין איר וואס צום ניכסטין, אונ אלס זייא ווארן שוין אין איינר אנדרע שטראזע, אונ די עווגעניע האט זיך שוין איין עטוואס ערהאלט פון איר שרעקן, האט זיא גיהייסין דעם קוצער דאס ער זאל פארין צו דעם וואנדאמישען פלאץ אונ זאל זיך דארט אפ שטעלין לעבין דעם נומער זעקס, אונ אלס דיא לארענצע האט איר גיפרעגט ווער דארט וואונט „דער איינציגער וואס איך האב נאך איין צו טרויען צו אים״ האט זיא איר גיענטפערט „אונ דאס איז דער יענעראל אלימפיא, מיין אלטער גוטער פריינד, איין שפאניער פון גיבורט, אונ זיינע פרויא איז ניט שלימער פר אים, זיא איז אויך איינע שפאניערין, אונ טראץ דעם וואס איך האב איר שלעכט בעהאנדילט, האפע איך איצונד דאס איך וועל האבין ביא זייא דיא בעסטע אויפנאהמע:

דיא קארעטע איז אהין צו גיפארין, זיינען ביידע ארוים פון איר האבין אנגיצויגין אן דעם גלאקען שנור עם איז ארוים איין אלטער מורגראבע, האט זייא גיפרעגט צו וועמען זייא ברויכען אונ אלס זייא האבין אים גיזאגט צו דעם אלימפיא אונ צו זיינער פרויא, האט ער זייא גיענטפערט צו זייער ליידוועזען

דאס

דאס עס איז שוין מעהר אלס וויא דרייא. וואכין דאס זייא זיינען ארויס גיפארין קיין שפאניען יוען אזוי ! האט זיך אפ גירופין דיא עווגעניע צו דער לארענצע וועלין מיר צו פארין צו מיינעם ארצט (דאקטאר) אוועגס איין אמעריקאנער, איך בין איבזאים גיוויס דאס ער וועט טאן פאר מיך וואס נור מעגליך, ער וואונט אין אוען, מיר וועלין ביי אים צו ברייגען דיא נאכט זיכער, אונ וועט נאך וואס ווייטער טאן פאר אונזער פארט קומען ׳זייא האבין זיך אריין גיזעצט איבערנייעס אין קארעטע אונ זיינען גיפארין דורך דיא שטראזין וואס ווארין פול אונ פאק פון אלער האנד קלאסין מענטשין, אונ זיינען פערטויבט גיווארין פון דעם לארע וואס מען האט אלץ גישריען נידער מיט דעם נאפאליאן, נידער מיט דער עווגעניע, אונ נידער מיט זיינע מיניסטארין (דאס הייסט דאלוי). אין אפאר שטונדין ארום זיינען זייא גיקומען צו זיינעם הויז, זייא האבין אים ניט דער ווסט אונ האבין אויף אים גיווארט אין פאר צימער מעהר אלס איינע שטונדע, אונ אלס ער איז גיקומען אונ דיזע ביידע פרויען האבין זיך אים פארגישטעלט, האט ער זייא אויפגינומען מיט דער גרעסטער הייפליכקייט, האט זייא אריין גיפיהרט אין זיין קאבינעט, אונ דיא עווגעניע האט אויס גירעט פאר אים איר גאנצעס הערץ, האט פערלאנגט אלזו פון אים ראטה אונ טהאט, אונ דיזער בראווער אוועגס האט איר ביידע ניט אפ גיזאגט, האט זיך איר גיציינט וויא איין עכטער פריינד אין דער נויט, פריער פאר אלץ האט ער זייא ביידין אויס גיקליידעט וויא פרויען פון בירגער שטאנד, דאמיט מען זאל זייא ניט אזו לייכט דער קענען, צווייטינס האט ער זייא גיהאלטין ביי זיך אפאר טעג גאנץ סעקרעטנע אונ האט זייא בעווירטעט גאנץ קיניגליך, דריטענס האט ער זייא אויס גיהאלפין אין געלט אונ אין פעסער, אונ האט זייא דער נאך זעלבסט אפ גיפירט צו דעם קאנאל פון קאלייעס, אונ האט זייא דארט פערזארגט איין פאראחאד וואס זאל זייא איבער זעצין קיין איינגלאנד, אונ דיזע ווער איינע פון דיא שווערסטע זאכין אין יענער צייט וואס דיא נייע רעגירונג האט גיהאט צו טאן מיט צווייא ערליא פיינדע, מיט איינעם אויס ווייניגן פיינד (דיא פרייסין), אונ מיט איינם אינווייניגסטן פיינד וואס דם וואר דיא באנעפארטיסטין, דאס יעדער מענטש וואר דורך גיזיפט אונ דורך גיזוכט וויא איין נייעס ווערק פון איינער שטרייגען צענזוריע, אויף דיזע קורצע רייזע וואס האט גידויערט עטליכע טעג, האט דיא עווגעניע פערזוכט וואס הייסט עס נויט אונ עלענד, טויט שרעקענעס אונ פעראכטונג, דען זיא וואר בעהאנדילט אויף דעם פאראחאד וויא איינע גימיינע בירגער פרויא, אונ האט זיך דאן דער מאנט וואס דיא העקסע דאדלאינא האט איר פראפעצייהעט, דאס זיא וועט הייראטהען איינעם קייזער, אונ איר ענדע וועט העכסט עלענד אונ קימערליך זיין :

דער פאראחאד האט דיזע ביידע דאמען אפ גיזעצט אויף איינע קליינע איינגעלשע אינזעל וואס הייסט ווארטו, דען ביז אהין וואר זיין מארשערוט (גאנג), קומענדיג אהין האבין זייא גידאנקט גאט וואס זייא זיינען ארויס פון

גיפאהר

גיפאהר , אונ אלס זייא האבין זיך דארט אויס גירוהט פון זייערע שווערע אונ גיפעהרליכע רייזע , האט עווגעניע אן גיהייבין צו טעלעגראפירין איבער גאנץ איינגלאנד אום צו דער זיין וואו עס גיפינט זיך איר זון , אונ האט פון אים איינע אנטווארט בעקומען דאס ער גיפינט זיך אין דער שטאט נאסטינגע , אונ דאן איז זיא מיט דער לארענצע אוועק צו אים , אונ האבין זיך אלע דרייא בעזעצט אין לאנדאן וואס דארט האבין זייא שוין בעקומען מאסען געלט פון דיא קאנטאריסטן אונ פון דיא קיניגליכע באנקען וואס דער נאפאליאן האט דארט אוועק גילייגט גרויסע קאפיטאלין , זייא האבין זיך אבער אין לאנדאן ניט פיל פערזאמט , ווייל זייא וואארין העכסט בעאונרוהיגט פון פילע בעזוכע אונ פון פילע נייגעריגע וואס זיינען זייא נאך גילאפין אין דיא גאסין אונ בעלאגערט זייער האטעל אום צו זעהען זייא , אונ דיזעס איז זייא גיפאלין זייער צו לאסט , אונ האבין זיך דארום בעזעצט אין איינעם איינזאמען שלאס שיסעל גורסט וואס איז זעקס מייל ווייט פון לאנדאן , אונ האבין אלזו דארט גינוג צייט גהאט איין צו גוואוינען זיך אין איינעם פריוואט לעבין (דאס הייסט מיט דעם לעבין פון פראסטע לייט) :

אונ וויא דער אלטער שפריך ווארט זאגט „ראבין פאמיאר אסידור אסטאלשע„ *) , אזו וואר דא אויך דער פאל מיט פראנקרייך , נאפאליאן מיט זיינער דינאסטיע איז אויס גיראטעט גיווארין פון פראנקרייך , אבער דיא נויט אונ עלענד פערדארבענהייט אונ דיא פערוואָרפענהייט וואס זיינע רעגירונג האט פערארזאכט דארט איז גיבליבין אונ האט זיך טיף איינגיווארצעלט וויא איין קרעבס (ראק) אין איינעם ראבוסטען (פולען) קערפער , דאס עס האבין ניט גיקענט העלפין קיין טראשו , קיין נאמבעטע , קיין קרעמיו , דען עס וואר גרויס אונארדענונג דא : ט . קיינע איינגקייט , קיין געמיינגייכט (איין שטה) , דער צו נאך איז גיווארין דארט גרויס הונגער , פערשיידענע אונ גיפעהרליכע קראנקהייטן , אין פאריז גופא וואס וואר זייער איינג איינגישלאסין גיווארין פון דיא פרייסין , וואר דיא נויט אם העכסטין ניט ווייניגער וויא אמאל ביי דער בעלאגערונג פון ירושלים , דער טויט האט דארט גיוואנדילט אין טויזנדערלייא גישטאלטין , מאנכע זיינען אומגיקומען פון הונגער , מאנכע פון פערשיידענע קראנקהייטין , מאנכע וואָרין ערמארדעט פון גיהיימע באנדיטין , מאנכע פון דיא באמבען וואס וואָרין אריין גישאסין אין שטאט פון דיא פרייסין , אונ מאנכע זיינען פאר ברענט גיווארין , אם ערגסטין האבין געליטין דארט דיא טייטשע איינוואונער , קורץ דער פון מען האט אין פאריז פערשפייזט אלע פערד , קעץ , הינט , אונ מייז , איין שרעקליכער אונ וואָרענדער ביי שפיל אין דיא נייערע צייטין פאר יעדע נאציאן

---

*) דיזער שפריך ווארט וואקסט דער פון , עס איז אמאל גישטארבין ארבי האבין זיך דיא איינגלאך גיפרייט , דען זייא האבין גימיינט זייא וועלין שוין מער ניט דאווענען , האט זיך איינער אפ גירופין „צוואר דער רבי איז גישטארבין עס איז אבער דער סידור גיבליבין„ :

גאצִיאן וואס איז פערזונקען אין לאסטער אונ אין ליידענשאפט (תאוות), אונ וואס איז בעשטענדיג דיא דיא פראנצויזין, אונ וואס צערטיילט איז אין פילע פארטייען, דען זאנסט וואלט קיין נאפאליאן דער דריטער דעם טראהן דארט בעשטיגן, עס וואלט נאך דארט געהערשט דער לואי פיליפ וואס וואר איינער פון דיא בעסטע קיניגע, יא אם ווייניגסטען וואלט זיא דאך גיבליבין איינע רעפובליק, איצונד איז זיא נור איין רואין (איינע חורבה) אדער בעסער צו זאגין איין צווייטער (טומטום) קיין קיניגרייך אונ קיין רעפובליק, אונ דער ווייסט וועלכער אבענטייערער (בראדיאגא) עס וועט זיך נאך אויף דעם טראהן ארויף חאפין, דען וואס מאכט מען ניט מיט געלט וויא דער אלטער חכם זאגט בפשע ארץ רבים שריה, ווען אלאנד איז אין זינדין פערזונקען האט זיא אפולע פירשטען, דאס הייסט בייטין זיך אין איר דיא דינאסטיען, וואס דורך דעם בעקומט זיא אפולע פירשטען אונ עס ווערט איינע גרויסע אונאייניקייט אין לאנדע:

28.

•דאלארעס אונ אלימפיא•

בעפאר מיר וועלין אונז שיידין פון אונזערע לעזער אונ לעזערינען בעטין מיר אום די ערלויבענים פאר צו שטעלן אייך איין בילד פון איינם פרידליכן גליק אום צו בעזענפטיגען דורך דעם אייערע געמיטהער וואס ווארין ביזהער פון אונז גיפייניגט אונ גיקריינקט דורך טרויעריגע פארשטעלונגען אונ דורך בלוט שצענען, מיר מוזין עס נויט וועגדיג טאן אום אויס צו זעהענען אייך (גוט פריינט מאכין) מיט דער געטליכע פארזעהונג (השגחה האלקית), דאס איר זאלט ניט מיינען דאס גאט מיינט נור צו פרעלען (מאטערין) דעם מענטשין אויף דיזער וועלט, ניין מיר וועלין דא איצונד צייגין דאס עס איז דא פיל גוטעס אין דיזעם עולם, אונ פערגיוויס פיל מעהר אלס שלעכטעס, אונ דאס דער מענטש ביי איינעם גוטין אונ בעשיידענעם ווילין (דאס הייסט ניט פערלאנגענדיג מותרות) איז מעהר עמפפייענגליך (ראוי לקבל) צום גליק אלס צום אונגליק, ליידער האט דער מענטש מעהר נייגונג צום שלעכטין, אונ איז דורך דעם זעלבסט שולדיג אין זיינעם אונגליק אונ אין דעם אונגליק איינעם אנדערין, נון וועלין מיר שוין אויפהערין צו ריידין פון דער פאליטיק אונ וועלין דא ענדין שוין אונזר ראמאן:

שפאניען איז איין העכסט בליהענדעס לאנד, אונ דאס פראווינץ אנדאלוזיא וואס געפינט זיך אין איר איז דער שענסטער אונ בעסטער געגענד פון גאנץ אראפא. דאס איז איין לענדכען וואס ווייס ניט צו זאגין פון ווינטער, קוים איינינע וואכען אין יאר איז דארט דער הימעל בעדעקט מיט וואלקענס אונ רעגענס אונ ווייטער איז ער ריין אונ העל וויא ער וואלט ערסט ארויס פון דעם בעשעפערס האנד, אונ איז אלזו דער גן עדן פון אראפא, דיא פעלדער גרינען אימער אונ דיא בוימער בליהען אונ טראגען פריכטע אגאנץ יאר, אונ

שווערעמע

שְׁטְרֶעמֶע אוּנ קְוֶועלֶען וַואסֶער בֶּעוֶועסֶערֶען דָארְט אַלֶע אוֹיֶען (לַאנְקֶעס) אוּנ וֶועלְדֶער, נִיט וַוייט פוּן דֶער שְׁטָאט גְרַאנַאדָא גִיפִינֶען זִיךְ צְוַוייא גְרוֹיסֶע אוּנ גַאנְץ פְּרֶעכְטִיגֶע דַאצֶעס וָואס פֶערְאַייניגֶען זִיךְ מִיט אֵיינַאנְדֶער דוּרךְ זַייעֶר הוֹיכֶע אוּנ לַאנְגֶע טֶערַאסֶען וָואס מֶען קֶען פוּן זַייא אִיבֶּער קוּקִין אוֹיף דִיא פַּאלַייֶען פוּן גְרַאנַאדֶע, הִינְטֶער דִיא צְוַוייא נַייֶע דַאצֶעס גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ אֵיינֶער פְלֶעכֶע פוּן אֵיינֶעם הוֹיכֶען בַּארְג אַיין גַאנְץ בֶּעפֶעסְטִיגְטֶער פְּלַאץ וָואס מֶען רוּפְט עֶס אַלְהַאמְבְּרָע וָואס וַואר אַמָאל דִיא הוֹיפְּט שְׁטַאדְט פוּן דִיא אַרַאבֶער, עֶס אִיז דִיזֶער אָרְט אַרוּם גִינוּמֶען מִיט אֵיינֶעם הוֹיכֶען מוֹיעֶר וָואס אִיזְט אַכְט פוּס דִיא בְּרַייט, אוּנ אִין מִיטֶען זַיינֶען נָאךְ אָסְטַאדְקֶעס פוּן דִיא אַלְטֶע פַּאלַאצֶען, אַגְרוֹיסֶער טוּרֶעם, אוּנ גֶערְטְנֶער, אִין אַלְגֶעמַיינֶעם (בְּדֶרֶךְ כְּלָל) אִיז עֶס אֵיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע רוּאִינֶע (חוּרְבָּה) וָואס דֶער מָאנְט דֶעם רֵייזֶענְדֶען אָן אֵיינֶער פֶערְגַאנְגֶענֶע הֶערְלִיכְקַייט:

אַרוּם דִיזֶען אָרְט אִין אֵיינֶער הֶערְבְּסְט נַאכְט אִין דֶעם יָאר (1871) הָאבִּין גֶערִיטִין צְוַוייא רַייטֶער, דִיא נַאטוּר וַואר דַאן גַאנְץ רוּהִיג, עֶס וַואר קַיין וִוינְטֶעלֶע צוּ שְׁפִּירִין, קַיין וָואלְקֶען הָאט דַאן נִיט שְׁפַּאצִירְט אִיבֶּער דֶעם גַאנְצִין גֶעזִיבְּטֶם קְרַייז, אֵיינֶע גְרַאבְּשְׁטִילֶע הָאט דַאן גֶעהֶערְשְׁט אִין דִיזֶער גַאנְצִין גֶעגֶענְד, פְּלֶעצְלִיךְ אָבֶּער אִיז זִיא (דִיזֶעס שְׁטִילֶע) גִיוָוארִין אוּנְטֶער בְּרָאכִין דוּרךְ אֵיינֶעם גְלָאקֶענְקְלוּנְג, אַיין קְלוּנְג עֶפֶּעס וִויא פוּן אֵיינֶער אַנְדֶערִין וֶועלְט, דָאס עֶס הָאט עֶרְשִׁיטֶערְט דוּרךְ אִים דִיא לוּפְט פוּן דֶער גַאנְצֶער גֶעגֶענְד, אוּנ דִיזֶער קְלוּנְג וַואר קַיין אַנְדֶערֶער נוּר וִויא פוּן דֶעם פִּילִילְסֶקֶען גְלָאק וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין אֵיינֶעם הֶעכְסְט הֵיילִיגִין גְרוּךְ בַּייא אַלֶע דָארְטִיגֶע לַאנְדֶעס לַייטֶע, עֶס אִיז דָארְט אֵיינֶע זַאגֶע (גַאדַאנֶע) דָאס אִין זַיינֶעם גֶעשְׁמִילְץ (שְׁמֶעלְצוּג) אִיז צוּ לָאזִין גִיוָוארִין (צוּ שְׁמָאלְצִין) אַיין טָאלֶער פוּן יֶענֶע דְרַייסִיג טָאלֶער וָואס דֶער יוּדַאס (יוּדָא) הָאט גִינוּמֶן פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין אוּם אוֹיס צוּ גֶעבִּין דֶעם יֵשׁוּ הַנוֹצְרִי מֶען גְלוֹיבְּט דָארְט דָאס דִיזֶער גְלָאק קְלִינְגְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּנ דִיזֶעס אִיז אַיין גִיוִויסֶער פָאר צַייכִין דָאס עֶס וֶועט בַּאלְד אַיין אוּנְגְלִיק אַיינְטְרֶעפֶען:

דִיזֶע צְוַוייא רַייטֶער וָואס הָאבִּין פוּן דִיזֶער זַאגֶע (גַאדַאנֶע) גֶעוואוּסְט אוּנ צוּ גְלַייךְ אוֹיךְ גִיגְלוֹיבְּט אִין דֶעם הָאבִּין וִויא נוּר זַייא הָאבִּין דֶער הֶערְט דִיזֶען קְלוּנְג אָפְּגֶעהַאלְטִין דִיא פֶערְד וָואס הָאבִּין דַאן אַרוּנְטֶער גִילָאזִין דִיא קֶעפּ צוּ דֶער עֶרְד גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטִין אוֹיךְ גִיגְלוֹיבְּט אִין דֶעם, דִיזֶע בֵּיידֶע רַייטֶער הַארֶען רַייךְ גִיקְלֵיידֶעט, דָאס מֶען הָאט גִיקָאנְט לַייכְט פַארְשְׁטֵיין דָאס זַייא זַיינֶען פוּן גְרוֹיסִין אַדֶעל, זַיינֶען גִיבְּלִיבִּין שְׁטֵיין אוּנ אֵיינֶער פוּן זַייא הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּ דֶעם אַנְדֶערִין „הָאט אִיר פְּרִינְץ גִיהֶערְט? דָאס אִיז אַקְלוּנְג פוּן דֶעם פִּילִילְסֶקֶען גְלָאק״, „אָ שִׁיצֶע אוּנְז! אַלֶער הֶעכְסְטֶע״ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז גִיוֶועזִין קַיין אַנְדֶערֶער אַלְס דֶער רַאמִירָא טֶעבָּא עֶוִוינֶעס „אָ גָאט שִׁיצֶע אוּנְז אַלֶעמֶען אוּנ אוּנְזֶערֶע אָרֶעמֶע פָאטֶער לַאנְד וָואס הָאט שׁוֹין גִינוּג גִילִיטֶען אוּנ גִיוָוארִין גִיטְרֵיינְקְט מִיט מֶענְטְשִׁין בְּלוּט״ הָאט אִים אָפּ

גִיעֶנְטְפֶערְט

ביענטפערט דער אנדערער וואס ווער עלטער פאר אים מיט איאר צעהען אונ איז אזון פון דעם דאן קארלאס, וואס דיא דרייא פריינדע אלימפיא דער מארקיז אונ פיליפ האבין פאר אים געשטריטין „גאט זייא דאנק דיזער קלונג איז שוין ניט אויף אונזער רעכענונג, דען איך אונ מיין פאטער האבין מיר אונז שוין ענטזאגט פון דעם שפאנישען טראהן, אונ עס וועט שוין צו ליב אונז קיין טראפין בלוט פאר גאסין ווערין אין אונזר פאטר לאנד, אונ זעהען דאהער שוין צו גאנץ גלייכגילטיג, דעם איינצוג פון דעם מאדייע איטאליענישין פרינץ אין מאדריד אום צו בעשטייגין דעם טראהן, אונ גלויבע דאהער דאס דיזער אונגליקס אנזאגענדער קלונג פראפעצייהעט נור אויף דיא בלוט פערגיסונג וואס ווערין אין שפאניען דורך דיזען נייען אויס ערוויילטין קיניג, דען ער האט גינוג געגנער אין לאנדע“:

„אונ דיזעס איז זייער שיין גיהאנדילט פון אייך“ האט זיך אפ גירופין דער ראמירא „אונ עס וואלט שוין דיזעס לאנג צייט גיוועזן צו טאן, דען צו וואס נוצט איין טראהן וואס איז מיט בלוט בעזודעלט, פאר אשיינעם בייא שפיל קען אייך איצונד דינען דער נאפליאן“. „איר האט גאנץ רעכט ליבער ראמירא“ האט אים דער צווייטער גיענטפערט „איין בעסערין בייא שפיל האבין מיר פון אונז אליין, דען לויט רעכט דארף אים לאנדע דא רעגירין גאר דיא אינעסא דיא טאכטער פון דעם בארצעלאנישין פרינץ וואס ער ווער גירופין דער שווארצער שטערין, דען נור ער ווער דער ריכטיגער קרוין פרינץ פון דעם קיניג קאראל, אונ ניט דער פערדינאנד אונ אויך ניט מיין פאטער דאן קארלאס, אונ דער פערדינאנד האט דער נאך איבער גיגעבין דעם טראהן צו זיינער איינציגע טאכטער איזאבעלע, צו וואס האט עס אבער געפיהרט, דער פערדינאנד איז באלד דארויף זייער שלעכט גישטארבין, דיא איזאבעלע האט גימוזט אנטלייפין אונ זוכין הילפע בייא דער עווגעניע, נון איז דיא רעכטע ערבין גיוועזן אונ גיבליבין דיזע אינעסא דיא אינפאנטין פון בארצעלאנע, מען האט איר אבער העכסט גיקירצט, זיא האט גילימין פון אונז אלעמען, נון וויל איך איר עס פערגיטען, איך האב גרויס מיטליידין מיט דיזער אונשולדיגע, איך וויל זיא הייראטהען, אונ איך לאדע אייך איין צו דיזער האכצייט, דער צוועק פון אייער רייזע פון אמעריקא (בראזיליען) אהער (איז וויא איר האט מיר גיזאגט) נור אום זיך צו זעהען מיט דעם אלימפיא, אונ דער צוועק פון מיינער רייזע מיט אייך פון פארטוגאל אהער איז נור אום זיך צו פערהייראטהען מיט דער אינעסא, איך האב עס אייך ביז אהער פערשוויגען, נור דער קלונג פון דעם פילילסקער גלאק האט איצונד זייער שטארק גיווירקט אויף מיין געמיטה דאס ער האט מיר אויס גיפרעסט פון מיינער ברוסט דיזע גיהיימניסע“. „זייט איר שוין דען מיט איר אין ריינעם“? (דאס הייסט דורך גיקומען) האט אים דער ראמירא גיפרעגט „צוואר עס איז איינע גלייכע פארטי (שידוך) דען איר זייט ביידע פון איינער גלייכער אבקונפט (יחוס), איר ביידע האט איין שטארקען אנשפרוך (זכות) אויף דעם שפאנישין טראהן, דאך

קען

קען זייער גימאלט זיין דאס זיא זאל נאך ניט וועלין , דען זיא איז מענשענשייא (פירכטעט זיך פאר מענטשין) , אונ וויא מיר שיינט איז זיא ביא זיך בעשלאסין גאר ניט צו הייראטהען״ . ״וויא דיא וואהרהייט צו זאגין״ האט זיך דעם דאן קארלאס זאהן אפ גירופין ״האב איך איר נור קוים גיזעהען אלס זיא האט זיך אומגיקערט פון פאריז אהער אין איר הילע (דאצע) אונ זיא איז מיר העכסט גיפעלין , דאך אבער נאך ניט גישפראכין מיט איר וועגין דעם , דען איך וואר נאך דאן ניט גיזאנען צו הייראטהען , אונ וואר איצונד דער מיינונג גיוועזין דאס זיא וועט מיין פארשלאג צו פערהייראטהען זיך מיט מיר , מיט פריידין אן נעמען , נון טוט מיר לייד דאס עס זאל מעגליך זיין דאס זיא זאל מיך ענטזאגין״ . ״ניין בעסטער פרינץ״ האט זיך דער ראמירא אפ גירופין צו אים ״קימערט אייך ניט אום דעם , דער אלימפיא וואס האט פיל וואס צו זאגין ביא איר , אונוואס האט גיוואגט זיין לעבין פאר פאטער לאנד , דען ער מיט זיינע פריינדע האבין דאך פילע צייטין געשטריטין פאר אים , וועט אייך פערגיווים בעהילפליך זיין אין דעם , אונ עס איז גלייך וויא אוים גיפירט שוין״ . ״אונ דאהער פרייעט עס מיך דאס איך האב אייך דיזעס גיהיימנים מיט גיטיילט״ האט אים יענער גיענטפערט :

דער ווילע האט אנגיהייבין שוין צו טאגין , אונ באלד דארויף איז אויף גיגאנגען דיא זון וואס האט בעלוכטין דיא ביידע דאצעם וואס מיר האבין זייא דא ניט לאנג פריער דער מאנט וואס ווארין לעבין דער פעסטונג אלהאמבראַ , אונ דיזע צווייא לאנד הייזער ווארין קיינע אנדערע אלס איינע דעם אלימפיעס , אונ דיא אנדערע דער אינעסא , ביידע פון גלייכע פאסאנען אונ פערשטעקט אונטער גידיכטע פאלעם בוימער (טייטיל בוימער) :

אין דיזעם אזיל (פריוט) וואס איז אפ געשידין פון אלע וועלטליכע געטימעל , האט דער אלימפיא גיוואסין , דיא אנגענעמסטע אונ די אונשולדיגסטע פריידין פון לעבין מיט זיינער פרויא דאלארעס וואס ער האט איר מיט גרוים מיהע ארוים גיראנגילט פון דיא רויבערישע קלויען , אונ דא האבין זיך פערווירקליכט אלע זיינע פארשטעלונגען פון איינעם גליקליכין לעבין , אין דעם טויער פון דיזעם אזיל (פריוט) אדער בעסער צו זאגין פון דיזעם אירדישען פאראדיז (גן עדן) זיינען אריין געריטין ביידע רייטער . אונ איין בעדינטער איז זייא גיקומען אנטקעגין צו פרעגין ווער זייא זיינען אונ צו צו נעהמען זייערע פערד ״מיר קומען פון ווייטע לענדער״ האט זיך אפ גירופין דער ראמירא , אום נור צו זעהען זיך מיט דיינעם הערען , אין דעם איז אנגיקומען דער וואלענטינא וואס האט באלד דער קענט דעם ראמירא , אונ אזו אויך דער ראמירא אים , האבין זיך פריינדליך געריסט אונ האט גיוואלט לייפין עס אן זאגין זיינעם הערען , דער ראמירא האט אים אבער ניט גילאזין ״ניין״ ! האט ער צו אים גיזאגט ״האלט מיר וועלין זיך אים באלד אליין פאר שטעלין פלעצליך אום איבער צו ראשין אים , אום צו גיניסען דיא ערסטע פריידע זיינע וואס ער וועט האבין ביא זיינעם אונגעריכטין ווידער זעהען אונז דער צווייטער וואס איז מיט מיר איזט אים עבען אזו ליב

אונ

און טייער וויא איך, ער איז איין פרינץ דעם דאן קארעלס זון״. „א מיין טייערער גראף״! האט זיך אפ גירופין דער וואלענטינא „איר זייט גיקומען צוא איינער גילעגענער צייט, אין איינער צייט וואס מיין הער פרייעט זיך מיט נאך איינעם טייערין גאסט, דען אקארסט וואס דיא דאלארעס האט אים איינען זון גיבארין. מיין הער איז שוין אויף. ער איז אין זיינעם גיבעט צימער, און דאנקט גאט דארט וואס ער האט אים בעשאנקען מיט איינעם זון:

זייא האבין זיך אפ גישטעלט אויף אקליינע צייט אום ניט צו שטערין אים אין זיינער אנדאכט, דער אלימפיא האט אבער ניט גילאזט זייא ערווארטין זיך איינע לאנגע צייט, דען ער איז באלד ארויס פון דארט אויף דעם הויף, און דער צו נאך ניט אליין, דען עס איז ארויס מיט אים אויך דיא אינעסא וואס וואר בייא דער דאלארעס, דער אלימפיא האט באלד דער קאנט דעם ראמירא און איז אים גילאפין אנטקעגין מיט אפענע ארעמס, און האט אויס גישריען מיט איינער פריידין שטימע „א וויא איך לעבע דאס איז ראמירא וויא ער לייבט און לעבט״. און איז אים ארויף גיפאלין אויף דעם האלדז, און אזו דער ראמירא אים, האבין זיך צו קוסט, און האבין זיך ארייין גיוויינט פריידין טרעהרין איינער אין דעם אנדערינס אויגין „און דער צווייטער וואס מיט מיר איז״ האט זיך באלד דארויף אפ גירופין דער ראמירא „דארף אייך זיין ניט ווייניגער ליב אלס איך״ ער איז דער פרינץ קארלאס, דאן קארלאס אזון „א״! האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „דיזער טאג וויל זיך גאר ניט ערשעפין אין זיינע פריידין, איר זייט מיר מיין פרינץ איין ווילקאמענער גאסט וויא דער ראמירא, וויא מיין נייא גיבארענער זון, געפריזען איז דער אלמעכטיגער וואס ער האט אייך ביידין צו מיר גיפירט, אלזו איז מיר דיזער טאג דער גליקליכסטע אין מיינעם לעבין, אלזו וואס מאכין זייא וואס מאכין אייערע עלטערין, און וואס דיינקט אייער פאטער ווייטער וועגין דעם שפאנישין טראהן״? „און ניט ווייניגער פרייעט מיך אויך אייך צו זעהען״ האט אים דער פרינץ גיענטפערט „איר זייט דאך אמאל גיוועזן מיין לעהרער אין דער שטרייט קונסט, איר האט גיוואנט אייער לעבין פיר מיינעם פאטער, איר און דער מארקיז, דער פיליפ, וואס מאכין זייא״? „א ליבער פרינץ״! האט אים דער אלימפיא גיענטפערט „דיזע צווייא שלאפין שוין לאנג דעם בלייערנעם שלאף, האבין ביידע גיענדעט זייער לעבין ניט מיט איינעם נאטירליכין טויט, פרידען צו זייער אשע, און מיט וועהע מוטה דער מאן איך מיר אונזער העלדין צייט אין וועלכער מיר האבין גישטריטין פאר אייער גירעכטע זאכע, אלעס ענדערט זיך אויף ערדין:

בייא דיזעם גישפרעך האט זיך דער אלימפיא גיוויסט דיא אויגין, און באלד דארויף האט ער זייא אריין גיפירט אין אלטאנע, האבין זיך דארט גיזעצט ארום אטיש וואס וואר גידעקט מיט אלער האנד ערפרישונגען, און האבין זיך דארט אונטערהאלטין איבער דיא נייע שפאנישע רעגירונג, איבער דעם מאדייע וואס איז גיווארין קיניג אין שפאניען, און אלס דער אלימפיא האט זייא מיט

גיטיילט

גיטיילט דיא שרעקליכע נייאיגקייט פון דעם מארשאלס פרים טויט*) , דאס ער איז געסטערין ערשאסין גיוואורין אין זיינער קארעטע , האט זיך אפ גירופין דער פרינץ קארעל „אלזו האט שוין ניט אומזיסט נעכטין אקלונג גיטאן דער פילילסקער גלאק״ . „אזו איר האט אים אויך גיהערט״ ? האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „יא געסטערין בייא נאכט״ האבין זייא אים ביידע גיענטפערט „אלזו וואר עס איין אנזאג אויף דעם מארשאלס טויט״ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „א מעכטע זיך שוין דער מיט ענדען , איך פירכטע אבער דאס ער ווייזט אויף נאך פיל שלימערעס , עס ווייזט דאס דער פרידין האט שוין אין גאנצין געוויכין פון אונזער לאנד , אונ דאס דער מעדייא האט ניט צו האפין אויף גוטעס , גליקליך איז דער וואס ענטציהעט זיך פון דעם פאליטישין טרייבין (עסק) אונ זוכט זיך אויס איין אזיל (פריוט) אין גאנץ אפ גילעגענעם (ווייטין) ארט וויא איך האב גיטאן , אונ גיניסע דיא שטילע פריידין פון לעבין אין דעם קרייז פון מיינער קליינע פאמיליע״ :

„איך האלט מיט אייך״ האט זיך אפ גירופין דער פרינץ קארלאס „דאס דיא וואהרע גיטער דעם לעבינס איז נור איין פאמיליען לעבין , אונ בין אלזו גיזונגען שוין צייט אייניגע מאנאטין צו פערהייראטהען זיך אונ לעבין אין שטילען , אונ האב דארום זיך ענטזאגט פון מיינעם אנשפרוך אויף דעם שפאנישין טראהן , איך וויל מיך פערהייראטהען מיט אזו איינע וואס איז מיין גלייכין , אונ וואס דיינקט פון דער וועלט פריידין וויא איך , וואס מיינט ניט צו גלענצין , אונ געשווייגע (פשיטא) ניט צו רעגירין״ . „אונ ווער איז יענע גליקליכע״ ? האט אים דער אלימפיא גיפרעגט „ווען איך נור וויסין דארף (מעג) אונ עס זאל אייך ניט שאדין צו דיזער זאכע״ . „א גאנץ אומגיקערט״ האט זיך אפ גירופין דער באטירא „מיר מיינען נאך אייך צו בעטין דאס איר זאלט בעהילפליך זיין אין דיזער פארטייא״ . „אונ איך בין פערטיג צו דינען אין דעם וויא נור מעגליך״ האט זיך אפ גירופין דער אלימפיא „דיזע איינציגע וואס איך ליב״ האט זיך אפ גירופין דער פרינץ קארלאס „איז גאר ניט ווייט פון אייך , אונ האב גיהאט דער צו נאך דאס גליק צו זעהען איר איצונד בייא אייך , אונ צו ליב איר איז מיין קומען אהער , אונ זיא איז קיינע אנדערע אלס דיא איגעסא , איך האב אבער נאך ניט גירעט מיט איר דאריבער , אונ בין דאהער נאך ניט גיוויס בייא מיר צוא וועט זיא מיך וועלין״ :

„וויא דיא וואהרהייט צו זאגין״ האט זיך דער אלימפיא אפ גירופין „וואר נאך אזו אגלייכע פארטיי ניט גיוועזן אין דער וועלט וויא דיזע וועט זיין , אונ וויא מיר

שיינט

*) נאך איזאבעלעס ארויס טרייבין פון שפאניען , האט דער ווילע דער מארשאל פרים רעגירט אייניגע יאר אן שטאט איר אלס פרעזידענט , אונ אם ענדע האט ער אויס גיפירט דאס מען זאל מאכין דעם מאדייע דעם איטאליענישין פרינץ פאר א[illegible] , אונ דאהער האבין אים דיא דארטיגע רעפובליקאנער דער שאסין :

שיינט וועט זיא גאר ניט האבין וואס איין צו ווענדין דער בייא, דען זיא איז אייער הויז זייער גוט אונ האב פיל מאל גיהערט איר לויבענדיג אייך, אלזו שיינט מיר דאס מיר וועלין דא גאר קיינע גרויסע מיהע האבין עס באלד אויס צו פירען, האט נור גידולד איינינע טאגע ביז מיין דאלארעס וועט זיין אין שטאנד מיט איר צו ריידין דאריבער, דען איצונד איז זיא דאך איינע פרישע ווערבענערין (קינד בעטערין), וואס איינע פרויא קען זיך בעשפרעכין מיט דער אנדערע איבער אזו אנגעלעגענהייטען, דאס קען קיין מאנס פערזאן" :

אין דעם פערלויף פון דיזע איניגע טאגע וואס זיינען איבער גילאפין ביז דיא דאלארעס האט גיקענט ארויס פון בעט האט דער ראמירא דער ציילט פאר דעם אלימפיא פון זיינעם זיין אין בראזיליען, פון זיינער פרויא זאזעפינע, פון זיינער ערבשאפט, אונ פון זיינער רייזע אהער וואס בעצוועקט נור אום זיך צו זעהען מיט זיינעם פאטער דעם אלצאנא אונ מיט אים, דאס גלייכין האט דער פרינץ קארלאס דער ציילט זייער פיל פון זיינע בעגעבענהייטין, אויך האט ניט גיפעהלט דעם אלימפיען וואס מיט צו טיילין זייא, עס וואר דער בייא ניט פאר געסין דער זואן, דער מארקיז, אונ דער פיליפ, עס וואר דער בייא פיל גיוויינט, מעהר אבער האט מען זיך ניפרייט, אונ מען האט זיך גימאכט פערטיג צו נאך גרעסערע פריידין, אונ בעלע וואס וועלין גימאכט ווערין צו ליב דעם נייא גיבארענעם קינד, אונ צו ליב דער פערלאבונג (תנאים) וואס מען האט גיהאפט צו מאכין פון דעם פרינץ מיט דער אינעסא :

קוים האט זיך דיא דאלארעס גיפונען גישטארקט דאס זיא האט גיקענט דאס בעט פאר לאזין, האט זיא אויף גינומען דיא געסט זייער העפליך, אונ האט איין גיוויליגט צו זיין איינע פערמיטלערין אין דיזער פארטי (שידוך), אונ האט עס זייער לייכט אויס גיפירט, צוואר עס וואר דער בייא צו טאן פיל מעהר אלס וויא בייא איינער גיוואונליכין פארטי, דאך איז עס אויס גיפירט גיווארין פיל לייכטער אלס מען האט זיך אין אנפאנג פאר גישטעלט, דער הויפט בעדינג וואר בייא דער אינעסא, דאס דער פרינץ זאל ניט מאכין ווייטער קיין אנשפרוך אויף דעם שפאנישין טראהן, אונ זאל פירין איין שטילעס רוהיגעס פאמיליען לעבין, פאר איין בייא שפיל האט זיא אים פארגישטעלט דיא טרויעריגע ענדע פון דעם נאפאליאן אונ דער עווגעניע וואס זייא זיינען גיווארי דורך זייער עהרגייץ צום שפאט אונ צום פעראכטונג, אונ דער פרינץ האט איין גיוויליגט דער צו, ווייל ער וואר שוין פאר הער איהרער מיינונג (גידיינקט וויא זיא) דאס דאס וואהרע גליק פון מענטשין בעשטייט נור אין שטילען הייזליכין לעבין :

אין איניגע טעג ארום וואר בייא זייא האכצייט, עס ווארין גילאדין דער צו נור אינטימע (ריכטיגע) פריינדע, אונ מען וואר גוטער דינגע (העכסט פריילוך), דען מען האט זיך פערגעסין אן דער גאנצין וועלט אונ אן איהרע אונפעלע, ליידין אונ פערוואָרפענהייט, אונ איבר הויפט אן דיא פערדארבענע מענטשין וואס

בעאונרוהיגין

בעאונרוהיגן זיך אונ גאנצע נאציאנען , וואס איין טרויעריגער אונ לעבענדיגער ביישפיל וואר זייא פאר דיא אויגן דאס איצטיגע ליידין פון פראנקרייך וואס איין גיטער זאט (דער נאפאליאן) האט איר אומגליקליך גימאכט וויא צו זאגין אויף דורי דורות :

באלד נאך דעם וויא פראנקרייך האט אן גיהייבין צו מאכין פרידין מיט פרייסין איז דער נאפאליאן אפ גיפארין פון ווילהעלעמס האהע וואו ער איז גיזעסן גיפאנגען קיין איינגלאנד צו זיינער פאמיליע קיין שיסעל גורסט , איינע טרויעריגע אונ צו גלייך איינע הערץ רירענדעס ווידער זעהען , דיא עווגעניע איז אים ארויס אנטקעגין גאנץ גינייגט , שווארץ גיקליידעט , גאנץ גיבלייכט אונ פערוועלקט (צו וויאנעט) וויא איינע פערשמאכטעטע ראזע , וויא איינע אונטער גיקומענע (גיפאלענע) בירגער פרויא , אונ ער וויא איין גימיינער פערברעכער וואס נור דיא מיטלייד פון דיא ריכטער האבין אים בעפרייט פון זיינעם גיפיינגנים , אם טרויעריגסטין וואר דאן דעם זון זייערין וואס איז דורך זיינעם איינענעם פאטער דאן גיוואר גיווארין דאס דער פראנצויזישער טראהן איז פערלארין פאר אים אויף אימער אונ אייביג , אונ דאס ער מוז שוין אזו גוט וויא איין אנדערער זארגין פאר זיין אונטערקאמען (פרנסה) אונ ווערין איין ניצליכער בירגער אין דער מענטשליכער גיזעלינשאפט , אונ אן שטאט צו נעבימין אונ צו בעפעהלין מוז ער זיך שוין גיוואוגען צו גיהארכין אונ צו פאלגין , איין שיינער אונטערשייד !

ביא אלעם דעם וואר נאך דער נאפאליאן נאך ניט גוט בעלערינט , אונ נאך ניט גוט גענציכטיגט (גישטראפט גיווארין) אום ערליכער אונ מענטשליכער צו דיינקען אונ זעהען זיך אוים צו זעהען (פרידין צו מאכין) מיט דער וועלט , מיט זיינער נאציאן אונ מיט זיין גיוויסין וואס ער האט זייא אזו פיל וואונדין גישלאגין . קיים האט ער דער הערט דאס דיא רעפובליקאנער זיינען אונטער זיך אונאייניג , אונ דאס עס האבין זיך דארט אין פראנקרייך אויף גיהייבין דיא קאמוניסטין*) , האט ער אנגיהויבין צו האפין דאס ער וועט ווייטער זיין קייזער פון פראנקרייך האט אנגיהייבין צוא שיקין דעפעשען קיין פאריז , קיין שווייצאריע , צוא זיינע אנהייגער (חברה) וואס האבין זיך גיפרייט וויא ער אויף דיא נייע בלוט פאר גיסונג וואס איז דארט אונ וואס פיליכט זיי האבן עם נאך זעלבסט פעראורזאכט אום אין טריבע צו פישען , זעלבסט דיא עווגעניע האט דארויף געקוקט מיט פריידין בליקין , אונ האבין נאך גיהאלפין אן צו מאכין דארט דיא צעהרענדע גלוט

זיא

---

*) קאמוניסטען ווערען אן גירופין אזעלבע מענטשין וואס ווילען דאס אלע איינוואוינער פון איין לאנד זאלען ווערען איין בראטסטווע אדר חברת השותפים , מען זאל ארבייטין בעזאמען אונ אזו אויך האנדלען אין איינעם , אלע זאלען לעבין גלייך , אונ ניט איינער זאל זיין רייכער פאר דעם אנדערין , מען זאל זיך גענערען נור פון איינער קאסע ;

זיא וואר נאך אונפערשעמט אן צו בעטין גאט אין דיא קירכע דאס דיא גלוט זאל דארט ווערין צו איינער העלע פלאמע:

אויך האבין זיך דיזע ביידע ניט גיפוילט צו שיקין אין פאריז זייערע אגענטין אום אויף צו העצין דיא ארבייטער (ראבאצעס) וואס דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען גיוואהרין קאמוניסטין, אונ וואס זיינען אימער דארט דיא גרעסטע שרייער אונ אויפווינגלער (מאטעזניקעס), אונ וואס נאפאליאן האט זייא אום צוא בריינגען צוי צום שווייגן פערזארגט אימער מיט ארבייט, דען צו ליב דעם האט ער גילאזט אלע איינגע גאסין פון פאריז איין רייסין (צו ברעכין), אונ גימאכט זייא ברייטער. דאמיט זייא זאלין האבין איינע בעשעפטיגונג, האבין צום לעבין אונ בלייבין רוהיג, אונ האט דאהער זייער פיל גירעכינט אויף זייא אויך איצונד. אונ האט ווירקליך זייער פיל גיווירקט אויף זייא דורך זיינע אגענטין, דיזע ארבייטער האבין דאן אין פאריז געווירטשאפטעט ווי דער טייוויל אין דער העלע, גירויבט, גימארדעט, גיברענט, אונ מער וויא דאס האט דער נאפאליאן ניט גיוואלט, דען ער האט גימיינט דאס אין דיזער נויט וועט מען ווינצין צו האבין אים אין פאריז צוריק אום איין צו שטילין דיא פערדארבענע קאמוניסטין, עס איז דארט אזו וויט גיקומען, דאס עס ווארין אויס גירויבט דיא קירכין, עס וואר קיינע היילינקייט גישוינט, זעלבסט פרויען זיינען מיט וואפין איינגידרונגען אין דיא רייכע הייזער אום צו פלינדערין אונ צו צו שטערין, זייא האבין ערמארדעט בישופין, גרויסע יענעראלין, אונ מען וואר אלזו גיצוואונגען צו פירין אנטקעגין זייא איין פערעמליכן קריג, אונ אלזו האבין נישטריטין פראנצויזין נעגין פראנצויזין פאר דיא פרייסין אין דיא אויגין, אונ עס איז דארט פערגאסין גיווארין טייכין בלוט, אונ נאך אלס מען האט דיא קאמוניסטין איינגישטילט, וואר אויס גיזעצט איינע קאמיסיע אדער בלוט געריכט, אונ עס ווארין טויזענדע גישלעפט צום ריכט פלאץ אונ גיווארין ערשאסין מענער אונ פרויען:

אזו וויט קען דער פערפלוכטער עהרגייץ (דאס פערלאנגען נאך עהרע), אונ דער איינגענוץ פערפיהרין איינעם פערדארבענעם מענטשין, נון איז דער נאפאליאן טויט, עס לעבט נאך אבער דיא עווגעניע אונ דער זון, אונ זייא ביידע טריימען נאך פון דעם פראנצויזישין טראהן, בעריבען (בעשמעקין) נאך דיזין בלוטיגין בראטין וויא איין רייסענדעס טיהר דיא אבגעיאגטע (אוועק גינומענע) בייטע (רויב), נאט ווייס וואס פאר איין אומגליק זייא וועלין נאך וייטער בריינגען אויף דיזעם ארעמע לאנד, דען זייא האבין נאך דארט פילע פילע אנהייגער (חברה) וואס טוען דארט פאר זייא, אונגליינגסט וואר דארט דער פרינץ נאפאליאן דיא עווגעניע זעלבסט, עס הערשט נאך דארט עד היום גרויסע אונאייניגקייטין, עס זיינען דארט נאך דא פילע פארטייען, עס וועט נאך פערגיסין דארט פיל בלוט פליסין, מיר קענען מיט רעכט זאגין דאס פראנקרייך האט זיך איבער לעבט (גילעבט שוין מעהר איבער דעם שיעור), אונ מיר קענען זאגין איבער איר דאס זעלבע וואס שילער זאגט אין דער זענדונג מאזעס איבער אונז יודין, מיר מוזין

דיא אידעשע נאציאן שעצין אלס איין קאנאל וואס דיא פארזיכט (השגחת אלקים) [..]ם אים אויסערוויילט אום איין צו שטרעמען דורך אים דיא ווארהייט אין דער וועלט, אונ וואס נאך הער האט ער זיך באלד צוברעכין; עס איז וואהר דאס פראנקרייך האט פיל בייא גיטראגין צו דער עראפייעשע בילדונג אונ צוא דער רעכטע דער מענשהייט, זיא האט שוין אבער איהרע נוטע זאכע אפ גיטאן, אונ איצונד שאדעט זיא מעהר צום וואול דער מענשהייט אלס זיא נוצט, זיא מאכט אונרוהיג גאנץ איירָאפא, אונ שאדעט זייער פיל מיט איהרע שלעכטע בייא שפילין אויף דיא מוראלעטעט אונ אויף דעם פאליטישין לעבין :

דיא פרייסין האבין זיך אומגיקערט אהיים אלס גרויסע זינגער (מנצחים) מיט פילע שעצע, מיט מיליאנען, נאך מעהר אבער מיט איינער גוטין לעהרע אונ מיט איינער וויכטיגין ווארהנונג, דאס זייא זאלין ליבין דיא איינינגקייט, פרידין, אונ בלייבין אויף אימער וואהרע פאטרעיאטין (ליבין דעם פאטערלאנד), אונ זיך ניט לאזין פערבלענדין פון איינעם ליידינין גלאנץ וויא דיא פראנצויזין וואס ווערין גיבלענדעט דורך איין בלויזין פליטער שיין :

אלזו מיינע טייערע לעזערין לעזע עס מיט פערגעניגין, דאך ציהע אויך איינעם נוצין דער פון, דען דער איינצעלנער מענטש איז וויא איינע נאציאן, דאס נור פרידען אונ איין רוהיגעם חאראקטער קען יעדין איינעם גליקליך מאכין וויא איין גאנצעם לאנד, דען יעדער איינער איז איין טהייל דעם גאנצעם :

ענדע פון דער געשיכטע

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
C. R. S